STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00970

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible
by Barbara & Daniel Drench
in memory of
Isidore Drench

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ

געקליבענע ווערק

ניינטער באַנד

נאָוועלן

פ. בימקאָ פאַרלאַג ניו יאָרק 1947

קעלץ

געזעצט און געדרוקט אין צוועלף הונדערט און פופציק עקזעמפּלאַרן,
אין דער דרוקעריי פון פּאָזי־שאולזאָן, 227 וועסט 17טע גאַס, ניו־יאָרק,
אין דעם יאָר ניינצן הונדערט זיבן און פערציק.

Copyright, 1947, by F. Bimco
304 East 6th Street, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

לזכר עולם מיין גאַנצער
משפחה, ווי אויך דער
קהילה הקדושה פון מיין
היים־שטאָט, וועלכע האָבן
מיט זייער בלוט געהייליקט
ז י י ן נאָמען, — בעת דעם
דריטן חורבן אין דער
צווייטער וועלט־מלחמה.

בכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו

עטליכע ווערטער:

די אַלע זאַכן, וועלכע קומען דאָ אַריין, אין די צוויי ביכער, זענען געשריבן געוואָרן אין יענע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און וועגן דער מלחמה; עס ברויך אין זיי זיין דער יוגנטליכער ברען און קוק אויף אַלעם, — אין ליכט פון י ע נ ע ר צייט; דעריבער וועט דאָס א י צ ט אויסקומען, — ווי כ׳זאָל זאָגן גוטס אויף די דייטשישע תלינים, וואָס האָבן אָן רחמנות פאַרשניטן דאָס יידישע לעבן; און לאָזן פאַלן אַ שלעכט וואָרט אויף יידן, וואָס האָבן זיך אויך דענצמאָל געגוג געראַנגעלט מיטן מלאך המות. אום צו זיין ערלעך צו יענער צייט: זענען די דייטשן דעמאָלט געווען די מלאכים, און געמאַרדעוועט יידן, זיי געשאָסן, געהאָנגען, — האָבן די רוסן; און ס׳אי ביי מיר קיין שום ספק נישט, דאָס ווען נישט יענע דייטשישע גוטסקייט, — וואָלטן אָן אַ שיעור יידן געבליבן לעבן; ווען די יידן וואָלטן נישט געדענקט די דייטשן פון דעמאָלט, — וואָלטן גאַנצע שטעט, אין די הונדערטער טויזענטער, פאַר זיי געווען אַנטלאָפן; די יידן האָבן זיך גערעכנט אויף חורבן, אַז יענע וועלן מאַכן לעכער, און אפשר נאָך טיפע לעכער, — אָבער זיי נישט פאַרטיליקן ביז איינעם; מ׳וועט זיך מאָרדעווען מיט זיי, און, סוף־כל־סוף, — זיי איבערקומען; און יענע דייטשישע גוטסקייט האָט זיי איצט פאַרפירט.

איך דרוק דאָ זייער אַ סך זאַכן, און דער עיקר: די בריוועלעך, — ווי זכרונות; אויב נישט, — וואָלט מען זיי אפשר גאָר איבגאַנצן נישט געטאָרט אָפדרוקן; איך האָב מיך גענוג געשלאָגן מיט דער דעה; איך האָב זיי אַ ביסל גערייניקט, — ווייל כ׳האָב נאָך דעמאָלט, אין יענע יאָרן, זיכער נישט אַזוי געקענט שרייבן; אָבער דער תוכן איז געבליבן, — אומבאַרירט; זיי דאַרפן געבן אַ בילד פון דעמאָלט: ווער

סאיז געווען דער ביטערער מלאך המות פון די יידן ד ע מ אָ ל ט, ווער, — איצט; און זיך גוט אַריינטראַכטן: פון וועמען ער קען אַרויסוואַקסן אין יאָרן אַרום, — ביי אַ פרישע מלחמה.

איך האָב געפילט אַנצורופן די ביידע ביכער מיטן נאָמען פון מיין היים־שטאָט, — וואו זיי זענען מיט עטליכע דרייסיק יאָר צוריק אָנגעשריבן געוואָרן; און אין וועלכע זי לעבט זיך אויס, — מיט יעדן הייזל, געסל, ביימל, שטיינדל, און איבערהויפט, מיט די יידן: וואָס זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די גרעסטע מערדער פון אלע צייטן, ימח שמם וזכרם עד סוף כל הדורות, — די דייטשן.

אמן!

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן

ווי אַן אַריינפיר וואָרט.

אַז איך טראַכט זיך אַריין אין דער איצטיקער מלחמה, — אַזוי זע איך איר אין דריי מדרגות. די ערשטע: התלהבות; די צווייטע — יאוש; און די דריטע — חרטה; און פון וואַנעט ס'האָט זיך גענומען די התלהבות ביים תמימותדיקן פויער, וואָס זיין רעכטע האַנט איז דער אַקער; צי ביים גאָט־זוכער, דעם ביכער־וואָרים, ווי אויך דעם פרייגלויביקן? ווי אַזוי דער טריפהנער כח פון דער מלחמה האָט זיי אַלע פאַרבלענדט, און אַוועקגעשטעלט ווי די ברעטער אין אַ פּלויט: איינעם ביים אַנדערען, — און פאַרהאַקט מיט נעגל, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אין אים; וואָס פאַר אַ נעגל זענען עס געווען, — וואָס די מלחמה האָט אין זיי אַריינגעהאַקט? וואָס פאַר כישוף האָט אין זיי געשטעקט?

אַז די דאָזיקע התלהבות האָט זיך איבערגעברענט, גענומען אָפּקילן, איז געבוירן געוואָרן — יאוש; די נעגל האָבן גענומען נאָכלאָזן, — און די ברעטער אַרויספאַלן פונעם פּלויט; ס'האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען לעכער אין אים; די גאַנצע זעלנעריי איז זיך צעפלויגן, און ס'זענען נישט מער געבליבן פון איר, — ווי די הוילע בליקן פון טויטע אויגן; אַ זאַך, — וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

דאָס טונקעלע פייער פון דער אונטערגייענדיקער התלהבות, — האָט נאָך צומאָלט, דאָ־דאָרט, געקענט אויפלאַמען, זיך צעשרייען אין אַגאָניע, אָבער געבליבן שטעקן ווי דער געשריי אין אַן איבערגעשניטענעם גאָרגל פון אַ זעלנער, ווי אַ טויטע בראָך אינעם גאַנצן אָרגל פון דער מלחמה; און דאָס גראָע פונעם פעלד, דער קילער געטראַנק, — איז אַריין אין די ביינער; דאָס גראָע פונעם פעלד, וואָס אַנטקעגן איר האָבן זיך אַלע פאַרבן אויסגענומען, אויסגערינען, — זיכערער אויפגיין; ס'איז מיט אַ מאָל אַלץ געוואָרן גראָ, ווי דער בין־השמשות פונעם טאָג; די גאַנצע וועלט, — איין שטיק גראָ, ווי ס'וואָלט געווען ערב פון איר לעצטער שעה.

געמעט אינאיינעם מיטן יאוש, — האָבן זיך דערוועקט די פּיינען פון חרטה; וואָרן, מיט דער מינוט וואָס דער זעלנער האָט זיך נאָר געקענט באַזינען, בערת ער האָט אויסגעשטרעקט די ביקס: „אוי, וואָס גייט ער דאָ טון?״ — זענען שוין די הענט ממילא אָפּגעפאַלן; און אויב זי האָט דערווייל נישט מער געקענט ווי אויסבייסן שטיקער פון דער מלדחמה, — איז זי שוין אָבער פאַרדאָס געווען אַ מיושב׳ע; און דאָס משוגעת אירס האָט נישט מער געבליצט ביי אים פון די אויגן; ער איז שוין נישט אַזוי געלאָפן אַ צעררייצטער, אַ פאַרפּלייצטער, — איבער טויטע, און ביזן האַלדז אין בלוט; די שטריק פון חרטה האָבן אים אינגאַנצן ווי געפענטעט, — און מ׳האָט אים שוין דערנאָך געברויכט שטופּן; שטיין ביי אים מיט אַ רעוואָלווער ביים קאָפּ: „וועסט נישט גיין, — וועט דאָ זיין דיין טויט אויפן אָרט!״ און אויב מ׳האָט זיך נאָך נישט געקענט אָרויסרייסן פון איר מיט אַלעם, — האָט מען געחלשט נאָכצולאָזן דעם זעלנערישן פּאַסעק אויף זיך, — מ׳זאָל גיכער קענען אָפּ־אָטעמען; אַראָפּוואַרפן די משא פונעם רוקזאַק, און זיך אָוועקזעצן הינטער אַ בוים, — מעלה־גירהן דאָס טראָפּעלע שוים אין מויל; און אַרויסקוקן אויף דער אויסגעבענקטער מנוחה, — אַז זי זאָל וואָס מער רוען אויף זייערע קעפּ.

און אַז די שטריק פון דער מלחמה, מיט וועלכע זי האָט זיי אַלע געהאַט געבינדען, — האָבן זיך שוין אויף אַזוי פיל געהאַט צעריסן; און דער ריס זיך אויף אַזוי פיל אויסגעברייטערט, — אַז מ׳האָט אים נישט מער געקענט צונויפנעמען; און ס׳איז געוואָרן אַ לאָך אין איר, — דורך וועלכן ס׳האָט זיך מיט אַ מאָל אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעקליבן דורך די קאַרגע פינף יאָר, און מיט דער מלחמה אינאיינעם, — גענומען דורך אים אַרויספאַלן; האָט ביי יעדן אין די אויגן עפּעס גענומען גליען אַ כעס; אַרויסשפּראָצן צו אַלעם, — צו דער גאַנצער חרובדיקער וועלט; אַ קנאה צום זאָטן, ווען אפילו ס׳האָט געזאָלט זיין צום אייגענעם טאָטן; אַ שנאה צום געזונטן, — צום אויסגעפּאַשעטן הינטן...

און ס׳איז געווען אימהדיק צו קוקן: ווי זיי גייען איבער די געפּערליכסטע אָפּגרונטן, — בייצוקומען די בייזע אָנגעלאָפענע ווינטן.

ס׳האָט שוין ווער געזען דעם הימל: ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ פון אומעטום, — גלייך? און אַז מ׳גייט ס׳גאַנצע לעבן גלייך, און פאָראויס, — זאָל מען צוקומען צו אים, דאָרט וואו ער לאָזט זיך אַראָפּ? אַזוי איז אויך געווען מיטן זעלנער: אַז ער האָט פאַרלוירן דעם וועג צו זיך, — האָט ער אַזוי געקענט אָנקומען צו אים, פונקט ווי יענער צום הימל, וואָס לאָזט זיך פאַר אים אַראָפּ, — פון אַרום און אַרום; וואָס מער ער גייט און איז ווייטער פון דעם ברעג הימל, — אויפגעקאָכטער ווערט ער, מער פאַרטיליקט ער, און מעקט־אָפּ צום איבעריקן, — וואָס די מלחמה האָט אָפּגעשוינט; דאָס גייך זיינס פלאַטערט ווי אַ ברענענדיקער דאָרן, און די קולות זיינע רייסן שטיקער וועלט, — וואָס זענען נאָך הינטער אים גאַנץ געבליבן.

און אַז די וועלט האָט, סוף־כל־סוף, דערלעבט אַרויסצוקריכן פון אירע גראָע בגדים; די גראָע קאָליר האָט אָנגעוואָירן איר חן, איז דאָס געווען אַזוי אומגעריכט, — אַז מ׳האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן פאַר איר אויפצונייען נייע, — אָדער מ׳האָט זיי שוין נישט געקענט מער אויפנייען; אַזוי איז די וועלט דערווייל געבליבן אַ נאַקעטע, — אָן בגדים:

— בעסער גיין אדם־נאַקעט, — ווען ס׳אי נישטאָ עפּעס צו נעמען אויפן לייב, — ווי איין שעה לענגער אין גראָען.

דאָס אַלטע איז געוואָרן אָפּגעריבן, מאַט, און דאָס נייע פינקעלט נאָך לעת עתה אין די וואָלקן, — מ׳דאַרף עס ערשט פון דאָרטן אַראָפּברענגען; און בינו ולבינו צעוואַקסט זיך דער חושך, דער גאַנצער תוהו־ובוהו, — וואָס ווייסט די מלאכה פון גראַסעווען, צעשטערן, קיילן און צעביילן, — נאָכמער פון דער מלחמה; ס׳איז נישט מער קיין מלחמה, און ס׳איז אויך נישט קיין שלום; ס׳איז בכלל גאָר נישט; תוהו־ובוהו; נאָך איידער עס שפּראָצט אַרויס אַ גרין גרעזל, — ווערט עס אָפּגעטרעטן; נאָך איידער אַ צווייגל צעבליט זיך, — ווערט עס אָפּגעבראָכן.

אַרויס פון מלחמה און אַריין אין תוהו־ובוהו.

בריוועלעך:

דאָס ערשטע בריוועלע

קעלץ, דינסטיק ג׳ מרחשון, פרשה: לך לך, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס געמליכע צו הערן פון איך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, וואָס זאָל איך דיר, ברודערשי, שרייבן? אַז איך בין צעדרייט? צעבויקערט? פון נעכטן אָן, איז, ווי ס׳וואָלט אויף מיר אַנגעפאַלן אַ רוח־שטות. מיין ווייב זאָגט: אַ משוגעת! און כ׳בין אינגאַנצן, ווי פאַרנאַרט. דער קאָפּ גייט מיר אויף רעדער. וואָרן, היינטיקע צייטן, אַ בריוו פון די מרחקים, און נאָך מעבר לים דערצו? צוגעשניטן און פאַרלאַטעט אין לאָנדאָן, אין קאָפּענהאַגען, אין שטאָקהאָלם, בערלין און ווין, מיט הסכמות, ווער ווייסט: פון וויפיל קעפּ? שטאָלענע קעפּ! אייזערנע קעפּ! און מיט אַ רויטן צלם איבער דער גאַנצער לענג און ברייט, — פון אים; ס׳קדחת האָט מיך געוואָרפן הייזער אין דער הייך, אַז דער זעלנער מיט דער ביקס און די שווערד אין האַנט, — האָט אים מיר דערלאַנגט: „נאַ, אַמעריקע לאָזט דיך גריסן!“ באַזונדער, האָט זיך, אויף דער מינוט, אין מיר דערוועקט אַן אַלטע וואונד, און ס׳האַרץ גענומען טריפן, — אַמער זאָל איך זיין אַזוי זינדיק, דו זאָלסט מיר בכלל ברויכן שרייבן? און ס׳איז מיר נישט באַשערט זיך אינאיינעם מיט דיר דאָרט צו פרייען? אָדער, זיך צו צעביצקען מיט די גנז? אַקוראַט זיך געהאַט געקליבן אין וועג אַריין, שוין מיט מזל געהאַט פאַרקויפט די זאַכן, גענומען אויף זיי אַ דעראָן: דאָס אַזוי גיך, ווי כ׳וועל מיך אַרויפזעצן מיטן ווייב און די ווערים מיינע אויף דער פיר, — זאָל יענער צוקומען אויסליידיקן די שטיבן, צונעמען די בעביכעס, אַלץ־מיט־אַנאַנד, ווי ס׳גייט און שטייט, און כמעט מיט דעם אָפּגעלעבט ס׳לעבן. דערמאָן דיך נאָר: אַז אויפצומאָרגנס האָב איך געזאָלט אויפמאַכן די טיר, אַ

אַ לעק טון דעם פינגער, וואָס וועט אָנרירן די הייליקע מזוזה, און, — זיי מיר, אַזוי ווי דו ביסט געווען פריער, — מיט מיר, מיט דיר, מיט מאיר דעם דאַמסקי שנײַדער, מיט לייב טאָקער, בערל בעדנער, איטשע יעקעלעס, שלמה צאַפּע; און ס׳גיט זיך, מיט אַמאָל, אַ מאַך די מלחמה, ס׳צינדט זיך אָן דאָס בראַנד־פייער איבער דער וועלט, און, — שטיי, ברודערל! פלי נישט! האַלט־איין די לייצן פון דער בריקע, שפּאַן אויס די פערדלעך, און, זיי מוחל: קריך בדרך־פּתינו אַריין צווישן די פריערדיקע פיר ווענט, אין דעם נאָסן ווילגאַטש, גיב אָפּ דעם דער־אָן, און בלייב זיצן מיטן אַלטן ביסל בעטל, און נאָך אויף גרעסערע און געהאַקטערע צרות ווי פריער, — ס׳איז דאָך מלחמה! יעדעס מאָל וואָס כ׳מאַך אויף דאָס אינעווייניקסטע שיפלעדל פון דער קרעדענץ, דאָס מיטן סעקרעט, שלעפּ אַרויס פון דאָרטן דאָס טיכל, בינד־אָפּ די קניפּ־לעך און צענעם עס אויף אַלע זייטן, — ליגן אַ פּאָר צעקנייטשטע בלעטלעך פּאַפּיר, די שיפסקאַרטן, — האָסט כאָטש אָפּגענומען דאָס געלט, וואָס דו האָסט זיי דאָרט איינגעצאָלט? און אָט אויף די פּאַפּיר־לעך, דער עיקר: אויף דעם שיפּל, וואָס ס׳איז אויף זיי אויסגעמאָלט, — וואָלט איך פּונקט ווי דו, און נאָך טויזנטער אַנדערע יידן, אַריבער־געשווימען קיין אַמעריקע. נו, קען נישט ס׳האַרץ פּלאַצן? נאָר וואָס זאָל מע טון? זיך פרייען: וואָס כ׳טאָנץ נישט אַליין אויף דער דתונה? און לייזער יאַנקעלס, שלמה זלמנס, איטשע דעם בלינדען מאירס, יאָסל כתריאלס, און נאָך, נאָך אַנדערע יידן, — זענען מיט מיר צוגלייך געבליבן קוועטשן אויף ד ע ר זייט? מיט וואָס בין איך געהאָלפן, — אַז זיי טאָפּן אויך אַ וואַנט?

איך בין גערירט אויפן קאָפּ פון דער מלחמה, און דאָ קומסטו צוגיין, — כ׳זאָל מיך גיין גראַבלען אין איר, און דיר שרייבן פון איר? ווען ס׳זאָל אַזוי נישט זיין דו, און פון אַמעריקע (אַזאַ וואַזשנע מיוחסת!) נאָר עפּעס אַ קרוב פון מיין ווייב, וואָס פון ערגיץ דאָ, כאָטש אַזאַ מדינה ווי מאָנטאַנעגרי, — האָסט אַמאָל געהערט פון אַזאַ מדינה? איז נישט מיין נאָמען קלמן יאַנקל, ווי איך הייס אים מוחל זיין, ער זאָל זיך אַריבערקלייבן אַהער, און אַליין אַריינשטעקן די נאָז צו איר; זיך אָוועקשטעלן ביי דער מלחמה הינטער דער טיר, זיך אונטערד־האָרכן צו איר, — וואָס זאָל איך עס עפּעס טון פאַר אים? און באַזונדער, אַז כ׳זאָל אָפילו וועלן; וועל איך עס דען קענען? ס׳איז פאַר מיינע

כוחות? זיך צו גיין גראַבלען אין דער מלחמה? דערפֿאַר, ווייל כ׳בין אַ שטיקל שרייבער? און זאָל, ווי מ׳זאָגט: דהאָבן אַן איבעריק פֿינטעלע געהירן אין קאָפּ? בהמה: נישט איך, נאָר עפּעס קעקערס פֿון מיר, וואָס זאָל זיין מיט צען קעפּ אַזוינע ווי מיינער, און אין איטליכן קאָפּ האָבן אַ פֿוד מער געהירן ווי איך האָב אין אים, — וועט ער דאָס יאָ קענען? מ׳זאָל ווערן זאָגן: ביטאַמו, וואָס ס׳האָט זיך דאָ אָפּגעטון? קומט מיר אויפֿן קאָפּ די מעשה מיטן עכו״ם, וואָס האָט פֿאַרלאַנגט פֿון הלל הזקן: ער זאָל אים אויסלערנען די גאַנצע תורה אויף איין פֿוס. האָט ער צו אים געזאָגט: מה דעלך סני לחברך לא תעביד; וואָס ס׳איז דיר נישט ניחא, — זאָלסטו יענעם נישט פֿאַרשאַפֿן; הנה, אויב ס׳איז דיר זייער נוגע צו וויסן, וואָס ס׳הייסט מלחמה, — טייטש דעם פּסוק פֿאַרקערט: מיט וואָס ס׳אי נאָר מעגלעך, זאָלסטו זען יענעם דעם טויט צו פֿאַרשאַפֿן! פּשוט גערעדט, באַשטייט אַ מלחמה אין שיסן, הרגענען, אומברענגען... און דאָס האָבן מיר שוין אַלץ דאָ געגעסן: מ׳האָט אונדז שוין געשאָסן, געהרגט און אויך אומגעברענגט. איי, מ׳לעבט? וואָס האָסטו געוואָלט, — אַלע זאָלן שוין ליגן מיטןביילעך קאַפּויר? געגוג יידן פֿאַראַן, וואָס ליגן; אוי, ליגן זיי, אַ, דו פֿאַרקרימסט די נאָז, — כ׳האָב דיר גאָרנישט מחדש געווען? אַ מלחמה, ווייסט יעדער, איז נישט געמאַכט געוואָרן, — אויף צו שפּילן זיך מיט אַרבעסלעך, נאָר מ׳זאָל שיסן, הרגענען... אָבער, — ראַבעוועון? זה, — לאַ, און מיט אַן אַלף; פֿון דעם האָט מע, פֿאַרשטייט זיך, נאָר געוואוסט פֿאַרצייטנס, אַז מ׳האָט זיך געשלאָגן ערגיץ הינטער די הרי־חושך, און אויך ווילדע מענטשן, באַרבאַרן, טאָטערן, באַזשיבוזשיקעס... זיי, זאָגט מע, פֿלעגן, אַז זיי זענען איבערגעפֿאַלן אַ שטאָט, — אויסשעכטן די מענטשן, און אויסרויבן איר רייכקייט; און נישט דאָ, ווי זאָגט מע עס, — אין אַזוינע אַלטע באַזעסענע ערטער, און ביי אונדזערע היימישע מענטשן: דייטשן, עסטרייכער, רוסן... כאָטש מ׳זאָגט: דאָס יעדער מענטש, מעג ער אַליין זיין אַ מלאך, און אַז מ׳טוט אים אָן די זעלנערישע הויזן, — ווערט ער אויס מענטש! מילא, וואָס מ׳זאָגט? דעם צלם־אלהים ווערט ער דאָך נישט אָן! און אַז ביי זיי האָט דאָס געקענט געשען: מ׳זאָל רויבן און שעכטן מענטשן ווי די שטומע קעלבער, — איז נישט עק וועלט? נאָר לעת־עתה מאַך איך וועגן דעם אַ שוויג; איין גאָט ווייסט, אַז כ׳וויל נישט רעדן; איבערהויפּט, מיין ווייב, וואָס האַלט מיך ביי דער צונג,

— און לאָזט מיך נישט רעדן... און וואָס וועט שוין זיין, אַז כ׳וועל אויפ־מאַכן ס׳מויל? דו ווייסט, וואָס מ׳קען קריגן ביי דער מלחמה פאַר אַ גרויס מויל?

ווילסט וויסן: צי די שטאָט שטייט נאָך אויף דעם זעלביקן אָרט? וואו דען זאָל זי שטיין? ס׳האָט זי ווער אַריבערגעטראָגן ערגיץ אַנדערש וואו? די מלחמה רייסט אויס שטעט, אָבער זי פאַרטראָגט זיי נישט. דאָס איז נישט קיין עסק פאַר דער מלחמה! און צי משה לייבס קאַמעניצע איז קאַמעניצע? אודאי איז זי אַ קאַמעניצע, נאָר מיט אַ לאָך אין קאָפּ... ס׳האָט זיך טאַקע אַלץ אויסגעשיט און איבערגע־דרייט, אָבער הייזער, נישט אַזוי ווייט הייזער, ווי די שטאָט איז געווים, — שטאָט; די מענטשן זענען די זעלביקע, נישט מער, ווי אין תוך: אַ קליין ביסל פאַרהאַרטעוועט, פאַרשטיינערט... און וואָס איז דער חידוש? ס׳אי דאָך מלחמה! און וואָס מ׳רעדט דאָרט, ביי אייך אין אַמעריקע, אַז פון גאַנץ פוילן איז נישט געבליבן קיין שטיין אויף אַ שטיין, — האָט מע דאָרט צו שטאַרק מגזם געווען, אַריבערגעכאַפּט די מאָס. פרעג: וואו בין איך? און ס׳בני־בית מיינס? נישט אין פוילן? און אין אַ שטאָט אין פוילן? (קעלץ, איז איר כשרער נאָמען!) און אין אַ שטוב, וואָס איז אין אַ שטאָט אין פוילן? אויף דער גאָס ליג איך נישט. אמת, איך בין שוין געלעגן, און נאָך ערגער ווי אויף דער גאָס, — וואָס ס׳קען זיין ערגער? אין אַ שטאַל! אין אַ קעלער! אין אַ גרוב! און אפילו אין אַ ברינען אויך! און זיך געזעגנט מיטן מלאך־המות יעדע מינוט, יעדע רגע געשפּירט זיין קאַלטן אָטעם. וויל איך דיר דאָ מגלה־זיין אַ סוד: אַז דער מלאך המות, אויב ער האָט נישט קיין שליטה איבער דיר, איז ער, אין אַן ערך, — נישט ערגער פון יעדן געוויינטלעכן בשר־ודם; מ׳קען זיך מיט אים אַרומכאַפּן, — נאָר נישט אויף לאַנג; נישט ווערן גאָר קיין צו גרויסער פאַן־בויאָט מיט אים; און ער, — אַ צו־נאָענטער שמעלקע מיט דיר. וואָרן, זיינס אַ געלעכטערל, — ווי זאָל איך זאָגן? איז ווי ביי אַ פאַלשע קאָץ: לאָזט איר אַרומקריכן ביי זיך אויפן האַלדז, דיך גלעטן, און מיט אַמאָל, — די קאָץ אין איר כאַפּט זיך אויף, און צעדראַפּעט דיך גאַנץ אָרנטלעך; ס׳אייגענע איז אויך מיטן בעל־דבר. און אויב ער זאָל דיר עפּעס אָפּטון, ווען אַפילו אויף אַ ליצנות, — איז עס אָפּגעטון; און גיי שריי חי וקים!

אַז שטעט זענען חרוב געוואָרן, דאָס וועל איך פאַר דיר נישט לייקענען; נישט בלויז חרוב געוואָרן, — נאָר מ׳ווייסט אַפילו נישט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. און ס׳אי שווער צו באַנעמען, אַז מ׳קוקט אויף יענע ערטער, אויף די ליידיקע און צעאַקערטע שטחים, — אַז ס׳זענען אַמאָל אויף זיי שטעט געווען. און צו דעם אַלעם, וועל איך דיר מגלה זיין אַ סוד, אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, — אַז ס׳זענען דאָ מענטשן, און כ׳האָב זייער מורא: אויב מיינע איז אויך נישט ברתוכם, כ׳וויל אויף איר נישט מוציא שם רע זיין, — וואָס בעטן: אַז די פינצטערע מלחמה זאָל זיין מלחמה, כאָטש אַזוי לאַנג ווי ס׳איז זיי אויפגעלייגט צו לעבן... אַזוי גוט האָבן זיי זיך ביי איר, — הערסט? די מלחמה איז, ווי זאָל איך דיר זאָגן? ווי זי כאַפּט אָן. זי קען אַזוי אָנכאַפּן, אַז יענער זאָל גלייך ווערן אויפגעריכט, אים ליכטיק זיין אין די אויגן; גרינג אויפן האַרץ; וואַרים אין אַלע אברים; און אויך אַזוי, — מע זאָל ביי איר גלייך גיין מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַריין! ס׳איז נאָר געוועגדט ווי זי כאַפּט אָן: צום לעבן אָדער צום טויט...

מאָל דיר: אַ מלחמה אין פוילן, אין מלך אביונס גיטער, אין דער מדינה, וואו מ׳ווייסט נאָך צו ציילן מיט פרוטהס, און אָרימעלייט, וואָס גייען אויף די טירן, — טיילט מע קלעצלעך צוקער. אין דעם אָפּגעלעגענעם אָרט, וואו ס׳דרייען זיך נאָך עד היום אַרום קהלשע בעק אין גאַס, און טוען אָן שאָדנס ביי די זיצערקעס אין די קערבער, — אויף וואָס די וועלט שטייט! חדר־ייִנגעלעך נאָרן אַרויס דעם רבין ווינטער אויף דער גליטש, און מאַכן מיט אים אַ מענטש אין שניי. דו וועסט אודאי לאַכן, און כ׳וועל ביי דיר זיין קליינשטעטלדיק אין די אויגן, — ווייל כ׳זאָג דיר דאָס אַלץ? דו מוזסט דיך שוין אודאי דאָרט האָבן אויסגעמענטשלט, — אַז מ׳איז אין אַ כרך צווישן מיליאָנען מענטשן? בראָקסט אַריין אַזוינע ווערטער, וואָס נישט מיינע און דיינע אבות אבותי האָבן פון זיי געוואוסט; און מיינסט, אַז דערמיט ביסטו נישט מער מיין מענטש? איך וואָלט געגאַנגען שווערן: דאָס, כאָטש דו האָסט דיך שוין דאָרט אויסגעטון פון דער באָרד מיט דער קאַפּאָטע, איר אַרומגעריסן ביז צום בויך, און געוואָרן אויף אַן אייל קירצער, — אַז דו שטעקסט נאָך מיט ביידע פיס אין באָגריע: הן אין גאַס, הן אין שטוב, און דהן אין בית־המדרש, — אויב דו שמעקסט נאָך אין דעם אַריין; פאַרפעלסט נישט צו עסן שבת אַ גוטן קוגל פון

מעל מיט פעטס, און זיך צוליגן נאָך איר אַביסל, פּאַר אַ קאַפּיטשקע עונג; און מ'זעט דיר בכלל נאָך גוט אָן באַגריע אויף דער נאָז.

געדענקסט? מיט יאָרן־יאָרן צוריק, אַז דו ביסט נאָך געווען אַ היגער, און אַמעריקע האָט זיך בלויז אָנגעהויבן פּיקן ביי דיר ערגיץ אין קאָפּ, אין אַ קליין קעמערל, זענען מיר ביידע געקומען צו איין און די זעלביקע השערה: דאָס אונדזערע ייִדעס, עלטער־זיידעס, האָבן זיך פריער באַדאַרפט, כ'וויס, — לאָזן די פיס אָפּהאַקן, איידער זיי האָבן דאָ באַטרעטן די ערד... צו וואָס? וואָס האָבן זיי דאָ אַזעלכעס געזען? און אויף וואָס זיך פאַרקוקט? אַז ס'אי גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין מדינה. עפּעס, וויס איך, וואָס: שטעטלעך, — ווענצלעך, מיט צויטנס; און דערפלעך ווי שילגערלעך די גרויס; כאַלופּעס מיט שטרויענע דעכער; אַז זיי דערזען אַ צינד־העלצל, — גיבן זיי אַ פלאַם־אויף, און ס'איז נאָך זיי. רע פויל'ן! ס'איז פאַרפוילט, פאַר־שימלט. געדיכטע בלאָטע, עפּעס ווי אַרום אַן אַלטע קאַפּאָטע. ווייסט נישט? כ'ברויך דיר אַ סך אָנדערציילן פון דער מיוחסת: אַז זי שמעקט מיטן יחוס, פון וועלכן ס'איז געבליבן שטויב, אַלטע געלע בלע־טער, און דאָס אַפילו אויכעט נישט? אונדזערע זיידעס האָבן שוין נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן מיט טויזנט יאָר צוריק, — נאָר דאָ? אין שווייצאַריע וואָלט פּאַר זיי נישט געטויגט? און ביי די שיינע גרינע ימים פון דער וועלט? און איצט ווידער, האָבן אַלע מלכים נישט געהאַט איבער עפּעס בעסערס און שענערס זיך צו גיין שלאָגן, די קעפּ אַראָפּצודרייען, ווי איבער דער זעלביקער מצאַצע? נישט אַנ־דערש, ווי אויף אַלע דאָסיקע פערד, שטעלן זיך די פליגן...

און אויב איך בין דיך מקנא, וואָס דו ביסט נישט קיין היגער? ווער איז דיך דאָ נישט מקנא? די שטיינער אין ברוק אַפילו... וואָס פּאַר אַ האַרמאַטן ס'האָבן זיך שוין אַלץ נישט אויף זיי אַריבערגעטראָגן? זיי ברויכן זיין האַרט ווי שטאָל, אַז זיי זענען נאָך נישט צעריבן געוואָרן אויף שטויב. כאָטש, ווען דו זאָלסט אַצינד אָנקוקן מיין ווייב מיט די קינדער, — זעט מען אויף זיי, חלילה, קיין בויט נישט אָן. איי, וואָס מ'שרייבט דאָרט: אַז אַלע זענען שוין דאָ אויסגעשטאָרבן פון הונגער? מילא, מ'זאָל זיי קוקן אין מויל אַריין, און אויף אַלעם וואָס מע שרייבט דאָרט? מיין ווייב האָט, קיין עין הרע, געקריגן אַ פּאַר בעק פון דער מלחמה, — זיי שפּראָצן ווי די עפּל! און די קליינע חברה,

זאָל לעבן, — גייט נישט מער מיט די פּיפּקעס אין דרויסן; און ווען אַפילו זיי זאָלן יאָ גיין? כע־כע, געברויכט אָנטאָפּן זייערע פּיסלעך, הענטלעך, — ווי אויסגעפּילט זיי זענען! און די רויטע פּנימלעך, — ס׳קומט נישט פון קיין תעניתים! אַז מ׳לייגט נישט אַריין געמט מען נישט אַרויס, און אַז כ׳וועל נעמען גוט זוכן, — זיך נאָך אויסקראַצן ביי מיר אַ פּאָר מזומענע קערבלעך אויך. שטעלסט אויף מויל און אויערן, און קוקסט מיך אָן ווי פאַרנאַרט? מאַכסט אַ זויער פּנים, באשר־ובכן, — כ׳בין שוין אינגאַנצן חסר־דעה? קענסט מיך פון תמיד פּאָר אַ קבצן, אַ דלותניק, — וואָס האָט נישט געהאַט קיינמאָל מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען? אָפּגערעדט, — פון אַ וואָך, צי אַ גאַנצן חודש? און זיך מיט אַמאָל גענומען וואַרפן מיט געלט? און נאָך וואָס פאַר אַ געלט? פון אַלע מלוכות אין דער וועלט: מאַרקן, קראָנען, און דאָס: עסטרייכישע קראָנען, שוועדישע קראָנען, דענישע קראָנען, ריבלען, און אַפילו פראַנקן אויך? אַצינד: וואו איז סערבּיש געלט? בעלגיש געלט? טערקיש? רומעניש? און טאַקע מאַנטאַנעגריש אויך? אוי, כ׳האָב דאָך גאָר פאַרגעסן: אַז ס׳זענען דאָ פונטן אויף דער וועלט! דו, גרויסער קנאַקער, האָסטו שוין געזען די אַלע געלטער פאַר דיינע אויגן, — אין אַמעריקע? איך אָבער, קלמן יאַנקל, שאַכנע שמערגע, ביילע פּיערגע, — גראַבלען זיך אין דעם, און גראָד דאָ, — אין דער אָרימער מדינה, אין פּוילן, וואו ס׳האָט זיי אַלע פּאָר שמעקט אַהערצוקומען זיך שלאָגן, — ווי אין די טעפּ מיט באָבעס און אַרבעס. וואָס איז אַ פראַנצויזישער פראַנק? און אַ רומענישע לעי? אַן איטאַליענישע לירע, גיב אַ פרעג ביי מיין קליינעם, ביי מיין לייבעלען, — ער ווייסט; ער קען זיי אָנטאָפּן אין דער פינצטער. וואָס פאַר אַ מיוחס איז דאָ אַן ענגלישער פונט? צי אַ מיליאָן רוסישע ריבל? דאָס איז אויכעט געלט?

ס׳איז אַ מלחמה, ברודערשי. אָדער ווי מ׳זאָגט דאָ ביי אונדז אויף איר: אַ מחלוקה. ס׳אַ מחלוקה! און פונדעסטוועגן, זאָג איך דיר בדהן שלי, — ווי כ׳וואָלט אַ שפּיי געטון אויף די אַלע געלטער, דאָס מוחל געווען מיט קנין און מיט מנין; און באַשטאַנען: אַז מיין ווייבס באַקן זאָלן צוריק איינפאַלן, דאָס בייכל אירס גיין פון וואַנעט ס׳אי געקומען; די קינדער זיך הרגענען, ווי פאַר דער מלחמה, — איבער אַ גרעסער שטיקל ברויט, און, — כ׳זאָל דאָס נישט קענען,

מיט וואָס כ׳האָב מיך שוין דאָ באַקענט; נישט זען, — וואָס מיינע אויגן האָבן זיך שוין דאָ אָנגעזען.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו, מיט דיין ווייב, און מיט דיין גאַנץ בני־בית; און מ׳זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

> מ מני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
> קלמן יאַנקל.

ו העיקר שכחתי:

כ׳האָב דיר אָנגעהאַקט אַ פּילן קאָפּ, אַ סך מאָל: גאָר פאַרקראָכן מיטן דישל פאָפּעריק, פּאַרדאָס, — אַז גאָט וועט שענקען ס׳געזונט מיטן לעבן, און כ׳וועל נישט האָבן קיין פאַרשווערט האַרץ, — וועל איך דיר זען אין צווייטן בריוול ממלא צו זיין.

הנ״ל.

דאָס צווייטע בריוועלע

קעלץ, מיטוואָך, י״ט מרחשון, פרשה: חיי שרה,
שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס געמליכע צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, וואָס דו פרעגסט: צי כ׳בין נישט מיט קיין קאָפּ קירצער? שעם איך מיך דיר צו שרייבן: אַז כ׳בין מיט אַ קאָפּ לענגער! איי, ווי כ׳וועל אויסזען דערנאָך? וואָס האָב איך עפּעס ארייַנצוקלערן אויף דערנאָך? דערווייל איז גאָר נישט צו פאַרזינדיקן: מ׳פרעסט, מ׳זולל־וסובא׳ט, און מע מאַכט געלט. און מיט וואָס איז ביי דיר אין אַמע־ריקע, בעסער? און וואָס דו קלערסט אַלץ איבער, — צי כ׳לעב? בדרמה, ווען איך זאָל נישט לעבן, — ווער וואָלט דיר געהאַט צו שרייבן די בריוועלעך, מיין ווייב? זי האָט עפּעס בילכערס אויפן קאָפּ: אַ וואָגן היי, אַז ס׳מאַכט זיך; אַ זאַק פעפער, אַ פּאָר קעסטלעך צוקער, אַ דאגה: וואָס ס׳קען זיך ביי דער מלחמה אַלץ מאַכן? און וואָס דו ווילסט וויסן: צי אַלע לעבן? אָ, דאָס, זעסטו, איז שוין אַ דבר אחר! כ׳האָב דיר שוין געשריבן: אַז ס׳ליגן גענוג יידן מיטן ביילעק קאַפּויר, און גראָד אַזוינע יידן, וואָס דו האָסט גוט געקענט, האָבן געברענט אַ וועלט, מיט אַלע כוחות געזוכט אַרויסצוכאַפּן לעבעדיקע שטיקער ביי דער מלחמה פון פּיסק אַרויס; פריער זיך אויך געקליבן צו פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער זיי וועלן שוין, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן (אויב זי וועט זיך אַ מאָל ענדיקן, — ווייל, ווי מ׳שמועסט דאָ, וועט זי שוין אייביק זיין!), — נישט פאָרן. אָ — האָ! זייער מזל, געבעך, געוועזן: דאָ צו פאַרבלייבן אויף אייביק... קיין נעמען וועל איך נישט אָנרופן, — צו וואָס? דיר געזונטער זיין: אַז דו וועסט נישט וויסן; און דאָס ווידער גיין און צעלייגן אויף טעלערלעך: ווי אַזוי דאָס איז געווען?

און צי זיי זענען אַוועק פון דער וועלט מיטן גלייכן וועג? מיטן קרו־
מען? אָדער, חלילה... (מיט קיין מיתה בנשיקה זענען זיי נישט גע־
שטאָרבן!) ראשית, איז דאָס נישט אַזוי באַטעמט; מ׳דאַנקט און מ׳לויבט
גאָט: אַז מ׳פאַרגעסט אָן דערין; מ׳גייט אַוועק דערפון; מ׳אַנטלויפט
אומישנע פון די אלמנות מיט די יתומים, — אַז מ׳זאָל אין זיי נישט
געדענקען! און, והשנית, — איז דאָס זייער אַ שווערע זאַך, ווייל
מ׳ברויך האָבן דערצו אַ רואיקן קאָפּ, און נאָכמער וואָס מ׳ברויך האָבן,
איז, סבלנות; און די ביידע זאַכן, זענען אין דער מלחמה נישט בנמצא;
מ׳האָט נישט קיין קאָפּ, און נישט קיין סבלנות, — ביידע נישט...

די מלחמה האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, כ׳ווייס נישט: ווי אַזוי
כ׳זאָל דיר דאָס אָפּמשלען, — ס׳זאָל זיך דיר לייגן אויפן שכל;
ווייסט וואָס אַ סאַלאַמאַנדרע איז? אין אַ היטע, וואו מ׳בלאָזט־אויס
גלאָז פון קרייטעכער מיט גראָז, זיבן יאָר נאָכאַנאַנד, — שפּאַצירט זיך
אַרויס פון אויוועז אַזאַ מין באַשעפעניש, וואָס האָט אויגן פון פייער,
פיס פון פייער, אַ לייב און לעבן פון פייער, און, דער עיקר: ס׳אָטעמט
מיט פייער; וואו עס גייט, טרעט, — צינדט עס אָן אַ פייער, און מע קען
עס נישט לעשן נאָר מיט פייער! אויך די מלחמה דאָ איז אַזאַ מין
חיה, דאָס, וואו זי גייט, — צינדט זי מיט פייער, און מע קען איר
נישט לעשן נאָר מיט פייער. מיט וואָס נאָך, קען איך דיר, אַ שטייגער,
דאָ אָפּמשלען די מלחמה? מיט אַ שטיק אומרו? גיכער: אַ שטיק
קוועקזילבער, וואָס קען נישט איינרוען אויף קיין אָרט, — די פינצ־
טערע מלחמה קען אויך נישט איינרוען אויף קיין אָרט, און מ׳ווייסט
קיינמאָל נישט וואו און ווען זי וועט אַרויספּלאַצן. אָט איז שטיל, אַזוי
ווי מיט יאָרן צוריק, מע ווייסט נישט פון קיין פותר און קיין חלום.
מ׳טראַכט זיך: הע? מיט וואָס איז דאָ אַ מלחמה? אַז די זון שיינט ווי
אַלעמאָל, די לבנה מאַכט זיך צומאָלס גאַריש, ס׳רעגנט, דינערן און
בליצן, עס קומען אָנטקעגן ליבע, וואַרימע, זומער טעג, און מיט אַ
מאָל, — זי גיט אַ פּלי אַרויס פון דער הויט, און גיט דיר צו פאַר־
זוכן דעם טעם אירן, — אַז ס׳איז דיר ביטער אין מויל דערנאָך
שיינע עטליכע וואָכן... נאָך ערגער: וואָס מע ווייסט נישט פריער,
— וואו זי וועט אַרויספּליען, און אויף וועלכן אָרט? זי קען אָנקומען
אויפן קאָפּ אַרויף, גראָד ווען מ׳זיצט במנוחה איבערן טעלער, —
אַז דער לעפל געקעכטס זאָל געשטויעט ווערן אויף די ליפּן! און ווען

איך זיץ אַצינד, און שרייב די שורות, אַזוי קוק איך אויפֿן זייגער, צייל די מינוטן, וואָרן: אַ חוץ די געשעפֿטן, אין וועלכע איך בין איינגעטונקען ביז איבערן קאָפּ, וואָס, מ'טאָר נישט פֿון זיי קיין אויג אַראָפּנעמען, — מוז איך נאָך אַלע רגע אַ לויף־טון צום פֿענצטער, אַ קוק טון צום הימל, זען: וואו ס'האַלט דאָרט אויבן? מיינסטו: ס'אי דאָ אַזאַ פֿענצטערל אין הימל, וואו מ'קען אַריבערקוקן צום אייבערשטן? און כ'ווינק מיך מיט אים איבער? צי כ'בין אַ שטערנזעער? אין הילכות גלגלים ווייס איך אַזוי פֿיל ווי מיין באָבעס קאַץ; נאָר אויף צו טאַפּן דעם דופק פֿון דער מלחמה, — איז נאָר אויפֿן הימל; דער הימל איז כמעט דער איינציקער שפּיגל אירער, אויף זייער לשון: באַראָמעטער, וועלכער ווייזט, — וואו מ'איז ערגיץ אין דער וועלט מיט איר; ווערט דער הימל רויט, בלוט־רויט, און העל צעברענט, מיינט: אַז דער פֿראָנט האָט זיך אָנגעצינדען, און, — מ'ברויך אויפֿזיין; זיצן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ס'העכסטע, — אַראָפּלייגן דעם קאָפּ אויפֿן טיש, כאַפּן אַ דרימל אין אָנטועכטס; ווייל זי קען אַ ליאַדע מינוט אָנכאַפּן דאָס הויז ביי אַן אויער, און ס'זאָלן נעמען טאַנצן די טעפּלעך, די שעלעכלעך אויפֿן שענקל זיך שאָקלען, און אונטערהייבן די ראָנדלעס אויף דער וואַנט. און אַז דער הימל איז שוואַרץ, פֿאַרגאָסן מיט פֿעסער טינט, אויסגעבעט מיט פּעך, הייסט: אַז דער פֿראָנט שלאָפֿט, שלאָפֿט זיס און געשמאַק אין די גראָבנס ווי אַ שווערער בער, — און מ'קען זיך דערנצמאָל אויסטון, לייגן אין בעט אַריין מיט אַ מנוחהדיקן קאָפּ: „אַז ס'וועט דערפֿון נישט אַרויסוואַרפֿן!" ס'איז אויך נישט אויסגעשלאָסן: אַז ס'זאָל אים אָנכאַפּן די שווערע קרענק ביי אַ פֿינצטערן הימל, דעם גנבהשען פֿראָנט, — און מ'זאָל ברויכן נעמען שפּרינגען פֿון די בעטן: מיט איין שוך און איין זאָק אויפֿן פֿוס, און מיטן צווייטן, אַ גאַלן, — אין קעלער אַריין! ווי ס'זאָל נישט זיין, איז אָבער אַלץ אָנגענומען: דאָס אין די בליטן פֿון הימל, ווייסט מע, — ווי מ'שטייט אויפֿן פֿראָנט; פֿון דעם אייגענעם פֿראָנט, וואָס דו האָסט דיך אַזוי פֿיל אָנגעהערט און מיר, — זיך אַזוי פֿיל אַנגעזען; מיר שלאָפֿן דאָ ביי אים צוקאָפּנס, אָדער: אַז מ'קערט זיך אום מיט די פֿיס צו דער טיר, — ליגן מיר ביי אים צופֿיסנס.

דורך דער צייט וואָס ס'איז די מלחמה, בין איך געוואָרן אַזוי באַהאַוועַנט אין איר, דאָס, ווען ס'זאָל מיר אויסקומען צו ווערן דער

קאַפּ פון אַ מלוכה, — וואָלט איך שוין געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו גיין שלאָגן פאַר איר; ווען, למשל, מ׳ברויך זיך אַרויפכאַפּן אויף יענעם פון הינטן־אַרומעט, אָדער אַריינפאַלן צו אים פון פאָרנט־אַרומעט, — אַזאַ בקי בין איך; און נישט נאָר איך, נאָר אַפילו מיין קליינער יינג, לייבעלע, אַז ער שטעלט זיך אַוועק קאָמאַנדעווען, — קאָמאַנדעוועט ער אויך ווי אַ פאָלנער גענעראל; און אויב ס׳זאָל זיך קומען איינבעטן ביי מיר אַ קליין מלוכהלע, איינע פון יענע מלוכהלעך, — וואָס וואַלגערן זיך אין די בלאָטעס אויפן באַלקאַן; און מיר צוזאָגן עפּעס אַ גוטע פּרנסה אויף להבא, — אַזוי וואָלט איך מיך פאַר איר אַרויסגעשטעלט מיטביידע עלנבויגענס, און פאַר איר געפירט די מלחמה; מיט איר געקנעלט: ווען זי ברויך אויפשטעלן די פּלייצעס, און, — קענען פאַרנעמען קלעפּ; און ווען ווידער, דערלאַנגען, — אַז מ׳ברויך; און נישט ערגער פאַר די ריכטיקע שלעגער פון דער איצטיקער מלחמה, די דייטשן מיט די רוסן, — אַז זיי נעמען זיך פאַרהערן. און וואָס איז ס׳וואונדער? אַז מ׳לעבט מיט דער מלחמה, מ׳לייגט זיך שלאָפן מיט איר און מ׳שטייט אויף מיט איר; מ׳אָטעמט איר איין אין זיך ווי דעם שטויב, כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט: ווי דעם הייסן שטויב! און דעם צעגליטן! ווייסט נישט ווי ס׳ווערטל גייט: אַ שיקסע ביים ר׳ב קען אויך פּסקענען שאלות! פירן אַ מלחמה איז פונקט ווי פירן אַ מסחר... מ׳ברויכט האָבן מיט וואָס... קוילן, האַרמאַטן, דראָטן, ביקסן, זעלנער, — דאָס גייט אַלץ נישט צו פיס, נאָר דער עיקר זענען די ממתקים... און וואָס מער מע האָט טאַקע אין איר אַריינצולייגן יענע מעשה, — איז אַלץ בעסער... פאַר דיר און דיינס גלייכן, וואָס שטייען פון דער וויטענס, שטעלן אויף מויל און אויערן און שלינגען די אַלע בבא־מעשות, — וואָס ווערן וועגן איר אָנגעבאַקן; פאַר איך אַלע קוקט דאָס אויס: פלאי־פלאים! אָבער דאָס קען נישט גילטן פאַר אונדז, וואו מ׳קוקט אויף דער מלחמה מיט די אייגענע אויגן; און מ׳זעט: ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט, מ׳גיסט דאָס אין פאָרם אַריין, אָדער, ריכטיקער: מ׳זיצט ביים ווערקשטעל, וואו ס׳ווערן פאַריכט און אויסגעלאַטעט אַלע שטיקלעך פון איר, אַלע ברעקלעך, און מע שטעלט זיי צונויף אינאיינעם: אַ זעלנער און אַ זעלנער, אַ באַטעריע האַרמאַטן, אַ ראָטע פיסגייער, אַ סאָטניע רייטער מיט פּיקעס. און אַזוי

ווי ס׳ווערט פון די געקליבענע שטיקלעך און רעדעלעך אַ גאַנץ זיי־
גורל, — אַזוי ווערט פון זיי אויך די מלחמה.

ווי דו ווייסט: האָבן מיר שוין דאָ געהאַט קאַלט און וואַרים.
זיך געבראָטן אויפן הייסן און געבלאָזן אויפן קאַלטן. אמת: גוטס
אויבעט; ס׳קען דאָך נישט זיין בלויז שלעכטס אָן גוטס? מ׳האָט אונדז
טאַקע געוויזן אַ לעקעכל, אָבער, וואָס מאַכט עס אויס אַנטקייגן דעם
נישט גוטן, — וואָס מ׳האָט שוין דאָ אַריינגעכאַפּט? ס׳קומט מיר
אָפּיר ווי אין דער מעשה: וואָס די באָבע פלעגט מיר קליינערהייט
דערציילן פון די רויטע מענטשן, — אייבּאויגיקע, און צו וועלכע
ס׳אי, נעבעך, אַריינגעפאַלן אַן אונדזעריקער, און גראָד מיט צוויי
אויגן, מיט צוויי אויערן, און מיט צוויי פיס, — און זיי האָבן אים גע־
געבן אַזוי לאַנג צו קייען, צוגעטיילט פון די בעסטע מאכלים, ביז
ער איז שוין ראוי געווען צום מאַלצייט, — האָט מען אים אויפגע־
שטאָכן אויפן שפּיץ פונעם שפּיז, גאַנץ שיין אָנגעבראָטן אויפן
פייער, און זיך באַלעקט מיטן טייערן געבראָטענס. נאָר וואָס טויג
מיר די באָבעס מעשה? די וואָס מיטן רויטן מענטש און דעם איינעם
אויג אין קאָפּ? מ׳האָט דען נישט געזען: ווי זי פלעגט דאָס אַליין טון
מיט די געענדז אירע, ערב פסח? זיי אַזוי לאַנג געשטאָפּט, ביז זיי האָבן
אויף זיך גענומען אַ הויט, און, כע־כע... אַזוי זען מיר דאָ אויך אויס, ווי
די באָבעס גענדז, — וואָס זי האָט געשטאָפּט אויף פּסח; די מלחמה
שפּילט זיך מיט דיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז: נאָך אַ פּאָר קערבלעך,
נאָך אַ פּאָר קערבלעך, ביז דו האָסט שוין עפּעס איבערצוציילן, —
גיט זי דיך אַ כאַפּ און מאַכט כיק־כיק... און אַלץ וואָס בלייבט פון
דיר, איז, די ליידיקע קאַפּאָטע, און אַ מאָל, — דאָס אויבעט נישט...
וואָס זאָל איך דיר זאָגן? און וואָס קען איך דיר זאָגן? אויב ס׳אי נאָך
נישט אויסגעגאָסן געוואָרן אויף מיר די גאַנצע תוכחה? אַ ראיה
דהאָסטו: אַז ס׳אי שוין נישטאָ קיין איין שטיקל ערד אין גאַנץ קרוין
פוילן, — כ׳זאָל עס נישט האָבן אַדורכגעקנעטן מיט מיינע אייגענע
פיס. נאָר, וואַרט, וואָס האָב איך צו לויפן, — אַז קיינער יאָגט מיך
נישט; אָנהייבן ביי קריאת־שמע, אַז כ׳האַלט ערשט ביי מה־טובו?
אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז די וועלט, אַזוי ווי דו
זעסט איר, — מיט אַלע אירע משוגעתן, לופט־געשעפטן, — געוואָרן
אויס וועלט! און פון גרויסן יצר הרע צו אַלעם, — גאָרנישט געוואָרן!

מילא, וואָס דער יצר הרע איז געוואָרן טויט אויף ביידע זייטן, — דאָס איז גאָר אַ שיינע זאַך; צוליב דעם אַליין איז די מלחמה שוין ווערט אַ קניפּ אין בעקל! דו וואָלסט געזען, ווי לייבושל לובעלניקס הייזל, וואָס האָט געראַשט און געפּלוישט און איינגעריסן ווי אַ גייענדיק וואַסער, — איז געבליבן טויט אונטער די אויערן; די לאָדנס פאַרמאַכט, די פירהענגלעך פאַריקט, און די רויטע לאַמטער, —מ׳דאַרף איר אַרומזוכן מיט ליכט! פינצטער, חושך... ווער רעדט, פון אַריינשמעקן דערין? און וואָס גראַד דאָס הייזל? סתּם געשעפטן, ראַיעלע געשעפטן? וואָס ברויך מע מער ווי סוחרים, — דאָס איז דאָך סמבטיון; אַפילו זיי האָבן אויך אַוועקגעלייגט די כלים און דרייען זיך אַרום די פאַרמאַכטע קראָמען זייערע, מעלה־גירהן די שפּייעכטס אין מויל, און בלעזלען אַרויס די ציגנגען... וואָס מיר קראָמען? סחורה! ס׳איז אַלץ הפקר פּיעטרישקע! שלי, —שלך, שלך, — שלי, דו קענסט צוגיין צום ערשטן און בעסטן קרעמער, און נישט בלויז בעטן ביי אים פּייער צו פאַרייכערן אַ פּאַפּיראָס, נאָר אַראָפּנעמען דאָס ערשטע און בעסטע שטיק סחורה ביי אים פון דער פּאָליצע אַראָפּ. ווי און ווער רעדט פון געלט? וואָס איז געלט? ממה נפשך: אויב ס׳איז מלחמה, און מ׳ווייסט נישט וועמענס מאָרגן ס׳איז? אָדער, ריכטיקער, — מיר ברויכען נישט מער זיין ווי האַק־פּלייש פאַר איר? מ׳זאָל פון אונדז מאכן קרעפּלעך! וואָס וועט מיר העלפן יענעמס שטיק סחורה, און יענעמען וואַרימען מיין געלט? איי, וואָס ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַנדערש? אַז ס׳אי נישט אַזוי געוועזן, ווי ס׳האָט זיך, לכתחילה, אויסגעדאַכט? און אַז מיט געלט האָט מע נישט בלויז געקענט איינעמען די וועלט, נאָר די זעלביקע מלחמה אויך? אָבער, פאַר דער האַנט, האָט, מיט איין וואָרט: אויפגעהערט צו זיין וועלט, קיינעמס נישט די הייזער, נישט נחשב די פעטע גראָבע קראָמען. מ׳האָט פאַרלייגט די פּיס הינטער זיך, און זיך געזעצט קוקן אין הימל אַריין, — פּונקט ווי מ׳וואָלט צוריק יינג געוואָרן; און, — נישט אַנדערש ווי די חדר־יינגלעך אין אַ חול־המועד טאָג, ווען ס׳חדר איז צעלאָזט.

יא: די וועלט איז געוועזן ווי אַ צעלאָזן חדר.

און דאָס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט. דאָס רעדל האָט זיך גיך אַ דריי געטון. און אַזוי ווי עס איז אַלץ, פון דער ערשטער רגע

אַראָפּ אין דר׳ערד אַריין, — אַזוי האָט זיך עס, ווי אַ כישוף, געגעבן אַ הייב אויף, מאַמע קרוין! וואָס פאַר אַ הייב! דאָ זענען גאָרנישטאַ אַזוינע הויכע הייזער, — מ׳זאָל דאָס קענען צוגלייכן; כ׳וועל עס גלייכן צום העכסטן, וואָס איז דאָ פאַראַן, — צו סאָסקיס קאָמעניצע, — איז זי נישט העכער פון דריי שטאָק! וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז עס? אַז אַ זאַק מיט מעל, וואָס האָט פריער געקאָסט זיבן רינדל, — האָט מען פאַר אים געגעבן אַ זינג־אויף זיבן־און־זיבציק רינדל! איז דאָס נישט אַנדערש אַרויף ווי צו דיינע הייזער, וואָס דו האָסט אין אַמעריקע: דרייסיק שטאָק, און נאָך העכערע, — אויב ס׳זענען דאָ אַזעלכע... און וואָס, מיינסטו, — איז ווידער אַראָפּ אין דר׳ערד אַריין? דו וועסט מיך האַלטן פאַר אַ משוגענעם, פאַר אַ שטיק חסר דעה, און נישט גלייבן דיינע אויערן, נאָר, — אַז ס׳איז אָבער פאָרט אַזוי? ס׳געלט, — יאָ, ס׳געלט האָט געקריגן אַ כאַפּ; דערמאָן דיך נאָר: אַ הונדערטער! אַ רוסישער הונדערטער! אַ גאַנצע מאה! אַ לעבעדיקע יעקאַטערינע! איין געל־מאָט בלעטל אַזוינס, — ווי מ׳האָט זיך געביקט דערפאַר? געפאַלן כורעים? און ס׳אי מער נישט געבליבן ווי זיך אונטער צו ווישן דערמיט, נו? גיב אַ קוק צו מיין קליינעם יינג, צו לייבעלען, — האָט ער זיי ליגן צוקאַפּנס, אונטערן קישן, — אַ גאַנצן פּאַק; און ציילט זיי איבער יעדן אין דער פרי, אַז ער שטייט אויף, און יעדן אויף דער נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, מי יודע, — וואָס פאַר אַן אוצר ער וואָלט דאָ געהאַט! און ווען האָט דאָס אַלץ גענומען גאַרעווען, גיין העכער און העכער, כמעט ביז אונטער די הימלען, — דוקא ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די געשלעגן מיט די מלחמות הינטער דער נאָז, און ס׳לעבן איז נישט ווערט געווען קיין שאָס פּילוועך! דעמאָלט איז פאַר אַ שטיק שניט־סחורה, אַ שטיק לעדער, אַ פעל, אַן אויסגעקראָכענעם ווייגדל פון אַ פערד, אַ זאַק באָבעלעך, אַ קאַסטן נעגל, ערדענע טעפּ, אייזערנע, — נישט געווען מיט גאָר צו באַצאָלן. איז דאָס נישט קיין משוגעת פון דער מלחמה, אָדער ווי מ׳זאָגט ביי אונדז: אַ ווינק אין דער קרענק, וואָס מיר פאַרשטייען נישט און וועלן אויך נישט אָנהייבן צו פאַרשטיין?

מיך, אַז די מלחמה האָט מיך געכאַפּט, האָב איך, אויף דער הייסער מינוט, — נישט מער פאַרמאָגט ווי זיבן קאַרבן, שיין כסף? גענוג אויף צו לעבן? און נאָך מיט אַ מלחמה דערצי? און איידער איך

האָב מיך נאָך געגעבן אַ קער־אום, אַ דריי און אַ ווענד, — איז שוין די וועלט געווען אָפּגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער, און פאַרמאַכט ווי אַ טויטער אין אַ טרומנע; ביי מיר אין קעשענע געפינט זיך, קען מע זאָגן: נישט מער ווי אויף איין אָנבייסן; אָן אָנבייסן; ביי מיר איז נישט פון די קליינע זאַכן; די חברה מיינע לאָזט זיך נישט אָפּפטרן מיט אַ קיי און אַ שפּיי; אַפילו אויף טרוקן, — מוז מען איר אויך אונטערקו־מען מיט אַ גאַנץ קייל־עכדיק ברייטל פון פיר פינט, אַז מ'זאָל כאָטש האָבן אַ קליינע ווילע מנוחה. נאַר, נישט צו פאַרזינדיקן... די זיבן ריבל האָבן זיך, ב"ה, געקאָטשעט: נישט איינמאָל, נישט הונדערט מאָל און נישט טויזנט מאָל... און זיי האָבן זיך ביי דער מלחמה שוין איינמאָל צו באַלעקן, די קליינע חברה! טרוקן ברויט וועלן זיי עסן? און אַפילו מיט פוטער? און אַזוי הויך אָנגעשמירט? פוטער מיט ברויט! און דערמיט איז אפשר געדעכט מיין ווייב, ווען זי זאָגט: מיט וואָס איז בעסער געווען פאַר דער מלחמה, ווען אַ לחם האָט געקאָסט פיר פייעם, ס'הייסט: פיר זעקסערס, מער פאַדראָבנע: פיר־און־צוואַנציק גראָשן, ס'איז אַלץ געווען בזול הזול, נאַר, — מ'האָט נישט געהאַט דערויף? און ס'איז איצט אַ יקרות גדול ונורא, ס'עסן ברענט, איז מיט גאָלד צוגלייך, און... ס'איז, ב"ה, דאָ! די קליינגערס פעלן נישט! היכי דמי? נישט קיין שום אויסטערלישע זאַכן: די מלחמה האָט אויס־געלערנט צו פאַרדינען. פאַר דער מלחמה, פלעגט אַ קרעמער אין פוילן, אַזאַ שטייגער ווי איך, — זיך דאַרפן אָפּרייסן ס'געזונט מיטן לעבן, אויס־פאַרקויפן אין אַ יריד־טאָג אַ גאַנצן זאַק מיט הירזש, — ס'זאָל אים בלייבן ריוח דער ליידיקער זאַק! און, פאַרוואָס? ווייל ס'זענען געווען מער שוחטים ווי הינער! אויף יעדן קונה, בלי גוזמא, — אַ געוועלב; און יעדער געוועלב־סוחר האָט נישט געוואָלט אויס־שפּייען די נשמה מער ווי איינמאָל אין טאָג, — און נישט דריי מאָל אין טאָג... אָבער, אַז ס'האָט זיך געטון מאַכן די, אַ, מלחמה, און ס'זענען גע־וואָרן קונים ווי לייז, — פאַרדינט דער קרעמער וואָס דער ליידיקער זאַק איז ווערט בלויז ביי איין פונט קאַשע, אַז ער פאַרקויפט. נו? זעסט ווי די מלחמה האָט געמאַכט די מדינה פאַר אַ לייט? און דאָס טאַקע, וואָס זי טענהט־איין מיט מיר טאָג און נאַכט, מיין ווייב: אַז, וואָס טויג די חכמה ווען ס'נאַרישקייט גילט? און ווילסטו וויסן פון איינעם, — כאָטש ס'זענען פאַראַן אַ סך, וואָס בעטן: אַז די מלחמה

זאל מער קיינמאל נישט אויפהערן; האב איך דיר שוין פריער געזאגט, און בסוד: אַז מיין ווייב איז בתוכם; זי איז איינע פון יענע אַלע, וואָס ווילן די מלחמה! און גיי, טו איר עפּעס! זי וועט נישט קענען מער לעבן אָן איר, זאָגט זי; זי טענהט, און כ'ווייס באַלד נישט, — צי זי איז אומגערעכט: דאָס זינגט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, ווייסט זי ערשט דעם טעם פון אַ שטיקל פלייש צו זאָגן; און די קינדער אירע, — פון אַ ריכטיקע אייערבייגל מיט פּוטער, פון צעריבענעם קעז, צעמישט מיט פעפער און סמעטענע. אוי, געוואַלט, צוראַרעך! ערשט אין דער מלחמה, איז מיר אויסגעקומען צו דערשפּירן דעם טעם פון גבירישן צוואָרעך! הייגט, גיי און פאַרשטיי אַ יידענע! אַז אַ יידענע איז, אַפּנים, ס'אייגענע וואָס אַ מלחמה, מיט וועלכער מ'איז קיינמאָל נישט זיכער, — ווען זי קען אויסשיסן; און אויב מ'האָט אַ יידענע קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין, איז אַצינד צוגעקומען נאָך אַ זאַך: די מלחמה, — וואָס מ'קען אויך נישט פאַרשטיין. אַ, פּאַרדאָס, זעסטו, האָב איך מיך געפרייט, ווען דאָס האָט זיך, נישט הייגט געדאַכט, געמאַכט; און פונקט ווען זי האָט געהאַלטן שטאַל און אייזן פאַר דער מלחמה: „די מלחמה איז דאָס, די מלחמה איז יענץ און ס'אַ שאָד: וואָס זי האָט נישט אויסגעבראָכן מיט דרייסיק יאָר צוריק!" און, נישט הייגט געדאַכט, נאָך אַ מאָל: נישט הייגט געדאַכט, — ס'איז געוואָרן חושך! ואפילו! די אייגענע מלחמה, אַ מזל אויף איר, — האָט גענומען בריקען ווי אַ ווילד צעלאָזן פערד, און מ'האָט געברויכט כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס, לויפן אין קעלער אַריין (אוי, דער קעלער!), די קוילן זענען געפלויגן, — זיך אָפּגעשלאָגן אין די ווענט פונעם הויז; די שראַפּנעלן אויפגעריסן איבערן דאַך, און גראַנאַטן פאַרגלישעט מיט זייער פייפן... האָב איך אויף איר אָנגעשטעלט די אויגן, מיינע אויגן: „נו? האָסט געוואָלט אַ מלחמה? זיך דיר פאַרשמעקט אַ מלחמה? געמיינט: אַז מ'האָט אויסגערופן די מלחמה איבער די וועלט, — אַז זי זאָל האָבן דריי מאָל אין טאָג פלייש צו עסן, און זיך גראַבלען אין געלט, אַ? אויב אַזוי, — שלינג אויך אַרונטער אַ לעפל פון דעם ביטערן איינעמעניש, וואָס די אייגענע מלחמה האָט אין אירע טריפהנע בליטן..." אַז מ'וויל לעקן האָניק מוז מע זיך אויך ריכטן צו קריגן דעם שטאָך פון דער בין...

און אַפילו ווייטער אַריין: נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין געהאַט צו דערציילן פון גרויסע געשלעגן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אונדזערע שווּעלן, אויסגעגאָסן צו אונדזערע קעפּ, צו אונדזערע הענט און פיס, צו אונדזער לייב און לעבן, — איז זי, מיינסטו, — אויף אַ האָר בעסער געוואָרן? און זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר, אַט דאָס מענטש, — ווי דו קענסט איר, מיטן שטענדיקן קאַפּווייטיק, קרעכצן און זיפצן אירן, — און זיך געזאָלט קלאַפּן אין האַרץ אַריין: חטאתי, עויתי ופשעתי... ווען אַזוי פיל בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, יינגע מענטשלעכע לעבנס אויסגעריסן געוואָרן? און כ׳מיין נישט גראָד מיין ווייב, נאָר טאַקע די אַנדערע געלט-זעק אויך! ס׳וועט גאָרנישט זיין איבערגעטריבן, אַז כ׳וועל זאָגן, — דאָס מ׳שלאָפט אויף געלט; אַז מ׳האָט אין דער איצטיקער מלחמה צוביסלעך אַרויסגעשלעפּט די גראָבאָווינעס פונעם שעניק, און אים אָנגעפּילט צוביסלעך מיט געלט; נישט, חלילה, — מיט גאָלדן-געלט, זילבערן-געלט, — און אַז מיט פּאַפּירן-געלט איז שלעכט? ווי לאַנג מ׳קריגט דערפֿאַר אַלץ און פון אַלעם, וואָס מ׳קען זיך דערמיט אונטערלענען ס׳האַרץ? די איינע צרה: וואָס מ׳באַדאַרף זיך ארומטראָגן מיט אַ זאַק געלט אויף די פּלייצעס, און באַצאָלן דערמיט אויף דער וואָג, — פּאָר אַ שמעק טאַבאַק! און נישט איך אַליין בין אָנגעשטאָפּט... דו וואָלסט, אַ שטייגער, אָנגעקוקט שלמה שדכן, חיים בעדער, הירשל שמש, יוסף לייב דער גרעבער, און אַלע איבעריקע כלי-קודש, וואָס האָבן געלעבט פון די צווייערס מיט די גראָשנס, נאָך וועלכע זיי פלעגן זיך אַרויסלאָזן אַלע פרייטיק פאַרנאַכט איבער די געוועלבער, — וואָס אי שוין פאַראַן ערגערס און אָרימערס? זיי האָבן אויך זיך גענומען אַ בייע הויט! זענען כמעט אַלע אויפגעריכט געוואָרן ביי דער מלחמה, און האַנדלען מיט וואַגאָנען: וואַגאָנען אַרבעס, וואַגאָנען מעל, און אַז מ׳גנבעט ביי דער מלחמה אַוועק אַ וואַגאָן קוילן, — האַנדלען זיי מיט קוילן אויך! און, פאַרקערט, ווידער: חיים זלמן, משה מרדכי, די גראָבע טרעלבייכער, — פון זיי זענען אַפילו די בייכער אויך נישט גע-בליבן; זיי זענען אַראָפּ פון דער גדולה, געוואָרן יורדים, דרייען זיך אַרום ווי שאָטנס, און האָבן נישט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן; זיי האָבן ביי דער דאָזיקער מלחמה שוין פאַרזוכט נישט איין טאָג אָזעלכן, וואָס איך און מיינס גאַטונג איז אויסגעקומען אַלע יאָרן צו

שלינגען, — נאָך איידער די מלחמה איז אָנגעקומען צו רייטן... ווי אַזוי? דאָס איז שוין אַ סוד פון דער מלחמה... כ׳זע: דו הייבסט מיט די אַקסלען, און מיינסט: כ׳רעד פון היץ? אסור... ווער ס׳איז דאָ, — דאָ, דער זעט: אַז אַ מלחמה קען אַלץ מאַכן... וואָס קען אַ מלחמה נישט מאַכן? פון בלאָע הימלען, — רויטע, פון גרינע פעלדער, — טויטע, און אַפילו פון רייך, — אָרים... נו, ווי געפעלט עס דיר? ס׳געפעלט דיר יאָ? און כ׳זאָל דיר זאָגן, ווי אַזוי? מוזטו צו וואַרטן אַ ביסל. כ׳האָב מיך שוין דאָס מאָל אַזוי פיל אָנגערעדט, אַז מיין ווייב וואָלט געזאָגט: פאַר פייער און פאַר וואַסער. אין די ווייטערדיקע בריוועלעך וועל איך דיר זען מער מאריך צו זיין. ריכטיקער: עס צעקייען און דיר לייגן אין מויל אַריין. זעסטו: ווי פאַרנאַרט די מענטשן זענען דאָ געווען אין פוילן פאַר דער מלחמה, — אַ פינגעריט שכל וועלן זיי שוין האָבן ביי איר צוגענומען; און ס׳וועט שוין, ווי מ׳פאַר־האַפט, — ביי זיי אויך בלייבן אין די קעפ. און, אי״ה, אַז גאָט וועט שענקען ס׳געזונט און ס׳לעבן, רעכענט מע, יעדנפאַלס: די נייע גבירים, די היינטיקע געלט־זעק, רעכענען: דאָס נאָך דער מלחמה וועט ערשט פוילן זיין די ריכטיקע מדינה, וואו מ׳וועט זיך קענען צו זען ס׳בייכל.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו, מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני־בית: און מ׳זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

ממני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

דאָס דריטע בריוועלע

קעלץ, דאַנערשטיק, כ"ה כסלו, פרשה: מקץ, שנת: תרע"ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי', מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, מיט דער מלחמה, ווי זאָל איך דיר זאָגן? איז גלאַט וואונדער איבער וואונדער. ווער ס'אי נישט מיט איר, און לעבט נישט מיט איר, — איז גאָר אינגאַנצן נישט ווערט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט; כדאי צו לעבן, זיין איינגעשטעלט, באַדיי כאַפּן אַ פּלעט, — נאָר איר צו זען, איר אָנצוטאַפּן, ווי מ'זאָגט, מיט ביידע הענט; כאָטש, כ'וואָלט זי דיר מוחל געווען מיט קנין און מיט מנין. און בעסער באַשטאַנען צו עסן דריי מאָל אין טאָג אָנגעזיסטע שמעטאַנע מיט רויטע יאַגדעס, — און איר נישט קענען; און כ'ווינטש נישט מיינע קינדס־קינדער, — זיי זאָלן זיך ברויכן ווען־אַמאָל ס'איז טרעפן מיט איר, און באַגעגענען: סיי אין שטאָט און סיי אונטערוועגנס, כאָטש איך שטיי אין גרויסן און נעם זיך איבער (ס'איז משטיינס געזאָגט, דאָ מיט וואָס): אַז ס'איז פּלאי פּלאָים, הפלא ופלא, — און אַז נאָר איינמאָל אין הונדערט יאָר קען זיך מאַכן, — אַז ס'זאָל אַרויסשפּרינגען אַזאַ מלחמה! איי, מלחמהלעך, זאָגסטו, זענען אַלעמאָל געווען? יאָ: מ'האָט זיך ערגיץ געשטויסן ווי אָקסן מיט די הערנער, און זיך צעביצקעט די נעזער; ס'זענען געווען מלחמהלעך, אָבער, — נישט קיין מלחמות! און מיט אַזוי פיל חיילות! און, וואו? וואו קיין מענטשן גייען נישט... און נישט דאָ, אויף דעם שטיקל ערד, וואו מ'קען זיך, אַן עין הרע, נישט פאַרדרייען, — אַז מ'זאָל נישט אָנטרעטן ביי אַ שטאָט אויף די קנעכלען; און גיי, צעלאָז דיך מיט אַזוי פיל חיילות, האַרמאַטן, פערד און רייטוועגן! איז דאָך קיין חידוש נישט, וואָס די הייזער, די דערפער, און די

שטעט שטייען זיי אין דער וועג, און מוזן זיך אָפּטראָגן, ווען מ'באַדאַרף און ס'קומט אויס: מאַכן פאַר איר אַן אָרט, — ס'זאָל איר זיין געראַמ־ מער... אַז, ס'אי פּשוט ענג דאָ, — ענג פאַר אַזאַ גרויסע מלחמה! ס'אי פאַר איר קיין אָרט נישטאָ! און אויב זיי האָבן דורכאויס געוואָלט, אַלע איינאיינעם, און פאַר איין מאָל זיך שלאָגן, — זיך געברויכט אָפּזוכן ערגיץ, אַ מער בריוחדיק אָרט דערפאַר, די וועלט איז קליין? ווייניק פאַראַן ערד, מדבריות, — וואָס קיין מענטשלעכער פיס האָט נאָך נישט באַטרעטן? און נישט דאָ, — צווישן אַזוי פיל שטעט און דערפער? נאָר, מה אני: וואָס זאָל זיי דאָס גיין זאָגן? זיי אַליין ווייסן דאָס נישט? דער שכל איז ביי זיי אויסגעוועפּט? כאָטש מ'זאָגט: אַז דער שכל ווערט אַ מאָל אָפּגענומען ביים קליגסטן מענטש, ווי באַלד ער ווערט אַ האָר, אַ מושל! נאָר ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, האָט זיך דאָס אומישנע אַזוי אַרויסגעדרייט, — צוליב דעם ביסעלע יידלעך; ס'ביסל יידעלעך האָט שוין געשלינגען די שפּייעכטס פון מויל, גע'מעלה־גירהט אַ גאַנצן טאָג, ביז נאָך מנחה, אויפן ניכטערן, — זיי זאָלן אויף זיך געמען אַ הויט! און ווען נישט די מלחמה, איז שווער משיג צו זיין, — ווי זיי וואָלטן שוין דאָ אויסגעזען! די אָרימקייט וואָלט זיי זיכער שוין געהאַט אויפגעגעסן! און, אַגב, איז אויך באַשערט עפּעס צו זען פאַר די אויגן; וויפיל מאָל לעבט דאָס דער זינדיקער מענטש? און אַנטקעגן דעם וואָס דו מיטשעסט מיך, — כ'זאָל דיר דאָס צעקייען און לייגן אין מויל אַריין? גיין, ברודערשי, רו וועסט מוזן אַליין קומען, זיך שטעלן פּנים אל פּנים מיט איר, איר קוקן אין די אויגן אַריין, און דאָס צוזען... אַז איך זאָל דיר אָנכאַפּן, כ'וויס, אַ וועלט איבערקערעניש, — איז דאָס גאָרנישט; סדום ועמורה, — צוויי מאָל גאָרנישט; ערדציטערניש.
— נו, אַ גרויסע מעשה! ביי דיר, אין דיין אַמעריקע, ווי מ'הערט, האָט זיך, אָן אַ מלחמה, — די ערד ליב אַ שאָקל צו טון! ביי אַן ערד־ ציטערניש, למשל, ווייסט מע, אַז די ערד מאַכט אויף איר מויל, ווי ס'אַ שטייגער, געווען ביי קרחן: ותפתח הארץ את פיה, און איינ־ געשלינגען קרחן ועדתו; און ס'וואָלט אודאי גלייכער געווען, אויב מ'קען אים נישט אויסמיידן, דעם פינצטערן טויט, — אַזויערנאָך אומ־ צוקומען! און, נישט ס'לעבן זאָל פריער געמינערט ווערן צו ביסלעך, טראָפּעלעך־ווייז, ביז מ'וועט זיך מיט אַלעם אויסטון דערפון! גלייב מיר: ווען מ'זאָל מיך קומען פרעגן, — ווי כ'שרייב מיך דער

ערשטער אונטער דערויף און מיט בײדע הענט. נאַר, ווי? אויב תמות נפשי, — איז עס עם הפלשתים; זאָל מער קײנער נישט בלײבן; אין גם אחד, — אַפילו נישט קײן קלאַנג פון אַ מענטש! יענער זאָל בלײבן שטײן אויף די פיס, און מיך ברויכן אַרומפירן אויף אַ װעגעלע מיט פיר רעדלעך? זה לא, — און מיט אַ גרויסע אלף; דערויף ברויכן זײ צו לאַנג װאַרטן! דאָס װעסטו אַלײן נישט װעלן און מיך הײסן, — װען כ'זאָל אַפילו װעלן; און מיט דעם, זעסטו, איז די מלחמה אַנדערש פון אַן ערדציטערניש, װאָס בשעת אַן ערדציטערניש, — װערן אַלע גלײך אײנגעזונקען, און בײ אַ מלחמה, — נישט; אַ מלחמה מזיקט נישט אַלע, — גלײך; זי היפּט איבער: דעם יאָ, און דעם־יענעם, — נישט; זי כאַפּט אַרויס; װי־װעמענס מזל ס'איז: איז אײ־נעמס מזל ביטער, — װערט גלײך פון יענעם פּיפּקע; און בײ װעמען נישט, — װערט גאַר יענעם ליכטיק אין די אויגן; איז אים װאויל אויף דער װעלט, און ער איז בטוח: אַז ס'װעט אים נאָך מער זײן װאויל אויף יענער װעלט! װײל, נישט די קינדער זײנע, נאָר די אײניק־לעך און אור־אײניקלעך, װעלן זיך בענטשן מיט אים, אים לויבן, זינגען שירות ותשבחות: װאָס ער האָט שכל געהאַט זײ צו פאַר־זאָרגן, אַז ס'זאָל זײ ליכטיק זײן אין די אויגן.

פאַרשטײסט? װי, נאָך אַלץ נישט? איז בחנם, האָב איך מורא, — מײן טרחא, מײן מי און מאַטער, און װאָס כ'מאַך מיך נאַריש. און דו קומסט מיר נישט אַנדערש אַפיר: װי מיט יענעם װאָס מ'האָט אים געגעבן צו לײענען אַ בוך; ער האָט געלײענט און געלײענט, געשלינגען די בלעטער, און צום סוף, פרעג אים בחרם, — ער װײסט נישט פון זײנע הענט און פיס צו זאָגן; האָט מען אים אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט, — אַז דו װײסט נישט, איז בחנם דיר דאָס צו פאַרטײטשן; לײג אַ װעק דעם בוך, און זאָג: ער איז נישט פאַר דיר געמאַכט געװאָרן. די מלחמה איז אויך װי אַ בוך. און אויב די קענסט איר נישט באַנעמען, — זײ דיך מטריח צום מחבר אירן, װאָס האָט איר אויסגעטראַכט. די מלחמה האָט נישט קײן מחבר? װער האָט עס דיר געזאָגט, װער? אַ ממזר איז זי? ס'האָט איר װער אונטערגעװאָרפן? געפינען הינטער אַ פּלויט? דער מחבר אירער װײסט אַלײן נישט, װאָס ער האָט אויסגעטראַכט? ס'קען זײן, און אין דעם, זעסטו, װעל איך מיך מיט דיר נישט שפּאַרן. גאָר אינגאַנצן איז בײ אים דער קאָפּ נישט

אויסגעטריקענט. ס'שטעקט נאָך עפּעס אַ זינען דערינען, אַ גאַנג אין דער הייך, אַ שכלדיקער פּאַרדריי אין דעם גאַנצן געגיי, וואָס מ'קען אים נישט אויסשרייען מיט קיין שום געשריי; נאָר מ'ברויך זיין מיט איר, אין איר, און אַרויסקומען פון איר אַן אויסגעבאָדענער, אַן אונטער־געטייַנקטער און אַ לויטערער, מסתמא, אַז, מ'זאָל דאָס אַלץ וויסן ריכ־טיק, אויף דער האָר, און מיטן טראָפּ; און גיי קום אַרויס פון איר אַזויגער, — און גראָד מיט אַ קאָפּ! און אויב נישט אַצינד, ווייל די וועלט איז פאַרמאַכט ווי אַ קעסטל מיט אַ צודעקל, — מוזטו דאָס זען אָפּצולייגן אויף דערנאָך, ווען די מלחמה וועט שוין זיין אויס מלחמה; און אפשר וועט שוין דאָס מער קיינמאָל נישט זיין? און ס'וועט שוין אַזוי זיין מלחמה ביז משיח וועט קומען? אַזוי גיך וועט זי זיך זיכער נישט ענדיקן. און וועסט מוזן זען אַראָפּצונידערן פון דער גאָלדענער פּאָטער־שטול, אויף וועלכן דו זיצסט דיר דאָרטן; (זיצסט דאָרט נישט אויף קיין גאָלדענע פּאָטער־שטול?) דהייסן צע־לאָזן אַלע דיינע משרתים און יוצר משרתים (האָסט נישט קיין משרתים, מיט קיין יוצר משרתים?) צעטרייבן די פּלגשים, די קעפּס־ווייבער (קיין פּלגשים האָסטו אויכעט נישט? צו וואָס ביזטו ווידער אין אַמעריקע?) זיי זאָלן נישט ברויכן שטענדיק קוקן אויף דיין נאָז, — צי דאָס פּליגעלע בייסט? נאָר יעדע זאָל זיך האָבן איר אייגענעם און באַשטענדיקן ביישלעפער... קומען אַראָפּצורייטן אין דער אָרימע און צעטראָטענע באַגריע, און נישט אויף קיין ווייס פערדל, און אויך נישט אין קיין בגדי מלוכה, און נישט רעדן קיין תרגום־לשון, נאָר אַזוי אייגן ווי פריער, אַז דו ביזט דאָ געוועזן, מיטן עק פונעם גרינעם הערינג צו אָן דעם עק... וואָרן, צי איך וועל נאָך אַ מאָל קומען צו דיר, אין דער גאָלדענער מדינה (וואָס פאַר אַ גאָלדענע מדינה איז עס, — אַז דו זיצסט נישט אויף קיין פּאָטער־שטול? האָסט נישט קיין משרתים, און אַפילו נישט קיין יוצר משרתים? אָפּגערעדט פון פּלגשים!). וואָרן, צי איך וועל נאָך אַ מאָל קומען צו דיר, ווי איך האָב, לכתחילה, געמיינט, — בין איך שטאַרק מסופּק; איך ווייס קודם נישט, — צי מיין ווייב וועט מיך לאָזן; ביי אונדזערס־גאָל (און אפשר ביי די אויפגעקלערטע לייט אויך?), — האָט דאָס ווייב, אויב נישט די גאַנצע דעה, איז אַ האַלבע פאַרגעוויס; און אויב קודם מתן תורה, פאַר דער מלחמה, הייסט עס, — איז ביי אונדז געווען אַ י ן געדאַנק,

איין רעיון: אוועקצופארן קיין אמעריקע! זענען שוין וועגן דעם
ביי אונדז פאראן חלוקי דעות. אמעריקע איז שוין כמעט ווי צעריבען
געווארן. דאס רעדל האט זיך איצט, א דאנק און א לויב, פריער דעם
אלמעכטיקן, און דערנאך די מלחמה, — איבערגעדרייט; און אויב
מ׳איז געלאפן קיין אמעריקע, ווייל מ׳האט נישט געהאט וואס צו
פופלען, מ׳האט געפעכניעט, — זעט מע איצט קיין נויט אויף אונדז
נישט אן! איך בין מער ווי זיכער, — דאס זי וועט מיך נישט ארויס־
לאזן אין ערגיץ, מיינע: נישט נאר קיין אמעריקע, נאר אפילו נישט קיין
ארץ ישראל; וואס, ארץ ישראל איז ביי יעדן ייד מער איינגעבאקן
אין הארץ פאר אמעריקע. און פארוואס זאל זי מיך דאס יא לאזן?
זי וואלט דאך געברויכט זיין משוגע צום טויט! (משוגע איז זי, נאר
נישט צום טויט!) לויפן זוכן גליקן ערגיץ אין דר׳ערד אריין, — אז
זי וועט קיין בעסערע גליקן ווי דא אין ערגיץ נישט געפינען; צי ס׳זאל
זיין אין ארץ ישראל, צי, אין אמעריקע, — אויף וועלכע מ׳האט
אפילו אויסגעטראכט, — אז ס׳ליגט גאלד אין די גאסן! סיי, כ׳זאל
מיך גיין ארייגלאזן אין שלעכטע מחשבות, ביטערע: אז די מלחמה
וועט זיך אזוי לאנג פארציען, און משיח זיך נישט איילן צו קומען, —
ביז מ׳וועט אראפעסן ס׳העמד פונעם לייב אראפ! און ס׳וועט שוין קיין
אנדערע ברירה נישט זיין, ווי צו כאפן ס׳פעקל אויף די פלייצעס, און
לויפן נישט נאר קיין אמעריקע, קיין ארץ ישראל, — נאר וואו די
וועלט האט אן עק; און אפילו קיין עק אויכעט נישט! נאר, וואס
האב איך אזוי פיל ארייגצוקלערן? און דעם גאנצן קאפ אין איר
ארייגצולייגן? און א שטיקל איז פאר איר ווייניק? וועט בלויז א
שטיקל פונעם קאפ געררט ווערן! און נישט ארומגיין מיט אלעם
חסר דעה... ווארן, מ׳ווייסט דען אזוי יא צי מ׳לעבט? ביז דענצמאל,
הרי אני בטוח, בין איך זיכער, — דיך דא צו האבן, און זאלסט זיין מיין
מענטש, כאטש פאר א ווײלע; און דא אויפצושלאגן דאס געצעלט דיינס,
— דערפון האלט איך נישט; מילא: די משרתים ווי די משררתים, —
זיי וועלן זיך נאך דא אפזוכן; נישט אלע זענען רייך געווארן ביי דער
מלחמה! ס׳זענען נאך פארבליבן גענוג ארימעלייט! איבערהויפט, די
איצטיקע אפגעקומענע גבירים! אבער די קעפסווייבער, — וואו וועט
מע פאר דיר דא נעמען קעפסווייבער? און אז כ׳וועל מיך אוועקזעצן
נעבן דיר, און אזוי זיצן (אויב מיין ווייב, פארשטייט זיך, — וועט לאזן),

— דרייסיק טעג און דרייסיק נעכט, פנים צו פנים, אויג צו אויג, און, שאַ־שטיל... גאָרנישט רעדן... נישט אַרויסלאָזן די פּאָרע פונעם מויל... אָדער דיך נעמען אונטערן אָרעם, דיך אָוועקפירן אויף יענע ערטער וואו די מלחמה האָט געפּאַנעוועט; אין באַגריע, למשל... זאָלסט אָנ־טאַפּן מיט די אייגענע הענט, — ווי ס'זאָגט ערגיץ ביי אונדז א גרויסער שרייבער; זען מיט די אייגענע אויגן, און נישט דורך קיין אַנדערנס (מיט פרעמדע הענט איז בלויז גוט פייער צו שאַרן, אָבער מיט פרעמד'ע אויגן צו זען?), איך וועל מיך דענצמאָל אָפּרוקן, און דיך לאָזן שטיין, איינעם אַליין, אונטער גאָטס טיפע הימלען, און לאַנגע הויכע אויפגעטורמטע ברידער קברים, און הערן דעם ייגגן טויט אָטע־מען איבערן פעלד — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — דאַרף מען נישט האָבן אין דר'ערד די זעק מיט געלט, און די אַלע וואָס פּאַשען זיך די בייכער ביי דער מלחמה, — וואָס האָט דערצו גורם געווען?

ביז דעמאָלט, דאַכט זיך, — ווערט שוין משיח אודאי פון לאַנג האָבן געקומען. כ'ווייס? ווי מ'רעדט דאָ, — ריכט מע זיך אויף אים, כמעט יעדן טאָג; און אַז עס איז דער קץ, — דאָס זעט דאָך יעדער איינער, באַשיינפּערלעך; יעדן אויף דער נאַכט, אַז מ'לייגט זיך שלאָפן, ריכט מע זיך, אָן אַ געלעכטער, — דאָס אויב מ'וועט נאָך דערלעבן אויפצושטיין, זאָל מע פאַר געוויס הערן שופר של משיח, וואָס וועט קומען וועקן די אַלע נרדמים, שוכני עפר, פאַרוואָגלטע פאַר־לוירענע, צעשטאָכענע, און זיי אויפשטעלן פאַר די אויערן: „שטייטס־אויף, איר אומגעקומענע און פאַרשניטענע פון דער מלחמה, — און נאָט אייך צוריק אַפּ ס'לעבן! ווייל, איך בין שטאַרקער פון דער מלחמה! וואָס די מלחמה לייגט אַוועק, שטעל איך, משיח, צוריק אויף!" און, גלייב מיר, דאָס ווען ער זאָל זיך מיישב זיין און דאָס טון, — וואָלט ער געטון ווי דער גרעסטער חכם אין דער וועלט! וואָרן, אויב נישט איצט, ווייס איך נישט, — צי ער וועט דאָס נאָך אַ מאָל באַווייזן, און פאַר עמיצן דאָס האָבן צו טון; נישט, חלילה ווייל ס'ביסל יידעלעך איז שוין אויף אַזוי ווייט קאַליע, פאַרדאָרבן, אַז זיי האַלטן שוין אויף דער זעלביקער מדרגה ווי די יידן אין מצרים, ביי די מ"ט שערי טומאה, ניין! יידן זענען איצט, אין דער מלחמה, נאָכמער גע־וואָרן יידן; פון די קלעפּ האָבן זיי צונויפגעלייגט אַלע אינאיינעם

די קעפּ, און ליגן אויף דער קיפּע, אַזוי ווי די לעמער, מיט די אויגן אַראָפּ און די הענט אַרויף: „משיח, זיי נישט קיין עקשן! משיח, לאָז דיך נישט בעטן! משיח, שטיי נישט אַזוי אין גרויסן! קום, ווי לאַנג מ׳בעט דיך, ווייל דערנאָך קען דיך קיינער נישט האָבן מער צו בעטן, און האָבן צו וועמען צו קומען! קום אַרויסנעמען דאָס ביסל יידן פון צווישן דעם ערב־רב, פון דעם געהינטעכץ, פון דער בייזער מלחמה, וואָס האָט אויסגעשטשירעט די ציין ווי אַ הונגעריקער וואָלף, און נישט זי וויל, — נאָר זי האָט זיך שוין איינגעביסן טיף אין לייב און אין לעבן אַריין! קום, משיחל, און, מ׳זאָל נישט מער ברויכן ציטערן ווי אַ פיש אין וואַסער פאַרן יום הדין, — פאַר אַ ליאַדע שווערדל, פאַר אַ ליאַדע קנעפּל, און פיר אונדז אַהיים אין אונדזער אייגן לאַנד אַריין! (אויב ס׳אי דאָרט אויך נישט די מלחמה!) און נישט איך זאָג עס דיר, אַ יחיד, נאָר אַלע יידן, אַפילו יענע וואָס האָבן אָנגעקליבן די זעק מיט געלט, — זיי וועלן אויך זיין מוכן ומזומן דאָס אָוועקצוגעבן, אַ שווער שטיקל אַרבעט אַפילו, — אָבער לאָמיך נאָר אַזוי גיך אַדורכקומען מיט דיר, משיח, ווי כ׳וועל מיט די געלט־זעק אויך אַדורכקומען; זיי זענען נאָך נישט צום ערגסטן. אַפילו מיין ווייב, כאָטש איך ווייס נישט, — ווי כ׳וועל אויסזען ביי איר; און צי כ׳וועל האָבן אַזאַ גרינג שטיקל אַרבעט ביי איר; כע־כע... אַז כ׳האָב איר בייגעקומען, ווען זי איז געווען אַ מיידל, — וועל איך איר נישט בייקומען, אַז זי איז אַ ווייבל? שוין קיין ווייבל אויכעט נישט! כ׳ווייס, וואָס זי איז? נישט יענץ און אויך נישט — דאָס; עפּעס ווי כמו, — אַ שטיק יידענע, אַ צעקראָכענע, מיט אַ גראָבע הויט, מיט אַ גרויסן שלימפּער, — און זי וועט דאָס זיין דער תקיף? זיך שטעלן צווישן משיחן און דער וועלט? צוליב אירע זעק מיט געלט? הע? שאַ, שטיל זאָל זיין, יידענע! ליג דאָרט איינגעלייגט איבערן קעסטל טיי צי איבערן וואָגן היי, — און זיי שטום! לאָמע דיך נישט הערן. מ׳רעדט פון אַ הויכן ענין, — פון משיחן! שווענק דיר אויס דריי מאָל ס׳מויל, איידער דו גייסט אים נעמען אויף דער שפּיץ צינג, און באַווייזן אַריבערצופירן איבער דער שוועל, כ׳מיין: איבער די ליפּן, — אין מויל אַריין! הע? וואָס האָסטו מיך עפּעס מכבד געווען מיט אַ קישן איבערן קאָפּ? כע־כע, וואָס אַ יידענע איז? שוין יאָ דערלאַנגט, — איז עס מיט

אַ קישן איבערן קאָפּ! ס׳האָט דאָך שוין, פאַר איין וועג, געקענט זיין אַ שטיק האָלץ? איז עס דאָך צו־אַבער אַ ווייב, און באַרעכנט: אַז מיט אַ שטיק האָלץ קען מע גיכער פּלעטן דעם מח ווי מיט אַ קישן! דהכלל, וואָס איז אין מיטן דרינען געוועזן ס׳וואָרפן? ווייל כ׳האָב געשריגן מיט באַנומענע קולות, — משיח! ס׳הייבט זיך גאָר נישט אָן! זי וויל, — איך זאָל צוגיין באַקן ברויט! בכן, אַלע יידן באַקן. ס׳אי פאַראַן אַזוי פיל חיל, אַז די גאַנצע שטאָט האָט געמוזט ווערן בעקערס, — מ׳זאָל זיי קענען, ווי־ס׳איז, פאַרשטאָפּן די מיילער מיט ברויט! מיין ווייב, וועלכע איז פאַרוואָרפן מיט גרויסע געשעפטן, און קען זיך נישט צו־אָפּגעבן מיט די נאַרישקייטן, — רייסט פון מיר שטיקער: „שטיי נישט, קלמעלע, — הער אויף צו האָבן אַן אַרבעט מיט משיחן! טענה דיך ווייניקער אויס מיט די משפּחה דיינע אין אַמעריקע, — דו וועסט פון זיי ביידען גאָר נישט האָבן; נאָר פאַרקאַטשע די אַרבל, צי אַראָפּ די שטיוול פון די פיס, מיט די צילקעס, קריך אַריין מיט זיי אין דער בייט מעל מיט וואַסער, — און שטעל דיך קנעטן און וועלגערן! ס׳קומט יעדע רגע אַריין אין שטאָט פריש מיליטער, וואָס לויפט אַרום ווי פאַרסמט איבער די הייזער, און רייסן אָפּ די פאָלעס: מ׳זאָל זיי געבן ברויט! ראשית, קען מע זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן, און נאָך ווי, — אַז מ׳זאָל זיי דאָס נישט האָבן צו געבן; און והשנית, — לייגן זיי דאָס געלט אויפן טיש. די סאָלדאַטן גייען אַריין און אַרויס — הונגעריקע זעלנער, און כאַפּן די בילקעס קאָכעדיקערהייט פונעם אויווען אַרויס, האַלב רוי, האַלב צעבערענט; אַז מ׳איז הונגעריק, און נאָך דערצו אויף דער מלחמה, — וועט מען דאָס גיין נאָכקוקן? זיי ווילן קודם שטילן דעם יצר הרע, — דעם פּרעס; איי, זיי וועלן זיך פאַר־דאַרבן? זיך קראַנק לייגן? איז אַ כשר׳ער טאָפּ און אַ כשר׳ער לעפל! וועט מע פּטור ווערן פון גיין אין פעלד אַריין; און ליגן (אַזאַ גליק!), אָנשטאָט אין די אָקאָפּעס, — אין שפּיטאָל! נו, וועל איך מיך גיין אַנטקעגן שטעלן דער יידענע, און זאָגן: אַז כ׳וויל נישט באַקן? און כ׳וועל אַ סך אויסנעמען ביי איר? דעמאָלט וועט זי מיר שוין נישט הערן קיין קישן אין קאָפּ אַריין, נאָר טאַקע אַ שטיק האָלץ, — און ביי איר זיין אויף דער מלחמה! גיי, שלאָג דיך מיט אַ יידענע! אַז אין דער איצטיקער מלחמה, זאָגט מע, — זענען זיי ס׳אייבערשטע פונעם שטייסל! איי, כ׳ווייס נישט מיט וואָס? דער שכל איז מחייב:

אַז ס'זאָל גאָר זײַן פאַרקערט; דאָס אַ לויט מאַנספּערשוין זאָל נאָך דער מלחמה זײַן אַ לויט גאָלד! איז דאָס געזאָגט געוואָרן אויף להבא, — אויף נאָך דער מלחמה; און דערווײַל, ווי לאַנג ס'איז מלחמה, — האָט מען אַפּנים, זיי אויפגעשפּילט! און וואָס מ'זאָל נישט דאַרפן: אַ פּרזשע־פּוסטקע, אַ פּאַסירשײַן, ווי דער טריפּהנער דײַטש זאָגט אויף דעם, — מוז מע נאָך דעם שיקן די ייִדענע... זי איז גיכער מסוגל דאָס צו קריגן...

דער אויווען ברענט, ס'פײַער פּלאַקערט, און ס'פּאַרדריסט מיך, בנאמנות, וואָס כ'מוז איבעררײַסן דאָס בריוול אין מיטן; אַז איך זעץ מיך אַוועק שרײַבן, איז דאָס בײַ מיר, פּונקט ווי כ'וואָלט מיר אַראָפּגע־רעדט פונעם האַרץ, — אויפן פּאַפּיר; און אַז מײַן ווײַב שטעלט־אָן דעם טאָן; „וואָס וועסטו אויסטײַנטלען, וואָס"? פּיל איך מיך אַרײַנצולאָזן מיט איר אין אַ געשלעג, אויף טויט און אויף לעבן: „דאָס איינע שטיקעלע הנאה מײַנס, איז דיר אויך גרויס אין די אויגן?" איי, וואָס זי וואַרפט אַ קישן? כאַפּ איך אַ לאָמפּ, און, — זאָל זײַן הימלעך ביז אַרונטער! און ס'וואָלט אודאי נישט געהאָלפן אפילו דאָס געשריי מיט דעם געוואַלט פון די קינדער, — ווען ס'זאָל זיך נישט אויפמאַכן די טיר, און ס'זאָל אַרײַנקומען דער כתוב השלישי, מײנט מע: אַ זעלנער, און נאָך אַ הונגעריקער דערצו; און אויב דאָס איז נאָך ווייניק וואָס ער איז הונגעריק, — האָט ער נאָך אַ ביקס אויפן אַקסל, מיט אַ שווערד בײַ דער זײַט; און ווען כ'זאָל מיך נישט צוכאַפּן, אויף דער גיך, צו דער שויוועל, — וואָלט איך שוין אַ ברירה געהאַט צו ליגן אַדורכ־געשטאָכן, אַדורך און אַדורך; און דאָ וואָלט שוין נישט געווען קיין מלחמה מיט אַ ווײַב, אַ ייִדענע, אַ שלאַק, אַ מרשעת, נאָר מיט אירט, — מיט דער מלחמה־ס אַ מענטש! אַ זעלנער, פּאַר וועלכן מ'האָט אַלעמאָל געציטערט אימת מורא, און נישט נאָך אַציינד, — ווען די גאַנצע וועלט שטייט־איין בײַ אים אין דער האַנט. וואָס בין איך? און מײַן ווײַב? צי מײַנע קינדער? און די גאַנצע שטאָט ייִדן מיט זייערע ווײַבער און קינדער, — קעגן דעם מינדסטן פינגערל פון אַ זעלנער? אַזאַ חברה־מאַן, אַז ער לאָזט נאָר אַרויס די פּאַרע פונעם מויל, כ'ווייס? נישט אַ ברויט, נאָר ס'טעלערל פון הימל ער זאָל וועלן, — וואָלט מע דאָס אים אויבעט געמוזט דערלאַנגען! און ווען אפילו אויף אַ ייִדן קישעלע! דעריבער, ברודערשי, ווי זאָגט מײַן ווײַב? לייג אַוועק

די אַלע טענות ומענות, דאָס בריוועלע, די משפּחה אין אַמעריקע, און אַפילו די גאַנצע מלחמה, — און שטעל דיך באַקן ברויט, ווייל ס'איז מלחמה אויף דער וועלט! די סאָלדאַטן דאַרפן האָבן וואָס צו לייגן אין מויל אַריין, און קייען. ס'איז נאָך גוט, אַז מ'האָט זיי מיט וואָס ס'מויל צו פאַרשטיפן. ס'וואָלט געווען ערגער, — ווען מ'זאָל, חלילה, נישט האָבן.

פאַרקאַטשע די אַרבל, און, ווי האָט די באָבע געזאָגט: ווער ס'איז נישט פויל דער האָט אין מויל.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני־בית; און מ'זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

— מיני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד,
קלמן יאַנקל

דאָס פערטע בריוועלע

קעלץ, ח׳ טבת, פרשה: ויחי, שנת: תרע״ה. לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע צו הערן פון אייך, אַך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, ברודערשי, אַזוי ווי מ׳האָט אויסגערופן די מלחמה איבער דער וועלט, און ס׳ביסל יידן האָט באַדאַרפט איינגיין, — זענען, אַזוי לאַנג ווי ס׳אי געווען שטיל, מלחמה געווען מלחמה ערגיץ וואו (די וועלט איז דאָך גרויס!), — די יידן טאַקע אַרומגעגאַנגען ווי טויטע, און אָן קעפּ... און נישט: ווייל ס׳איז מלחמה, נאָר טאַקע דערפאַר ווייל זי איז נישט, און מ׳זעט איר נישט... וואָס ס׳האָט באַדאַרפט זיין פאַרקערט, — איז גאָר געווען פאַרדרייט; איז, צוליב דעם, הערסטו, — דאָס ביסל יידן נישט געווען קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר שאָטענס, — וואָס זענען געלעגן ווי צוגעלייגט צו די ווענט: „אלמאַי, וואָלט מען איר די זכיה געהאַט צו זען? איר אַריינריקן דעם ברייטן שלום עליכם! און אפשר, אַז מ׳וועט איר אָנקוקן אויפן פנים, — זיך געטראַכט, — נישט אַזוי האָבן ס׳קדחת פאַר איר?" געדענקסט שלום בערן? דעם אויסגעטריקענטן טוכאָטניק, מיט די איינגעפאַלענע באַקן, און דעם שיטערן אויסגעקראָכענעם בערל? אוי, שלום בער! ער שטייט מיר איצט פאַר די אויגן. כ׳זע אים: דעם דאַרן, פאַרטונקעלטן, מיט אַריבערגעהאָנגענע ברעמען, מיט דעם שיטערן בערדל, אָן פנים, אויף וואָס, כ׳האָב שטענדיק געהאַט אַ קלער, — עס קען זיך האַלטן; אַז, ס׳איז אונטער דעם גאָר קיין ברעקל באַק נישט געווען! אַלעמאָל: איינער אַליין, ביחידות, — ווי ער קלעפּט אין די ווענט; אַ מרה־שחורהדיקער, אַן אָפּגעדאַנקטער, — אַזוי ווי די וועלט וואָלט אים קנאַפּ אָנגעגאַנגען; און כאָטש ער איז גלייך מיט יעדן איינעם אויף איר געבוירן גע־

וואָרן, און מער אויך צו איר צוגעטראָגן, לאָמיר זאָגן, — מיט זיין שאַרפן קאָפּ, חריפותדיק זדיידל, קלוג פאַרטראַכט וואָרט, ווי, למשל: טודרוס קצב מיטן רויטן געזונטן קאַרק, — פונדעסטוועגן, זיך ווייניקער פאַר אים מיט זייער אָנגעקערט, מיט דער וועלט; איז זי מער געווען טודרוס קצבס, — ווי ז י י נ ע. נו? טוט נישט דער רבונו של עולם אַ סך מאָל אַ קרומע זאַך, און מיינט: זי איז גלייך? יאָ, ברודערשי, אַזוי האָבן מיר אַלע דענצמאָל אויסגעזען ביי איר, אַלע ביז אַרונטער, — ווי שלום בער! ס'איז נישט געווען אונדזער וועלט! די וועלט האָט זיך מיט קיינעם מער נישט אָנגעקערט, און קיינער נישט, — מיט איר; די וועלט איז זיך געווען באַזונדער, און די מענטשן, — באַזונדער; צוויי, איינגאַנצן, — באַזונדערע זאַכן; מ'האָט זי געהאַט אַרויסגענומען ביי אונדז פון די הענט, די וועלט, — אַזוי ווי ביי שלום בערן! און, גלייב מיר, אַז ס'וואָלט אודאי גלייכער געווען: מ'זאָל אונדז אַלע האָבן פאַרבעטן אויף דער חתונה! וואָרן אַזוי, — איז נישט געווען געלעבט און נישט געשטאָרבן; נישט: אַ פינגער וואו איינצוטינקען און נישט די ליפּן צו באַנעצן. הייַנט, צו וואָס טויג עס? ממה־נפשך: אויב יאָ אַ מלחמה, און נאָך מיט אַלע פּליטערלעך, — זאָל מע כאָטש עפּעס זען פאַר די אויגן! סתם געקומען אַ יובל: די וועלט האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, צי מ'האָט ביי איר אַראָפּגענומען דעם גראָבן שטריק פון האַלדז, און ס'איז געוואָרן שבת; כולו שבת; אַלץ שטייט, די פאַבריקן שטייען, מע אַרבעט נישט, מע זייעט נישט, און מע שניידט נישט; בעלי־מלאכות דרייען זיך אַרום מיט די ליידיקע הענט און אָפּגעשמיסענע היגטענס, און גלאָצן אין הימל אַריין: „צי מ'וועט זיי נאָך באַדאַרפן צו עפּעס?" — — — — — — — —

— — — — — און, קענסט דיר זאָגן: „אַז ס'איז גאַנץ גוט אַזוי; אַז דו וואָלסט אפשר אויך נישט בעסער געווען!" איך האַלט מיך ביי ס'מייניקע: אין לייַ, — ווי מ'האָט זיך פאַרזינדיקט, און נישט מער; כאָטש ביי מיין ווייב קומט אויס פאַרקערט ט'שפּיל; ווייל זי האָט פון תמיד געלאַפּנעט, אַ ווינט געבלאָזן אין אַלע ווינקעלעך פון אירע קעשענעס, און איז איצט, ווי גרויס און אַלט זי איז, — אַזוי גרויס געלד, — מוז דאָך ביי איר דער שכל אין קאָפּ שוין זיין איבערגעקערט! איך געם זיך מיט דעם אַלעם נישט זייער איבער. פאַרוואָס? וועל איך דיר איינרוימען אַ סוד: אַז איך האַלט נישט פון מלחמה

געלט! פונקט ווי נדן־געלט, ירושה־געלט, זאגט די וועלט; האט נישט קיין קיום, לייג אייך, קלמן יאנקל, צו די אלע געלטער צו: מלחמה־געלט! דו וועסט לאכן, און מיטהאלטן מיט מיין ווייב: אז כ'בין צע־דרייט, ס'האט מיר עמיץ דעם שכל פארגייט? איך האלט מיך ביי ס'מייניקע: אז דאס געלט איז פונקט ווי מ'כאפט ביי די ערשטע קארטן; און ביז העט־העט, אז מ'וועט דערלעבן צו זען אויפן זייגער ביידע ווייזערס אינאיינעם, ס'וועט אויסקלינגען צוועלף, און ברויכן אויפ־שטיין פונעם טיש, — וועט זיכער צו־פעלן צום קרן; די מלחמה, ברו־דערשי, — האט זיך דערווייל ערשט אנגעהויבן; און הלואי זאל זי זיך אזוי גיך און בשלום ענדיקן, ווי כ'באשטיי, און מיטן גאנצן הארץ, — צו בלייבן אן דעם געלט, ווי ס'געלט זאל בלייבן אן מיר; יע־נעמס מעשה: וואס טויג מיר א באָרד אן א ייד, אז ס'אי גלייכער א ייד אן א באָרד!

הכלל, אזוי ווי מ'האט מקטרג געווען: מ'זעט נישט און מ'הערט נישט גאר, — האט אונדז גאט ברוך הוא גלייך מזכה געווען מיט דער מלחמה: „דאס האט איר זי, — אויב ס'גייט אייך אזוי אין לעבן!" און, — באנק! זי האט אויסגעשאסן! ריכטיקער: אונדז גענומען אין דער ארבעט אריין, און הלואי זי זאל שוין, טאטע־פאטער, — א מאל אפ־לאזן! יא, ברודערשי, זי איז אנגעקומען צו רייטן, די מלחמה, מיט קולות וברקים, דינערן און בליצן, — און ס'איז געווארן דהיימלעך מיט איר אויף טיש און אויף בענק... אז כ'דערמאן מיך אן יענע טעג, — און וואס איז דער מער מיט די היינטיקע טעג? איז, פרחה בשמתי, — שטייט מיר נאך די נשמה אויף דער שפיץ נאז! מ'ליגט אין קע־לער, און מיין ווייב, די גרויסע צעלייגערטע, וואס האט זיך איינגע־רעדט: אז זי האט שוין אנגעכאפט די מלחמה ביי דער באָרד, און ס'איז איר מלחמה, — זי ליגט מיט אלע צוגלייך, האלט ארומגענומען די קליינע חברה, און קלאגט און וויינט ס'חורבן: „נעם דיר אפ ס'דייניקע, און כ'וויל בלייבן ביי ס'מייניקע; לאז מיך ארויס פונעם עסק!" מיט אונדז אין קעלער ליגט נאך א מנין משפחות, דער גאנצער הויף יידן מיט ווייבער, — קענסט דאך דעם הויף מיט אלע אפיצינעס ארום, מיט די גערטלעך, ביימלעך, און די יידן מיט די ציגן... מ'האט אפילו דעם גוי, דעם איינציקן גוי פון הויף אויכעט מיט־גענומען, — ס'אי זיינס נישט ווייניקער א שאד; ער רעכנט זיך

פאַר די רעכטע האַנט פונעם הויף: ער קערט אים, רייניקט אים, גייט־
נאָך נאָך איטליכן קיגד מיט אַ בעזעם אין האַנט, און וואו וועלכעס עס
לייגט אַוועק און מאַכט־אָן, פאַרקערט ער, — ס׳זאָל גישט זיין אָנגע־
מאַכט... כאָטש זיין מויל פאַרמאַכט זיך גישט דערביי, און שעלט מיט
טויטע קללות... זיצן מיר איגעם קעלער, און דורכן לאָך פונעם פענצ־
טערל, טוט אַריין און אַרויס דאָס פייפן פון די גראַנאַטן, — גראָד ווי אַ
גאַנצער בינשטאָק וואָלט געזשעט און געזשומעט; דאָס פלאַצן פון די
שראַפנעלן, וואָס צעשפּרינגען אין דער לופטן, — איז ווי דאָס
פלאַצן פון שייבן, וואָס צעפליען זיך מיט אַ הילך און מיט אַ בראַזג.
אוי, טאַטע! מיינע אויערן זאָלן דאָס מער נישט הערן... נאַר, וואָס
קומט אַרויס? אַזוי ווי מ׳האָט דעמאָלט אָנגעהויבן רייסן, בראַקן,
— אַזוי רייסט מע נאָך. און בלויז מיט קליינע הפסקות. דאָס ביסל יידן,
וואָס איז געזעסן צעשראָקן, צונויפגעטוליעט, האָט געמיינט, — אַז
די וועלט גייט אונטער; און אויב נישט די וועלט, — איז אונדזער
שטאָט פאַרגעוויס; און אויב דאָס געקנאַקעריי איז נישט געווען גע־
נוג, איז נאָך אויף דער נאַכט, ווען דער דרוש איז צוגעפאַלן, —
געוואָרן אין דרויסן ליכטיק רויט, — ווי איין שטיק פייער; און,
קוקענדיק דורכן לאָך פונעם פענצטערל, ווי ס׳טראָגן זיך צעפלאַמטע
וואָלקענס, — האָט זיך ביי דעם ווייבער פאָלק אויפגעהויבן אַ יללה,
— השם ישמרנו! מ׳האָט געמיינט: די גאַנצע שטאָט ברענט, און
אויב נישט די גאַנצע שטאָט, — איז אַ האַלבע פאַרגעוויס; און אויב
נישט אַ האַלבע, — איז דאָס הויז זיכער; וואָס קען זיין ווייניקער?
און ס׳ביסל נפשות דאָ, וואָס ליגן ביים הויז אונטער דר׳ערד, —
וועלן זיך אָנבראָטן ווי די קאַטשקעס אין בראָט־אויוון! קוקענדיק
אויף די ווייבער, ווי זיי העלפן דער מלחמה איינלייגן די וועלט, האָט
ס׳ביסל יידן אַרויסגעקאָפּעט די תהילימלעך, און זיך גענומען וויגן
איבער זיי, — כאָטש קיין ווערטער זענען ביי קיינעם פון מויל נישט
אַרויסגעקומען; מ׳האָט זיי אויך נישט באַדאַרפט, — ס׳אי געווען גע־
נוג, אַז זיי זענען געבליבן איבעווייניק, אין האַרץ, אין דער נשמה...
אין גאַנצן גוף... איטשע לייזער שמש, מיין שכן פון אַנטקעגן איבער,
— האָט זיך נישט באַניגן געלאָזט מיט דעם, נאָר זיך אָנגעטון
דעם קיטל מיט דעם ווייסן זילבערן קאַפּל אויפן קאָפּ, דעם טלית
מיט דער גילדענער שפּאַגע, פונקט ווי אום יום־כיפור, און, אַזוי

ווי ער האָט געמיינט: אַז ער גייט אַ גאַנג, — דורכאויס געוואָלט, און נישט אַנדערש אָנקומען, ווי די יידן פון שפּאַניע, גלייך פון אויטאָ־דאַ־פע, מיט דעם ווייסן טלית און רויטן פייער איבערן קאָפּ, — אין הימל אַריין! און דאָס אַלץ איז געווען נאָר לכתחילה, ביים ערשטן אַרויספאַר פון דער מלחמה, ווען זי האָט זיך נאָך אפילו נישט געהאַט באַוויזן מיט איר ריכטיקן שפּיץ, און זיך אויף אַן אמת דערוואָרימט; באַגעגענדיק זיך דערנאָך מיט די גרויסע געשלעגן, — האָט דאָס דערנאָך אויסגעזען אין אונדזערע אויגן, ווי אַ קינדער שפּיל, אַ געלעכטער; ווי אויפשטעכן אַ בלאָטער קעגן אַ קייסער־שניט; אָבער דעמאָלט האָט מען געמיינט: אַז דאָס איז שוין ס׳ערגסטע, וואָס ערגער קען נישט זיין. און אַז פון דעם אַליין וועט מער פון אונדז קיין לעק נישט בלייבן. אויף וואָס דען איז די מלחמה? און צו זי קען אויך גליקלעך מאַכן, די אייגענע מלחמה, און דווקא מיט דעם שיסן און בראָקן, — דאָס האָט זיך קיינעם נישט געחלומט, אפילו מיין אייגן ווייב אויכעט נישט. ווי אַזוי? גיין אונטערשטעלן אַ בעקן: ס׳בלוט זאָל צאַין אים אַריינטריפן, — ווען מ׳ברויך היטן די אייגענע פעל, מ׳זאָל נישט קריגן אַ טשמעל איבערן קאָפּ, און זיך נאָר אומקוקן: צי ער פליט נישט אַראָפּ פון די אַקסלען? און דאָס האָט אַזוי צוגעהאַלטן ביז טאָג, ס׳רעדט זיך גרינג אָפּ: ביז טאָג, ווייל ביז מ׳האָט געקענט דערציען, — אַז ס׳זאָל אָנהייבן טאָגן; דער טאָג זאָל אָנהייבן ווייזן דאָס ריכטיקע פּנים זיינס; פון רויט ווערן בלאָ, פון בלאָ, — גראָ, און פון גראָ זיך פאַרענדערן צום גוטן, — מיט אַלעם ווערן ווייס, קלאָר, ריין, ליכטיקער טאָג... האָט מע דאָ געמיינט: אַז ס׳וועט זיך באַלד צוריק אָנהייבן די העצע, וואָס האָט זיך אַ ביסל געהאַט איינגעשטילט: דונדזש... דונדזש... דונדזש... כע־כע... וועסט באַלד הערן אַ שיינע זאַך: מ׳וואַרט אָפּ אַ שעה, און צוויי שעה, און דריי, פיר, — מ׳הערט נישט מער קיין שיסן, קיין קראַכן, קיין פייפן... הע? וואָס איז דאָס? שוין נאָך דער זאַוויערוכע? ס׳האָט זיך שוין געהאַט פאַרבענקט צו הערן אַ שאָס! און אויב נישט פון קיין האַרמאַט, — איז כאָטש פון אַ ביקס! און דאָ, — מ׳שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטערל, און מ׳נעמט אים צוריק אַריין; דער קאָפּ בלייבט נישט איבער אין דרויסן; מ׳פּרואווט אָוועקמאַכן ס׳טירל פונעם קעלער, מ׳טוט זיך אָן אַ כח און מ׳קריכט מיט אַלעם אַרויס, מ׳קוקט זיך אַרום: זי איז נישטאָ, די מלחמה! כאָטש גיי איר

זוכן, ווי צו חמץ בייטלען, — מיט א ליכט אין האנט! מ׳הייבט מיט די אקסלען: וואו האט זי זיך דא ערגיץ געקענט אהינטון? סאי דאך עפעס נישט קיין קליין חיהלע, וואס זאל זיך קענען פארקריכן אין א לאך אריין! נאר גיי, פרעג... אזוי ווי מ׳ווייסט נישט ווי אזוי און פון וואנעט זי האט זיך גענומען, אזוי ווייסט מע נישט, — ווי אזוי און וואו זי איז אדהינגעקומען; און אזוי ווי זי איז שוין, מיט מזל, געהאט אוועק, — האט מען איר צוגעווינטשן: זי זאל האבן א גוטן שליטוועגס, און דארט, אויב זי וועט נישט קענען אויסקומען אן דערין, און אויך מוזן אויפשפילן ס׳אייגענע, ווי די כלי זמרים, אויף אלע זייערע כלים, — זאל עס קיינעם, ווי דא, נישט שאטן גאר; אן א געלעכטער: אז מ׳האט זיך גענומען ארומקוקן, — וואס די מלחמה האט אנגעטון, ווען זי האט זיך געהאט צעהוליעט און געלאזט וואוילגיין איבער דער שטאט; ווארן, ווי ס׳האט זיך ביינאכט אויסגעוויזן זיצנדיק אין קעלער, — האט מע זיך מער נישט גערעכט צו טרעפן קיין איין גאנץ הויז! און דא, — וואו זעט מע ערגיץ אן, אז די מלחמה האט ביי נאכט געזאלט זיין ביי איר צו גאסט? געוואלט געשריגן, ס׳איז דאך אזוי פיל אויסגעשאסן געווארן, — און ס׳האט נישט געזאלט געקרימט ווערן קיין שינדל פון א דאך? ווען מ׳זאל בלויז מיט איינעם פון הונדערט ארויסגעשאסענע גראנאטן געווען טרעפן, — וואלט זיך דאך, ווי־נישט, א בוידעם וועש געקענט איינהאלטן, — און ער זאל זיך נישט אונטעררייסן; צי, א פענצטער אויסדרייען, א סוכה צעפאלן ווערן. ווי ס׳וויזט זיך ארויס: דהאט מע זיך געהאט אוועקגעשטעלט מיט צוויי באטעריעס הארמאטן, איינע פון דער זייט שטאט, און מיט דער אנדערע, — פון דער אנדערע זייט, זה לעומת זה, — און מ׳האט זיך, אויף זייער לשון: איבערגעווארטעלט; עפעס יא א שנעל־געטון א הייזל אין דער נאז אריין, ערגיץ אויף דער ראגאטקע, און דאס: אפנים, — אומגערן אויך, און ס׳האט זיך אויסגעלייכט; אן אלטע שאפע אנגעצינדען, א סטאדאלע היי, — און איבערדעם האט דער הימל דאס געזאלט זיין אזוי צונטער רויט? עפעס האט אן אלטער ייד זיך אויך געזאלט האבן אוועקגעריקט, — איז דאס אויך נישט געווען אזוי וויט פון דער מלחמה גופא, ווי מ׳האט געזאגט, נאר, — וואס ער האט זיך דערשראקן פאר דער מלחמה; ערגיץ: א מיידל, נעבעך, אומגעקומען דורך א שפריץ פון א שראפנעל, — האט מע אויף

איר שטאַרק פאַראיבל געהאַט: אַלמאַי, זי האָט נישט געוואָלט אַרונטערגיין אין קעלער אַריין, נאָר שטיין און קוקן ווי מ'שיסט... און, ווידער: אַז אין איין קעלער זאָל זיך די פאַדלאָגע האָבן אַרונטערגעלאָזט, און ס'אַי דערשטיקט געוואָרן אַן עופהלע, — אַן עופהלע איז זייער אַ גרויסע זאַך, נאָר די מלחמה איז זיכער גאָט די נשמה שולדיק: וואָס די בעלקעס זענען געווען צעפוילט, און האָבן זיך איינגעבראָכן! אָבער, דאָס זענען אַלץ נישט מער ווי צופאַלן, וואָס האָבן געקענט טרעפן און טרעפן אויך, — ווען אַפילו סאַי נישט קיין מלחמה; און ביי אַ מלחמה, אין וועלכער מ'האָט אַזוי פיל אויסגעשאָסן, קאַליע געמאַכט פילווער, — און ס'זאָל נישט האָבן צעריבן די שטאָט אויף פּיצפּיצלעך? נאָר, גאָרנישט אָנזען אויף איר? קיינעם נישט האָבן געשאָט? און זיך גיין אָפּשטעלן אויף אַן אַלטן ייד? אַ מיידל? אַן עופהלע? אַ צעבראָכענע פאַדלאָגע? אם כן, וואָס אַי ווידער, — זיך גענומען פּשטלען, — פאַר אַ מלחמה דאָ וואָס מורא צו האָבן? און געדרינגען: דאָס יעדער קראַך פון אַ האַרמאַט מוז זיין גלייך צו אַ דונער: און אַזוי ווי פון הונדערט דינערן, פאַרקריכט איינער ווי מ'ברויך נישט, — אַזוי פאַרקריכט, מסתמא, איין שאָס פון הונדערט, — וואו מ'ברויך נישט; ס'אַי נאָר ווינד און וויי צו יענעמען, וואָס ער פאַרקריכט; און די איבעריקע פאַלן אַריין אין אַלע פוסטע פעלדער און וועלדער, וואו קיין מענטשן גייען נישט.

די שטאָט יידן, אַזוי גוט: די גויים, — האָט גענומען אַרויסרירן פון די קעלערס; אַרויסשטעקן, איינער נאָכן אַנדערן, די קעפּ, און גראַד ווי די מענטשן פון נחס תיבה, זיך אַרומגעקוקט, — כי כלו המים מעל פני האדמה, — צי די וואַסערן זענען שוין אָפּגעלאָפן פון דער ערד; און אַז זיי האָבן, קודם, געזען: דאָס קיינער פעלט נישט, און אַז ס'אַי פון דער שטאָט אויך נישט גאָר אָפּגעקומען, — אַזוי האָט זיך די גדולה צעשפּרייט ביז אונטער די הימלען, קינד און קייט געווען אויף, די גאַסן זיך געבראָכן; און וואו, ברודערשי, איז שוין געווען אַן אָנצייכעניש פון די רוסן, — וואָס האָבן נאָך ביז נעכטן געהאַלטן די לייצן פון דער שטאָט אין האַנט, און געריטן אויפן פערדל? אַ פרישער בעל־הבית איז פון דער שיסעריי אַרויסגעוואַקסן! צום ערשטן מאָל זינט הונדערט יאָר און מער, — האָט יעקע נאָר, ווי אַ גרויסער חכם אַריבערגעטרעטן די שוועל פון שטאָט, און איז

אַריין אין איר מיטן כח פון זייגע האַרמאַטלעך. כ׳זע ס׳ערשטע מאָל די זעלנער, — מיט אַזוינע שפּיצן אויף די היטלען פון זייערע קעפּ. זיי גייען אין דער שטאָט, ווי זי וואָלט געווען זייער נאָך מקדמונים, — מיט אויפגעהויבענע קעפּ, און זעגען אַזוי צוגעלאָזן, גוט־ברודער־מיט יעדן איינעם; אויפן אַנבליק, — בייז, אָבער אין האַרץ, — גוט, וואָס גוט קען נאָר זיין; פרעמדע, געקומען אומגעבעטן, — און באַדאַרפט קוקן אויף יעדן דורך אַ לאָך פון דער ביקס; און דאָ, — פון דער ערשטער רגע זיך צעשפּרייט איבער אַלע גאַסן, געוואָרן גלייך היימיש, און רעדן אַזוי אידיל; „ביטע שיין! דאַנקע שיין!“ אַז ס׳אַ מחיה; וואו און ווען האָט מען דאָ אַזוינס געהערט? ס׳לשון זייערס מיט אונדזערס איז ווי פון איין שטריק אַראָפּ; איך גיב אַ קוק: לייבעלע, דער קליינער מיינער, — פירט זיך אַרום מיט אַ גענעראַל (וואָס קען זיין וויניקער פון אַ גענעראַל?) און איז פאַרטיפט מיט אים אין עפּעס אַ געשפּרעך, — ווי מיט זיינס גלייכן; שלום יעקב, דער גרעסערער, פירט זיך אַרום, אַזאַ יאַר אויף אים, מיט פּראָסטע זעלנער; ער איז געוואָרן אַ גאַנצער סוחר: פאַרקויפט זיי מעסערלעך, קעמלעך, און נאָכמער, — אַנזיכטס־קאַרטן. ווער האָט זיך אַ מאָל געוואָלט אומקוקן אויף אַ קאַרטל, וואו עס שטייט לייבישלס זעג? די ברייז? איטשע ברוד׳ס טאַרטאַק? און וויסן; אַז אין אַ מלחמה, וועט מע זיך נישט בלויז גיין שלאָגן איבער דעם, ווען עס שטייט אויף דער ערד, נאָר אַפילו ווען עס איז אויסגעמאָלן אויפן פּאַפּיר? וואָס איז די מעשה? יעדער זעלנער רייסט זיך עפּעס אַהיימצושיקן מיט דער פעלד־פּאָסט, — מ׳זאָל וויסן וואו ער איז; וואָרן, שרייבן: ער איז דאָ און דאָ, אין דעם און אין יענעם כרך, — טאָר מע נישט; ס׳דאַרף זיין אַ סוד. און באַזונדער: וויל ער זיך באַווייזן מיט די לענדער און מענטשן, — וואָס ער האָט איינגענומען בחרבו ובקשתו. זוכט מע דערפאַר אַזוינע קאַרטלעך, און ס׳אי רעכט: ס׳זאָל אויף דעם זיין דער יוזל, די טומאה, צי, להבדיל: די שול, אַן אַלטער ייד, אַ פויער, אַ יידענע... אָבער וואו קען מע אויף אַ מאָל קריגן אַזוי פיל קאַרטלעך מיט יידן, יידענעס און אַלטע פויערן? מ׳זאָל דאָס פריער געווען וויסן, מילא: וואָלטן יידן זיך אָוועקגעזעצט אויף גאַנצע טעג און נעכט, און דאָס אָנגעמאַכט אין די מיליאָנען אַריין, — מ׳זאָל קענען יעדן זעלנער אַנטקעגען קומען כאָטש מיט איין קאַרטל! אָבער,

אַז ס'אי געקומען ווי פון הימל אַראָפּ? די גויים שטייען אַרום און קוקן, און וואָס קלערסטו, — אויב זיי ווערן נישט צעפּלאַצט פון גאַל־דריקעניש? שטומע קעלבער, — ווי קענען זיי אַ מויל אויפמאַכן? זיי ברויכן זיין פון אייזן, אַז זיי קענען דאָס אויסהאַלטן.

איך שטיי און קוק: אַזוינע וואוילע מענטשן, — זינט מענטשן האָבן זיך געמענטשט! ביז אַהער, ווייסטו דאָך, — מיט וועמען מ'האָט דאָ אָפּירגעהאַט: מיטן פויער, אָדער גאָר מיטן שטאָטישן גוי; ביידע: אין די זעלביקע שטיוול, און מיט דער זעלביקער רציחה אויפן פּנים. צי גאָר: די פּאָר רוסישע אַקציזניקעס מיט די שרייבער פון דער קאַנצעלאַריע, — וואָס זענען אויך נישט בעסער געווען; און אויב מ'האָט געמיינט: אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט נישט פון קיין אַנדערע, נאָר ווי די וואָס גייען אין שטיוול, — האָט מען צום ערשטן מאָל געזען מענטשן אין באַגריע, וואָס, כאָטש זיי גייען אין שטיוול, אין אַ שינעל, טראָגן אַ ביקס מיט אַ שווערד, — האָבן זיי דערצו אויך אַ שיינעם שמייכל אויפן פּנים, און רעדן אויך צו אַ צווייטן ווי צו אַ מענטש; איי, וואָס דיך נעמען זיי נישט אַזוי שטאַרק? איז, ראשית, פון וואַנעט קענסטו זיי, — זיי זאָלן דיך ברויכן צו נעמען? איך בין דאָך מיט זיי אויף דער מלחמה, און נישט, — דו? דו ווילסט מיר איינרעדן, — וואָס מ'וויל דיר דאָרט איינרעדן? באשר ובכן, — ס'טויג זיי אַזוי אויס צום הויקער? צווייטנס, קען זיין, אַז דאָרט וואו דו ביזט, אין אַמעריקע, — זענען טאַקע פאַראַן בעסערע מענטשן, — אָבער קעגן די היגע, די, וואָס אין די שטיוול מיט די גראָבע וואָנסעס, — זענען זיי דאָך גאָלד! איך ווייס נאָך דערווייל נישט פון דיינע מענטשן דאָרט; ס'אי מיר נאָך לעת־עתה נישט אויס־געקומען מיט זיי צו האָבן עסקים; נאָר וואָס איז נוגע מענטשן, — לאָז עס איבער צו מיר; האָב איך מיך טאַקע וויטער ווי פון באַגריע נישט אַרויסגערירט, — אָבער פאַרדאָס זענען שוין איצט אַזוי פיל מענטשן געקומען קיין באַגריע, — אַז כ'בין שוין ביי זיי געוואָרן נישט קיין שטיק נאָר אַ גאַנצער מענטשן קענער; כ'ברויך נישט מער ווי איין קוק צו טון אויף אַ מענטש, — און כ'וועל אים דיר גלייך געבן אין דער האַנט אַריין! און וויסן צו זאָגן: מיט וואָס ער שמעקט: אויב עס זיצט אין אים אַ רוח, אַ טאַטער, צי ביידע צוזאַמען; און כאָטש דו ביזט שוין אויסגעווען אַ האַלבע וועלט, געזען מענטשן כחול הים,

און אַז כ'זאָל דיר גלייבן: וואוינסטו אין אַ שטאָט, וואָס ברויך האָבן גאַנצע זעקס־זיבן מיליאָן מענטשן; און נישט סתם מענטשן ווי איך און דו, נאָר שוואַרצע, ברויגע, געלע, וואָס, — ס'הייבט זיך גאָרנישט־אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס; און ווען כ'זאָל דיר דאָס אַפילו יאָ גלייבן, — וואָס פאַר אַ גלייכן האָט עס צו דעם, וואָס ס'האָט זיך שוין דאָ געטון מענטשן? דאָ, אין באָגריע? און פון וואָס פאַר אַ לענדער? שבטים? און די מלחמה, מיינסטו, —האָט זיך שוין געענדיקט? ביז זי וועט איינעמען אַ סוף, — וועלן מיר נאָך דאָ האָבן, האָב איך מורא — אי גרינע מענטשן, אי רויטע מענטשן; מענטשן מיט הערנער און אָן הערנער; מענטשן מיט איין אויג אין קאָפּ, און, — מיט דריי אויגן אין קאָפּ! די מלחמה האָט זיך, ווי זאָגט מיין ווייב: „געלויבט, השי״ת, ערשט אָנגעהויבן!" און ביז זי וועט זיך ענדיקן, — וועלן זיי נאָך אַלע קומען אַהער, אַלע אַהערקומען...

און אין תוך, אַז מע זאָל וועלן אַריינקוקן: מיט וואָס די שטאָט האָט אַזוי מזלדיק אָפּגעשניטן, — ברויך מע דאָ גאָר קיין סך נישט אַריינקוקן; ס'אי ביי מיר פשוט און פּראָסט: די יידן האָבן אַזוי געוואָלט! ווייל, גלייך ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעריקט, איז פון דעבן ביסל יידעלעך, וואָס איז געווען צעריסן און צעפּליקט אויף כתות און צדדים, — געוואָרן איין ייד, איין כתה, און פון אַלע האַרצער, — איין האַרץ; און כולם בלב אחד צוגעשטאַנען צו אים, צום רבון כל העולמים: „וואָס גייסטו דיך עפּעס נעמען צום ביסל יידעלעך, דיינעם? הע? דו'האַלט אין דעם כעס, זיידעשי... ווילסט זיי, אָן אַ געלעכטער, — לאָזן אויסדישען?" נו, איז דאָס אַ קליינע זאַך, מיינסטו? יידן, — דאָס איז דאָך אָן עם קשה עורף, וואָס לאָזט זיך נישט בייגן; איז תמיד צווישן זיך קידער־ווידער; נאָר ווען זיי גלייכן זיך אויס, מאַכן יד־אחת, דענצמאָל: האַק אין לעדער און טרען! קענסט זיי גאָרנישט טון! ווי מ'זאָל נישט דעם קאָפּ פאַרלייגן! דערמאָן דיך נאָר, וואָס פאַר אַ כח דאָס איז, — און וואָס מ'קען מיט אים אויפטון? און וואָס פאַר אַ פּנים אַזאַ גאַנצע מלחמה קען האָבן קעגן אים, — מיט אַלע אירע צוויי־און־פירציקער, זעקס־און־דרייסיקער, — און אַנדערע מיתה משונה הויביצערס? ווען די יידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן אַזוי וועלן, נישט מער און נישט ווייניקער: ווי צונויפלייגן די קעפּ אויף איבער איין שבת, — וואָס איז איין שבת? פּונקט ווי זיי דהאָבן

זיי צונויפגעלייגט אינעם קעלער, — איז בלתי ספק, אַז משיח'ן וואָלט געקומען! ווער האַלט דען מער אויף דאָס גאַנצע גלות, — ווי די יידן? נו, איז אַ חידוש, — אַז אַ שטאָט איז ניצול געוואָרן פון טויט? וואָס איז אַ שטאָט? והא ראיה: אַז ס'אי נישט געבעבעט, — קען מע זען דערנאָך, ווען ס'רעדל האָט זיך געגעבן אַ דריי צוריק, און ווי די אייגענע שטאָט האָט אָפּגעשניטן! וואָס ס'אי פון איר געוואָרן! און, פאַרוואָס? האַלט איך מיך ביי ס'מייניקע, — מ'זאָל מיך צעהאַקן אויף שטיקער, — ווייל, ס'ביסל ייִדעלעך, וואָס האָט שוין די מלחמה געהאַט אינעם אַרבל, און געלאַכט פון איר אין די פויסטן אַריין: „נו! וועט מע ווידער אויסברענגען אַ פּאָר פּיד דינאַמיט אויף גאָרנישט!" און מ'איז שוין נאָכדעם געוועזן צעריסן צווישן זיך, צוריק די זעלביקע יידן, דאָס עם קשה עורף, וואָס לאָזט זיך נישט בייגן; פאַרשטייט זיך, דאָס אַזוי גיך ווי ס'האָט זיך עפּעס אונטערגע־ריקט, ריכטיקער: די מלחמה אונטערגעשטעלט אַ פּיסל, — אַז מ'האָט זיי געשניטן ווי דאָס קרויט אויפן פעלד.

איצט: זיי מיר הונדערט טויזנט מאָל מוחל, וואָס כ'לאָז דיך שטיין כמעט אין מיטן, — כ'האָב מיך אַליין ערשט דערוואָרימט ביים שרייבן; וואָס קען איך טון? מיין ווייב, זאָל לעבן, ברויך אַ ליאָדע מינוט אַריינקומען. כגיב אַ טינטל אויפן פּאַפּיר און אַ קוק צו דער טיר. זי האָט שוין אָנגעהויבן צופיל קוקן צו מיר אין דער שיסל, און כ'האָב מיך, מיט דער מלאכה: שרייבעריי, — נישט בלויז ביי איר צו היטן; מ'קען דאָ, פּאַר אַזאַ זאַך, נישט ווי ביי מיין ווייב, — כאַפּן אַ קישן אין קאָפּ אַריין, נאָר קריגן אַריינגעשיט, למען ידעו, — אַז מ'זאָל האָבן צו געדענקען; און ווען מ'זאָל, חלילה, דער־גיין: דאָס איך זאָג אויס פונעם חדר, נע־נע, ווייסט: וואָס מ'וואָלט מיר דערפאַר געטון? כ'וואָלט זיכער נישט אָפּגעקומען מיט אַ יאָר, מיט צוויי, דריי, פיר, צען, צוואַנציק... ווי קענען זיי אויסטיילן יאָרן אויף צו זיצן, אַז זיי ווייסן נישט, — ווי זיי וועלן אַליין אויף צו מאָרגנס אָנשפּאַרן? דעריבער, איידער זיך צו גיין פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט זיצן, און אָפּהיטן יענעמען וואָס זיצט: אים געבן צו עסן, וואָס זיי האָבן, ס'רוב, אַליין נישט; איז ס'בעסטע פּאַר זיי, — אַז מ'נעמט אַראָפּ ס'כאַלאַטל, און מ'שיקט יענעם אָפּ אין בעדל אַריין! איז, — ווייניקער מיט אַ מענטש! טאָמער קענסטו ווייסן, — ביי דער מלחמה אַ מענטש!

מע מאַכט זיך אַ צימעס מיטן! פכע, פאַר אַזאַ מעשה, — כ׳וויס? ס׳אַראַ מיתה די וועלט האָט ביז אַהער אויסגעטראַכט: רייסן מיט קאַמען דאָס פלייש פונעם לייב, צובינדען לעבעדיקערהייט צו אַ שוואַנץ פון פערד, און דאָס שמייסן, — אַז ס׳זאָל לויפן מיט יענעמען; מ׳וואָלט זיך באַדאַרפט אָנזעצן, און פאַר מיר ערשט אויסטראַכטן אַ נייעם טויט, — אַזאַ טויט, וואָס אַפילו די מלחמה ווייסט נאָך נישט פון אים.

דעריבער, בלייב געזונט און שטאַרק, דו מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני־בית, און ס׳זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלן מיך אויסצוגעבן פאַר דער וועלט, הערסט? מער פעלט מיר נישט. און מ׳זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

מאני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —

קלמן יאנקל

דאָס פינפטע בריוועלע

קעלץ, זונטיק, י״ט טבת, פרשה: וארא, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, וואָס זאָל איך דיר שרייבן? ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן, — זינט לעבן האָט געלעבט! ביי דיר אין אַמעריקע לעבט מע? מיט וואָס? וואָס מע אַרבעט ווי אַ פערד און מ׳פרעסט ווי אַ פערד? דאָס הייסט, — געלעגן אין דר׳ערד! דאָ טוט מע גישט קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער, און מ׳עסט, — אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט! און אַ חוץ עסן, — וואו איז מסחר? ביי דיר אין אַמעריקע ווייסט מע פון מסחר? מ׳פאַרקויפט אַן אַנצוג, אַ פּאָר שיך, און מע מאַכט דער־ביי שטיפּטהאַלבן פּיאַים. דאָ, ברודערשי, מאַכט מע, — דו ווייסט, וויפיל מע מאַכט? ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא, — אַז פּאָר אַ פּאָר הויזן וואָס קאָסטן צוויי גילדן, — נעמט מע אָפּ זיבן הונדערט ריבל! ווייסטו שוין וויפיל מע מאַכט? זיבן הונדערט ריבל ביי צוויי גילדן! נו, וואָס פאַר אַ פּנים האָט דער מסחר אין אַמעריקע, — נישט ווי איינגעריסט? דערצו, ווי כ׳שטעל מיר פאָר: מוז מע ערשט דאָרט זיין אַ געניטער סוחר, האָבן אַ פּאַטענט, אַן אָפענע קראָם, און אויף צו קויפן און פאַרקויפן דאָ די הויזן, — ברויך מע גאָרנישט; ווער ס׳האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, — מסחרט; איינער האַנדעלט מיט הויזן, אַ צווייטער מיט רעקלעך, דער מיט פעל, יענער מיט בראָנפן, — מ׳האַנדלט מיט וואָס ס׳לאָזט זיך. ווי בין איך שוין אַ בעקער? אַ שמעקער? אויב ס׳אי נאָך געבליבן עמיץ וואָס באַקט, — איז דאָס נישט קיין ברויט, נישט קיין בייגל, נאָר ליגנס; און דאָס איז ערשט דאָס ריכ־טיקע אַרטיקל, נאָך די קוילן און האַרמאַטן, — וואָס די מלחמה ברויך

דהאָבן! אַ האַלבע מלחמה ווערט, אַ חוץ מיט קוילן, האַרמאַטן און
ביקסן, — געפירט מיט ליגנס, מיט שקרים! אַ קליינינקייט: וואָס
ס׳ווערן אין אַמעריקע אָנגעבאַקן ליגנס וועגן דער מלחמה? און מיינע,
וואָס איז אַרומגעגאַנגען טויט הינטער די אויערן, און פון קעלער־אָן
געהאַלטן אין איין שרייען: זי איז פאַרביי, זי איז חרוב, אויס מענטש,
און וועט דאָס, אויב ס׳זאָל איר נאָך אַ מאָל צו האַנדען קומען, —
נישט איבערהאַלטן; מיינע איז מיט איינמאָל געוואָרן דער גאַנצער
בריה: זי רייט אויפן פערד, און האָט די גאַנצע וועלט, מיט אַמעריקע,
— אונטער דר׳ערד; וואָס מיר מלחמה? געשלעגן? קעלער? און נאָך
אַזעלכע באַבקעס! אַז מע דערמאָנט איר, לאַכט זי, אָדער קריכט פון
דער הויט פאַר בושה, אַלצאיינס: לא דובים ולא יער, ס׳הייבט זיך
נישט אָן און ס׳לאָזט זיך נישט אויס! זי איז געלעגן אין קעלער?
און זי איז געקראָכן פון דער הויט? פאַר וועמען? פאַר אַ האַרמאַט?
אַ גראַנאַט? וואָס איז ביי איר אַ קאַרטעטש? אַז זי וועט זיך אים אַנט־
קעגן שטעלן, ווען ער פליט, — אים אַריינכאַפּן אין מויל אַריין,
און איבם אויסשפּייען צוריק! ציִ, כ׳זאָל זאָגן: פאַר אַ זעלנער!
וואָס איז ביי איר אַ זעלנער? און אַ גאַנצער קאָרפּוס זעלנער? אַז
מיט אַ בלאָז פאַרבלאָזט זי זיי! און נישט זי אַליין, נאָר אַ האַלבע שטאָט,
ווער ווייסט, — האָט מיט אַ מאָל דערשמעקט דאָס אייגענע וואָס מיין
ווייב: אַז די מלחמה איז נישט קיין בער, און מ׳קען, אַלע שונאים גע־
זאָגט, — ביי איר אָפּלעקן אַ ביין! איי, וואָס אַזוי פיל ייִנגע לעבנס
ווערן פאַרשניטן? זאָגן זיי: און אַז מ׳וועט נישט אַרויסכאַפּן ביי איר
וואָס מ׳קען, וועלן זיי דען נישט פאַרשניטן ווערן?

די שטאָט איז איבערגעפילט מיט מיליטער, — אַ תהום חיל!
ווען האָט באַגריפע געזען אַזוי פיל מיליטער פאַר אירע אויגן? און
זיי ברויכן דאָך עפּעס, קיין עין הרע, — וואָס אַזוי פיל מיליטער קען
ברויכן? סיי פון לייגן אין מויל אַריין, אין די קעשענעס אַריין, און
ערגיץ אַנדערש־וואו אַריין. נו, איז פאַר יידן אַ ישועה! אָבער איך,
קלמן יאַנקל, וואָס בין גראָד נישט פון די היץ־קעפּ, קיין שטיק משו־
גענער און אַ דרייער, — וואָס קען פאַרדרייען ביי דער וועלט דעם
קאָפּ; יענעם איינרעדן: אַז ס׳וואַקסט אים רויגן אין בויך! איך, —
וואָס האָב ליב צו גיין מיט מיין אַלטן, פאַמעליכן אָקסן־טריט, און
זיך איבערלייגן פריער יעדעס בראָזגעלע אויף קליין געלט; נישט בע־

מען קיין שום זאַך אין דער האַנט אַריין, — כ׳זאָל דאָס פריער נישט באַטאַפּן פון קאָפּ ביז די פיס, בודק זיין זיבן מאָל דורכאַנאַנד, און דער־נאָך ערשט זוכן צו דערגיין ביי מיין ווייב ; ווי זי האַלט דערפון ? איך, קלמן יאַנקל, בין מיך מודה ומתודה, — אַז כ׳טויג מיך נישט אויס צו דער מלחמה ! און ווען נישט מיין ווייב, וואָס איז גראָד דער היפּך פון מיר, — וואָלט איך געהאַט אַזאַ שיין פּנים ווי אַלע אָפּגעקומענע גבירים, ס׳הייסט : געווען אַ קבצן, אַ דר׳ערד־ליגער, און אַפילו קיין שכל נישט געהאַט צו זיין אַ בעקער ! ווייל אין דער מלחמה ברויך מע זיין, ווי זי איז אַליין, די מלחמה, — אַ שטיק ווינט ! און, כאַפּן, אומבאַרעכנט, — ווי ס׳פאַלט אין קאָפּ אַריין ! וואָרן, ביי אַ מלחמה־מסחר, אַז ס׳קומט עפּעס אונטער, — און מ׳כאַפּט נישט ; מ׳גייט זיך בלויז איבערפרעגן, — האָט שוין אַ ברירה צו זיין נאָך אַלעם, און ס׳זאָל נישט מער זיין וואָס צו כאַפּן ; און איך, נישט וואָס כ׳האָב מיך צו איר נישט אויסגע־טויגט, נאָר אַפילו, — וואָס, ס׳האָט מיין ווייב זייער נישט געשמעקט, — שטאַרק מקטרג געווען ; ווי האָב איך געקענט האָבן אַ האַרץ, — צו מאַכן געלט, אַז מ׳האָט דאָס געברויכט אַרויסצוכאַפּן פונעם פייער ; פון אַ קאַלך־אויוון ! הער נאָר אַ מעשה : אַז די וועלט איז אַוועקגעפאַלן, און גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל, די געדערים זיך אין איר איבערדרייען, — וועל איך זוכן רייך צו ווערן ? כ׳זע : ווי ייִדן לויפן, ברעכן די פיס, ווערן געהרגעט, אמת : פּרנסה איז זייער אַ ביטערע זאַך, ווי זאָגט מע ? שטאַרבן אַן אַנבייסן איז אודאי נישט באַ׳טעמט ; מע מוז פריער אַוועקגעבן דעם חומר ס׳זייניקע, וואָס ס׳קומט אים, — איידער מ׳פּאַרטיקט זיך אָפּ מיט אַלעם ; אָבער, — איינרייסן די וועלט ? און נאָך דערצו ווען זי איז טויט חרוב ? גייט־אָפּ אין בלוט ? דאָס איז בכלל נישט מעשה מענטש און בפרט נאָך, — מעשה ייִד ! ווי קומט דאָס עפּעס צו אַ ייִד ? און ביי וועמען האָט ער עס געזען, געהערט און געלערנט ? און אויב ס׳זענען פאַראַן אַזוינע און אַזעלכע, וועלכע דאָס בלוט האָט פאַרגאָסן די אויגן, און האָבן זיך געוואָרפן, אַלצאיינס : ווי אויסליידיקן קעשענעס ביי געהרגעטע, אָפּציען זייגערלעך, רינג־לעך, — האָבן ייִדן, לחלוטין, נישט באַדאַרפט האָבן קיין חלק אין דעם ; און נישט דערפאַר ווייל זיי זענען ווערט אַ קניפּ אין בעקל, זיי זענען צדיקים, כולם אהובים, כולם ברורים, אַלע : איינער ווי איינער, אַ רוח אין זייער געפּגרטן טאַטן ! נאָר פאַר זיך, פאַר זיך אַליין,

ווייל מ'ווייסט: מ'איז עס, און אַז מ'טויג זיך גאַנץ גוט אויס דערצו, און אפשר נאָך צו עפּעס ערגערס, — האָבן זיי דאָס מאָל, צוליב דער וועלט, נישט אויפצורייסן די אויגן: למה יאמרו הגויים? דאָס באַדאַרפט איבערלאָזן, דער גוטער יאָר ווייסט פאַר וועמען, און אַליין שטיין און קוקן... קוקן... זיך נישט צורירן מיט די הענט. ווי קומט דאָס צו אַ ייד? אַ ייד ברויך דאָך בטבע זיין אַ טראָפּעלע ווייכער, עניוותדיקער, מער זייד, און זיינע נאָזלעכער זאָלן נישט קענען פאַרטראָגן דעם ריח פון בלוט; בלוט האָט דאָך בכלל נישט צו טון מיט קיין ייד, און קער זיך גאָרנישט אָן מיט אים; און די פינצטערע מלחמה האָט געזאָלט קענען אויפוועקן אין אים די חיה רעה, באַגראָבן אין אים אַזוי טיף דאָס שטיקל מענטש, — איז שוין ביי מיר קיין שום קלער נישט געווען, אַז דאָס וועט אויספאַלן באָקאָם! און מ'וועט אים דערפאַר גאַנץ שיין נעמען אויפן צימבל! און, וואָס קלערסטו, צי כ'האָב מיך אָפּגענאַרט? און ס'אַזוי נישט געווען? און די יידן האָבן נישט אויסגעבראָכן? אוי, האָבן זיי אויסגעבראָכן! און דו מיינסט, אַז כ'האָב מיך געקילט דערמיט? מיט וואָס, משטיינס געזאָגט, איז זיך געווען צו קילן? וואָס די וואַנצן האָבן איינגענומען אַ ביטערן סוף, — און ס'בעט איז פאַרברענט אויף קויל? ס'אי נאָר געווען אַ וויטיק: פאַרוואָס, די יעניקע, וואָס האָבן, — נישט וואָס זיי האָבן נישט געהאַט שטעקן זייער האַנט דערין, נאָר אַפילו דאָס נישט געקענט פאַרטראָגן, — באַדאַרפט פאַר יענע אויסגיסן ס'באָד! וואָרן, נישט אַלע יידן זענען דאָך איבער אַ נאַכט געוואָרן אַזוי להוט נאָך בלוט, און זיך געזוכט אָוועקצוהרגענען פאַרן עגל הזהב; ס'האָבן זיך דאָך געפינען גענוג אַזוינע קלמן יאַנקלס, ניין? און, פונדעסטוועגן, אַז ס'איז געקומען צו משלמען, — האָט מע זיי נישט אַרויסגענומען, די ממזרים, און אַוועקגעלייגט יעדן באַזונדער: האָב דיר אַכט און אַכטציק, און דיר: ניין און ניינציק, און דיר: צוויי מאָל אַזוי פיל ווי יענע ביידע, נאָר די קלמן יאַנקלס מיט זיי אַלע גלייך אָפּגעשמיסן, אַלע אויף איינמאָל און אינאיינעם מכבד געווען...

וואָס טויג מיר ס'רעדן? מ'האָט געהאַנדעלט, געהאַנדעלט, געלאָפן איבער שטאָק און איבער שטיין, געבראָכן די קרענגעס, און נישט געברויכט זיין קיין נביא, — נאָר בלינד, טויב און שטום, קרום און לאָם, מ'זאָל נישט זען: אַז דאָס וועט אַזוי גלאַטיק אָפּגיין,

און זיין געשענקט; אין מיטן ברען, רייטענדיק אויפן גאָלדענעם קאַלב, ווען יעדער ייד איז שוין געווען אָנגעשטאָפּט מיט, — געלט? וואָס איז געלט געווען נחשב? מיט פעלן, טיי, זאַלץ, פעפער, אַלץ: שוה־כסף, וואָס, בעת מלחמה, איז עס טויזנט מאָל מער פון באַר געלט, — האָט מע זיך אָוועקגעלייגט שלאָפן, נאָך אַ טאָג פון האַרעווען, לויפן, האָווען: מיר־דיר, דיר־מיר, בייטן זיך מיט די סחורות דרייצן מאָל נאָכאַנאַנד, פון האַנט צו האַנט מיט היזק און ריוח; האָט מע זיך אַוועק־געלייגט ווי אַ נאַכט פריער, — און ווער עמען האָט זיך עפּעס געזאָלט חלומען? נאָר אַז מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, און זיך געזאָלט ווידער איינשפּאַנען אין דעם נעכטיקן הו־האַ: צוריק פאַר־קויפן די אַרבעס און אָפּקויפן די הירזש, — האָט עפּעס גענומען שווינדלען פאַר די אויגן; און נישט, ווי ס׳מאַכט זיך מיט אַ מענטש, ווען ס׳גיט זיך עפּעס אַ דריי מיטן, — אַז ער איז לאַ־עליכמדיק; איך האָב גלייך דערשמעקט, און פאַרוואָס כ׳האָב מיך אַזוי געשראָקן, — אַז אַלץ איז לאַ־עליכמדיק: די שטאָט, די גאַס, די הייזער... און מיין ווייב? דער גרויסער בריה? זי האָט, אַפּנים, — אויך דאָס זעלביקע דערשמעקט; ווייל, אַז כ׳האָב אַ קוק געטון אויף איר, האָב איך דער־זען: ווי דער גבור וואַקלט זיך אין איר, אָט־אָט וועט ער אומפאַלן אין איר, און זי וועט צוריק ווערן די געוויינטלעכע יידענע, די צע־קראָכענע.. כ׳זע: זי איז פיל מיט רייד, און, — רעדט נישט; מענטשן וואָס קענען אין אַן אומגליק שרייען, מאַכן מיט די הענט, — ליי־דיקן זיך דערמיט אויס, און בלייבן שטיקלעך מענטשן; און די וואָס ווערן שטיל, דאַרפן רעדן און רעדן נישט, — מיט די איז ביטער; זיי ווערן איבערגעבראָכן ווי די טרוקענעביימער אויפן ווינט, וואָס האָבן נישט אין זיך קיין זאַפט. „ביילע, וואָס איז?״ זי האָט נישט קיין לשון. געפינט עס נישט מער ביי זיך אין מויל. „וואָס טוט זיך דאָ?״ און ביי איר אַרויסגעקריגן, אויך נישט מעשה ישוב הדעת, נאָר ווי דערופן, פון שלאָף אַרויס, ווי ס׳קול וואָלט זיך געוויגט אין דער הייך, כמו אַ ווידערקול: „וואָס זאָל זיין? דו זעסט דאָך אַזוי גוט ווי איך, — און ברויכסט מיך פרעגן?״ טאַקע: וואָס פרעג איך איר, און וואָס וואַרט איך זאָל זי מיר זאָגן? מ׳זעט דען נישט? מ׳הערט דען נישט? ס׳איז פון די באַהאַלטענע זאַכן? די ערד איז הייס, אָנגעגליט, און ס׳ווערט פון איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס גייט אַרויס פון אַ קראַטער,

ווען אַ צעהיצטער באַרג שפּייט פון זיך אַרויס שפּייעכטס, שפּייעכטס פון דער ערד, — וואָס איז אי נאַס און צוגלייך טרוקן; אי ס'גיסט זיך און אי ס'שיט זיך ווי פּוקעס שוואַרצע סאַדזשעס... עס קלאַפּט, ברודערשי; דאָס אַלטע געקלאַפּעריי, וואָס איז שוין געווען ווי פאַרגעסן, — האָט זיך צוריק אָפּגערופן: דונזש, דונזש, דונזש.. ווי ס'וואַלט געשטאַנען הינטער דעם, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ מחבל, אַ טיטאַן, אַ גבור, — און געלייגט פּעטש אויפן גאַלן וואַסער; געלייגט אַן אויפהער און מיט אַזאַ גבורה, — אַז דאָס וואַסער קען זיי שטיל נישט פאַרנעמען, און מוז אַזוי הויך שרייען, מאַכן קולות, הילכן אויף מיילן, מיילן אַרויס... ס'דרייען זיך קיפּעס מיליטער, צעגעמען־זיך און גענעמען־זיך צוריק צונויף, ווי שטיקער פון אַ דרייענדיקע און גייענדיקע שרויף; מע צעגראָבט, קוקענדיק, — די גאַסן; הינטער די פענצטער מאַכט מע אָקאָפּעס, און ס'ווערן פאַרצויגן שטעכעדיקע דראָטן... וואָלט מע כאָטש געלאָזט גיין אין קעלער אַריין, — אַ נעכטיקער טאָג! נישט אַלעמאָל גילט דער קעלער! דעגצמאָל, אַפּנים, האָט עס אָפּגעגליקט, ווייל יידן זענען נאָך געווען יידן, ווייניקסטענס: געהאַט האַרצער פון יידן, און נישט פון קיין טאַטערן, מענטשנפרעסערס, און סתם צוררים; און אַזוי ווי זיי האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין שטיקל זכות, וואָס זאָל אויף זיי מגין זיין, — האָט פאַרדאָס די שטאָט באַדאַרפט אַריינפאַלן צו אַ קאָמענדאַנט, — אַ היצל, אַ רוצח, אַ רשע, וואָס איז נישט ווערט אַז די ערד טראָגט אים; וואָס איז אַ קאָמענדאַנט? וואָס איז ער דען נישט? אַלץ־מיטאַנאַנד. בעת מלחמה ענטפערט מען איבער אַ שטאָט מיט מענטשן צו אַ זעלנער אין דער האַנט אַריין, און ער, דער זעלנער, אויב ער וויל, — לאָזט ער זיי, על פּי זיין שכל הישר, — לעבן; און אויב ער וויל נישט, — פּלו! און גייט אייך אין באָד אַריין! אָדער, אַז ס'איז גאָר אינגאַנצן אַ שאָד אויסצוברענגען קוילן, (ביי דער מלחמה איז דאָס זייער אַ טייער אַרטיקל!) איז, אָנשטאָט וואָס מ'ברויך צובינדען צו דיביימער און שיסן, — ציט מע אַרויף אויף די זעלביקע ביימער, איין שוואַרץ יאָר, און מ'לאָזט, — זיי זאָלן זיך אויסטריקענען אונטער דער זון! און דאָס נעמליכע אויך צו הערן מיט אַ שטאָט: וויל ער, דער זעלנער, לאָזט ער איר, על פּי זיין שכל הישר, — שטיין; און אויב נישט, — ליגט מע איר אונטער פון אַלע פיר זייטן, מע מאַכט די ברכה: בורא

מאורי האש, — און ס'איז ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין! ס'אי נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן קיין שאלות, זיך קלאָגן, נאַריש מאַכן: ס'אי יאָ אָדער נישט על פּי דין, — ס'אַזוי געווען דער ווילן פונעם קאָמענדאַנט, און שוין!

דאָס מאָל: אַזוי ווי ס'האָט זיך געמאַכט שלעכט, — האָט ער געהייסן מוחל זיין און זיך אָפּטראָגן, אויב מ'האָט נאָך גאַנצע ביינער; און לויט זיינע רייד, — נאָך דערמיט אַ טובה געטון וואָס ער טרייבט אַרויס; און גלייך אונטערגעשטעלט אַ פּיסל, — אַז אין צוויי שעה אַרום זאָל זיך מער אונדזער געביין נישט דאָ געפינען! איי, וואָס ס'קומט אויס אַלץ איבערצולאָזן פאַר דער מלחמה, פאַר פייער און וואַסער, — און פאַרוואָס אַלץ נאָך? נאַר, אַפּנים, ווי דער חלף וואָלט אים געלעגן אויפן האַלדז, און ער האָט נישט געקענט, ציִ נישט געוואָלט דאָס פאַרלענגערן, — אַז מ'זאָל זיך קענען פאַרנעמען מיט אַלעם, און דערמיט אַרויסגיין פון שטאָט, אויב מע מוז אַרויסגיין, — נאַר טאַקע גלייך, — אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט די פאַרע פונעם מויל; אַפּנים, בשעת שריפה, ווען מ'שיסט: גילט די מינוט, די רגע, און ס'אי נאָך געווען (און ווידער לויט זיינע רייד), — אַ גוטס פון אים, וואָס ער לאָזט זיך חברן מיט דער שטאָט די צוויי שעה, יאָ; וואָרן, אַז ער האָט אַזוי אָפּגעפּסקענט, — האָט נישט געטאָרט זיין קיין צוויי שעה מיט איין מינוט. און אודאי נישט געוואוסט, אָדער גאָר צו גוט געוואוסט פון דער גרויסער רעה, — וואָס ער טוט דערמיט; ס'אי נישט געגאַנגען קיין אָפּבעטן (גיי בעט, — אַז ס'דונערט איבערן קאָפּ!), — קיין אָפּדינגען, נאַר נעמען וואָס מ'קען, — און וואָס האָט מע געקענט נעמען דורך די צוויי שעה? ס'ביסל יידעלעך האָט, אַנשטאָט געלט, וואָס מ'וואָלט גראָד יאָ געקענט נעמען, און נאָך ווייניקער ווי אין אַזאַ קורצע צייט, — זיך דאָך געוואָלט באַוואָרענען, זיין פון אויבן, און געהאָט ליגן איבער זיך זעק מיט פעפער, קאַסטענס טיי, פעסער אייל.. און אפשר, ווייל ער האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, דער קאָמענדאַנט, און דערמיט געוואָלט פאַרלויפן דעם וועג: זיי זאָלן נישט קענען כאַפּן קיין פערד און וועגן פאַר דעם, — געלאָזט אַרויסהענגען די פייערדיקע שילד פאַר די אויגן: צוויי שעה, — וואָס האָט אַזוי גוט ווי געהייסן: „אַ מכה אייך, יידעלעך, — וועט איר עפּעס מיטנעמען מיט זיך!" ווי ער וואָלט דאָס

בפירוש אין זיבען געהאַט פאַר דעם מיליטער זיינעם, וואָס וועט דאָ ברויכן ראַיען, — אַז עס זאָל אויך האָבן אין וואָס צו ראַיען! אַזוי צי אַזוי, איז אויסגעקומען צו גיין, נישט אַנדערש, — ווי מ׳גייט און שטייט, און מיט די ליידיקע הענט... „וואו גיין, קלמן?״ שטעלט מיין ווייב אויף מיר אויס אירע פאַרטרערטע אויגן. „אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ, — איז רעכט ביים זעלבער וואָס איז דער קאָמענדאַנט, — אַנישט וועט מע צעשאָסן ווערן, געהאַנגען ווערן, ווי דען? מ׳וועט אונדז געבן זראַזעס צו עסן, און ווײַן נאַכצוטרינקען?״ און מ׳קען קיין חזיר נישט זיין, וואָרן, אויב מ׳האָט איינמאָל, ברודערשי, געזאָגט: לך לך, מוז דאָס, אַפּנים, זיין, — אויף אַלעמאָל, לדורות, און ס׳אי זיך, אסור, דאָ ס׳מויל וואָס איינצוריכטן.

מיין ווייב, וואָס איז געווען טויט ווי אַלע טויטע, בלייך ווי אַלע בלייכע, און נישט געהאַט קיין לעבעדיקע צורה פון אַ מענטש, — האָט זיך ערשט נאָכדעם, ווי סהאָבן זיך אין איר אויפגעמאַכט אַלע קוואַלן, — צעפּאַרעט; געוואָרן ראַכעוודיק ווי אַ ביבער; און געזוכט, נישט אַזוי ווייט אַרויסצוקומען מיטן מויל, — ווי מיט די הענט, מיט די פיס, מיט אַלעם וואָס ס׳לעבט אין איר, און קען שרייען אויף טויזנט לשונות, אויף טויזנטער קולות... „ווי אַזוי גייט מע דאָס אַוועק פון אַזאַ גדולה? פון אַזוי פיל זעק מיט צוקער? זאַלץ? טערקישן פעפער? רויטע באָבּ־קע בלעטער! פעסער אייל! ווען האָט זי אַ מאָל דאָס געזען פאַר אירע אויגן? צי אַפילו געחלומט דערפון? און ביז זי האָט זיך צו דעם אַלעם דערשלאָגן, און נישט אַזוי גרינג אויך, — ערשט דאָס ברויכן איבער־צולאָזן? און אויף וועמענס באַראַט? אַז זי נעמט אפילו מיט זיך מיט דאָס איינ־איינציקע וואָס זי האָט, — דעם גרויסן גאָט אין ד׳הימל; און ס׳בלייבט נישט מער דאָ איבער ווי די מלחמה, און דער קאָמענדאַנט וואָס איז געזעצט איבער איר, — נו? קען מע זיך דאָך משער זיין, ווי דאָס וועט אַל־ץ אויסזען, — וואָס מ׳לאָזט ביי זיי איבער? סאַראַ תכלית ס׳וועט פון דעם ווערן? איך האָב אָבער נישט צוגעלאָזט, — אַז זי זאָל זיך דאָ צעלאָזן, און מיר צערעכט מאַכן אַ סדר; מ׳האָט נישט אַרויסגעגעבן, זאָג איך, קיין שום זמן אויף צו צעלאָזן זיך; סך הכל: צוויי שעה! און כ׳וואָלט זיי געגרן נאָך געוואָלט אַרויסגעבן פון די צוויי שעה אויך, — זיי דאָ נישט מיט אַלעם אויסזיין. דעריבער, נעם וואָס דו קענסט, און די פיס זאָלן דאָ מער נישט ברויכן שטיין. ס׳קען

נאָך ווערן שפּעט אַרויסצוגיין. און זי האָט מיך געפּאַלגט, נאָר וואָס, משטיינס געזאָגט, — האָט זי געקענט נעמען? אַ נאַרישע יידענע! געהאַט אַ פּאָר מעשענע לייכטער, שווערע ווי די צענטענס, — האָט זי זיי זיך ארומגעבינדען מיט אַ שטריק, ווי אַ קאַטאַרזשניק, אַרום דעם האַלדז; איך האָב איר דערפאַר נישט געשווינט: „דו וועסט האָבן ווייניק צו טראָגן, און מוזט דיר נאָך די לייכטערלעך אויך אָנהענגען? דיר דורכאויס דעם טויט מאַכן מיט זיי?" און זי: „אַלמאַי איך נעם דעם טלית מיטן קיטל?" וואָס אַ יידענע איז? אַ משל: דעם טלית מיטן קיטל און אירע לייכטערלעך! טאָמער, חלילה, שטאַרב איך אויפן וועג, כ'וועל געהרגעט ווערן, מ'ווייסט דען, — וואו מ'גייט? און אַז מ'גייט אַרויס, צי מ'וועט ערגיץ אָנקומען? ס'אַי דאָך מלחמה! זאָל מע מיך כאָטש האָבן אַין וואָס אין דר'ערד אַריין צו לייגן! און אַז מ'וועט לעבן פון גאָט, — וועט מע דאָך דאָבן אַנדערע לייכטערלעך, אַזוי ווי מ'וועט האָבן אַנדערע ראַנדלעס, וואָס מ'לאָזט איבער אויף די ווענט; אַן אַנדער ווייקשעפל, אַן אַנדער זאַלצבערטעל, אַן אַנדערע סדר־שיסל, אַן אַנדער בשמים־ביקסל, כ'ווייס: וואָס מ'לאָזט אַלץ איבער? און גייט זיך דורכאויס באַוואָרענען מיט די לייכטערלעך? ענטפערט זי מיר אָפּ מיט דעם אייגענעם: דו ווילסט דיך איינהילן אין טלית מיטן קיטל, און טאָמער, אומאויסגערעדט, מ'איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש, — ברויך מע מיך אָוועקצולייגן? וואָס וועט מע מיר מיטגעבן? כאָטש האָבן די לייכטערלעך ליגן צוקאָפּענס! אַ וואויל קישן, אַ? נאַר, מ'קען דען מיט אַ יידענע עפּעס אויספירן? זי האָט זיך איר שכל, כ'מיין: איר נאַר, וואָס, אַז ער שטעלט זיך אַוועק, — קען אים דער גרעסטער חכם מיט זיין חכמה נישט אָוועקלייגן! זאָלן זיין די לייכטער! אַז ס'איז איר ליב מוז מיר זיין ניחא. און מיט די לייכטער איז זי שוין אַרויס פון אחריות? כ'האָב איר אָנגעבינדען אַ זאַק אויף די פּלייצעס: „נאַ דיר ראובלען אין זאַק אַריין!" און דו מיין נישט, אַז כ'האָב אויף איר אַרויפגעלייגט די גאַנצע משא! כ'זע: די משפּחה האָט זיך שוין אין דיר צעבריקעט... איך בין אויך נישט געגאַנגען אָן אַלעם. כ'האָב מיך אַליין אויך גאַנץ שיין איינגעשפּאַנט. זיך אָנגעהאָנגען נישט קיין קלענערן זאַק, אויב נישט קיין גרעסערן, — אויף די פּלייצעס; און אויפן אָרט פון די לייכטערלעך אַריינגעטון אין אים צוביסלעך פון אַלע מינים שפּייז: ווי רייז, גרייפּלעך, הייד־

לעך, און זאַלץ, — וואָס אַן דעם טאָר מע זיך בכלל נישט אַרויסרירן; און אַ חוץ דעם אַלע אויך, — געצעלען; און אין זכות פון די מעשׂע־נע לייכטערלעך אירע, — אודאי געהאַט מיט צוואַנציק פינט וויניקער פון מיר צו דזשוויגען; און אַז כ'האָב אַ קוק געטון אויף איר, די משפחה דיינע, ווען דער קליינער ראובעלע האָט זיך אַריינגעריקט מיט אַלעם ביי איר אין זאַק, — האָט זי אויסגעזען, וויניקסטענס, אין מיינע אויגן: ווי ס'וואָלט איר אָנגעוואַקסן אַ האָרב אויף די פּלייצעס. איי, זי האָט, קען זיין, — ס'אייגענע ביי מיר אַזויכעט געזען! נו, ווייסט דאָך ווי מע זאָגט: אַז ס'אי לייכטער צו זען יענעמס דהויקער ווי דעם אייגענעמס; אין געצעלן, — האָב איך ערשט, גייענדיק אויפן וועג, דערשפּירט: אַז ס'אי גאָר נישקשה מיט אים; קאָרגע דריי יאָר, כאַפּט נישט קיין אָרשין אין דער הייך, — און די מלחמה האָט אים, קיין עין הרע, אַזוי צוגעזען, אַז כ'דהאָב מיר גוט באַדאַרפט ס'האָרץ אונטערייסן אים טראָ־גענדיק; די צוויי עלטערע: בנימין און רייזל, — האָט מע שוין נישט באַדאַרפט טראָגן, נאָר געקענט נעמען פאַר די הענט. שלום בער מיט לייבלען, די סוחרים, — געלאָזט גיין אַליין ווי דערוואַקסענע, פאַראויס, און זיי אָנגעזאָגט זהיר וזהיר; זיי זאָלן זיך, למען השם, האַלטן ביי די הענטלעך, און נישט אַראָפּנעמען קיין אויג פון אונדז; וואָרן, כאָטש זיי האַלטן זיך שוין פאַר גרויסע, קענען זיי גאַנץ שיין, אַזוי ווי ס'אי טאָקע מיט אַ סך גרויסע געווען, — אָוועקומען; און וואו וועל איך זיי ערגיץ גיין זוכן: אין וועלכן גרוב? און אין וועלכן וואַלד? מילא, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אַזוי ווי כ'בין אַרויס מיט דעם קרענצל פאַר דער טיר, און אַ קוק געטון: ווי נאָך אַזעלכע קרענצלעך, גרעסערע און קלענערע, גייען, — האָט עס מיך פאַרשניטן ביי די גע־דערים, און געמיינט: שוין! אַז דאָ עקט זיך מיין וועלט, און זיך באַלד נישט קענען אָוועקרירן פונעם אָרט; און, — הלואי וואָלט איך טאָקע געפאַלן אויפן אָרט ווי אַ שטיין, און זיך מער נישט אויפגעהויבן; אַזוי ווי וואָלף דער שניט־קרעמער דהאָט געטון, אַז ער האָט באַדאַרפט אָוועקגיין פון דער שניט־קראָם זיינע, — אַז ס'האָט אים געזאָלט פאַר־קלעמען צום טויט! נאָר אַ גביר האָט אַזאַ מזל! און ווי לאַנג מ'האָט זיך נישט אָוועקגעלייגט מיט אַלעם, — נאָר סתם אַזוי זיך נאַריש גע־מאַכט; מיט אַ פּיס־רייסעניש, זייט־שטעכעניש, — האָט מע אַלץ גע־מוזט אָנגורטן די לענדן, און גיין; און, אַז ס'אי שוין מער געווען ווי

באַריש געמאַכט זיך, — געמוזט יענעם ווידער טראָגן; וואָרן, אויב מ׳האָט געזאָגט: אַפּליידיקן די שטאָט ביז איין לעבעדיק נפש, — איז דאָך אַפילו אַ גוססדיקער נישט געווען נאָך טויט, און אים געמוזט נעמען מיטן בעטל.

אַז מ׳איז אַרויס מחוץ לתחום פון דער שטאָט, האָט זיך דער עולם גענומען געדיכט אַפּזעצן, — ביז אַלע וועלן אונטערקומען; ווייל, אַרויס פון איר זענען דאָך נישט אַלע גלייך און אויף איינמאָל, נאָר איינער פריער, אַ צווייטער דערנאָך, — ס׳זענען דאָך עפּעס געווען גאַנצע צוויי שעה דערויף; און פון דאַנעט האָט מע זיך געברויכט, אַזוי ווי אָפּגערעדט, אַוועקלאָזן אינאיינעם, בציבור, — מ׳איז דאָך עפּעס צווישן פעלדער און וועלדער! און סתם ערגיץ, וואו ס׳אי קיין וועלט נישט, — אונדזער וועלט איז געווען באַגריע! און ביז די גאַנצע שטאָט האָט זיך צונויפגעקליבן אויפן מאַרק, — האָט זיך דער עולם, וואָס האָט זיך געפעדערט, און אַרויסגעאיילט, — צוגעזעצט אויף וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט: אַ שטיין, אַ ביין און אַ שטיק האָלץ; און אַזוי זיצענדיק, אַ תחום שבת פון שטאָט, עטליכע הונדערט נפשות: יידן, יידענעס, מיט קליינע און גרעסערע קינדער, — האָט זיי אַזאַ שטיל־קייט אַרומגעכאַפּט, דאָס מ׳וואָלט געקענט הערן דאָס רוישן פון אַ בין אין דער לופטן. עפּעס האָט זיך נישט געגלייבט: אַלע זאָלן זיין אַזוי פאַרהאַקט צום טויט, און ס׳זאָל זיך נישט אַרויסרייסן קיין גע־שריי ביי עמיצן? און גענומען חושד זיין דעם אייגענעם געהער, צי עס נאַרט נישט... וואָרן, ווי געשיקט זיך עס, דאָס פון צווישן אַזוי פיל דערוואַקסענע און נישט דערוואַקסענע מענטשן, פיצלעך קינדער, אַלטע לייט, מעוברתע ווייבער, — זאָל נישט וועלכע פון זיי אַ פּיפּס טון? און קליינע זייגנדיקע עופות־לעך האָבן דעם שכל, — נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין? עמיץ געבן אַ שאָס אַרויס מיט אַ געשריי, וואָס קומט, געווײנטלעך, נאָך אַ לאַנג צוריקהאַלטן זיך, און מע מוז שרייען, ווי אַ שטייגער: מע שטייט איבערן אָפענעם קבר פון גאָר אַ נאָענטן קרוב, און עס שרייט פון זיך אַליין... וואו איז דער שטילער קרעכץ, וואָס בויערט אַדורך און אַדורך? יענער וואויל באַקאַנטער אָפּגעהאַקטער שלוכץ ביי איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, — און וואָס רייסט אויף ביי אַלע מיט אַ מאָל אין אַ הימל־געשריי, אין אַ ברע־נענדיקן ווײ־געשריי... ווי געשיקט זיך עס, אַז ביי אַ שטאָט לעבעדיקע

נפשות זאָלן מיט אַ מאָל פאַרשלאָסן ווערן אַלע קוואַלן? די העל־דזער זיין פאַרצויגן מיט שטריק? און אַלטע ווייבער ווי קליינע פּיצ־לעך, — זיך וויסן צוריקצוהאַלטן? ס'זאָל נישט זיין קיין טויב וואָס ברומט? ביי וועמען אין די ווינקלען פון פּנים עפּעס אויסגעקרימט? צי אַפילו אַ היימישער הונט, וואָס האָט אויסגעביטן דעם בעל הבית פאַר דער שטוב, — אָנשפּיצן די אויערן און לאָזן פאַלן אַ ביל?

מ'איז אַזוי געזעסן, געזעסן, ביז מ'האָט זיך אַרומגעזען: אַז ס'טונקעלט, עס ווערט נאַכט. געוויינטלעך: געדויערט אַ טאָג אין אַזאַ צייט, — אַ יאָר; און ווי אַזוי ער האָט דאָ געקענט אַזוי גיך אַוועק־קומען — ווייסט איין גאָט! און אַז ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, — איז אין צווייען געוואָרן קאַלאַמוטנע; ביי טאָג וואָלט נישט געוועזן אַזוי שווער זיך צו רירן, — אָבער וואו גייט מע אַרין דער נאַכט אַריין? און דערצו איז נאָך דער הימל, צו דעם וואָס ס'איז נאַכט, — פויל, הויל, ווי אַ שטיק אָפן מויל, קענטיק: צוליב אונדז זיך געמוזט אַזוי מצער זיין, און זיך גענומען קלאָגן ס'פּנים, — אָבער דערמיט אונדז אַ גאַנץ קליינע טובה געטון; וואָרן, קיין רעכטער וועג, ווי דו ווייסט, איז דאָך ביי אונדז נישטאָ, נאָר די באַרימטע פּוילישע וועגן, וואָס ברויכן נישט מער ווי אַ רעגנדל, — איז אָבי געזונט; און צו גיין אויף אים איז וויי און וואונד; ברויך מע צו יעדן איינעם באַזונדער צו־שפּאַנען אַ פערד, — וואָס זאָל אים שלעפּן; און כאָטש עס קאָפּעט אָנשטענדיק, פילט מע נישט די בלאָטע וואָס קומט־אויף אונטער די פיס, און, — מ'גייט; די גאַנצע שטאָט גייט, אינאיינעם, אויסגעמישט און צעשלעפּט, — און ס'טראָגט זיך ערגיץ וואו איבער די קעפּ: „אוי, טאַטע פאָטער!" „און פאַר וועלכע חטאים?" מיין ווייב האָט ווידער אַ מאָל אויסגעגלאָצט די אויגן: „וואו רייסט מע אונדז אַוועק?" און בעת מעשה אָנגעטאַפּט ס'הענטל ביי בנימינען, — צי זי האָט אים; זיך גוט איינגעקוקט אין רייזלען, וואָס האָט געקלעפּט אין איר; אויף די צוויי דערוואַקסענע לייט: שלום בער מיט לייבלען, ווי זיי גייען גלייך מיט אַלע יידן, — פאַרטון, טראָגן זייער עול, און סטאַרען זיך צו האַלטן פון פאָרענט. קליינע יידן מיט קנייטשן אויף די שטערנס ווי ביי די גרויסע; און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? צום ערשטן מאָל האָב איך זיי געזען ווי סטאַלע מענטשן מיט סטאַלע געמיטער, און ס'האָט מיך נישט ווילנדיק אַ ציפּ געטון: מ'וועט שוין באַלד ברויכן אָנהייבן

קלערן, אויב מ׳וועט נאָר דערלעבן ערגיץ אָנצוקומען, — וועגן אַ תכלית פאַר זייערטוועגן.

אַז מ׳איז געקומען הינטערן רויטן באַרג, דו געדענקסט דאָך אים, — האָבן זיך די פיס געהאַט שוין אַ שפּאַר ביסל איבערגעאַר־בעט; מ׳האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ווײַלע, — זיי זאָלן זיך דערכאַפּן, און נאָך האָבן כח זיך אַריבערצוטראָגן, אויף דער אַנדערער זײַט פון אים; מ׳האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַרײַנגעשניטן טיף אין דער נאַכט אַרײַן, און זיך גלײַך געשטעלט, — אַז מ׳איז שוין יאָ גע־בליבן שטיין, — דאַווענען מעריב; און נישט ווי בײַ מנחה, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעשלינגען גייענדיק, יעדער פאַר זיך, — נאָר טאַקע שטייענדיק אויף אַן אָרט, די גאַנצע שטאָט אינאיינעם, און אונטערן פרייען הימל; אַפילו נישט ווי אין באַגריע, וואו יעדער איינער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך, אין זײַן שטיבל, און מיט זײַן כיתה חסידים, — אויס כיתות! אויס חסידים! נאָר, יידן! נישט קיין שניידער און נישט קיין בעלי־הבתים, נישט קיין קצבים און נישט קיין שיינע יידן, נאָר פשוט: יידן, עמך ישראל, אַלע ווי איינער און איינער ווי אַלע דהאָבן גענומען זאָגן מעריב. און דו ווייסט, וואָס פאַר אַ מעריב דאָס איז געווען? גע־דענקסט ברוד׳לען, דעם קליינעם ברוד׳ל, ווי מ׳האָט אים גערופן: דער שאגת הארי, — ווײַל ער האָט געהאַט אַ קול פון אַ לייב? אַז ער האָט גענומען זאָגן, נו־נו, — פרעג שוין גאָרנישט! עס איז געווען ווי אַ שליסל צו אַלע הארצער, וואָס זענען געווען איבערגעפילט, — אַז זיי זאָלן זיך ברייט צעעפענען; און כ׳ווייס נישט פון וואַנעט און ווי אַזוי, — מ׳האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרקירעוועט אויף דעם טונקעלן שליאַך פונעם ימים־נוראדיקן ניגון? דאָ, אויפן פרייען פעלד, אונטערן גאָלן הימל, — אין עק וועלט אַרײַן! פון זיך אַליין און אַן אַלעם איז געוואָרן יום־כיפור, און מ׳האָט געדאַוועט אַ יום־כיפורדיקן מעריב, מיט אַ כל־נדרידיקע שמונה עשרה, מיט דעם גאַנצן צעטל על חטאס: על חטא שחטאתי לפניך במשא ומתן... על חטא און ועל חטא... אויס־גערעכנט אין דעם אופן פון אַ ווידוי, אויסדריקלעך פון האַנדל־וואַנדל, כאַפּ־לאַפּ, קעסטלעך טיי און וועגענער היי, חזיר־האָר, פלאַקס מיט פלעשלעך עסיק... און אַז מ׳האָט, קלאַפּענדיק זיך אַזוי, אויפגעהויבן די קעפּ, און צוגעבליקט אַהין וואו ס׳דאַרף זײַן די שטאָט באַגריע, און וואו דער הימל איז ביז אַצינד געווען ווימש חושך, — האָט זיך

מיט אַ מאָל אַ רויטקייט איבער אים אַריבערגעצויגן; אַ רויטקייט פון פייער און פון בלוט. עך, ברודערשי, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ביז דער רגע האָט מע נאָך אַלץ געגלייבט: דאָס אויב מ'וועט זיך נאָך אַ מאָל אומקערן, — וועט זיין צו עפּעס וואָס, אַ שטיין און אַ ביין, און אַצינד? וואו וועט מע זיך אומקערן, — אַז מ'זעט, באַשיינפּערלעך, ווי באַגריע גייט אַוועק פון דער וועלט? און ס'וועט באַלד מער קיין באַגריע נישט זיין? נישט געננג: וואָס מ'איז נע־ונד, אַן אַ העמד אויפן לייב, אָן אַ ביסן ברויט באַלד אין מויל אַריין צו נעמען, און אַן אַ ברעג וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, — גליט זיך דאָרט אַלץ אַדורך און אַדורך, פלאַקערט די שטאָט מיט אַלע אירע אוצרות, שאַץ־קאַמערן, מיט דעם אָרימען ביסל בעטל, ווי אַ פייערדיקער שטורקאַץ, — וועלכן ס'וואָלט זיך אַזוי געוואָלט אַרומנעמען, צודריקן צום האַרץ און גוט אויסוויינען איבער אים: „באַגריע, מ'האָט זיך פאַרזינדיקט אין דיר; באַגריע, וואו לאָזטו אונדז איבער?"

ס'אי מיר געוואָרן, און ווי כ'פאַרשטיי, — אויך אַלע יידן: נישט גוט, אָדער, אויב ס'אי פאַראַן אַזאַ זאַך, וואָס איז נאָך מער ווי נישט גוט, — שלעכט; ביטער; און באַדאַרפט, ווי מיין רגילות איז, ביי אַזאַ מעשה, צי אַפילו אַ קנאַפּערע מעשה, — זיך צו צעגיין, צו צעריי ערן, און מ'טן גיין און צערידערן זיך, — זאָל ס'בלוט זיך צעלויפן פון די שפּיצן פינגער ביז הינטערן דעקל פונעם שאַרבן; און גיי, צעלויף דיך, צעשרויף דיך, — אַז מ'איז אָפּגעצוימט, נישט ביי זיך, אין יענעמס ענגע שיך; איידער כ'האָב מיך נאָך בדעה געהאַט צו רירן, האָט מיך שוין די יידענע אַ כאַפּ געטון פאַר דער פאַלע: „וואָס איז דיר אונטערגעפלויגן, וואָס? איין טריט, — ביזטו אָן מיר, און איך מיט די קינדער אָן דיר; וואו וועט מע זיך דאָ גיין אַרומזוכן?" און כ'האָב געמוזט זיצן ווי צוגעקאָוועט. דאָ איז מיר מיט אַ מאָל געקומען אויף די אויגן דער רב, אונדזער רב, שליט"א; וואָס האָט געשמט אויפן גאַנצן גליל מיט זיין דרויפורת, און יידן פלעגן פאָרן צו אים מיט פאַרדרייטע דין־תורות, ירושה־סכסוכים, גטן, וועלכע ער האָט אויפגעקניפּט מיט חכמה, ווי אַ קניפּל פון אַ שטריקל מיט שאַרפע נעגל. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן זיין גראָבן שטעקן, מיט וועלכן ער פלעגט האַקן און בראַקן אין טיש אַריין ביי די אַלע דין־תורות, אַנוואַרפן אַן אימה אויף די יידן, — און מיטן פנים צו באַגריע; דאָס ליכטיקע פנים

ייִנס איז נאָך אַ מאָל, נישט: נאָך אַ מאָל, נאָר אפשר טויזנט מאָל אַזוי ליכטיק געווען! דער פלאַם פון די ברענעדיקע שטאָט איז געלעגן דערויף, און אויף זיין באַזילבערטע באָרד; זי איז געווען פון רויטן זילבער מיט אַ בליאַסק פון צעגלאַנצטן קופּער. כ׳האָב געוואָלט, וואָס, ס׳קען זיין: אַ סך יידן האָבן דאָס זעלביקע געוואָלט, — אים צוגייִן פרעגן: „יאָ, גוט: ס׳אַ חתונה, — וואָס האָבן די יידן צו טאַנצן אויף איר? און די שטאָט?״ אָבער, נאָך איידער כ׳האָב עפּעס געקענט ברענגען פאַר די ליפּן, — האָט אַ ראָל־געטון אַ דונער, און אויף אים נאָך איינער, און אויף זיי, — נאָך איינער, א סך אויף אַ מאָל, און מ׳האָט באַלד נישט מער געדענקט אין דער שטאָט, אין די הייזער וואָס אין דער שטאָט, אין די זעק פעפער, קעסטלעך טיי, פעסער אייל, פעלן, נאָר זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אין דעם אייגענעם פּיצל לעבן, — עס זאָל זיך דאָ אויך נישט אַרויסגליטשן; און דאַן, שוין נישט בלייבן אָן באָגריע, אָן די זעק מיט פעפער, באָבקע־בלעטער, — נאָר אויך אָן אַלעם; און צו וועלכע גוטע יאָר ברויך מע ווידער דאָס אַלץ האָבן? און מ׳האָט גלייך געגומען רירן פון די ערטער. אָבער דאָ האָט מע דערשמעקט, — אַז מ׳האָט געהאַט אַ גאַסט, דער מלאך המות האָט בינו לבינו אַריינגעשטעקט די נאָז, און צערעכט געמאַכט דעם אַלטן שמואל שמעלקעס. אַ סקרוך איז יעדן גלייך אַריבער איבערן לייב: דער טויט איז דאָ! ווי אַזוי האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט? דורך וואָס? אַ קויל? אַ שטיק פייער? פון אַן אַלטע קרענק, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלדז און דערשטיקט? ער האָט דאָס אַלץ נ י ש ט באַדאַרפט, — אַז ס׳זאָל אים אַוועקווילן; אַ ביסל: די זאָרג, אַ ביסל: דאָס עסעניש, אַ ביסל דער וועג, און ס׳איבעריקע, — די זקנה. דאָס איז ווייניק אויף צו דערהרגענען אַזאַ אַלטן ייד? ס׳אי נאָר אַ חידוש: אַז ס׳האָט עפּעס ייִנגערס נישט אַוועקגעלייגט! מ׳קראַצט זיך אין קאָפּ: וואָס זאָל מע דאָ טון מיטן טויטן ייד? מאַכן פונעם אַ געבראָטענס? ס׳האָט עפּעס נישט אויסגעטראָגן: אַז מע זאָל דעם אַלטן און בכבודיקן ייד, — פאַר זיין לערנען, זיצן תמיד איבער דער גמרא, — לאָזן ליגן און פון אים אַוועקגיין; וואָס, ס׳וואָלט געהייסן: פאַר די הינט, — זיי זאָלן אים צעשלעפן; און ווידער אים זיין רעכטס־טון אויפן אָרט, — דאָס דינערן האָט שוין צו שטאַרק געראָלט איבערן קאָפּ! אַזוי האָט מען אויף דער גיך און אומגעטראַכט, אים צוגעבינדן צו אַ ברעט, און, וואָס ס׳האָט

נישט געזאָלט זיין, — קודם מיטגעטראָגן מיט זיך; און צוגעבינדע־נערהייט, — נישט באַדאַרפט מקפּיד זיין ביים גיין, אַז ביי יעדן וואַקל קען ער אַראָפּפאַלן, — און ס'וועט נישט מער זיין וואָס אויפצוהייבן; אַ בייג אַהין, אַ בייג אַהער, — ער איז צוגעפּאַסעוועט מיט רימענס, און ווען ער זאָל אַפילו וועלן און האָבן כח, — וואָס אַ טויטער קען האָבן כח? זיך אויך נישט געקענט רירן פונעם אָרט.

עך, ברודערשי... וואָס, אייגנטלעך, ברויך איך דיר דאָס צו שרייבן? ווייניק: וואָס איך האָב געגעסן דאָס ברויט, — ברויך איך נאָך דיר אויך געבן צו פאַרזוכן דעם טעם דערפון? גלייכער, אַז כ'פאַר־געס דערין; וואָרן, אַז כ'הייב מיך אָן צו דערמאָנען, — נעמען מיר טרערן די אויגן, און ס'הייבט אָן בלענדען אַ ריזיקער רעגנבויגן פון דרייערליי קאָלירן: רויט, רויט און רויט, וואָס דער טייטש איז: בלוט, פייער און טויט; די אַלע דריי שותּפים האָבן זיך, אַפּנים, געגעבן די הענט אין דער איצטיקער מלחמה, און שטעל דיר פאָר, — וואָס פאַר אַ מיתה משונהדיק באַשעפעניש ס'האָט געקענט פון דעם חוט המשולש אַרויסקומען?

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו, מיט דיין ווייב, און דיין גאַנץ בני־בית: און מ'זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

ממני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

דאָס זעקסטע בריוועלע

קעלץ, דינסטיק, כ׳ שבט, פרשה: משפטים, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עב זוגתו תחי׳, מיט אַלע אייערע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, — ס׳אי נישט מער קיין ראשית און נישט קיין והשנית. ס׳איז, ברודערשי, עליה השלום, און גיי נעם דיר כאַטש ס׳לעבן. ס׳אי נישטאָ מער קיין באָגריע אויף דער וועלט, — אויס! און אויף יענער וועלט, — מי יודע? זי האָט אַפילו געהאַט אַ סך גוטע זכותים! דאָ איז ביי איר די נשמה שוין פון לאַנג אַרויס. און אַז מ׳זאָגט: עליה השלום, — איז נאָך אַלעם; אַזוי ווי קיינמאָל נישט געווען. נאָך אַ מענטש קען מע דאָס נישט אַזוי גרינג זאָגן ווי נאָך אַ שטאָט; אַ מענטש לאָזט נאָך זיך איבער אַ דור, אָדער הייזער וואָס ער האָט געבויט; ספרים, וואָס ער האָט געשריבן; אָבער אַ שטאָט, אַז מ׳פאַרברענט איר, — וואָס בלייבט פון איר איבער? די גלאָזוויעס! וואָלסט אַ מאָל געגלייבט אויף אַ שטאָט, — אַז זי קען אויסציען די קאָפּיטעס? האָבן אַ סוף? און נאָך אַזאַ מיאוסן סוף ווי באָגריע האָט געהאַט? אין אַ מלחמה, זעסטו, איז אַפילו מעגלעך, דאָס אַ שטאָט זאָל אומקומען, נו? פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש קומט אום, אַ פערד קומט אום, און אַ קאַץ קומט אום, — אויף אַ האָר נישט אַנדערש. דערמאָן דיך נאָר, ברודערשי, אין אונדער באָגריע, אין אונדזער שטאָט באָגריע, — עפּעס יאָ געקענט זאָגן אויף איר מיט אַ פול מויל: אונדזער שטאָט, אַ? אין יעדן קוימען, אין יעדער וואַנט, אין יעדן ביימל אַפילו, מ׳זאָל געווען אַריינקוקן, — האָט דאָך עפּעס אין דעם געשטעקט אַזוינס, וואָס ס׳איז געווען אונדזער, אונדזער אייגנס; און וואָס נישט איך, און נישט דו, נאָר אונדזערע זיידעס, עלטער־זיידעס, האָבן זיך געמיט דערביי, און דאָס געלאָזן בירושה אין יעדן שפּעלטעלע, קאָר־

בעלע, פעלדעלע, וואָס זיי האָבן געמאַכט; נאָר גיי זאָג נאָך שבחים אַ טויטן, — אַז די שטאָט איז טויט!

איך האָב מיך אַנימעלטן אַריבערגעכאַפּט, סאיז גרינג צו זאָגן: אַריבערגעכאַפּט, אַז אונטער דער נאָז פון באָגריע, עליה השלום, — זענען די צאַקאָפּעס, און ס׳ליגן אין זיי זעלנער וואָס מאַכן די מלחמה. נאָר ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט אַ זעלנערישער וואָגן, אַזויגער וואָס פירט־צו משקאות מיט לעקעכער פאַר די צאַפּיצירן און סתם מיוחס־דיקע זעלנער... קוקסט מיך שוין ווידער אָן? יאָ־יאָ: גוטע געטראַנקען מיט זיסע לעקעכער, — זיי קענען זיך אָן דעם כמעט נישט רירן; וואָס פאַר אַ פּנים וועט די מלחמה האָבן, — אַז מ׳וועט איר נישט צוגטערלענען ס׳האַרץ מיט אַ ביסל בראַנפן? אָן אַ גלעזל איז אַפילו דער שווערער האַרמאָט, טויט; דער פּולווער קיין פּולווער נישט. און אַזוי ווי דער צופירער איז אַ היימישער זעלנער, וואָס ווייסט נאָך דעם צו קומען גלייך צו מיר אין שטוב אַריין, — ווי צו זיך אַהיים; און דאָסמאָל זיך געהאַט פאַרטיילט מיטן געלט, און מיר נישט געהאַט צו משלמען, — האָט מיין ווייב נישט אַנדערש געוואָלט, ווי כ׳זאָל מיך אַרויפכאַפּן צו אים אויפן וואָגן, צווישן די אַלע איינקויפּעכצער, און מיטפאָרן צו דער מלחמה אין מויל אַריין, — מ׳זאָל זיך דאָרט אַרויסצאָלן, ס׳הייסט: „גאָ דיר דעם בראַנפן, און גיב אַהער די פאַר קרייצער". וואָרן, אויף צומאָרגנס קען שוין דער אייגענער זעלנער ערגיץ וואו אָנשפּאַרן, — ס׳איז דאָך מלחמה! און פאַרוואָס זאָל איך בליטן מיט מיין געלט? און צוליב דעם אָפּברענען? און וואָס טוט מע נישט צוליב אַ ווייב? גאָכדערצו ווען זי שטעלט דערביי אַרויס די כשרע חזיר־פּיסלעך: „זי מיינט נישט אַזוי וויט דאָס געלט, ווי כ׳זאָל מיך צוליב דעם קענען אומקוקן אויפן הויז, און אויפן ביסל בעטל וואָס אינעם הויז? אפשר קען מע גאָר עפּעס אָפּראַטעווען?" און צוליב דעם, פאַרשטייט זיך, — שוין אַרויף צום זעלנער אויף דער פיר; און ווען נישט צוליב דעם נאָר עפּעס אַנדערש, געקענט פאַר אַזאַ מעשה־רע, — אַרגטלעך צאַפּשניידן; שמעקן צום פראָנט? און נאָר רק צוליב דעם ביטערן טראָפּן, אונטער וועמענס רשות כ׳האָב מיך איצט געפינען, — דאָס געמעגט; וועלכער זעלנער מיט אַ ביקס ס׳האָט זיך נאָר פאַרקוקט אויף מיר: „העי? וואו קריכסטו דאָ, — אויפן סאַמע פראָנט?" דאָב איך בלויז באַוויזן איין פלעשל פון די פלעשלעך,

און ס׳האָט ביי אים גלייך נאָכגעלאָזט... און ס׳בייזע האַרץ זיינס געוואָרן ווייך ווי אַ פּוטער: „דו האָסט אפשר פאַר מיר אויך אַ לעק?״ ער, דער זעלבער, וואָס האָט מיך מיטגעפירט, האָט פאַר מיר אויך ערב געווען ביי מיין ווייב: אַז ער וועט מיך צוריק אָפּשטעלן אַהיים צו איר, — גאַנץ; און אַפילו מיט דעם אייגענעם קאָפּ; אַז מ׳וועט אים, חלילה, ביי מיר דאָרט נישט פאַרטוישן. די מלחמה איז נישט קיין בער. און אַז כ׳בין אָנגעקומען קיין באַגריע, ס׳הייסט: וואו ס׳האָט באַדאַרפט זיין באַגריע, און דער זעלבער האָט מיר אָפּגעשטעקט דאָס ביסל מזומן, — האָב איך נישט געקענט, אויף דער מינוט, כאַפּן די פּיס אויף די פּלייצעס, און עוקר זיין; נאָר זיך געמוזט אַוועקזעצן צו־וואַרטן אויפן אייגענעם זעלבער, וואָס האָט מיך געברויכט צו שטעלן אַהיים צו מיין ווייב, — גאַנץ, און אַפילו מיטן אייגענעם קאָפּ; און אַזוי ווי דער זעלבער האָט זיך פריער געמוזט מכין זיין דערצו, — געבן דעם פערד עפּעס איבערצוכאַפּן; אָנשמירן די רעדער פונעם וואָגן — האָב איך געקענט אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן דאָס שטיק ערד, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אַ מזל געפינען די ליבע שטאָט, באַגריע; און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אַזוי אויסגעטון, אַזוי נאַקעט, אָפּגעשיילט און משונה צעפּליקט, ווי זי האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, — האָט גאָרנישט געקענט געמאָלט זיין: אַז דאָס האָט זיך געזאָלט אָפּטון פון זיך אַליין, כ׳מיין: פון באַשיסן איר, און נישט מיט איין באַטעריע האַרמאַטן נאָר אַפילו מיט הונדערט; און נישט דורך איין טאָג, נאָר אַפילו דורך גאַנצע וואָכן, חדשים, — ווי דער פּראָנט איז טאַקע דאָ געלעגן אויסגעצויגן; מ׳האָט, נישט אַנדערש, ווי באַדאַרפט שטיין, טאָג־איין, טאָג־אויס, — מיט ברעכאייזענס, מיט: כ׳ווייס אַליין נישט וואָס, — און ברעכן, רייסן, און דאָס: מיט שכל, אויסגערעכנט: דאָס הויז, דאָס הויז און יענץ הויז, און נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אַזוי, — אַז ס׳זאָל אַרויסקומען ווי ס׳איז... כ׳האָב מיך צוגעזעצט אויף דער חורבה פון דעם אַמאָליקן הייזל מייגעם, ריכטיקער: אויף דעם אָרימען זכר פון מיין ווייבס גבירישקייט, און זיך אַזוי פאַרקראָכן, מחשבות, בשעת דער זעלבער האָט געשמירט די אַקסן פון די רעדער מיט סמאַר, — אין יענע יאָרן אַריין, ווען כ׳בין מיט דיר אַרומגע־גאַנגען צווישן די הייזער, ווען זיי זענען נאָך געווען; אָדער געלעגן אינאיינעם מיט אַנדערע שטאָטישע בחורים אויפן שול־הויף, —

פאַרנאַכט, אין אַ זומערדיקן טאָג, ווען באַגריע האָט אַזוי שיין געשמעקט מיט דעם בליעכטס פון אירע סעדער! וואָרן, ס'וועט נאָך אויף די זעלביקע ביימער אַמאָל עפּעס וואַקסן, — אַז מ'האָט זיי אַזוי צום קאָפּ געזען? אַזוי פאַרסמאַליעט און צוגעזענגט צום טויט? ס'אַפילו נישט געבליבן אויף זיי קיין פּיצל שאָל, — אַ ציג זאָל האָבן פון וואָס אַראָפּצולעקן! נאָר געבליבן שטיין אַזוי גאָל און מיטן גאָלן לייב אין דרויסן! און אַז יידן פלעגן זיך נעמען קלויבן צו מנחה, און זען: ווי מ'ליגט אַזוי מיטן פּנים אַראָפּ און מיטן דאָס, מחילה, אַרויף, — האָבן זיי צוגעשריגן: „ניטע, ס'וועט גיין אַ רעגן!" האָט מע זיי געענטפערט: „וועט זיין אַ ברכה פון גאָט פאַר די מענטשנס וועגן!" וואו איז שוין איצט דאָ אַ הויף? אַ שול? און, ביימלעך? אַפילו קיין לעק גראָז נישט! אַזוי ווי אָפּגעקאָשעט! און נישט בלויז די שול, נאָר אַפילו זייער קלויסטער, — איבם האָבן זיי יאָ געשאָנעוועט? נישט געהאָט קיין ברעקל בושה אַזוי אַריינצוכמאַליען אין זייער אייגענעם גאָטס הויז, ווען אַפילו נישט אינגאַנצן זייער, — אָבער קער זיך דאָך עפּעס אָן מיט דעם, אַ שטיקל שמעלקע שבשמעלקע... ניין? ס'רייסט ביים האַרץ, — ווען אַפילו אַ קלויסטער! ווי מ'האָט גערעדט: האָט ער געזאָלט זיין גאָר פון די אַלטע, פאַרצייטישע, מיט היילן, מיט לעכער אין די ווענט: אַרויסצושיסן, צי גאָר אַרויסצוואַרפן שטיינער, אויב מ'האָט נאָך דעמאָל נישט געוואוסט פון קיין שיסן... צעשיטע און צעקרישעלטע מויערן, וואָס האָבן געהאַנגען ווי שטיקער שפּינוועבס, און זיך געקענט צעשיטן מיט אַלעם, נישט דורך קיין שאָס פון קיין האַרמאַט, נאָר אַפילו מיט אַ בלאָז פונעם ווינט; און צו דעם אַלעם, — מיט אַ גאָלדענעם דאַך! פון וואַנעט האָט מע אין באַגריע גענומען אַזויפיל גאָלד? און נישט בעסער געמאַכט פון דעם, — טירן, שלעסער, קליאַמקעס, נאָר אַ דאַך? די מעשה: אַז ער איז, לכתחילה, געווען פון קופּער, נאָר אַזוי ווי דער קלויסטער האָט אים געזאָלט טראָגן ביי זיך אויפן קאָפּ, אַ קימאַ־לן, פון טויזנט יאָר, — האַלט מע ביי אונדז: דאָס קופּער, אַז ס'ווערט אַדורכגעגליט טויזנט יאָר אויף דער זון: יאָר־איין, יאָר־אויס, — טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד, אַזוי ווערט דערפון גאָלד! אַ באַגריער המצאה! אַ, זעסטו, — די בית־עולמס זענען דאָ! צוויי ריזיקע בית־עולמס! און אַז מ'קוקט אויף זיי, — שווינדלט מע אויף; גייט אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב! און די הויט ווערט גע־

רינצעלט! אַצינד, אַז קיין שטאָט איז נישטאָ מער, און ס'איז ליידיק אַרום און אַרום, וויסט און לער, אַזוי ווי איידער גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, נאָר מיט גאָלע ווענט און קוימענס, וואָס די מלחמה האָט אונטערגעטראָגן, — זעט מע ערשט, ווי גרויס, ריזיק גרויס ביידע בית־עלמינס זענען, און מ'קען זיך משער זיין: צום וויפֿילטן מאָל זיי האָבן שוין באַגריע אין זיך אַריינגענומען, און איר פֿאַרדייעט אין זייערע געדערים. ס'האָט, אַפֿנים, געמוזט מקוים ווערן די ברכה פֿון וועלכע נאַרישע בהמהוואַטע יידענע, ביי וועמען ס'האָט זיך אומגערן ווייליק אַרויסגעכאַפּט פֿונעם מויל: „די ערד זאָל פֿאַרשלאָסן ווערן אויף אייביק!” און איז טאַקע פֿאַרשלאָסן געוואָרן; אַז ס'אי נישטאָ מער קיין באַגריע, — וועמען איז געבליבן צו באַגראָבן?

איך שטיי און באַוויין די שטאָט באַגריע, וואָס איז אַוועק פֿון דער וועלט; טאַקע נישט געווען מער קיין יינגע שטאָט, אַ סך קנייטשן און פֿאַלדן געהאַט אין איר פּנים; מ'קען זאָגן: געווען אַלט, געהאַט אויף זיך די יאָרן, — גוטע, שלעכטע, זאַטע, הונגעריקע, און ווי זיי האָבן נישט געזאָלט זיין, זענען זיי אַלע געווען: חי, — צום לעבן! און זי האָט געלעבט; געוויינט און, — געלעבט; געלאַכט און, — געלעבט; זיך געפֿרייט און, — געלעבט; און דאָ, מיט אַ מאָל, — נישט געזאָלט האָבן מער קיין יאָרן צום לעבן? דאָס האָט דאָך אַפֿילו דעם שטאָט משוגענעם נישט געקענט קומען אויף די געדאַנקען! און אין פֿלוג, דאַכט זיך, — האָט מע זיך גאָר באַדאַרפֿט שעצן גליק־לעך, וואָס ס'איז אַזוי אַרויסגעקומען! ביי אַ מלחמה? ווי איז, ווען ס'געשיט אַזוי צו די מענטשן, וואָס ס'אי געשען צו די הייזער, — וואָלט נישט געווען ס'אייגענע געשריי? וואָרן, פֿאַרצייטנס, האָט מע דען נישט ביי אַ מלחמה פֿריער אויסגעקוילעט ס'ביסל מענטשן, — און דערנאָך ערשט פֿאַרברענט אַלץ מיטאַנאַנד? דאַרף דאָך ווידער זיין גוט, וואָס מ'האָט אַזוי אָפּגעשניטן, און מ'איז אַרויס מיטן אייגענעם נפֿש! מה יתאונן אדם חי, — וואָס האָט זיך דער לעבעדיקער מענטש צו באַקלאָגן? ווי זאָגט מע: אַז ס'וועלן זיין מענטשן, וועט פֿאַרגעווים אויך זיין, — שטאָט! און איצט, אַז כ'זאָל וועלן נעמען זיך פֿאַר אַ ביישפּיל: ווי איז, ווען די בראָך טרעפֿט אַזוי מיך, — מיך אַליין? און איך טו אַרויס ווי כ'גיי און שטיי: בעירום ובחוסר, אין איינעם העמד, — און שטאָט בלייבט שטאָט? מענטשן, — מענטשן? וואָלט נישט

דאָס עַגמת נפש, די גריזאָטע, — געווען טויזנט מאָל ערגער? אָט איז אַ לעבעדיקע שטאָט, מיט לעבעדיקע מענטשן, און די קויל האָט דיך גראָד געבראָכט טרעפן, אַ? דו קענסט מיך, און ווייסט: אַז כ׳האָב מיך קיינמאָל נישט געפרייט פון דעם, וואָס מיר טוט ווי דער קאָפּ, און יענעם דער בויך! הלואי וואָלט טאַקע אַזוי געווען: אַז איך זאָל אַרויס אָן אַלעם, און שטאָט זאָל בלייבן שטאָט! וואָלט דאָך, על־כל־פנים, גרינגער געווען: די שטאָט זאָל צוריקשטעלן אויף די פיס איינעם ווי קיינעם! און גראָד דאָ, זעסטו, האָב איך אַ פאַרקערטן שכל; דאָס וואָס יעדער באַוויינט די מענטשן: „אוי, ס׳ביסל אָרימעלייט, נעבעך!" הייבן זיי מיך גאַרנישט אָן צו אַרן! טוט מיר גראָד אַ הנאה: וואָס זיי ווערן אַ ביסל אויסגעריסן און פאַרשוואַרצט! זיי זענען עס, כלעבן, ווערט; און אויב מ׳זאָל זיי נישט אַ מאָל געבן, גלאַט אַזוי, איבער די הענט, — ווען זיי גאַרנישט וויסן אויף וואָס זיי גייען! און מיינען: ס׳איז זיי אָנגעוואַקסן הערנער! און אונדזערע יידעלעך, אַ געזונט אויף זיי, — האָבן אויף זיך געצויגן די ריט! נאָר אַז מ׳האָט זיי באַדאַרפט אָנשמייסן, — וואָס האָט, נעבעך, די שטאָט געבראָכט אויפשטעלן די פלייצעס, און אַריינכאַפּן פאַר זיי די קלעפּ? וועסט מיר זאָגן: אַז ביי גרויסע חטאים זענען נישט בלויז די מענטשן, נאָר אויך דאָס אָרט איז חייב? איך קוק אויף דעם שטח ערד, און האָב אין דר׳ערד די מענטשן, כ׳מיין: די אַלערליי פּאָסקאַרזשעס, דרייערס, איטשע־מאירס, און פאַרמאַך די אויגן בדחילו ורחימו: שטאָט, מיין שטאָט, — וואָס האָט מע דאָ געהאַט צו דיר? און, זאָלסט ברויכן אויסגיסן ס׳בלאָד פאַר זיי? דו ביזט דאָך געווען צוקער־זיס! מ׳האָט דאָך אַלעמאָל געהאַט אַ פול מויל מיט דיר! קוק דיך אַרום און זע: ווי דו ביזט געגליכן צו דער אלמנה: ציון, וואָס מ׳האָט פאַרוויסט און פאַרברענט, און אַוועקגעפירט דיינע שיינע טעכטער לשבי... כאָטש, איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז, אין דער אמתן, — דאָ צו וויינען און צו קלאָגן? ווען איז גרעסער דער צער: אַז עס שטאַרבט די מאַמע, צי דאָס קינד? דאַכט זיך, און ס׳וועט קיינער נישט אַנדערש זאָגן: דאָס ביי דער מאַמע! כאָטש ביי אַ קינד, איז דער ריס אויך גענוג גרויס; אָבער ווי לאַנג דער בוים איז דאָ, — וועלן אויף אים, מסתמא, אָנוואַקסן אַנדערע פּירות! און קוים, חלילה, נעמט מע צו דעם בוים פון דער ערד, — איז נאָך אַלעם; איז נישטאָ מער אויף וואָס ס׳זאָל

וואַקסן! דאָס זעלביקע אויך מיט דער שטאָט: אויב די מענטשן זאָלן געוועזן אונטערגיין, — פאַר וועמען וואָלט זי געבליבן? און אויב זי איז אונטערגעגאַנגען, און די מענטשן זענען דאָ, — איז, מה רעש? וועלן זיי איר, מסתמא, צוריק אויפבויען! אָן קיין שטאָט וועלן זיי דאָך נישט זיין! אײַי, וואָס ס׳בויט זיך נישט אַזוי גרינג ווי ס׳רעדט זיך? און וואָס פאַר אַ פנים וועט זי שוין, משטיינס געזאָגט, האָבן, — אַז מ׳וועט איר שוין, מיט מזל, צוריקשטעלן אויף די פיס? און ווען ס׳זאָל אַפילו אויפן אָרט פון דעם פאַרשמאָלצענעם באָגריע, נאָך דער מלחמה, ווי מ׳שמועסט: אַרויסוואַקסן אַזאַ באָגריע, וואָס וועט נישט האָבן צו זיך קיין גלייכן אויף דער וועלט; אַ שטאָט, — אַ גאָרטן! אַ גן־עדן! נו? וואָס וועט מע דאַן זיין געהאָלפן, ווען אונדזער שטאָט, אונדזער באָגריע, די ירושה פון דורות, פון אונדזערע זיידעס, זייער אָטעם, זייער הויך, וואָס האָט געריט איבער אַלעם; זייער באַשמעקט ביסל שימל, דאָס פאַרקאָפּטשעטע גלעזל איבערן לעמפּל, דאָס טריפן פונעם חלבנעם ליכטל, אָ, — האָ! דאָס וועט שוין מער אויף דער וועלט נאָך אַ מאָל נישט געבוירן ווערן! לא קם! געוועזן איז דאָס נאָר איינמאָל, איז געקומען די מלחמה און דאָס אָפּגעווישט אויף אייביק; גראָד ווי פאַרגרעבטע הענט ווישן־אָפּ די פאַרב פון אַ פלוים.

ווי נעמט מע דיך, ברודערשי, און בלויז איינמאָל מיט מיר צו־גלייך, אויפמאַכן די אויגן איבער דעם וואָס איז אַ מאָל געוועזן, — און ס׳איז? וואָלסטו אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און געפרעגט: למה אני נוצרתי? צי וואָס בין איך דען אינגאַנצן געבוירן, — אַז כ׳זאָל דאָס ברויכן צוזען? איז דען נישט גלייכער: אַז מ׳ווערט גאָרנישט געבוירן? נאָר ווידער ס׳אייגענע: בעל כרחך אתה נולד, — ווייַן און גיי; בעל כרחך אתה חי, — מיט געוואַלט מוזטו טראָגן ס׳פּעקל; ובעל כרחך אתה מת, — ווייל צו צרות ביזטו געבוירן, און מוזט פריער אַדורכגיין אַלע שבעה מדורי גיהנום, — איידער דו ווערסט פאַרלוירן. שוין! אויסגעריסן איר אויך פון אינעווייניק, פאַרגעסן, פּטור און אַן עק! זאַל זיך דיר דאַכטן, קלמן, — אַז ס׳איז גאָר קיינמאָל אַזאַ זאַך ווי באָגריע אויף דער וועלט נישט געוועזן! אין וועלכן ספר פראַלניק שטייט עס געשריבן: אַז באָגריע האָט געמוזט זיין? און דאָס וואָס דו האָסט נאָך אַ קלער צו קומען, — האַלט איין דעם כעס, ברודערשי! ס׳אי דערווייל נישטאָ צו וואָס; און

ביז די מלחמה וועט זיין אויס, — נישט זיין אויך, לויט ווי ס'ווייזט זיך, — צו וועמען! סיי, אויף קבר אבות! דאָס, — יאָ! מ'פאַרט דאָך איבער ימים, טויזנטער מיילן, בלויז צו האָבן די זכיה: מ'זאָל קענען שטיין ביים קבר צוקאָפּעגס פון אַ טאַטן, צי פון אַ מאַמען, און זיך אַראָפּוואַרפן, כאַטש איינמאָל אויפן גאַנצן לעבן, — פונעם האַרץ! און אַ טאַטן, ווייסטו דאָך, — אַז דו האָסט געהאַט; און אַ מאַמע — איז נישט געווען אירס גלייכן. יאָ, דער בית עולם וואַרט אויף דיר! נישט מער ווי ער, בכבודו, און וואָס וועט זיך, אַפּנים, אויף דיר אויך דערוואַרטן, — אויב דו וועסט נישט וועלן ליגן נאָכן טויט ביי אַמעריקע אין דר'ערד; ביים לעבן אויב דו ליגסט ביי איר אין דר'ערד, — אַרט מיך נישט; ע ר וועט דיך צונעמען; די חברה קדישא וועט אַ ביסל האָבן אַן אַרבעט מיט דיר, און פון דיר וועלן רייסן אַ פּאַס, אָבער, סוף־כל־סוף, — דיך באַגראָבן. ער איינער, וואָס איז ג ע ב ל י ב ן, איז ד אָ, און כ'ווייס, אסור, נישט, — ווי אַזוי? וואַרן, אַנטקעגן דעם וואָס ס'האָט זיך דאָ אָפּגעטון, איז מיט ניסים, אָדער טאַקע זיך געברויכט לויפן מיען, — אַז ס'זאָל זייערע ביינער נישט אַרויסוואַרפן! איינס פון די ביידע...

עד כאן, — שטאָט, און השיבנו צו די מענטשן: זיי זענען שוין ביי דיר גאַרנישט? געדענקסט דאָך, מסתמא, אַז מ'האָט אינעם ערשטן אויף דער נאַכט אַריינגעכאַפּט אַ טויטן; אַז שמואל שמעלקעס האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט אַלע גלייך אָפּרוען, און שוין מער מיט אַלע גלייך נישט אויפגעשטאַנען; ווייסטו דאָך, אַז מ'האָט אים צוגעבינדן צו אַ ברעט, און אַנגשטאָט ווי מ'טוט אויף דער שיף: מ'וואַרפט אַריין אין ים, כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת: אַז מ'וואָלט שוין אויך באַשטאַנען איבער אַריינצוואַרפן, — נאָר וואו האָט מע געהאַט אַ ים? און אים ווידער לאָזן ליגן טויטערהייט, — דאָס האָט מע נישט געוואָלט און אויך נישט געקענט פּועלן ביי זיך; אונדזערע טויטע זענען ביי אונדז הייליק, נאָך אפשר הייליקער ווי די לעבעדיקע; קובר זיין אין מיטן פעלד, ערגיץ הינטער אַ בוים, מעשה זעלנער, — קען נאָך עמיץ קומען, וואָס זאָל אים אַנגעמען פּאַר אַ געפאַלענעם סאָלדאַט, און איבער אים אָוועקשטעלן אַ צלם! און מיט וואָס האָט ער דאָס חוטא געווען: אַז מ'זאָל, און ווען מ'זאָל אָפּילו איבער זיין קבר נישט אָוועקשטעלן קיין צלם, — נאָר סתם נישט וויסן: וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען? מיט וואָס האָט ער

זיך דאָס ביי דער שטאָט יידן פֿאַרדינט? ווייל ער איז געווען פֿון יענע יידן, וואָס האָט אָפּגעלעבט מיט דער אַלטער וועלט, און אויף זיינע עטליכע ביינציק יאָר נישט אָפּגעשטאַנען פֿון אַ רבים, נאָר געזאָגט: באשר תלך, — אַלך, וואו איר וועט גיין וועל איך אויכעט באַווייזן צו גיין! איי, ר׳האָט געמאַכט דעם חשבון אָן בעל־הבית? דער טויט האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג? און אים נישט געלאָזט גיין וואו אַלע זענען געגאַנגען? וואָס האָט מע דערפֿאַר צו אים געקענט געהאָבן? און מ׳זאָל אים לאָזן ליגן, ווי ער גייט און שטייט, — און נישט מיטנעמען מיט זיך, אים ברענגען צו קבר ישראל?

צוויי פירן האָבן מיר געהאַט, סך הכל: צוויי פירן, — האָבן מיר זיי אָנגעפּאַקט, אויף וויפיל מ׳האָט געקענט, — מיט קינדער, מיט דעם קליינעם דראָביאַזג; מ׳האָט דאָך נישט געקענט וועלן פֿון זיי, כאָטש זיי האָבן זיך געשטעלט אין פּאַסאָן אַריין, — און זיי לאָזן גיין, ווען אַפֿילו זיי האָבן געוואָלט, — ווי גרויסע מענטשן? דריי קינפּעטאָרינס האָבן יידן געטראָגן מיט די בעטלעך, און נאָך צוויי חולאים, וואָס האָבן נישט געוואוסט: צי מ׳טראָגט זיי, צי זיי ליגן אויף אַן אָרט... מיט די ספרי־תורות האָט מע זיך אָפּגעביטן; די ספרי־תורות האָבן סתם געהאַט מער מזל ווי די חולאים, און אַלע האָבן זיך איבער זיי געריסן, — יעדער ייד: „מיר אַ ביסל! מיר אַ ביסל!" און נישט ווי מיט די קראַנקע און קינפּעטאָרינס, וואָס מ׳האָט נאָכאַנאַנד צוגעוואָרפֿן אין קהל אַריין, און מיט אַ געבייזער: „וואָס מ׳האָט זיי געדאַרפֿט אָנצוהענגען אַ שטיין אויפֿן האַלדז, מיט זיי?" „און אַז מ׳האָט גענוג אָן זיי, צו טראָגן!" וכדומה. איין טאָג אין וועג, — און ס׳האָבן זיך דריי קליינע עופֿהלעך אָוועקגעריקט. ס׳האָט גענומען מיטן אויג. געזונט, פֿריש און צאַפּלדיק, און ווי די הינדעלעך פֿאַרוואָרפֿן מיט די קעפּלעך. עפּעס אַ חידוש? ווי מ׳האָט דאָס נישט געזאָלט באַבלען, טוליען, דישען, — און נאָר איינמאָל אַרויסגעשטעקט ס׳נעזל אויף דער קעלט, — איז עס שוין געווען פֿאַרטיק, אָנגעבאַקן! וואָרן, ס׳האָט מער באַדאַרפֿט, ווי ס׳זאָל דערשפּירן די לופֿט, אַ ווינטל, — אַז ס׳זאָל זיך אָנבראָטן? און קיין ווינטעלעך האָבן, ב״ה, נישט געפֿעלט. ס׳קען זיין: אַז אין דער שטוב וואָלט עס זיך, לכתחילה, נישט דערקילט, און אויב יאָ, — געקענט עפּעס טון דערצו; דעם אויסשמירן אַ זייטעלע, יענעם שטעלן אַ פּאָר געהאַקטע ביינקעלעך, און ס׳וואָלט זיך אַדורכגעריבן;

און דאָ, גיי שריי געוואַלט: „אַז ס׳קינד איז פאַרביי! ס׳קינד איז חרוב!" הרגע דיך אַוועק! צעררייס דיך אויף שטיק־שטיקער! און דאָס אַזוי געמוזט לאָזן דעכען, ביז ס׳וועט נישט קענען מען אָפּדעכען! און אַז מ׳האָט שוין צו דעם טויטן שמואל׳ שמעלקעס געהאַט גאַנצע דריי טויטע עופּהלעך, מיט אַ צולאָג: זייערע מאַמעס, וואָס זענען נאָכגע־גאַנגען האַלב־טויט און דערופן, זיך אויסגעקניפּט שטיקער פלייש פון די באַקן: „מיין שוואַלב! מיין כשרע שוואַלב!" האָט מע זיך דאָ קנאַפּ געקענט באַקלערן: צי מ׳זאָל זיי אַזוי מיט־טראָגן, וואָס ס׳איז נישט מעגלעך; אָדער, אַזוי ווי ס׳זענען שוין דאָ פיר מתים, — דאָ ערגיץ פאַרלייגן מיט זיי אַ קליינעם בית־עולם אויפן וועג? נו, און אַז מ׳זאָל אַפילו געוועגן וועלן, — וואַלטן די מאַמעס דאָס צוגעלאָזט? און נישט אויסגעהרגעט האַלב קהל? אַז זיי זאָלן דאַרפן איבערלאָזן די קינדער, און אַוועקגיין פון זיי אויף אייביק? נישט וויסן מער וואו אַ מאָל זיך אומצוקערן צו זיי? און אָפּגעראַטעוועט האָט אַ נס; וואָס אי געוועז ס׳גס? מ׳האָט אָנגעהויבן שיסן איבער די קעפּ? אָדער, עטליכע משוגעים האָבן זיך צעשלאָגן? זיך געשטעלט טאַנצן אין מיטן דעריי־גען? איינער פון די צוויי קראַנקע יידן, וואָס האָט כסדר געשריגן: „מ׳זאָל זיך צואיילן, ווייל ער וועט גאָך, חס־וחלילה, פאַרשפּעטיקן!" האָט אויפגעהערט שרייען, ווי ער וואָלט טאַקע אָנגעקומען וואו ער האָט באַדאַרפט... און געבליבן שטיל, אַנטשוויגן, מיט אַ צוגעמאַכט מויל, האַלב אָפּגעעפּענטע אויגן, און אויסגעצויגן מיט אַזאַ רחבות, ווי איינער זאָגט: „ס׳איז אים וואויל, וואָס ער האָט די גאַנצע וועלט מיט דער מלחמה אינאיינעם, — טיף אין דער אדמה!" און מיט דעם וואָס דער דאָזיקער ייד האָט אָפּגעדאַנקט, איז אין צווייען געקומען אַ ישועה: אי, וואָס פּנחס בן אהרן הכהן, דער גראָבער געזונטער חברה קדישא מאַן, האָט פאַרשפּאַרט אַן אומזיסטע טירחא: זיך דאָ צו טראָגן מיטן חולה, און דאָ אַ באַלד, — מיטן טויטן שמואל שמעלקעס אויפן ברעט, ווען אַפילו אַ צוגעבונדענעם, — און אים גלייך אַוועקגע־לייגט צום אָפּגעשטאָרבענעם ייד, וואָס אויפן בעטל: זאָלן זיי ליגן ביי־זאַמען! וואָסי? דער יחוס זיי נישט אָנשטיין? און זיך אָפּדרייען די נעז? און, צווייטענס, האָט ער אויף אַזוי פיל געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, וואָס ד׳האָט נישט באַדאַרפט טראָגן דעם טויטן באַזונדער, און דעם קראַנקען באַזונדער. ווי לאַנג קען מע זיך מיטשען מיט אַ לעבעדיקן,

— וואָס איז נישט אַהין און נישט אַהער? אים הערן קרעכצן, און אויסשטיין זיינע משוגעתן? אַז, ווען ער איז טויט, — איז אַ פאַרגעניגן מיט אים; און ס'אי נישט געווען אויף אַזוי ווייט היימלעך די צוויי טויטע יידן, — אינאיינעם, ווי דעם טרעגער, וואָס האָט זיי געטראָגן, — לייכטער; ווער רעדט, אַז מ'האָט נאָך צו זיי צוגעלייגט די טויטע קינדער, — האָט מע פאַרדעקט ס'בעטל מתים, און נאָך דעם אַזוי נאָכגעגאַנגען: שאַ־שטיל, ס'גייט אַ לויה, אַ ביסל אַ גרעסערע, איז מאי כולי האי? אַ נייס ביי יידן? נישט געזען נאָך קיין גרעסערע לויה ווי די? און, משטייגס געזאָגט, — שענערע? וואָס אי ווידער דאָ דאָ אַזוי צו מאָמלען, — אַז ס'זענען פאַראַן עטלעכע מתים אויף אַ מאָל? ס'טרעפט, איבערהויפּט ביי יידן, — ס'זאָל אַזוי נישט טרעפן; יידן זענען אַלעמאָל מוכן ומזומן: דאָס ווען אַ פּאָר גויים זאָלן זיך אָנטרינקען אין אַ שענק, — זיי זאָלן אַריינפאַלן און אויסלאָזן צו זיי, — וואָס ס'אי זיי נאָר אויפן האָרץ; צי מ'זאָל אויף אַ ירידו, אין אַ מאַרקטאָג, עפּעס דאָרט צוליב אַ כאָמענט פון אַ פערד, און דאָס אויך נישט.

— נעמען ממיתן און דורסן... יידיש בלוט זאָל זיך גיסן ווי וואַסער... און דערנאָך, אַזוי אייגן ברויכן צו פאַרלאָזן די שטיבער, אַרויסגיין ביחד, און אַלע אינאיינעם: אנשים, נשים וטף, — נאָכגיין טריט ביי טריט, מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ; און אויב נישט מיט דעם וועג, איז מיט אַ צווייטן, אַ דריטן, — וואָס אי דער חילוק: מיט וואָס פאַר אַ וועג? ווען ער פירט צו דעם זעלביקן מקום! און ווען אַפילו מ'זאָל עס נישט אַזוי אויסלייגן, — נאָר נעמען בדרך הישר, איז, נישט היינט געדאַכט, ביי ר' אייזעקלען, דעם סגי נהור, אַז ער איז געשטאָרבן, — נישט נאָכגעגאַנגען אויך די זעלביקע שטאָט יידן, אַזוי ווי זי איז? וואָסוואָס: צו אַ שמחה, אָדער, רחמנא לצלן, אַ לויה, — איז אַ ייד אַלעמאָל אַ שטיקל מחותן; און ער וועט אַוועקשטעלן דערפאַר ס'בעסטע שטיקל עוף; צי אַפילו, כ'וועל דיר פרואוון דערמאַנען: ביי דער ערשטער שריפה,

— ווען באָגריע האָט אָפּגעברענט; צי ביי דער צווייטער כאָליערע, ווען זי איז גלאָט אַזוי געכאַפּט געוואָרן, — האָבן מיר נישט געהאַט די זעלביקע לויות, און אפשר נאָך גרעסערע? איי, וואָס פון יענע האָט מע זיך נישט געקענט פאַרהיטן? און די איז דען נישט קיין שמים־זאַך? נעם אַפילו אַזאַ רחמיאל עסיק־מאַכערס הויז: ווען עס האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם אייבערשטן גאָרן, — נו, האָט מע פון אונטער די איינגע-

בראָכענע בעלקעס נישט אָפּירגענומען זיבן נפשות, אַזוינע שטייפע ווי די דרענגער? איי דאָס, וואָס מ׳גייט און מ׳גייט אַזוי לאַנג? ס׳נעמט קיין סוף נישט? מילא, איז דער בית־עולם נישט נאָענט... ווען דעריבער יידן נישט נאָכגיין נאָך אַ לויה?... נעמט מע זיך אין זינען אריין: אַ נײַ בית־עולם! דער אַלטער איז איבער־איבערגעפילט, אַז מ׳קען זיך נישט פאַרדרייען אויף אים, און וואו וועמען אַוועקלייגן... און מ׳גייט באַנייען אַ נײַ גוט־אָרט...

איצט, אַז דער געזונטער חברה־קדישא מאַן האָט געקריגן פרייע הענט, — איז ער שוין, מייַנסטו, — טאַקע געווען פריי? הייבט זיך גאַרנישט אָן! געווען אַ סך אַלטע לייט, איבערהויפט: ווייבער, וואָס, אַזוי ווי אַלע זענען געגאַנגען, האָבן זיי, אַלץ אינאיינעם, ליב באַקומען, אוודאי נישט פאַר קיין נחת, — זיך אָפּצושטעלן; און אין בעסטן פאַל: זענען זיי געקראָכן ווי זשאַבעס, — אַז מ׳האָט באַדאַרפט גיין, רגלען! און אַז מ׳האָט ביי וועלכע פון זיי געפרעגט: „וואָס הייבט איר נישט די פיס?״ האָט אַ צווייטע פאַר יענע אָפּגעענטפערט: „ס׳אי גוט צו הייבן, אַז ס׳אי דאָ וואָס...״ און אַ דריטע, אויף ליצנות, צי אויף אַ רעכטן אמת, ווער ווייסט? „וואו האָבן זיי פיס? און מיט וואָס זאָלן זיי גיין?״ און וואָס האָט מע מיט זיי געקענט טון? מה־דאָך: מ׳טראָגט די טויטע, — וועט מע די לעבעדיקע נישט טראָגן? אַ פשוטער קל וחומר! האָט מע אויסגעקליבן פון זיך די געזונטע יידן, די האַמענעס, און, — צו זיי אַריינגעלייגט די אַלטע ווייבער; ס׳אי נישט געווען די מינוט, די רגע, דאָס אַזאַ פנחס, צי טודרוס, צי עזריאל, — זאָל קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און די הענט ביי אַזוינעם רוען; איין אַלטיטשקע אַראָפּ און אַ צווייטע אַרויף; ווי די קינדער האָט מע זיי געטראָגן, — קאַטש־קאַלב; און ווי די קליינע קינדער האָבן זיי זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום דעם האַלדז ביי די גבורימדיקע יידן... אַז ס׳אַ אַריבער נאָך אַ טאָג, אַזוי האָבן שוין נישט די אַלטע ווייבער, נאָר אויך די ייַנגע באַדאַרפט, — מ׳זאָל זיי טראָגן; און ווען ס׳זאָל זיך עפּעס נישט געווען מאַכן, וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט, — איז שוין באַלד נישט געווען אויך, ווער ס׳זאָל טראָגן; ווייל אַפילו אַזוינע יידן ווי אַ פנחס, אַ טודרוס, און די אַנדערע, — זענען אויך נישט געווען פון אייזן; זייערע כוחות האָבן זיך גענומען אויסשעפּן; זיי זענען, קודם, אויסגעהונגערט געוואָרן, און אַ הונגעריקער מענטש, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, — מוז ער ווערן

אָפּגעשוואַכט; ס׳ביסל עסן וואָס מ׳האָט געהאַט, און פון וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי אויך געגוג אָפּגעקאַרגט, — האָט אַנגעהויבן אוועקומען; נו, גרויסע מענטשן מאַכן נישט דערפון קיין עסק; יאָ עסן, — נישט עסן; אָבער קליינע מענטשן, וואָס ווייסן זיי? אַז זיי זענען הונגעריק, — וויינען זיי און רייסן שטיקער; איז דאָס כאַטש אַן עופהלע, אַ זייגענדיקס, — שטיפּט מע דעם אַ פינגער אין פּיסקל אַריין, ס׳זאָל האָבן וואָס צו נאָגן; וואָס טוט מע מיט די גרעסערע? אַז מ׳וועט זיי שטיפּן אַ פינגער אין מויל אַריין, — וועלן זיי אים גאַנץ שיין אָפּבייסן! און דאָ, אַז ס׳מאַכט זיך עפּעס אַ דערפל, וואו מ׳וואָלט באַדאַרפט, על פּי שכל, — קריגן אַ ברויט, אַ לעק זאַלץ, אַ קאָפּ מילך, וואַרפט מע גאַר שטיינער, און מ׳רייצט־אָן הינט, מ׳שרייט: „זשידזשי, דאָ פּאַלעסטיני!" וואָס וועט זיין, — טראַכט מע זיך, — אַז ס׳וועט אַזוי גיך נישט אונטערקומען עפּעס אַ שטאָט? שוין דער דריטער טאָג אין וועג. און מ׳גייט דאָך נישט אין קיין מדבר. ס׳איז דאָך פּוילן, וואו פון איין ישוב ביז צום אַנדערן, — איז נישט מער ווי אַ קאַצן־שפּרינג! וואו האָבן זיך עפּעס באַהאַלטן די שטעט? אַ שטאָט צי אַפילו אַ שטעטל, — איז דאָך אַלץ נישט קיין דאָרף; אַ דאָרף מיינט: גוים, געהינטעכץ, און וואו איז פאַראַן אין פּוילן אַ שטאָט, אַ שטעטל, — ס׳זאָלן אין דעם קיין יידן נישט זיין? און מ׳זאָל קענען ביי זיי, פּאַר אַ ווייל־ע כאָטש, — דעם קאָפּ צושפּאַרן? דאָ האָבן די הימלען, אַפּנים, אויף אונדז מגין געווען; מ׳האָט שוין אודאי אויך אויבן נישט געקענט צוזען די עינויים, און אַזוי ווי מ׳גייט, פאַרטראַכט, פאַרזינקען, אַ פּיס אַרויף אַ פּיס אַראָפּ, פוןביידע זייטן: פעלדער, שטיינער, ווערים מיט עקדישן, און מיט אַ מאָל, — אַ האַרמע יידן! צו פּיס און אויף פערד, מיט וועגע־נער און בריקעס גאַנצע; און גלייך אויף די קעפּ אַרויף! הע? פון וואַנעט האָבן זיך גענומען די יידן? צי, מ׳זאָל פון דאָרטן אויך אַרויס־טרייבן? אַזוי ווי פון הימל זענען זיי אַראָפּגעפאַלן; און מיט אַזאַ שטורם, מיט אַזאַ האַסט און גערידער... ס׳איז גלייך געקראָכן אין קאָפּ אַריין: אַז מ׳האָט דאָס ערגיץ געמוזט דערשמעקן; און וואו האָט מע דאָס דער־שמעקט? בעיר קעלץ... די גאָלדענע שטאָט... אונדזערע טריט האָבן ביי זיי אָפּגעהילכט... און אָנשטאָט צו בלייבן זיצן און וואַרטן: ביז מע וועט צו זיי אָנקומען, איז, ראשית, — ווער ווייסט, צי מ׳וועט גאָר איינגאַנצן אָנקומען? און מיט וויפיל נפשות וויניקער, — מ׳וועט אָנ־

קומען? אַזוי זענען די קעלצער יידן פֿאַרלאָפֿן די פֿיש פֿאַר דער נעץ, און זענען אַרויס אונדז מקבל פּנים זיין; און אַזוי גרויס ווי דער ווילן איז ביי זיי געווען, און די אויגן ביי זיי געבליצט, די האָר זיך געצויגן אין לופֿטן, — אַזוי זענען זיי געבליבן שטיין ווי געריירט, ביזן צייכן, אַז זיי האָבן דערזען פֿאַר זיך אַ שטאָט יידן, — ווי אַ שטאָט יידן גייט, אַ שטאָט לעבעדיקע יידן, מיט זייערע קראַנקע, מיט זייערע טויטע, ספֿרי־תורות, מיט זייער גאַנצן רכוש גדול! איז, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אויב ס'אי נאָך עפּעס מער דאָ אויף דער וועלט ווי אַ יידיש האַרץ? וועמען גיטס גינט; אַז מ'שלאָגט אַ ייד, ווי דער אַנדערער שרייט געוואַלט: אַז ס'טוט אים וויי... הכלל: מ'האָט, תוך כדי דיבור, אַלע אָפּגעשטעלט; די אַלטע ווייבער, וואָס מ'האָט געברויכט טראָגן, — אַרויף אויף די פֿירן! אַ סך פֿון די ייִנגע, — אויך; און ווער ס'וויל מילך, — איז מילך; ווער ס'איז שטאַרק גענוג פֿאַר אַ גלעזל אַקעוויט, — איז דאָ אַקעוויט; פֿון ברויט און אַנדערע מאכלים, — איז אָפּגערעדט; ס'אַפֿילו געווען עוף צו טיילן... די קעלצער יידן, עס זאָל זיי טאַקע דערמאָנט ווערן לכף זכות, — זענען נישט אַרויס אַנטקעגן מיט די ליידיקע הענט... ס'האָט, נישט אַנדערש אויסגעזען, — ווי זיי האָבן אַראָפּגעכאַפּט די קאָכנדיקע טעפּ פֿון די פּליטעס; און מיט זיי אַנטלאָפֿן געוואָרן. דער עולם האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און גענומען אַרבעטן מיט די מיילער; מיילער מיט ציין, מיילער אָן ציין, — געוויינט און געגעסן; געשלינגען די טרערן מיט די שטיקער עוף, אַז ס'אי נאָר געווען אַן אימה צו קוקן. און אַז מ'אי דערנאָך, מיט מזל, אָנגעקומען אין דער שטאָט אַריין, — איז מע שוין, קודם, נישט מער געווען געפֿאַלן ביי זיך; נאָך דעם ערשטן ברוך־הבא, שוין געוואוסט, — אַז מ'וועט דאָ די באָבעס ירושה נישט צולייגן. אַזוי ווי מ'דהאָט זיך באַוויזן אויף דער ראַגאַטקע, איז זי שוין געווען שוואַרץ מיט מענטשן, — ס'האָט אודאי קיין קינד אין דער וויג נישט געברויכט בלייבן. גאַנץ קעלץ, — ווי גרויס און אַלט זי איז געווען, — איז אונדז אַרויס אַנטקעגן; און וואו האָט מע גענומען? די טויטע, וואו מ'באַדאַרף, — אויפֿן בית־עולם; די קראַנקע, וואו מ'האָט באַדאַרפֿט, — אין שפּיטאָל; און די לעבעדיקע, — וועמען ס'צאַי נאָר עפּעס גוטס באַשערט; באַגריער שנאָרערס, יענע וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט נישט געהאַט, — וואָלטן זיך עס נאָך אַ מאָל געמעגט ווינטשן אויף זייער לעבן! אָבער

נישט מער אין דעם אופן! בעסער, פאַרשטייט זיך, — אין פריידן! זיי האָבן שוין איינמאָל אָנגעטאָפּט דאָס אונטערשטע חלק! ס'האַרץ האָט געוויינט קוקנדיק אויף די דערשלאָגענע, וואָס זענען האַלב טויט אָנגעקומען, און דאָ ערשט לעבעדיק געוואָרן; און מ'טראַגט זיי אונטער אַלע ווילע און עמיץ אַנדערש פון עפּעס אַנדערש: „אפשר, אַ ביסעלע יוך? אַ שטיקעלע היגדל? אַ וואַרים בעט, — זיך אויסצורוען די מידע ביינער?" און נאָכמער האָט ס'האַרץ געוויינט פאַר די טויטע, וואָס האָבן שוין, נעבעך, דאָס נישט דערלעבט... יאָ־יאָ: טויזנט, זיבן הונדערט מיט עטליכע זעכציק נפשות זענען אַרויס פון באַגריע, לעבעדיקע, — נאָר אַזוי פיל זענען שוין נישט אָנגעקומען אַהער; דריי מתים: עלטערע, פון עלטערע יידן, איין טויטע קינפּעטאָרין, און ניין, געוויס, — טויטע קינדער; אָן ערך פון דרייסיק חולאים, און ס'איז גאָרנישט צו פאַרשטיין, — וואָס אַזוי וויניק! אַ האַלבער עולם איז געווען קראַנק און צעבראָכן, און זיך געברויכט אַריינצולייגן אין בעט. קיינער האָט נישט געהאַט קיין איין גאַנצן ביין אין זיך! יעדער האָט זיך צוגעשפּאַרט, וואו ר'האָט נאָר געקענט, ביי פּרעמדע מענטשן אין די הייזער, וועלכע האָבן נישט אָפּגעטרעטן פון זיי, און קוקענדיק מיט פולע אויגן אויף זיי, געטראַכט: „וועט מאָרגן נישט אויסגיין דאָס זעלביקע צו אונדזערע קעפּ, אויך?"

נו? אַציגד ווייסטו שוין, ברודערל, — וואָס אַ מלחמה מיינט? פרעג איך דיך: מעג מע בעטן אויף איר? איז נישט גלייכער: זי זאָל פריער אויסגעריסן ווערן און צעבראָכן די פיס אויפן גלייכן וועג, — איידער זי קומט צוגיין? זאָג; איז מיין ווייב גערעכט, צוליב דעם וואָס זי רייט אויפן פערד, און שרייט: אני שלמה, — אַז די מלחמה זאָל אפילו איין מינוט יאָ אָנהאַלטן? לויגט זיך, כ'ווייס, צוליב וואָס מ'נעמט זיך לחלוטין נישט מיט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, — אַ מלחמה?

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו, מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני־בית; און מ'זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

מִמני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל

דאָס זיבעטע בריוועלע

קעלץ, מאָנטיק, י״ז אדר א׳, פרשה: ויקהל, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, זאָלסטו וויסן זיין, דאָס מיין ווייב האָט זיך געמאַכט אַ שיינע מאָדע, כ׳לעבן; זי וויל און נישט אַנדערש, — ווי כ׳זאָל פאַר איר לייענען וואָס כ׳שרייב; באַשר־ובכן, — איר באָבעס קאָץ איז אָפּגעלעגן אַלע יאָרן ביי דיין זיידן אויפן פּיעקעלעק, און דאָס מיינט: אַז וואָס שייך משפּחה, — ביזטו עס נאָר אַ דאַנק איר; און אַז זי האָט אין דיר אַ גרעסער חלק פאַר מיר; איז גוט; און כ׳וואָלט אודאי פאַר איר געלייענט נאָר, — טאָמער געפעלט עס איר אַזוי נישט, און זי וועט זיך נעמען טשעפּען: „בע־מע, — דאָס און יענץ; אויסזוכן פון הינטער דר׳ערד?״ דו קאָנסט דאָך די ווייבער! באַלד וועט זי האָבן אויסצוזעצן קעגן דעם און יענעם, און מיך הייסן שרייבן ווי איר שכל איז מחייב; און דו ווייסט דאָך, ווי איר שכל טראָגט אויס אין דער איצטיקער מלחמה! וועט דאָך אַרויסקומען אַ פרישע מחלוקה! נו: ווען אין דרויסן איז נישט מיט אַלעם, און ס׳וועט אין דרינען אויך נישט זיין קיין אחדות, נאָר מ׳וועט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, — ווי וועט דאָס אויסזען? וועט נישט זיין קיין לעפל געקעכטס אָרנטפּצושלינגען, קיין טראָפּן וואַרעם וואַסער, — מיט וואָס די געדערים צו דערווייקן... פונדעסטוועגן, האָב איך מיר איבערגעלייגט ס׳עסק: דאָס איינצורייסן דעריבער מיט אַ ווייב, צי זיך דעריבער בלויז צו שפּאַרן, — איז אויך נישט כדאי... וואָרן, ראשית, טאָמער קענסטו וויסן, — וואָס כ׳קען דערצו דערלייגן? ס׳וועט מיך ברויכן טייערער קאָסטן? און אַז כ׳וועל זיך עקשנען, און דורכאויס נישט וועלן לייענען, וועט זי מיינען, — מי יודע, אַז כ׳פאַר־

קויף איר דאָ מיט אַלעם! צווייטענס, לאָמיך זען: אויף ווי ווייט כ׳קען גיין מיט איר, און ווי ווייט כ׳קען נישט גיין... אפשר איז איר טוען און דאָס רעדן, ווי ביי אַלעמען, — צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן? און, דריטענס, זיך באַרעכנט: וואָס האָב איך דאָ אינגאַנצן מורא צו האָבן? אַז מער ווי קוקן מיר אין מויל אַריין, זי זאָל אַפילו וועלן, — וועט זי נישט קענען! ווייל זי איז אַ קנאַפּער ידען אין די דראָבנע אותיעלעך; און, מהאי טעמא, ד׳האָב איך דאָך אַ ברירה צו לייענען וואָס ס׳אי גאָר אינעם בריוו נישטאָ! און דאָס וואָס מ׳ברויך נישט, — פאַרהיפּערן! און מוזן אָנעמען פאַר תורת לאָקשן אַלץ וואָס איך וועל איר אַרויסזאָגן פונעם קאָפּ אַרויס, און נישט דוקא ווי ס׳וועט זיין געשריבן אין פּאַפּיר. דעריבער האָב איך, און אויך אַ שטיק צוליב דעם, אַז ס׳זאָל זיין שלום אין שטוב, — נישט איבערגעטראַכט קיין איין מינוט, ס׳הייסט: איר געלאָזט איבערהזרן ס׳צווייטע וואָרט, און גלייך צוגעקלאַפּט; קום אַהער, מיין ווייב, שפּאַר דיך אָן אין טיש, — און איר דערציילט די מעשה ווי אין ביכל שטייט... און וואָס קלערסטו, צי כהאָב מיך באַגראָבן? צום טויט! אַזאַ שטיק נאַר, אַזאַ אָקס ווי איך בין! אַזאַ פערד! אַזאַ און אַזאַ... אויב ס׳האָבן מיר אויסגעפּעלט צרות, — האָב איך מיר זיי אַליין פאַרשאַפט! וואָרן, גראָד דאָ ווי כ׳האָב געברויכט פאַרהיפּערן, — האָב איך מיך ברייט צעזינגען און מיטן גאַנצן מהפך פשטא... גיי ווייס, אַז גאָכדעם ווי כ׳האָב אָפּגעלעבט מיט איר כמעט אַ האַלבן יובל, — וועל איך ערשט נישט וויסן ביי איר וואו־איין, וואו־אויס, און נישט קענען צוטרעפן ביי דער אייגענער יידענע... און זיך צערעכט מאַכן אַ טאָג, — נישט נאָר אַ טאָג, נאָר מ׳קען זאָגן: אויך אַ נאַכט! ווייל, אַזוי ווי זי האָט זיך צעבעצעט, — בעצעט זי נאָך! ראשית, האָט זיך ביי איר, און צוליב די אַלטע וואונדען, — אויפגעמאַכט אַ פרישער קוואַל, אויב יענער איז שוין געווען אויסגעטריקענט; און מיר געמאַכט דאָס ריכטיקע באַדעקענס: זי בעט אויף דער מלחמה? ס׳איז שווא ושקר! אַ ממזר בלבול! כ׳ברויך זיין משוגע, — אַז כ׳האָב דאָס געקענט ברענגען פאַר די ליפּן! און, והשנית, איז זי נישט געגאַנגען צוגלייך מיט אַלע ייִדן? (און נאָך געטראָגן די לייכטערלעך אויפן האַלדז!), —געשלאָפן מיט אַלע אויפן פעלד און אונטערן פרייען ד׳הימל? און די הינט נישט צוגלייך אויף איר, — געבילט? ס׳בלוט אין די אָדערן געוואָרן פאַרקילט? זי וואָלט אַלץ מוחל געווען: די פּעקלעך טיי מיט

די וועגענער היי, — אבי צו בלייבן ביים אלטן; כאטש, כ׳בין שטארק מסופק דערין, און מער ווי זיכער, — אז זי וועט ביים אלטן נישט בלייבן; מ׳זאל איר צוריק אפגעבן די נחלה, די ירושה פון עלטער־עלטער זיידן, — פארוואס מ׳וואלט געמעגט באגראבן די גאנצע מלחמה מיט אלע אירע זיבן־און־זיבציק גליקן...

הכלל: כ׳האב איר געמוזט צושווערן, וואס א יידענע איז? כ׳זאל דיר שרייבן, — אז זי וויל נישט די מלחמה! כע־כע, מ׳פרעגט א סך ביי איר, אזא אלטע בהמה גסה, און ווי ס׳וואלט זיך געווענדט אין איר: אז זי וועט נישט וועלן די מלחמה, — וועט זי ג י ש ט זיין; ס׳קען נישט אריין אין דעם פארשטאפטן קאפ אירן, — אז די מלחמה איז פשוט דערפאר, — ווייל זי דארף זיין; מענטשן זאלן גיין אראפ און מענטשן, — ארויף; אזוי ווי ס׳ווערט געברענגט אין מחזור: מי ירום ומי ישפל; און ס׳אייגענע אויך ביי שטעט: איזהו לחיים ואיזהו למות, — ווי באגריע האט, נישט דא געדאכט, געהאט א ביטערן אפשניט, און די שטאט דא, כ׳וויל מיין מויל נישט ברענגען צו קיין בייז (אזוי שלעכט אונדז באהאנדעלט?), — בליט; אזוי פירט זיך דאס, זאגט מע, מקדמונים: איידער איך, קלמן יאנקל מיט מיין פלוניתטע האבן באוויליגט דא אראפצונידערן, אויפן עולם התחתון, און אזוי וועט געוויס אויך זיין נאכדעם, — ווען איך וועל שוין ערגיץ אנשפארן מיט איר; ס׳זענען פון אייביק־אן, זינט די וועלט איז ארויסגעקראכן פון איר פוטערפעסל, — געווען מלחמות, און זיי וועלן נישט אויפהערן זיין אויך, — ווי לאנג ס׳איז איר באשערט צו זיין; נישט קיין חילוק, — בין אדם לחברו און צווישן גאנצע שבטים; און אויב ס׳ביסל יידן וועט זיך דערנצמאל נישט מער געפינען צווישן זיי, — מעגן זיי זיך אפילו די קעפ אראפדרייען; און אויב די וועלט וויל זיך צעדראפען די נאז, — וועט דאס מיך ווייב נישט לאזן? נאך גוט: וואס זי האט סתם קיין חשק נישט דערצו; ס׳אי דיר נישט איינמאל, מסתמא, אויסגעקומען צו זען: דאס וואו א דריטער שפארט זיך אריין צווישן צוויי, וואס שלאגן זיך, — ווי אזוי ער קומט ארויס? און פארוואס זאל איך לאזן די יידענע מיינע, אז זי זאל ביי איר ארויס אן אויערן, אן אויגן, — אדער גאר אינגאנצן נישט מער ארויס? און נאך אלעם, קען מע צו איר, אזוי ווי זי טענהט, — אויך נישט האבן גאר. אלא־מה, זאל זי נעמען די גאנצע בייגל פון דער מלחמה, צי פון א האלבע, א שטיקל

אַפּילו, — אויף זיך? וואָרן, זי איז די איינציקע, וואָס זעט זיך מיט אַ קערבל ביי איר? וואו איז יאַנקל בעדער? זלמן רעדער? קלמן שמשס זינדעלע? און די ליכט־ציערן? די טיקערן? זיי האָבן זיך ווייניק אַנגעשטאָפּט? און נישט אָפּגעלעקט קיין פּעט ביינדל ביי איר? און פאַרוואָס זאָל זי אויפשטעלן די פּלייצעס פאַר זיי? און אַז מ'עסט שוין אויף נאָך אַ האַלב פינטעלע פלייש איבערן טאָג, נעמט מע שוין צו אויף אַזוי פיל, — אַז מ'זאָל קענען אויפשטעלן די פּלייצעס פאַר אזוי פיל מענטשן, וואָס האָבן אין דער מלחמה פאַרבראָכן קעגן זיך און יענעמען? וויפיל יאָר האָט זי געוואַרט אויף דעם האַלבן פינטעלע פלייש, און זיך פריער נישט געזאָלט קענען דערוואַרטן דערויף, — ביז ס'וועט מוזן קומען אַ מלחמה? איז דאָס נישט קיין לעבעדיקע העצע? האָט זי עס פ ר י ע ר נישט געקענט האָבן, — אַז זי זאָל שפּייען קלעק אויף דער מלחמה? און אויב נישט אַנדערש ווי דורך דער מלחמה, — פאַרוואָס זאָל זי איר ווידער נישט זיין איינגעבאַקן אין האַרץ? וואָס זאָל מע זיך נאַרן? און גראָד ווען זי האָט שוין דערלעבט דערצו, — מוז עס ערשט קאָסטן ממון און דמים, אַז מ'זאָל דערפון ברויכן אָפּצודאַרן... גלייב מיר, דאָס כאָטש מע פאַרדינט איצט אַן איבריקן ריבל, — גייט ער אויכעט נישט איין; ס'אי נישט אין די אַלטע גוטע צייטן: אַז מ'האָט געמאַכט, האָט מע געוואוסט, — מע האָט; אָט בין איך אַרויס האַנדלען (כ'האָב שוין, מיט מזל, איבערגענומען די תורה, — מיטן גאַנצן דיקדוק!), — און טאַקע גראָב אָנגעגאַנגען; נו, בין איך שוין זיכער, — אַז אַ שעה דערנאָך וועל איך עס נישט גאַנץ שיין אָפּברעכן? צווייטענס, איז דער איצטיקער ריבל נישט מער דאָס וואָס אַ מאָל; אַז דו מאַכסט דיר שוין אַ לב, און לייגסט אַוועק די שיינע יעקאַטערינע, — גיט מע ערשט פאַר איר אַ גרויסע פייג! איז אַ חידוש, וואָס ס'איז אויף אַלעם אַ בלוט־יקרות? אַז צווישן אַ הייַנטיקן הונדערטער און אַ פאַרצייטיקן ריבל, — איז כמעט גאָר קיין חילוק נישט. הכלל, מיין ווייב לאָזט מיך נישט קיין סך איינטענהן, זי האַלט מיך שוין צופיל צו, באשר־ובכן: מע שטייט אויף תולה ארץ, מע איז אָן אַ שטיקל היים, און דערצו נאָך, — פאַרטריבן אין אַ פרעמדע שטאָט; טאָמער וועט דאָס פאָרט אַ מאָל אויפהערן, זיך אַלץ צוריק איינשטעלן, און ס'וועט זיין שלום ושלוה אויף דער וועלט, — ברויך מע זיין צוגעגרייט: אַז מ'זאָל קענען, און אגב אויך האָבן מיט וואָס,

— אויפצושטעלן די פיר ווענט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ! כע־כע, איך לאַך פון איר, כאָטש ס׳האַרץ קלאַפּט מיר, — אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין בחינמדיק געלעכטער... אַ נאַרישע יידענע! זי מיינט אודאי, אַז זי איז שוין מיט אַלעם פאַרטיק? און גייט זיך שוין מאָרגן צוריק אויפבויען איר שטיבעלע, דאָס פּינצטערע גריבעלע! הלואי זאָל זי האָבן אַזוי לאַנג רעגדלעך צו ציילן, — (פון פּאַפּירענעם געלט וויל זי נישט מער הערן; מ׳האָט עס שוין אויפגעהערט ציילן, נאָר גענומען וועגן אויף דער וואָג; אויף איין זייט: ברויט, מעל, און אויף די אַנדערע, — געלט); און הלואי זאָל איך ליגן זאָגן, ווי כ׳זאָג נישט, — אַז מ׳איז נאָך אין דער איצטיקער מלחמה מיט דעם אַלעם נישט אָפּגעקומען; און אונדז נאָך געבן צו שמעקן, — אַז מ׳וועט זיך האָבן אָרנטלעך צו באַלעקן...

איינס, זעסטו, וואָס כ׳האָב דערלעבט, איז: אַז מיין ווייב האָט, נאָכדעם ווי זי האָט געהערט וואָס איך שרייב, — אויפגעהערט קוקן אויף מיר ווי אויף קלמן יאַנקל מיטן פּאַנקל; וואָס, כ׳וואָלט, לויט איך קען איר און סאַראַ שלאַק זי איז, — קיינמאָל אויף איר דאָס נישט געגלייבט; כ׳האָב זיך גיכער געריכט, — אַז ס׳זאָל זיין פאַרקערט; אַז זי זאָל מיר נאָכדעם נאָך מער נעמען די לעבער. נאָר גיי פאַרשטיי אַ יידענע! וואָרן, ס׳ערשטע מאָל ווי כ׳נאַר מיך אָפּ אין איר? גלייך, לכתחילה, האָט מע מיר איינגערעדט: אַז זי איז אַ גוטע, אַ שטילע, קען נישט אויפמאַכן ס׳מויל, — און האַלט עס כסדר אָפן; קען עס נישט צומאַכן. דערנאָך, ווידער: אַז זי עסט ווי אַ פייגעלע, — און לייגט אַריין פאַר אַנדערע דריי; דערנאָך, ווידער: אַז זי איז א י י ן בעל־הביתטע אין דער וועלט, און אַז מ׳שיקט איר נאָך נעגל, — גייט זי אין אַפּטייק אַריין; רייך, — מ׳קען ביי איר עסן פון דער פּאָדלאָגע, און ס׳קריכן ביי איר אַרום ווערים אין די טעפּ; אַ ביטערער שליאַך, שטענדיק אין אַ מושב, — אַז ס׳יערט פון איר אַוועק; דערנאָך, ווידער: וואָס טויג דיר דערנאָך? דאָס איז ווייניק? און אַזוי ווי זי האָט זיך איבערגעדרייט, — זיצט זי און קיטשעט אין אַ ווינקעלע, פאַרלייגט די הענט אויף די קני, אַ פינגער ביים מויל, און לאָזט די קליינע חברה נישט קיין פּיפּס טון; איך שרייב אין אַ גן־עדן, — ביי מיין ווייב אין גן־עדן! ס׳אי נישט מער דאָס פריערדיקע אַרומרייסן ביי די קעפּ זייערס, און וואַרפן זיך מיט קישענס, מיט העלצער; אַז

כהאָב באַדאַרפט אויפשרייבן אַ וואָרט, — און צוגיין פאַרלאָטן אַ לאָך אין באַק ביי וועלכן; אַ וואָרט, — און פאַרשטאָפן ביי וועלכן ס׳נעזל, — ס׳בלוט זאָל אויפהערן יורזשען; אַ וואָרט, — און איינפרעסן אַ בייל מיט אַ מעסער ביי וועלכן אויפן שטערן; אַ וואָרט, — און זיך אַריינשפּאַרן צווישן זיי אַלע אין דער קיפּע, — זיי זאָלן זיך איינס ס׳אַנדערע נישט ממיתן; זיי ליגן ווי די מאַלפּעלעך, אַז זי האַלט אָפּן די אויגן איבער זיי, — און כ׳קען שרייבן מיט אַ קלאָרן קאָפּ... ס׳לייגט מיר קיינער נישט גאָר צו, און ס׳נעמט קיינער נישט גאָר אַראָפּ... כ׳שפּיר ביי מיר: ווי ס׳קוועלכל קוועלט אויף דער זון, און ס׳וואַרפט נישט קיינער דערין קיין שטיקער בלאָטע...

אַזוי ווי מ׳איז אַנגעקומען אַהער פון באַגריע, איז ס׳גאַנצע פאַרמעגן מיינס, אין מזומן, באַשטאַנען: פון אַ צעבראָכענעם שאַרבן, כ׳מיין, — מיך, מיט עטלעכע קאָרבן! און דאָס, אַפּנים, האָט אויך געמוזט זיין צופיל; ווייל, מ׳האָט נאָך רעכט נישט געהאָט אַריינגעשטעקט אַ פוס אין דער נייער שטוב, — אַז דער צעבראָכענער שאַרבן זאָל קענען אָפּדעכבן, כ׳מיין: אָנהייבן אַריינקלערן, — וואָס פריער צו טון מיט די עטליכע קאָרבן! האָט זיך, נאָכגיכער, דער קליינער לייב מיינער געגעבן אַ לייג אַוועק, — פּונקט ווי ער וואָלט געוואָרט מיט דעם אַוועקלייגן זיך, ביז מ׳וועט ערגיץ קומען איבער דער שוועל פון אַ שטוב, און דאָ פאַרוואָרפן ס׳קעפּל ווי אַ געשאָכטן הינדל: אויס לייבעלע! ווייסט דאָך פון יענע אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן וועג? האָט אים, — ווי מהאָט אים נישט געזאָלט באַבלען אין קאָלדרעס, אין לאָכעס, — דער ווינט אַלץ דאָרט אָנגעקריגן און צערעכט געמאַכט; און זיך אויפגעהאַלטן, זיך דורכאויס נישט געוואָלט אַוועקלייגן, ווי ער וואָלט געפילט, אַז ס׳וועט דאָ אויך זיין נאָך אים, — ביז מ׳וועט ערגיץ זיין אויף אַן אָרט; און צווישן פיר ווענט... מיינע גיט אַ קוק, און אַ מבין אויף אַ קרענק איז זי, — מאַכט זי אַ געוואַלט, אַז די וועלט גייט איר אונטער: „דער לייב אײַרער איז פאַרביי!" איך זע אויך, ווי די וועלט גייט איר אונטער; און אַז דער לייב אירער איז פאַרביי, נאָר איך וויל עס איר נישט צוגעבן, — אַז זי זאָל אויפהערן רידערן, קריכן אויף די ווענט, און מאַך זיך כלא ידע; „כ׳זע נישט, חלילה, קיין שום שלעכטס ביי אים!" און זי: „איר לייב און איר לייב!" מ׳הערט נישט מער ווי איר לייב! און דאָ, — וואו

גייט מע און וואו שטייט מע? ביי וועמען קלאַפּט מע אָן? אַפילו דער בית עולם מיט דער גאַנצער משפּחה אירער, וועלכן זי וואָלט איצט געקענט איבערקערן, אויסרייסן ביזן ביין, — האָט מע איר אויכעט פון די הענט אַרויסגענומען! אַ געלעכטער אָן אַ זייט: מ'קען דאָך אים נישט לאָזן אַזוי־אַ, — ער זאָל טאַקע אויסגיין! דערויף איז נאָר קיין ברירה נישט געווען, ווען ס'האָט זיי געכאַפּט אויפן וועג, צווישן הימל און ערד, פעלד און וואַלד; אָבער, אַז ער האָט געקענט זיין אַזאַ כוואַטסקע ייִנג, און נישט פריער פאַרוואַרפן דעם קאָפּ, ווי אין דער שטאָט ערשט, — טאָר מען דאָך אים אַזוי נישט לאָזן! און טרעף וואָס זי האָט געטון, די מוטער זייַנע? וועסט גאָרנישט טרעפן. זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר, און אַרויס אויפן קול: „געוואַלט! געוואַלט!“ און: „גע־וואַ־אַל־־ט!“ און נישט אָפּגעקומען מיטן בלויזן שרייען, נאָר זיך גענומען געבן מיט ביידע הענט אין קאָפּ, — זיך כאַטש דעם טויט מאַכן אויפן אָרט! פאַרשטייט זיך, אַז מע איז איר באַפאַלן פון אַלע עקן: וואָס ס'האָט איר דאָ אַזעלכעס געקענט צוקומען? און, פאַרשטייט זיך, אַז ווי באַלד מענטשן האָבן דאָס דערזען, און יענע וואָס האָבן אפילו נישט געזען נאָר בלויז געהערט: ווי אַ יידענע, און נאָך אַ באַגריער דערצו (באַגריע איז דאָך עפּעס געווען גאָר־גאָר...), וויל זיך דערהרגענען, און פאַר אַלע אין די אויגן, — צוליב איר קינד וואָס איז איר איינגעפאַלן; און נאָך מיט תקופות: „זי מוז, נישט מער און נישט ווייניקער, — ווי גלייך גיין מיט אים!“ זענען זיי זיך צעלאָפן: אַהין־אַהער, אַהער־אַהין, — אַז ס'האָט נאָר געשווינדעלט און גערינגדעלט איבער די צעבויקערטע געסלעך. און, איינס־צוויי, — כ'גיב אַ קוק: אַ האָרמע יידן, נישט זי לויפט, ווי קען אַ האָרמע לויפן? נאָר זי שטופּט זיך, פּאַקט זיך, מיט ווייבער פון פאָרנט, ווי עפּעס אַרום אַ גוטן ייד, און מ'פרעגט נאָר: „וואו? וואו דאָס קינד פון דער באַגריער יידענע, — האָט זיך אָוועקגעלייגט אַזוי חרוב?“ און מ'טראָגט אַריין אַ דאָקטאָר, כמעט אויף די אַקסלען, — איבער אַלעמענס קעפּ. נאָר, וואָס האָט ער מיט אים געקענט טון? ביי אים אַראָפּנעמען די קרענק מיט דער האַנט? זיך אָוועקגעשטעלט קוקן אויף אים, אים טאַפּן, באַטאַפּן און באַהאָרכן; זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם שנאָרכן זייַנעם, הוסטן, און די ליחות... און עפּעס, אַפּנים, פאַר דעם פאַרשריבן... איך האָב אים געזוכט אונטערצוקומען, — כ'בין דאָך פאָרט אַ טאַטע;

פאַר איר מעג איך זיך מאַכן פאַר אַ גזלן, אָבער ס'האַרץ ווערט דאָך אין מיר געגוג צעבראָכן, — „ס'וועט נאָך עפּעס זיין אַ לייט פון אים?״ איז ער אַבער נאָך אַזוי קלוג ווי איך בין, און נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די קאַץ פונעם זאַק; דעם סוד, הייסט עס, — נאָר צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ: „מגו־ם!״... און נאָך אַזוי תמעוואַטע, אַז כ'האָב שוין געזען: דאָס דער יינג איז שיין באַקליידט... און מיר נישט געברויכט מער לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין. דער דאָקטאָר, אַזוי גיך ווי מ'האָט אים אַריינגעטראָגן, אַזוי גיך האָט ער זיך אַרויסגעטראָגן, און די יידן מיט די ווייבער, נאָך אים, — מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ... זיי האָבן דאָך שוין געזען, וואָס ס'טוט זיך... און וואָס האָט זי אויסגעפירט, די יידענע מיינע, מיטן נאַר, כ'מיין: מיטן שרייען אירן? געבליבן אַזוי אייגן ווי פריער, מיטן חרובדיקן יינג... האָב איך מיר געמאַכט אַ האַרץ, און געזאָגט צו איר: „פריער גאָט און דערנאָך דער דאָקטאָר, בין איך זיכער, — אַז ר'וועט דאָס איבערקומען, און נאָך לאַכן פון די גאַנצע וועלט!״ זי וויל עס אָבער נישט אָנעמען פאַר קיין באַר־געלט; זי באַשטייט: „אַז ער זאַל בלויז לאַכן פון אַ האַלבע וועלט, נאָר לאַכן זאָל ער...״

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די נאַכט, און מיט איר, — אַ מידעקייט אין די ביינער. און נאָך וואָס פאַר אַ מידעקייט! נאָך אַזאַ אָנגיין זיך, און מיט דעם צופאַלן פון דעם יינגס קרענק, — איז ווי געוואָרן אויסגעוועפּט פון זיי דער מאַרך, דער גאַנצער כח און קראַפט, און זיי האָבן זיך געקענט נעמען קרישלען ווי אויסגעטריקנטע, אויף דער אָנגעגליטער בלעך, — שטעקעלעך. די קליינע חברה האָט זיך: יאָ לייב, נישט לייב, — אַוועקגעלייגט איינס איבער ס'אַנדערע, אויף דער קיפּע, ווי קליינע הינטעלעך, אַז זיי זייגן זיך אָן ביי דער מוטערס ברוסט; איינס, מיטן קעפּל איבערן צווייטענס העלדזל; אַ פיסל איבער אַ בייכל; און זיך אַזוי אַדורכגענומען מיט דער וואַרימקייט פון זייערע יינגע גופימלעך... די מאַמע האָט זיך פאַרזאָגט: „ניין, אַז זי וועט פונעם יינג נישט אַוועקגיין!״ און זיך אַוועקגעזעצט שאָקלען איבער אים, שאָקלען, לכתחילה; צוערשט: ווי אַ זייגער, אַז מ'דרייט אים אָן, — מיט אַ געהעריקן אַרויף און אַראָפּ, נאָר דערנאָך שוין, — ווי אַ דמיון, אַ ווייטע אומרו... דער קאָפּ אירער האָט גענומען גיין פון גאַנץ אויבן, — אַראָפּ, אַראָפּ, זיך פאַרהאַלטן אין מיטן, איבער איר

בוזים, און דערנאָך געבן אַ פאַל, ראַפּטום, — ווי אַ שטיין; באַלד אויף דערנאָך צוריק אַרויף, און מיט אַ כאַפּ, אַ געוויסן זינען, און קראַך, — אַרונטער, וואו ער איז שוין נאָכדעם געבליבן ליגן, זיך נישט געקענט מער אויפהייבן. איך, איינער, — האָב זיך נישט אונטערגעגעבן. אַז אַלע וועלן זיך אָוועקלייגן, — אויף וועמענס באַראַט וועט בלייבן דער חרובדיקער ייִנג? און זיך דאָ גיין אָוועקזעצן שאָקלען איבער אים, ווי די קלוגע מוטער זיינע, — וועל איך זיין מער גבור פאַר איר? און דער קאָפּ נישט אָנהייבן גיין ביי מיר אויך ווי אַ מזמור? און אויב ער איז ביי איר געבליבן הענגען אויף אַרונטער, — וועט ער ביי מיר בלייבן אויף אַריבער. וואָס איז די נפקא מינה? הענגען וועט ער! פונדעסטוועגן האָב איך מיך אָוועקגעזעצט, און, אַז דער קאָפּ זאָל נישט נעמען גיין אַרויף און אַראָפּ, — זיך פאַרזען מיט אַ שטיקל ספר... קיין גראָבער פּליגל בין איך דאָך נישט... אַ שטיקל ידיעה אין די דראָבנע אותיעלעך האָב איך... נו, האָב איך דאָס איצט אויפגערי־דערט דעם גרויסן קאָפּ מיינעם, אַז ס׳האָט גענומען גיין אַ רויך... און אַזוי ווי איך בין געווען פאַרהאַקט, — האָט זיך גראַד איצט דאָס אַלץ וואָס שטייט אין ספר, וואָס, אַן אַנדערט מאָל וואָלט איך עס אָנגענומען פאַר גוט געלט, — נישט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי גלאַטיק; און גערדרייט מיטן גראָבן פינגער: „פאַרוואָס מוז עס דורכאויס אַזוי זיין? מיט דער פוטער אַראָפּ? און נישט אַנגעמען ס׳מזל ביי די הערנער?“ און אַזוי ווי דער צווייפל האָט מיך פאַרכאַפּט אויפן וואָר, — האָט דער שלאָף מיר נישט געקענט אַפילו באַרירן די האָר; און געבליבן וואַך, גאַרנישט ווי כ׳וואָלט געזעסן איבער דעם חרובדיקן ייִנג, נאָר ערגיץ אויפן שפּיץ פון אַ דאַך: וואו מע מוז אָנהאַלטן דעם פאַרשטאַנד ביז גאָר, — מ׳זאָל זיך, ביים קלענסטן ריר, נישט אַראָפּקוילערן אין שאול תחתיה אַריין... דער ייִנג האָט זיך עטליכע מאָל איבערגעוועקט, זיך ווי געוואָלט אַרויסרייסן פון דער הויט, אָדער אפשר גאָר מיט אַזאַ ביטערע גבורה זיך געשלאָגען מיטן טויט?... איך האָב אים אַריינגעגאָסן אַ לעפעלע אין האַלדז אַריין, — ס׳זאָל אים נישט אַזוי דישען, שטיקן... וואָס האָב איך געקענט מער טון? און זיך צוריק פאַרקראָכן אין די רעיונות... אַדורכלאָזן אַזאַ גוטע מינוט? ווען נאָך קען זיך דאָס אַ מאָל אונטער־ריקן? ובכן, איז אַ שאָד די רגע... זאָל דער ספר פון דיר אַרויסזינגען און אַרויסביטערן... גראַד ווען דו ביזט אויף געהאַקטע צרות... און

דער שלימזל שלאָגט מיט דיר כּפּרות... די וועלט האָט זיך אָוועקגענומען די האַנט פֿונעם האַרץ, און געמאַכט פֿון דיר עפּעס אַזוינס ווי צעריבן און צעדריבן שטרוי, וואָס מ'שיט אַרויס פֿונעם שעניק, נאָכדעם ווי מ'איז אָפּגעשלאָפֿן אויף אים אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר... נאָך אַ רגע, ווי דו וועסט פֿאַרגיין אַזוי שיין, — און ס'וועט קיינעם נישט גאָר אָנגיין; זיי יאָ, — זיי נישט, ווען מען מאַכט מע דאָ מער רייך דערמיט, — ווי זיך אַליין? און ס'וועט דיר זיין גוט ביז גאָר, — ווי־ווען מ'וואָרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די הונדערט און צוואַנציק יאָר...

אַז כ'האָב מיך געכאַפּט, הע? וואו כ'בין ערגיץ אין דער וועלט? האָט שוין דער טאָג געריסן אַ פּאַס פֿונעם פֿינצטערן הימל. הע? ווי אַזוי קען ווערן אַזוי גיך פֿון שוואַרץ, — גרוי? דאָס פֿלעמל איז שוין לחלוטין געוועזן איבריק. זיך נישט מער אָנגעזען אין שטוב. עס האָט אַלץ גענומען אַרויסקריכן נאַקעט־גאָל ווי פֿון אַ פֿאַרהוילענער שאָל; די ליידיקע ווענט מיט זייערע גרין און געל־געקאַלכטע דעסענס, צעריבענע און געפֿלעקטע פֿון איבערגעטריקנטער נעציקייט... „הע?" און „הע?" — איך האָב מיר גענומען רייבן די אויגן: שוין צוליב דעם, וואָס די נאַכט האָט געברויכט זיין אַזוי גרויס ווי דער גלות, און אַזוי געקענט איינגעשרימפּן ווערן ביים ספֿר, — איז עס שוין ווערט געווען אַ מיליאָן! ס'אי דאָך עפּעס אַ גרויסער חילוק צווישן דער נאַכט און דעם טאָג, — ביי אַ קראַנקן, ניין? והא ראיה, — אַז די צורה ביים יינג איז אינגאַנצן פֿאַרענדערט געוואָרן... ס'האָט מער נישט אַזוי געפֿלאַמט, און געוועזן דערצינדען... איך לייג צו די ליפּן צו זיין שטערן, — ער איז אייז־קאַלט! טאַטע־פֿאָטער! ס'אי מיגלעך, דאָס אַזוי ווי ער האָט ערשט געברענט מיט אַ העליש פֿייער, — זאָל ער זיך שוין האָבן אָפּגעלאָשן? דאָס זעגן מיטן האַרץ און ס'כאָרכלען, — איז פֿון אים צוגענומען געוואָרן, ווי מיט דער האַנט; ער שלאָפֿט אינגאַנצן אומבאַשווערט; כ'קריך אַרונטער מיט דער האַנט צו אים אונטער דער קאָלדרע, — ער ליגט אין אַ טייך וואַסער! דערפֿרייט זיך דאָ אין מיר ס'האַרץ, און עס נעמט שרייען אין מיר בקול דממה דקה, — ווי נאָר עס קען שרייען ביי אַ צעבראָכענעם טאַטען: „האַרצעדיקער פֿאָטער! כ'זע, אַז דו שלאָגסט בלויז מיט איין עק פֿונעם שטעקן, און נישט מיט ביידע!" כ'קוק אויף מיין ווייב, און כ'וואָלט איר גערן אַ כאַפּ־געטון אין די הענט אַריין: „בהמה, וואָס חמורסטו! דער יינג, וואָס איז

אַקאַרשט געוועןביים טירל, — איז, מיט מזל, צוריק דאָ, און מיט ביידע פיס אין שטוב! ער האָט זיך אַרויסגעריסן ביים מלאך המות פון די נעגל; זיך נישט געלאָזט פון איבם...״ ס׳קומט דאָך איר: אַז זי זאָל זיך פרייען מיטן פולן מויל, — נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַזוי פיל אָנגעשריגן, אָנגעוויינט, און אָוועקגעשטעלט אין מיטן דער גאַס, צענומען די פיס ווי אַ קו, און פאַרוואָרפן מיט די הענט: „אַז ער גייט, — גיי איך אויכעט!״ (כאַטש, ס׳אי נישט מער געווען ווי גערעדט!); נאָר, אַז כ׳האָב דערבליקט איר פנים: ווי שוואַרץ און פינצטער עס איז, און צעאַקערט ווי אַ ריבאייזן, — אַזוי האָט עס מיך פאַרקלעמט ביים האַרץ; און זיך גלייך צוריקגעכאַפט, — זי שלאָפט; און אַז איינער שלאָפט, — ווייסט ער סיי־ווי נישט פון זיין קיש אין נאָז צו זאָגן... שוין דער שלאָף אַליין איז אַ היילונג אויף די וואונדען... און, כ׳לאָז איר איבער מיטן יינג: אָן די היץ, אָן דעם פייער און אָן דעם גליען, — וואָס האָב איך מורא צו האָבן? פונדעסטוועגן, לייג איך אַוועק דאָס ספר ביי אים צוקאָפּעגס, — זאָל ער שלאָפן געזונטערהייט! און כ׳מאַך מיך שטילערהייט אַרויס, אויף די נעגל פון די שפּיצפינגער, — אין דעם שטיקל קעמערל; דאָ איז גרויסער אויפגעפאַלענער טאָג, הימל ריינער, זעלטן שיינער, אָבער די נאַכט האָט זיך נישט געקענט, אַפּנים, נאָך פאַרנעמען מיט אַלעם, און ס׳האָט געמוזט בלייבן אַ פלעק, אַ לעק פון אַ פלעק, — וואָס זאָל איבם פאַרמיאוסן; אין דער דאָזיקער אויפכאַפּנדיקער פריקייט, האָט נאָך אַלץ גענאַכטיקט מיט פאַרמאַכטע אויגן... בלויז איך, אַפּנים, — בין אויפגעוועזן; איך און נאָך אַ פּאָר יידן, מסתמא, אין בית המדרש, — ביי השכמה; וואָס האָבן זיך איינגעהילט אין די טליתים, און שטיל, אַז מ׳זאָל נישט דערהערן אויפן פּראָנט, — געזאָגט: אשרי יושבי ביתך. איך האָב מיך איינגעקוקט אין הימל: „אַ ליכטיקן גוט מאָרגן דיר, הימל, — פאַר וועמען דו ביזט נישט פינצטער!״ איך אָטעם אין זיך אַריין דעם טוי, וואָס ליגט אַ נאַסער איבער די דעכער, אויף די ווענט, און באַגעץ זיך מיט אים די הענט: מודה אני לפניך, מלך חי וקים. ס׳אי שטיל, נאָר וואָס די פייגל אַליין שרייען אַזוי, און מיט אַזוי פיל פרייד: וואָס איז דער מער מיטן הימל, וואָס ער איז אַזוי בלייך? נישט אַ מאָל צוליב דער מלחמה, וואָס ברענגט־אום אַזוי פיל מענטשן? און עס גיט זיך מיט אַ מאָל עפּעס אַ כאַפּ, און ווי פאַר עפּעס וואָס, אַז איך זאָל זיך נישט אָנשלאָגן אין

דעם, — זיך רתיכף צוריקהאַלטן; אַ וואָגן, אַ מיליטערישער וואָגן, — וואָס וואָלט מיך, אַז כ׳זאָל מיך נישט כהרף עין, אַריינכאַפּן אין קעמערל, געוועזן צעטראָגן; און ווי אַזוי דער דאָזיקער וואָגן האָט אויף מיר געקענט אַרויף, אַז כ׳זאָל אים נישט הערן פאָרן, — איז איינס פון די ביידע; אָדער, די רעדער האָבן זיך געשניטן אינעם זאַמדיקן געסל, — וואָס האָט נאָך נישט געוואוסט פון קיין ברוק; אָדער, ער האָט זיך אַפּירגעדרייט פון הינטער דער וואַנט, וואו ער האָט געדרימעלט אין דער נאַכט, און זיך גלייך אויפגעכאַפּט, מיט דער מינוט, — וואָס ער האָט דערשמעקט אַ לעבעדיקן מענטש; ווי ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, — ס׳אי מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, אין וועלכע ס׳אי ווידער געוואָרן פינצטער, — אַ וואָגן, אַ סאָלדאַטסקער וואָגן, הויך אָנגעוואָליעט מיט סחורות, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט צושטעלן אַ לייטער, — מ׳זאָל קענער אַרויפקריכן אויף אים; און אויפן סאַמע אויבן האָבן געקיטשעט צוויי סאָלדאַטן, אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטן, — מיט גאָפּלען אין די הענט, וואָס האָבן זיך געשאַרפט מיט די שפּיצן אַרויף... איך האָב מיך, און תוך כדי דיבור, פאַרדרענגט אויף דער וואַנט פונעם קעמערל, ווייל די טיר הינטער מיר איז געווען צוגעלענט, און איר באַדאַרפט אויפמאַכן צו זיך, — ביי וואָס כ׳וואָלט מיך געמוזט אַרויסרוקן פון פאַרענט, זיי אין פנים אַריין; זיך בלויז געקענט צושטעלן צו איר מיט דער גאַנצער לענג, — מאַכן פון זיך אַ פּלעצל, און עס זאָל אויך זיין וואָס דינער, זיין וואָס ס׳זאָל נישט זיין, נאָר בשום אופן נישט דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט, — אַז ס׳זאָל זיין; אָבער די צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך גלייך אַראָפּגעלאָזט פון זייער הויכער הויך, ווי אויף אַ שטריק, — און מיך מיט כדת אַרויסגעקריגן פאַרן קאַרק: „דו ווילסט דיך דאָ אַרויסדרייען פון געבן געלט?״ „וואָס געלט? ווען געלט? און וויפיל געלט?״ „פינף און צוואַנציק ריבל, — און דו וועסט קריגן די סחורה פונעם וואָגן!״ פון דעם קלעמען מיך ביים האַלדז, האָב איך אָבער ווייניק אַרויסגעזען, — אַז מע מיינט דאָ וואָס מ׳רעדט; נאָר, אַז מע וויל מיר בלויז מיט דעם וואָגן סחורה פאַרבלענדן די אויגן; און אויב ס׳קלעמען איז נאָך געווען אַ קנאַפּער סימן דערויף, — האָב איך פון אַ זעץ אין פנים אַריין גלייך דערזען, אַז ס׳גייט אין די ממרתקים; און אַרויסגעכאַפּט דעם טייסטער: „פון וואַנעט האָט איר געוואוסט צוצוטרעפן, — וואָס אין אים איז דאָ? וואָרן, וואָס

טו איך, ווען איך דאַרף זיך אַזוי אָפּליִיזן ס׳לעבן מיט אַ גאַנצן פּיפּציקער, — און כ׳האָב נישט מער ווי דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט ?" מילא: יאָ סחורה, נישט סחורה... נאָט איך ס׳געלט מיטן בייטל, און לאָזט מיך אַרויס אַ לעבעדיקן... נאָר מיינע זעלנער, זע איך, מאַכן זיך דאָ נישט קיין געלעכטער... זיי האָבן גלייך פאַרשאַרצט די אַרבל, און זיך געכאַפּט צו דער אַרבעט... אַרויף אויפן וואָגן און גענומען דערלאַנגען מיט אַזאַ רציחה, ווי די הויט וואָלט אויף זיי געברענט... בוך, בוך, — און ס׳האָבן אָנגעהויבן פליען די זעק מיט די פּעק, — כ׳וואָלט געגאַנגען שווערן, — די זעלביקע וואָס כ׳האָב איבערגעלאָזט אין באָגריע; אַ כאָליערע, — און האָבן זיך שוין געפינען ביי זיי אויפן וואָגן! אַ רגע, — און די קניען האָבן זיך מיר גענומען אונטערברעכן, און געווען אין אַ דעצעס: שרייען, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טון, — צו וועמען? צו די זעלנער? אַז פאַר נישט געבן זיי דאָס געלט צו דער מיגוט, — האָבן זיי מיך געוואָלט דערשטיקן; און פאַר נישט וועלן דאָס נעמען, — מיך, מסתמא, וועלן דערשטעכן; אַ קשיה אויף אַ מעשה, — אַז זיי ווילן פּטור ווערן דערפון? ס׳אי גאָר, ווי כ׳זע, — פאַרקערט ס׳עסק: מ׳האָט דאָ אַזוי ווייט נישט געמיינט די פינף און צוואַנציק ריבל, ווי דאָס אַראָפּצוואַרפן פון זיך... און זיי, ווידער, דאָ לאָזן אויסליידיקן דעם וואָגן סחורה, כאור, ביי מיר אין קעמערל, — שמעו שמים! טאָמער גייט אַזוי עמיץ פאַרביי, וואָס ברויך גראָד נישט פאַרבייגיין, — האָב איך דאָך אַפילו נישט קיין צעקנייטשטן ריבל, זיך צו קענען אויסקויפן, — ווען מ׳זאָל זיך בכלל קענען אויסקויפן! וואָרן, ס׳אי פאַר דער מלחמה, ווען מ׳האָט אַזאַ זאַך געקענט פאַרייבן מיט געלט? אָדער, פאַרן ערגסטן פאַל, אַז מ׳האָט נישט געקענט שמירן, גיין זיצן, און אָפּזיצן אַ טערמין? מ׳לעבט דאָך מיט דער מלחמה! און ביי איר מוז מע, אויף וויפיל מע זאָל נישט קענען און נישט וועלן, — זיין אַן ערליכער מענטש; שטייך פון דער וויטעכס, אויף אַלעם קוקן, און... זיך צו גאָרנישט צורירן; וואָרן, פאַר צורירן זיך מיט דער האַנט צו אַ ליאַדע בילי־זאַך, און נישט נאָך צו אַזאַ בוכטע, — שיקט מע אָפּ, דו ווייסט, וואו? ס׳אי ביי דיר אין אַמעריקע נישט דאָ דאָס זעלביקע אָרט ווי הי? רבונו יונה! וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? ביז כ׳האָב דערלעבט, אַז דער ייִנג זאָל אַרויס, — בין איך שוין נאָך גיכער אַ ר י י ן! ווער דריידעלט עס אַזוי דאָס דריידל מיט מיר?

צוריקגעשמועסט: ווען ס'אי באַשערט דער טויט, האָט די מלחמה באַוויזן, — ברויך יענער גאָרנישט אַרויסצוגיין נאָך אים אין די אָקאָפּעס אַריין, הינטער די קוילן; נאָר ער קומט צו אים אין שטוב, זוכט אים אָפּ אונטערן בעט; פונדעסטוועגן, זיך שטעלן אויף אַ משקולת, אים אַנטקעגן גיין, קריכן אין די אויגן, — איז אויך נישט כדאי; דער שטן איז מקטרג... און איך בין דאָך אים נישט אַנטקעגן געגאַנגען, ס'הייסט: זיך געשטעלט אויפן דאַך, וואו די קוילן פליען, — נאָר זיי זענען געקומען צו מיר; און וואָס פאַר אַ פאַרענטפערונג וואָלט איך, למשל, דאָ געקענט האָבן, — אַז כ'האָב מיך בלויז געמיינט אויסצוקויפן מיט די פינף און צוואַנציק רובל? און די אַלע זעק מיט די פעק, וואָס ליגן אין קעמערל ביי מיר, — זיי זענען אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל? אָבער, אַז ס'אי באַשערט אַ נס, און דאָס אויך, — דער צווייטער: דער ערשטער מיטן ייִנג, און דער איצטיקער, — וואָס קיינער דהאָט דאָס נישט דערשמעקט, טאַקע קיינער נישט; און איידער כ'האָב זיך נאָך געקענט דערטראַכטן צום סוף: „מיט סאַראַ טויט מ'וועט מיך פאַר דעם צערעכט מאַכן!” איז שוין דער פגר געלעגן ביי מיר, און די צוויי זעלבערלעך, אַ געזונט אויף זיי, — מיר אָנגעפּיפּן מיט אַ קנאַק פון דער בייטש! אַריינטראַכטענדיק גוט אין דער זאַך: איז דאָס דער איינציקער וואָגן סחורה, — וואָס ווערט ביי דער מלחמה אַראָפּגעדרייט און פאַרתכלעוועט? און אויב ביי די זעלבער איז בלויז אַוועק אַ וואָגן, — גייט דען נישט ביי אַנדערע אַ גאַנצער מאַגאַזין פאַר דעם זעלביקן, אַ גאַנג? נאָך אַ גליק, וואָס ס'אי שוין מער אין קעמערל קיין אָרט נישט געווען; די פעק מיט די זעק האָבן דערגרייכט ביז אונטערן סאַמע שפּיץ פונעם דאַך! אַ נישט, — וואָלטן זיי מיר דעם וואָגן מיט די פערד אויך געווען אַריינגעוואָרפן! און אויב זיי האָבן עס נישט געטון ביי מיר, — עס זיכער געמוזט טון ביי עמיצן אַנדערש, פאַר אַ פינפערל; און אויב נישט ביי עמיצן אַנדערש, און פאַר אַן עקסטרע פינפערל, — אים גלאַט געלאָזט שטיין אין מיטן גאַס, אַז אַ קליין ייִנגל זאָל אָנעמען די פערד ביי די לייצן, און אים, אָן אַלעם, אַראָפּפירן צו זיך אַ היים.

איך האָב פאַרשפּאַרט די דרויסענדיקע טיר, איר גאַנץ שיין פאַרקייטעלט פון אינעווייניק, — ס'זאָל דאָ קיינער נישט אַריינשטעקן די נאָז, און זיך צוריק אַריינגעכאַפּט אין שטוב; נישט געקלערט מער:

אַז כ׳וועל איר אַ רעה טון דערמיט, וואָס כ׳וועל איר אויפוועקן, — נאָר אַרויס מיט אַ געוואַלט, באַלד ווי נעכטן אויף דער גאַס, זי איז געהאַט אַרויס: „געוואַלט!״ און „געֿ־וואַ־אַל־ט!״ אַזוי האָט זי אַ כאַפּ געטון דעם קאָפּ, וואָס האָט ערגיץ געברויכט ליגן ביי איר צווישן די פיס, און זיך מיט אים אויפגעשטעלט; אויסגעגלאָצט די קעלבערנע אויגן: דאָ אויף מיר, דאָ, — אויפן ייִנג, און אַזוי ווי זי האָט נישט געוואוסט דעם גרונט פון מיין שרייען, האָט בלויז געפעלט אַ האָר, אַיין האָר, — אַז זי זאָל אויך נעמען שרייען; מיינענדיק: אַז דער ייִנג האָט זיך אָפּגעטראָגן פון דער לעבעדיקער וועלט! וואָרן, וואָס דען ד׳האָב איך מיך צעשריגן מיט אַזוינע באַנומענע קולות? און כ׳זאָל מיך אַליין באַגראָבן אויפס טויט... נאָר, אַ מאַמעס האַרץ, — האָט עס גלייך דערשפּירט, נישט, חלילה, די סחורה וואָס אינעם קעמערל; נאָר, אַז דער ייִנג איז צוריק אירער, און זי האָט אים אַ כאַפּ געטון אַ שלאָפעדיקן פונעם געלעגער, און גענומען טאַנצן מיט אים, זיך דרייען אין אַ רעדל: „ס׳אי מיר גוט און ס׳אי מיר וואויל!״ האָב איך מיך אָנגערופן: „נישט בלויז וואָס מיר האָבן אָפּגעקריגן דעם ייִנג, נאָר ס׳וועט שוין אויך זיין צום ייִנג...״ האָט זי אויסגעגלאָצט אויף מיר די קעלבערנע אויגן אירע: „קלמן, דו ווייסט וואָס דו רעדסט?״ און איך, ווי אַ ריכטיקער שאינו יודע לשאול, האָב אויפגעמאַכט די טיר פונעם קעמערל: „קוק נאָר, וואָס דאָ טוט זיך? וואָס מ׳האָט דאָ אָנגעלייגט?״ און מיין ווייב, אַ געזונט אויף איר, — אַז זי האָט דערזען קאַווע, טיי, שינעלן, פּאַסקעס, שיך מיט שטיוול, — אוי־וויי, האָט זי אַזש אַ קרעכץ געטון... און צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל: „ש־ש־ש... רעד נישט, קל־מע־לע!״ (ווי דו הערסט: קל־מע־לע!) פּילסט, וויפיל ליב־שאַפט ס׳שטעקט אין דעם? „איין וואָרט, און מ׳וועט נישט בלויז בלייבן אָן דעריך, נאָר, מ׳וועט דיך נאָך, חלילה, פירן אויף דער תליה!״ און גיי, טרעף: וואָס ס׳איז איר אין דער מינוט, מער געווען אַ שאָד? און כ׳האָב איר געהאָרכט... נישט אין אַלעם דאַרף מע האָרכן אַ ווייב, נאָר ווען זי הייסט שווייגן, — איז אַ סך מאָל כדאי; און, — קיין אײן וואָרט נישט מער, קיין הויך פון מויל נישט...

איצט: זיי מיר געזונט און שטאַרק. ווילסט וויסן, ווי ס׳אי מיר דערנאָך דערגאַנגען? כאַפּ נישט. עס איז נישט קיין לאָקשן! איינס קען איך דיר זאָגן: מע ברויך נאָר בעטן אויף די ערשטע צען טויזנט,

— גייען שוין די איבריקע ווי געשמירט, און מ׳ברויך צו זיי קיין דאַנט נישט צוטון; זיי קומען דערנאָך פון זיך אַליין; כ׳וואָלט דיר נאָך גע־שריבן, נאָר כ׳מוז איבערייסן, און נישט ווייל ס׳בריוועלע גייט שוין אי־בער, נאָר ווייל כ׳הער: ווי עפּעס אַן אָפּיציר קומט זיך נאָכפרעגן אויף מיר, און ס׳האַרץ, — פרעג דיך גאָרנישט, גייט אַריין און אַרויס; מער, פאַרשטייט זיך, — אַרויס ווי אַריין; עס זעצט ווי ביי אַ גזלן; די נשמה שטייט אויף דער שפּיץ נאָז... ווער ווייסט, אויב ס׳האָט זיך עפּעס נישט דערוועקט?

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו, מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני בית; און מ׳זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

ממני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

דאָס אַכטע בריוועלע

קעלץ, פרייטיק, ד׳ ניסן, פרשה: מצורע, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע תמיד צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, וואָס זאָל איך דיר שרייבן? ס׳אי נישט גוט, ברודערל! די מלחמה רוקט זיך שוין ווידער אָן, און עס שמעקט מיט פולווער! הלואי, זאָל דאָס נאָך זיין אַ בריוול און נישט קיין וידוי... זי גייט... זי קומט... אייגענטלעך, ברויך זי גאָרנישט גיין און קומען, — זי איז אַלעמאָל דאָ מיט אונדז, צווישן אונדז, האָט אונדז אַריינגעמאַטעט ווי די פליגן אין שפינוועבס, און מ׳קען זיך מער נישט אַרויסמאַטען פון איר. נישטמער: אַז זי איז שטיל, די מלחמה, פאַרגעסט מען גאָר אינגאַנצן אין איר, און מע מיינט: אַז זי איז נישטאָ. איי, וואָס פעפער איז מער נישט בנמצא? און אויך טיי? און נאָך אַזוינע גוטע זאַכן, ווי: טייטלען, פייגן, באָקסן, פאָמעראַנצן, ווייַנטרויבן, מילגרוימען, אַרבוזן.. מילא: פון ווייַנטרויבן, אַרבוזן, מילגרוימען, פאָמעראַנצן, — איז אָפּגערעדט; סתם עסן פאָמעראַנצן, אַז מ׳אי נישט קראַנק, — איז דאָך אַ ברכה לבטלה; און מדאַרף האָבן אַ צעלאָזענע קישקע! און פון ווייַנטרויבן, מילגרוימען, אַרבוזן, — האָבן אנשי שלומינו סיי ווי נישט מער געוואוסט ווי איינמאָל אום ראש־השנה, — צו מאַכן אַ שהחיינו דעריבער, ס׳הייסט: עסן זאָלן די גבירים, און זיי בלויז וויסן: אַז ס׳אי דאָ אויף דער וועלט! מכח טייטלען, פייגן און באָקסן, — דאָס גייט נישט מער אויס ווי צו די ייִנגלעכס קעפּ, אין חמשה עשר בשבט; וויפיל מאָל אין יאָר איז דאָס חמשה עשר בשבט? וועסט דאָך מיר נישט זאָגן: אַז אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט אַ באָרד, און מיט אַ ווייב, — וועט זיך אַוועק שטעלן אין מיטן טאָג עסן באָקסן! מיט וואָס

וועט ער זיין מער פאַר די ציגן אין ארץ ישראל? און אויב מ׳זאָל, בלויז צוליב דער מלחמה, ברויכן לעבן אָן טיי מיט פעפער, — וואָלט מע שוין מיט איר געקענט גאַנץ בריווח אויסלעבן די יאָרן! מ׳גיט זיך אַן עצה: אָנשטאָט פעפער, אויב ס׳מוז דוקא רייסן ביים האַרץ (ס׳רייסט נאָך ווייניק!), און בייסן אין דער נאָז, — צערייבט מע אַזוינע בלעטער, קרייטעכצער, בל״ע״ז; און אויפן אָרט פון טיי, אויב מ׳וויל דורכאויס, אַז ס׳הייסע וואַסער זאָל האָבן אַ שטיקל קאָליר, — ברענט מע אָפּ אַ קלעצל צוקער, — איז עס נישט אַזוי געשמאַק, ס׳מוז דען זיין מיט אַ געשמאַק? אַבער, מ׳קען פאַרדאָס מיט דעם אָפּפאַרבן אַ גאַנצע מקוה מיט קאָכעדיק וואַסער. אוי, טאַטע! אַז כ׳זאָל לעבן טויזנט יאָר, וועל איך נישט זיין אויף אַזוי פיל קלוג, און פאַרשטיין: צו וואָס די אַלע מלוכות האָבן יאָרן לאַנג אָריינגעלייגט ס׳גאַנצע ביסל דאָברע מזל זייערס, אַלע שבע חכמות, אין אַזוינע מיני זאַכן, — מ׳זאָל זיך נאָר קענען מיט זיי באַשיינען און באַחנען אין אַ מלחמה! געלאָזט מאַכן אַזעלכע כלים, — אַז ס׳פאַלט אַרויס דאָס האַרץ פון קוקן בלויז אויף זיי; און כלים מכלים, — שונים: קליינע, ווי די פייגעלעך, וואָס מ׳האַלט אין בוזים, פישטשען קוים, און מ׳האָט זיי מורא אַרויס־צונעמען: זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט דערקילן און קריגן דעם קאַטער; און אַז זיי הייבן אָן צו ניסן און שפייען, איז אַזוי ווי ס׳וואָלט געגעגנט מיט פייער. ווידער כאַפּסטו אַ קוק אין אַ לאָך פון אַ האַר־מאַט, — איז אַוועקצושטאַרבן אויפן אָרט! זעסטו אַ מויל, — וואָס זוכט איינצושלינגען אַ האַלבע וועלט! און ס׳אי נישט משיג צו זיין: דאָס נאָכדעם ווי זיי האַלטן שוין אַזוי לאַנג אָפּן די מיילער, — זיי זאָלן איר נאָך אַלץ נישט האָבן איינגעשלינגען!

אַ, ברודערשי, — זיי גייען אונדז שוין ווידער באַשיינען די שמחה, די גרויסע בערן מיט די קליינע בערעלעך, ס׳הייסט: די צוויי און פערציקער מיט די זעקס און דרייסיקער. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן שרייען, זיך לאָזן הערן מיט זייערע קולות, איינער העכער פונעם אַנדערן: בו, בו, בו, — איז אַלץ פיל מיט זייער געשריי, אַפילו די טעפּ מיט די בעטן; מ׳ליגט מיט געשוואָלענע קעפּ, מיט צעגליטע שלייפן, פּינקעלדיקע אויגן: אוי־ווײ, געוואַלט, — וועמענס יום־הדין וועט דאָ ווידער זיין? צו זייער שרייען קומען־צו די פייגעלעך, — זיי לאָזן אויך נישט איינרוען; וואָס די פייגעלעך זענען? קוקסט אויפן

דהימל, קוקסט, און ס'איז ביי דיר אַ קלער: צי מ'זעט דאָרט עפּעס
אָדער ס'דאַכט זיך דיר בלויז אויס... עפּעס, עפּעס מוז יאָ פליען, נאָר
עס ברויך זיין געוואַלטיק הויך, זייער ווייט אַוועק אין די וואָלקנס.
גאָטס וואונדער! ביים דור־הפלגה האָבן די מענטשן פון דעם אַפילו
נישט געחלומט. כאָטש דער קלוגער שלמה המלך האָט געזאָגט:
אין חדש תחת השמש, — האָבן די פייגל, נאָך דעמאָלט, אַפּנים,
געדרימעלט אין די מוחות פון יענע, וואָס האָבן געברויכט מיט טוי־
זענטער יאָרן שפּעטער געבוירן צו ווערן; וואָרן, אויב די פייגעלעך
וואָלטן שוין דענצמאָל אַזוי שיין געפלויגן, — וואָלטן די מענטשן
נישט געוועזן אַזויגע פערד, צו וועלן בויען אַ טורם אין הימל אַריין צו
גיין, נאָר גלייך אַרויף זיי אין אים אַריינגעפלויגן! איצט איז אַ פאַר־
קערטע וועלט; איצט ליגט זיי דער הימל אַפילו נישט אין דער
לינקער פּאה; נאָר, געהרגעט זאָלן זיי ווערן, — די ערד, דאָס שטיקעלע
ערד איז זיי גרויס אין די אויגן; און ווען דער הימל וואָלט זיי צוגע־
געלאָזט, — אים אַפילו אין מויל אַריין נישט גענומען! דאָס פינטעלע
דאָרט אויבן פינטעלט, דרייט זיך און פרייט זיך, מאַכט אַזויגע שיינע
קינצן צערעכט, — אַז מ'קען זיך נישט זאַט אָנקוקן דערויף, און די
אויגן אַוועקרייסן דערפון; עפּעס איז עס אַזוינס וואָס האָט פליגל,
פליט ווי אַ פייגעלע, — און איז עס נישט; עס איז, ווי זאָל איך זאָגן?
אַ פליי־פלאַטערל, וואָס מ'רופט כמעט אויף אַלע לשונות מיט איין
נאָמען: עראָפּליין, און אויף וועלכן קינדער אין די וויגן ווייסן
זיך שוין צו פאַרקוקן, און יענקיצן זיך ביים שווערן נאָמען: ער־ער־
ר־פליין... אַ מאָל פאַרגלוסט זיך דעם עראָפּצולאָזן נידריק, אַז ס'ווערט
דעם נמאס צו זיין מיטן הימל, — כסדר מיטן הימל, — אַפילו קרעפּ־
לעך עסן זיך אויך צו; עס ווילט זיך דעם אַמאָל אויך אָנקוקן די
ליבע ערד, און מ'כאַפּט זיך: ווען ער ליגט שוין באַלד אויפן קאָפּ,
— צוליב זיין ברומען; ווייל ברומען ברומט ער גראָד נישט ווי
קיין פייגעלע נאָר ווי אַ פיר פּיסיק חיהלע; אָבער, אַז מ'זאָל זיך וועלן
צו דהערן דאָ צו יעדן מין ברומען, — וואָלט מע נאָכאַנאַנד באַדאַרפט
שטיין מיט אָנגעשפּיצטע אויערן; ווען איז אַ מאָל שטיל און ס'ברומט
נישט? איז נישט פון אויבן איז פון הינטן, פון פאָרענט, — ערגיץ
ברומט אַלעמאָל און טיף; נאָר מ'קומט אויף פון דער הינער־פלעט,
מ'זאָל קענען מבחין זיין צווישן דעם ברומען און יענעם, — אַז

ס׳גיט מיט אַ מאָל אַ ריס אין קאָפּ: „אַ־האַ! ס׳אי געווען פון אויבן!״ און אויב מ׳איז נאָך געבליבן ביי אים, ביים קאָפּ, — נעמט מע קוקן פון אויבן, פון הינטן, אַרום, אַרום און אַרום, — וואו ס׳האָט דער־לאַנגט? מילא: יענער וואָס איז געווען דער מזל־דיקער האָז, און האָט זוכה געווען בגורל, און אויסגעכאַפּט די באָמבע, — פאַרשפּאָרט מע שוין אַפילו פון אים צו גיין אויפקלויבן די ברעקלעך; אַפילו אַ הויז, אַז עס כאַפּט איר אַריין, — איז אויך בוך־פּיעטרעק! ווייסט מע נישט, וואו די שפּענדלעך זענען דערפון אַהינגעקומען.

און וואָס מיר געפעלט גראָד, איז: וואָס די מענטשן האָבן זיך צוליב זיי אויסגעלערנט קוקן אויפן הימל; וואָס פאַר אַ קינצן מ׳האָט דאָס פאַרצייטנס באַדאַרפט באַווייזן, — אַז די מענטשן זאָלן וועלן כאַפּן אַ קוק אויף אים? אויפשטעלן אַ קופּערנע שלאַנג, און וואָס נאָך אַלץ? ווען מוואָלט דענצמאָל אַרויסגעשיקט עטליכע אַזוינע פּייער־געלעך, און זיי זאָלן נעמען האָגלען מיט באָמבעס, — איי, וואָלטן זיי געקוקט! פון די קעלערן, — אויב ס׳זענען שוין געווען קעלערן; פון די היילן, פון הינטער די בערג, שטיינער, — געקוקט וואָלטן זיי; נעם, למשל, ביי אונדז אַ מענטש: איז ער אַזוי פאַרזינקען אין אַלע דר׳ערדיקע זאַכן, עולם־הזהדיקע, ווי: קאַווע, טיי, — מיין ווייבס זעק מיט די פּעק, — דאָס ווען נישט די פייגל, וואָלט מע שוין גאָר איג־גאַנצן געהאָט פאַרגעסן, אַז מ׳האָט אַ הימל איבערן קאָפּ! און אַזוי, אַז מ׳גייט נאָר אַרויס אַ טריט פאַר דער טיר, צומאָלט אַן מודה אני אויף די ליפּן, איז, — אַ קוק אויף דער ערד, און אַ קוק אויפן הימל; איינס אָנעם אַנדערן גייט נישט; און טאָמער, חס ולא יעלה, — קומט אַ מאָל ארויף אַ קראָ, אַ פלעדערמויז, — זיי מעגן זיך דאָך אויך פאַרגינען צו וועלן פליען! אַזוי נעמט מע גלייך לויפן אין די טויערן אַריין, און ס׳בלייבן די שטעלעכלעך, די וועגעלעך, — אויף הפקר; און אַז מ׳דערזעט: עס איז נישט מער ווי די היימישע קראָ, די פלעדער־מויז, — אַזוי גייט יעדער צוריק צו ס׳זייניקע, און מ׳בייטלט אויס צו איר: „געמוזט קומען און איבערשרעקן אַ גאַנצע שטאָט, די פּאָס־קודע...״ אַדער, מ׳פריייט זיך גאָר: „הלואי ס׳זאָל קיינמאָל מער נישט זיין, ווי דאָס...״ ס׳רוב איז עס אָבער דער ריכטיקער פויגל; און אַזוי ווי ער קומט נאָר אויף די אויגן פון די שפּאַקטיוון, — הייבט זיך אָן אַ געקנאַקעריי, — אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין; מ׳קען פאַרטויבט

ווערן; ער אויבן, וואָרפט, פון חתנס צד: קניידלעך, — און פון היגטן שווייגט מע אויבעט גישט; מ'שיקט אָפּ צוריק כלה־מרתנורת; קוילן פון ביקסן, (וואו ס'שטייט נאָר אַ זעלנער, וואָס האָט אַ ביקס אין דער האַנט, האַלט ער זיך פאַר אַ מצוה, — אַריינצוּיאָגן אין אים אַ פּאָר קוילן); קוילן פון קוילנוואָרפערס, מיט וועלכע מ'זיצט אויף די ביידע־מער, אויף די דעכער, און דער עיקר, — שיסט מע אויף אים מיט האַר־מאַטן. ס'אי זיך דענצמאָל נאָר אָנצוטון אַ פאַרגעניגן, אויב מ'האָט גישט קיין פחד פאַר די אויגן, — צו שטיין און קוקן: ווי דאָס שטערנדל דרייט זיך, בלישטשעט אין דער זון, און נאָך איטליכן זעץ פון אַ האַרמאַט נעמט אַ פּיצל פון אַ רגע, — ווי דער אַרויסגעיאָגטער גראַנאַט רייסט דאָרט אויבן אויף; און אַז מ'זאָל ווּיסן אויף ריכטיק וואו ער האָט אויפגעריסן, — ווערט דאָרט אויבן, אויף יענעם אָרט: אַ קליין וואָלקענדל רויך, ווי אַ ווייסער פלעק; דער הימל איז בלאָ, דהעל־בלאָ, טיף־בלאָ, און גלייך ווי די האַרמאַטן מיט די גראָבע און קורצע העלדזער (לופעס, בלע"ז), נעמען אין אים אַריינכמאַליען, — וואָס האַרמאַטן זענען? ווערט ער גלייך צעריסן און צעפליקט, דער גאַנצער הימל, פיל מיט אַזוינע פלעקן, וואָלקענדלעך; אַ וואָלקענדל דאָ, אַהער, אַהין, — און צווישן זיי אַלע זילבערט דאָס פייגעלע און בלינצעלט, ווי עס וואָלט געלאַכט פון די שווערע בעלי־דברים, די האַרמאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעלייגט ווי די היגט אויף די בייכער, און רייסן זיך אויס די העלדזער...

קיצור הדבר: הנצנים נראו בארץ. און אַז די פייגעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן, איז גישט באַטעמט פון זיי אין מויל; גישט אַזוי צוליב די באָמבעס זייערע, — מ'האָט פון זיי אויך צו לעקן און צו שמעקן! נאָר, אויב זיי קומען, מיינט דאָס, — אַז די בעלי הבתים זייערע, די דייטשן קומען אויך; יענע שיקן זיי פאָר מרגלים. איי, וואָס זיי וואַרפן גאָר באָמבעס? נו, וואָס? דאָס איז אַגב אורחא... און, ווידער, — אַז די דייטשן נעמען גיין, — וועט מע זיי לאָזן? וועלן זיך די רוסן גישט אַנטקעגן שטעלן? נו, שמעקט עס מיט פרישע געשלעגן, — און ווער האָט ג'כח צו זיי? וויפיל געשלעגן אַזוינע, קען מע דאָס איבערהאַלטן? איי, די זעלנער, — וואָס זאָלן שוין די זעלנער, נעבעך, זאָגן? ראשית, איז עס דאָך זייער מלחמה! אַז זיי זאָלן איר גישט וועלן, — וואָלטן זיי זיך אַלע אויפגעכאַפּט און צעלאָפן,

— און ס'איז אויס מלחמה! וואו וועט מע זיי אַלע גיין זוכן? און, ווער? און, וד־השנית, ווייסטו, אַז ס'איז ערגער דעם וואָס גייט־אום מיטן חולה, ווי דעם חולה גופא... אוי־ווי, געוואַלט, — געהאַט אַ ביסל מנוחה, געקענט אָנכאַפּן דעם אָטעם, גענומען אויף זיך אַ שטיקל הויט, — שטייט שוין ווידער פאַר די אויגן דאָס אַרויסטרייבן פון באָגריע, דער לאַנגער געגיי, יענער הימל־געשריי... כ'רעד שוין נישט פון די עינוים קשים, ווערן געטריבן ווי די שאָף אין פעלד; עס אַרט מיך אויך נישט פאַר דער שטאָט, — נישט מיין פערד און נישט מיין וואָגן! זאָלן זיך די גבירים ברעכן די קעפּ, און ביי זיי די קעפּ דאַרן, — וואָס די הייזער זענען זייער, און די געוועלבער זענען זייער; וואָס האָב איך פון די אַלע בוכטעס מיט די גניבות, — מער ווי דעם לעניק, וואָס דער קאָמיטעט טיילט מיר צו? וועל איך דאָך אים ערגיץ אַנדערש אויך קריגן, ניין? דער טייערער קאָמיטעט וועט דאָך אונדז נישט פאַרלאָזן, און, כאשר תלך אלך, — וואו איך וועל גיין, וועט ער אודאי אויך מיטגיין; און דאָרטן אויך צוטיילן דעם זעלביקן לעניק! ער מיינט דאָך געוויס מער זיין אייגענע טובה, — ווי מיינע; סאַי נאָר ווייל און וויגוד צו די מענטשן: ווייל, דאָס אַוועקגיין ווי דאָס אַוועקגיין, אָבער דאָס צוריקומען, — אַ־האַ! דאָס איז שוין אַ פראַגע; וואָרן, אַז מ'גייט אַרויס פון אַ שטאָט, ווייסט מע: אַז מ'גייט אַרויס, נאָר צי מ'וועט זיך אַ מאָל אומקערן אין איר? און קיין באָגריע וועלן זיך שוין אויך נישט אומקערן יענע אַלע, וואָס זענען פון איר אַוועק; דאָס היגע בית־הקברות האָט זיך זיין חלק אָפּגענומען.

אין דרויסן רודערט זיך: די גאַס, — וואָס ס'האָט זיך שוין אַלץ נישט אָפּגעטון אויף איר? זי באַוועגט זיך פון מענטשן, ריכטי־קער — פון זעלנער; סזענען נישט דאָ איצט מער גאָר קיין מענטשן; סתם אַ מענטש, אָן אַ שוועוד און אָן אַ ביקס, — איז גאָרנישט; און אויב ס'איז ערגיץ דאָ אַזעלכער, — ליגט ער איינגעלייגט, און האָט מורא די נאָז אַרויסצושטעקן; די גאַס איז פאַר די זעלנער; און זיי גייען אויף איר, — זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן; נאָך גוט וואָס אַ גאַס האָט פון יעדער זייט, אַן אַרויס מיט אַן אַריין; אַזוי, פלעגט מע אַ מאָל אָנקומען אויף איר פון מאָגילעוו און גיין קיין באָריכעוו, אָדער פאַרקערט: איצט קומט מע אָן אויף איר פון אוראַל, פון זאַביי־קאַל, פון סיביר, פון קאַווקאַז, פון טורקעסטאַן, און מ'גייט, ס'הייסט:

מ'וויל גיין קיין ברעסלע, קיין דרעזדען, קיין בערלין, און, פאַרקערט: מ'קומט פון זאַקסען, פון בייערן, און מ'גייט, ס'הייסט: מ'וויל גיין קיין אוקרייאינע, קיין פאָלעסיע, און דאָס, — זינט דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה; און אַז ס'גייט חילות, מיינט עס נישט, — בלויז זעלנער; מיט זיי גייען־מיט וועגענער; און צווישן די וועגענער זענען דאָ אַזוינע וואָס האָבן רעדער, און אַזוינע, — וואָס האָבן נישט קיין רעדער, אַבי זיי גייען! (אוי, די רעדער; זיי וואָלטן דאָס פאַר איין מינוט געוואָלט אויפהערן צו רעדערן איבערן קאָפּ!) אַ בינטל מיליטער גייט, און מיט דעם, — אַ שניר וועגן: צוויי רעדערדיקע, דריי רעדעורדיקע, זעקס רעדערדיקע (אויב מיט פיר רעדער, — וואָס איז די חכמה?) אַ וואָגן מעל, און נאָך אים, — אַ וואָגן מיט קעסטלעך קוילן; נאָך אים ווידער, — אַ וואָגן מיט טרומנעס און מיט, שוואַרצע, פון אייזן געמאַכטע, — צלמים; דערנאָך, ווידער, — אַ וואָגן, מיט אַ קראַנקן צי סתם אַן אָפּגעשטאָנענעם, — וואָס קען נישט מער גיין; און דערנאָך, אודאי: אַ בינטל זעלנער, און מיט דער גאַנצער חתונה, ווי כ'האָב אויסגערעכנט, — נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשיד: אַנשטאָט ציין קראַנקער, — אַ שפּיטאָלנע וועגעלע מיט עטלעכע חולאים, אַ לעבעדיקער אָקס, און אויך אַ וואָגן מיט קאַרטאָפל. עס איז, אַפּנים, באַלד אַזוי אויסגערעכנט: וואָס דאָס הייפל זעלנער ברויך האָבן אויף צו שיסן, אויף צו עסן, טרומנעס פאַר זיך, און צלמים אויף צוקאָפּנס, — אַז מ'וועט זיי אַריינלייגן אין דר'ערד אַריין; אַזוי פיל חלקים פלייש פונעם אָקס, אַזוי פיל און אַזוי פיל חלקים פון די עטליכע קערץ קאַרטאָפל, וואָס, ס'וועט אין איינעם אַריין: אויסמאַכן אויף דעם און דעם בינטל זעלנער, אויב מ'וועט, נאַטירלעך, ביז דענצמאָל: דעם אָקס מיט די קאַרטאָפל נישט אָוועקגנבענען, און די זעלנער אויסהרגענען; אַ נישט, — וועט מע האָבן געמאַכט אַ טעות אין חשבון. אַ רגע, — און דאָס שטעלט זיך אַלץ אָפּ, ווערט פאַרהאַלטן, ווער ווייסט: ביים אַרויסגאַנג פון דער שטאָט, צי אויף אַ טריט אַוועק פון איר, — ס'ווייסט דען עמיץ? און אַזוי ווי די אָנקומענדיקע הערן אַלץ נישט אויף צו קומען, כאָטש מ'שטייט דאָרט פון פאָרענט, — אַזוי מישט דאָס אַלץ אינאיינעם אויס, און מ'גייט נישט מער, ווי פריער, אויסגערעכנט, מיטן איינגעשטעלטן סדר, נאָר מ'שטופּט זיך אויף דער קיפּע: איינער אויפן אַנדערנס קאָפּ, — אַ גאַנצער קלימפּער, אַ

צעפּאָרענער שלימפּער פון פערד, אָקסן, וועגן און מיט זעלנער אויס־געמישט אינאיינעם.

ס'איז פאַרנאַכט. איך שאָקל מיך נאָך, ווי פון רגילות, — נאָך דער מנדהדיקער שמונה עשרה. כ"האָב מיך באַזעצט אין פּיסן־גרוב, און שאַר די איבערגעבריבענע גלאָוניעס אינעם אויוון. דאָס ברויט איז שוין פון אַ גוטע מינוט אָנגעבאַקן, — און עס ליגט אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע; נאָר אפשר האָט זיך נאָך עפּעס פאַרוואַלגערט צווי־שען זיי, — ס'זאָל אַזוי נישט טרעפן ווי ס'טרעפט; ס'ברויט שמעקט, — עס פאַרייסט; דער ריח דערפון צענעמט; עס קיצלט אַפילו ביי אַ זאַטן אין האַלדז, און בעט זיך, — מ'זאָל זיך קומען וואַשן דעריבער צו שאו ידיכם. און עס ברויך נישט לאַנג לאָזן בעטן אויף זיך. עס איז מלחמה. וויפיל מ'זאָל דעם זעלנער נישט געבן צו עסן, — איז ער אַלץ נישט דערעסן, און שטענדיק אַ בעלן אויף ברויט; און אַזוי גיך ווי דער ריח האָט דערגרייכט אין דרויסן אַרויס, — האָט ער אַ ציפּ געטון ערגיץ אַ קאָזאַק וואו ס'דאַרף, געווײנטלעך, ציפּן, — און אים אַריינגעבריבענגט אין שטוב אַריין; מילא, מ'האָט עס דאָך, לכתחילה, — פאַר אים אָנגעבאַקן; זאָל ער עס עסן געזונטערהייט, און אים וואויל באַקומען! דער קאָזאַק האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַפּנים, נישט געוועזן זייער הונגעריק, ווייל ער האָט אַ קוועטש געטון ביי איינעם, ביי אַ צווייטן, אַזוי ווי זיך געוואָלט דאָ צוקלויבן פאַר זיין כשר געלט, — עס זאָל זיין מיט אַלעם, און טאַקע נאָך זיין געשמאַק נאָך: ווייך, האַלב רוי, אַ קליסקע, צי גאָר אויסגעבאַקן; ביז ער האָט דערטאַפּט אַ ברייטל, נאָך אַ שווערן קרעכץ, און דוקא אָן אויסגעבאַקענס, אַ באַש־מעקטס, אַ באַטעמטס, ברוין ווי אַ קאַרש, נאָר ווי דען? אַ נאָר וועט ער זיין? און אַז ס'איז געקומען צום באַצאָלן, אַז ער האָט באַדאַרפט אַריינ־שטעקן די האַנט אין קעשענע, — אַ נעכטיקער טאָג! האָט ער זיך נישט בלויז אומגעקערט צו מיר, נאָר ווי ס'וואָלט געוועזן אויף זיין מיסט געוואַקסן, — זיך דערמיט אָפּגעטראָגן; מילא, — כ'בין שוין צו די זאַכן געוואוינט; ס'אי נישט ס'ערשטע, און הלואי ס'זאָל אויך נישט זיין ס'לעצטע ברויט, — וואָס מ'נעמט ביי מיר אין דער איצ־טיקער מלחמה, צו; מ'נעמט אויף דער מלחמה עפּעס בעסערס ווי דאָס — אויכעט צו, און מע ווישט זיך גאַנץ שיין אָפּ די ליפּן; און זאָל ער גיין און גיין, אַפילו נישט ווי מ'זאָגט, אין אַזאַ פאַל, — אין גאָטס

דר׳ערד אַריין! ווייל, ס׳אַ שאָד אָפּצושיקן אַ מענטש, ווען אפילו ער איז אַ זעלנער, — אַהין, און נאָך צוליב אַ ברויט! ספּאַרדריסט נאָר, און ביזן ביין: דו, פאַרדריפּעטער קאַזאַק! קומסט אַריין, זעסט עמיצן זיצן וואָס האָט שווער געאַרבעט דערויף, — אויף קיין בוים איז עס נישט אַנגעוואַקסן! געשיט מעל, געגאָסן וואַסער אין מעל אַריין, זאָל זיין, — צופיל וואַסער; עס געקנעטן, געלאָזט יערן, געברענט פאַר דעם אַן אויוון, — און ווילסט עס נעמען, ווייל דו ביזט גאָלע? געזונטערהייט! נאָר, גיב כאָטש אַ שאָקל מיטן קאָפּ! זע מיך כאָטש! ניין! גאַרנישט ווי ס׳וואָלט געווען ביי יענעם, און יענער, — נישט געווען דערביי... אָבער אים נאָכגיין, פּרוּוון אָפּשטעלן, פאַרפירן אַ טענה, זיך נאַריש מאַכן דעריבער? כע־כע, אַז ער האָט נישט געוואוסט, דאָס מ׳ברויך צו באַצאָלן דערפאַר, — וועט דאָס אַלץ זיין ווי אַרויסגעוואָרפן; און מע מוז פאַר אים, צו דעם אַלעם, נאָכזוכן אַ זכות, — טאָמער האָט ער אַזוי טאַקע נישט געדהאָט? און עסן דאַרף מע... ס׳בויערט נאָר, ווי כ׳האָב דיר געזאָגט: אַזאַ פּאַסקידנער קאַזאַק, — כ׳וואָלט דאָך אים אַליין געגעבן, און נאָך בתשואת חן, אים געדהאָלפן צוקלויבן דאָס בעסטע ברויט, ווען ער וויל נעמען ווי אַ מענטש, און נישט ווי אַ קאַזאַק; געבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ, לאָזן פאַלן אַ גוט־נאָוועגט און נישט פאַרלירן קיין גוט יאָר, — ס׳וואָלט אים עפּעס טייערער אויסגעמאַכט? נאָר, גיי אַרבעט איבער אַ קאַזאַק; — אַז מ׳קען פון אַ חזיר־ווייבל קיין שטריימל נישט מאַכן, מ׳זאָל זיך דערהרגענען.

אַזוי טראַכטנדיק, מאַכט זיך אויף די טיר, און, ברוך הבא, — נאָך אַ קאַזאַק איז דאָ! יענעם האָט דאָס, אַפּנים, פאַרשמעקט, — עפּעס שלעכט ברויט? און דעם, מסתמא, איבערגעגעבן: אַז ער זאָל גיין דאָ און דאָ, — אויב ער וויל הנאה האָבן פון אַ גוט שטיקל ברויט. און אויך דער קאַזאַק רעדט נישט גאָר, גיט נישט קיין מיגנע מיטן אויג, און איך קוק אַזוי צו ס׳גרייטע, — ווי ער בייגט זיך אַקוראַט ווי יענער, אַראָפּ; קנייטשט איינס, באַטאַפּט דאָס צווייטע, — צי ס׳איז נישט צו ווייך, אַ קליסקע, אָדער גאָר אויסגעבאַקן; ביז ער קלויבט זיך אויס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס ער איז בטוח, אַז ס׳וועט אים מער שמעקן, — און גייט זיך אויך, ווי ער וואָלט מיך לחלוטין נישט געזען, — דערמיט אַוועק. דאָ בלייב איך שוין זיצן ווי באַמאַכט: „הע?

דאָס עסק געפֿעלט מיר נישט זייער!" און קלער צוצומאַכן די טיר, דאָס פֿענצטער, זיך דאָ פֿאַרהעמערן מיטן ברויט; יעדער קאָזאַק האָט, זע איך, געזען: אַז ס'איז אים אַזוי גלאַטיק אָפּגעגאַנגען, האָט ער דאָס, מסתמא, צעפּויקט פֿאַר די גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן, און שיין וועל איך אויסזען, — אויב זיי וועלן אַלע קומען נעמען ברויט! אָבער, איידער כ'האָב מיך נאָך אַ ריר געטון, — שוין געהאַט אַ דריטן אין שטוב; און דער האָט גראָד נישט אַזוי באַטאַפּט דאָס ברויט, אַריינגעמעדיקט דערין: וועלכעס ס'איז בעסער צי ערגער, — נאָר באַשטאַנען דערויף, אַזוי ווי עס גייט און שטייט; און נישט אויף איינס אויך, נאָר זיי גענומען אַנלייגן: אַ גאַנצן שטויס, אַן אָנלען מיט ברויט איבער די גאַנצע לענג פֿון דער האַנט, — ביז צום קאָפּ ארויף; און איידער כ'האָב נאָך געוואוסט מה טיבא של עובר זה, — וואָס ס'וועט דאָ מיין סוף זיין? שוין געהאַט אַ פֿרישן קאָזאַק אין דער שטוב; און ווי איז צו מיר, — די גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן אין דרויסן, פֿאַר דער טיר; דער קאָזאַק האָט נישט מער געטון, ווי גענומען ברויט, און דאָס אַרויסגעגעבן צו זיי: „נאַט אייך איינס, נאַט אייך דריי, נאַט אייך צען..." און ווי לאַנג דאַרף דאָס געדויערן, אַרויסצוגעבן אַ געבעקס ברויט? ד'האָט דאָס מיך אַ כאַפּ געטון אין דער לופֿטן, און געוואָרן. ווי זאָל איך זאָגן: אַ מין שטיק געליימטער פּלאָקן, וואָס האָט גענומען שטאַמלען דערשראָקן: „קאָזאַק לעבן, וואָס איז מכוח מעות? אַז כ'וועל נישט קריגן קיין געלט פֿאַר דעם, וועל איך נישט האָבן אויף קיין מעל, — אַנדערס צו באַקן; דער מעלער וועט אָן געלט קיין מעל נישט געבן!" נאָר מיין ווייב, די חכמת, האָט זיך אָבער נישט געקענט אַזוי איינהאַלטן ווי איך, און געמוזט אַרויספּלאַצן מיט אַ געוואַלט (וויפֿיל מאָל און איבער וואָס מ'האָט שוין אַלץ געשריגן געוואַלט אין דער דאָזיקער מלחמה!) „געוואַלט, געוואַלט!" און „געַ־וואַ־אַ־אַלט!" און איך ווייס נישט: צי, צוליב מיין איידלקייט אָדער פֿאַר איר שרייען, — געכאַפּט אַ מאַרפּידע איבערן קאָפּ, אַז די רויטע יוך האָט מיך אודאי געמוזט באַגיסן; אויף זיכער ווייס איך נישט, ווייל ס'אי מיר באותו רגע אַוועקגענומען געוואָרן, און ווי מיט דער האַנט זייגע, — די ראיה, און כ'האָב אויפגעהערט זען; כ'ווייס אויכעט נישט: צי מ'האָט מיר נישט מער דערלאַנגט ווי איינעם אַזוינעם, ווייל כ'האָב באַלד נאָך אים סיי־ווי נישט מער געוואוסט

פון מיין לעבן צו זאָגן; ס׳קען זיין, אַז נאָך אַ קליין שטיקעלע פון אַ רגע, איידער דאָס איז אַוועקגענומען געוואָרן פון מיר, — נאָך יאָ געפילט און געזען; ד׳האָב איך דעמאָלט געמיינט: אַז כ׳בין געשטאָכן, געקוי־לעט, אָדער, אין גילדענעם גוטן, — געשאָסן, און אויס קלמן! ערשט, אַז איך בין אויף ריכטיק אויפגעקומען, האָב איך אין דעם איינעם געהאַט אַ סימן: אַז כ׳בין נישט טויט, ווייל כ׳האָב בפירוש געהערט ווי מיין ווייב שרייט, מאַכט קולות, און אַז ס׳גייען יללות ביז אונטערן הימל...

איך ד׳האָב שוין דענצמאָל, צו דעם אַלעם, אויך געוואוסט: אַז, כ׳גיי; נישט כ׳גיי, נאָר, — שטעל פיס; ווי אַזוי עס איז מעגלעך? אַז איך בין נישט געווען מיט אַלעם טויט, בין איך דאָך, פאַרגעוויס, געווען האַלב טויט; נאָר כ׳בין געגאַנגען, ווייל כ׳האָב מיך געפינען ביי צוויי קאָזאַקן היגטער די הענט, פון וועלכע ס׳האָט נישט גערונען ס׳בלוט, און זענען נישט געלעגן אין קיין היגער־פלעט; זיי האָבן דאָך עפּעס יאָ געקענט גייך, — גייך? און אַז זיי גייען מיט מיר, איז שוין נישט קיין חילוק: צי איך בין אויף, צי כ׳שלאָף, צי כ׳ליג, — ביי זיי אונטער די הענט צו גיין, איז אפילו פאַר אַ טויטן אויך קיין קינץ נישט! און איך גיין האָב איך מיר געגומען אין זינען אַריין, געוויינטלעך, ווי מ׳נעמט זיך דעמאָלט אין זינען אַריין: „זיך געהיטן, געהיטן, נישט אַריינצופאַלן, — און זיך געכאַפּט אויף דער ווענדקע! און ביי וואָס? נישט, חלילה, ביי די זעק מיט די פּעק, ביי די פּאַסקעס מיט די שינעלן, קעסטלעך טיי און קאַווע, פלעשער וויין, ריגגלעך, אויריגגלעך, סובעלנע שטריימלעך, וועלכע מ׳האָט אָנגעראַבעוועט ביי די גאַליציאַנישע יידן, נאָר ביים אָרימען ברויט, — נו?״ און גראָד דאָ געברויכט ווערן די כפּרה! „עס האָט דיך פּאָטשאַפּעט, יאַנקעלע!״ אָדער ווי מיין ווייב וואָלט געזאָגט: „קלמעלע! און ס׳איז ווינד און ווייי צו דיינע יאָר און לעבע־טעג!״ אַ שטיק בין איך עס דאָך ווערט, נייך? זיך עס כשר פאַרדינט; אין נישט נאָר ד אָ ס, נאָר נאָכמער ווי דאָס; אַז מ׳זאָל מיך צעהאַקן אויף שטיקער, און יעדעס שטיק באַזונ־דער וואַרפן פאַר די הינט. וואָרן, עס וואָלט מיר דען אויסגעפעלט דאָס שטיק ברויט מיט פּוטער, — אַז כ׳זאָל נישט אָפּקויפן פון די זעלנער די שטריימלעך, וואָס מ׳האָט אַראָפּגעריסן ביי די גאַליציאַנישע יידן

פון די קעפ? די אוירינגלעך מיט די אויערן? קדושין־רינגלעך? זילבערנע בשמים־ביקסן? עץ־החיימס?

אויפגעדערט טראַכטן און דאָס גאָר צו הערן, האָב איך, — ווען כ׳האָב אויפגעהערט צו גיין; אָבער פאַר דאָס, געוואוסט, — אַז כ׳בין געבליבן ערגיץ ליגן, ווי אַוועקגעוואָרפן; וואו? אלמאי, נפקא־מינה? און אַז ס׳האָט אַפילו נישט געזאָלט זיין אויף יענעם אָרט, נאָר ערגיץ אַנדערשוואו, וואו ס׳זאָל נישט זיין, — איז מיר אַלץ נישט געווען באַטעמט אין מויל; דאָ, פאַרקערט, איז, ווי אויף דער מלחמה: סהאָט גע׳רעשט, — ווידער געווען שטיל ווי אין אַ הייל; און כ׳האָב מיך גלייך משער געווען, אַז דאָס האָט מיין ווייב געמוזט עפּעס איר מענה־לשון, און אַזוי שיין גערעדט, — ווען זי איז מיר נאָכגעגאַנגען פון הינטן, און מיך באַגלייט מיט דעם זעלביקן ניגון, ווי מע באַגלייט אַרויס אַ טויטן צום אָפענעם קבר, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר אים... ליגנדיק אַזוי אויף דער ערד, איז דער קאָפּ מיינער געווען הויל, ווי אַ פּוסט אָפּגעשניטן פעלד... און ווי כ׳האָב מיר געקענט אָפּמאָלן, — מוז ס׳עסק זיין זייער אַ ביטער עסק; דו ווייסט נישט פאַרוואָס? באשר, כ׳האָב מיר נישט געלאָזט צונעמען ס׳ברויט? ביזטו אודאי גערעכט, נאָר במה דברים אמורים? אַז ס׳איז שלום כתיקונו; און מ׳שטייט נישט איין ביי דער מלחמה אין דער האַנט... ווער זאָגט דען, אַז די צווי קאָזאַקן וועלן זאָגן אַזוי ווי ס׳אי געווען, און נישט פאַרקערט? ס׳וועט זיי ווער בייטן פון רב? מ׳קוקט נישט קיין סך אַריין אין דעם וואָס מ׳זאָגט, מ׳גריבעלט זיך נישט, — דער קאָפּ טראָגט באַלד נישט אויס דערפאַר; מע מאַכט דאָס אַרונטער, — און מ׳טריקענט זיך באַלד דערנאָך אויס אויפן סליפּיקל! עס גייט אַדורך אַ שעה, צווי, דריי, און אפשר אויך אַ טאָג מיט אַ נאַכט, — ווער ווייסט? אַז דאָ אין לאָך איז פינצטער, חושך, גליטשיק, — און מ׳הייבט נישט אָן צו וויסן פון קיין טאָג און קיין נאַכט; און ס׳אי מיר אויך נישט קיין גרויסער חילוק; וואָס־אי? כ׳וועל אַדורכלאָזן אַ וועטשערע? ווען מ׳זאָל אַפילו געבן, כ׳וויים סאַראַ גאָלדן עסן, — וועל איך עס קענען נעמען צום מויל? אַז כ׳ווייס, איך וועל באַלד דאַרפן ליגן מיט דער נאָז אַרויף, צי מיט דער נאָז אַראָפּ, — אַ גרויסער חילוק, — ווי אַזוי מ׳ליגט? און אַפילו נישט כראָפּען... וועט ס׳טייערסטע עסן דעמאָלט גיין דורכן האַלדז?... איין זאַך, זעסטו, וואָס כ׳האָב מיך דערפאַר אַזוי געשראָקן,

און האָט מיך גראָד אויסגעלייזט פון אַלעם בייזן, — איז געווען דאָס שטיקעלע שלאָף; דאָס, וואָס עס איז צו מיר געקומען ווי אַ מלאך מושיע, — און זיך איבער מיר דערבאַרימט; לכתחילה, האָב איך געזען, און מיט אַלע כוחות, זיך צוריקצוהאַלטן, — כ׳זאָל נישט אַנטשלאָפֿנט ווערן; ווייל ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן, — אַז דאָס וועט שוין פאַרגעוויס זיין דער אייביקער שלאָף מייגער... וואָרן, וואָס טו איך: ווען די זעלביקע צוויי קאָזאַקן, וואָס האָבן מיך דאָ געקענט אַהערבריינגען, און פאַר נישט לאָזן צענעמען דאָס ברויט, — יאָגן אין מיר אַריין אַ פאָר קוילן? און שיקן מיך אָפּ פון וואַנעט כ׳בין געקומען? כ׳וועל זיי דערנאָך גיין פאַרקלאָגן צום ונתנה תוקף? האָב איך דעריבער אַזוי געחלשט אויפצוזיין, נישט אַזוי ווייט דאָס אויפזיין, ווי צוליב דעם ז י י ן; אין דעם פינצטערן גרוב, און, — ז י י ן, מיט אַלע כוחות ז י י ן, ביז, — ס׳וועט כאָטש קומען דערצו; מילא, פאַרפאַלן... וועל איך מוזן אַראָפּבייגן דעם קאָפּ... וואָרן, אַז כ׳פאַל שלאָפֿן, — בין איך שוין לכתחילה מער נישט... און זיך אַליין גיין מקצר זיין דאָס לעבן, פאַרוואָס זאָל איך דאָס טון? אַזוי, — ב י ן איך נאָך אַלץ; אמת: ס׳איז אָך און וויי צו אַזאַ זיין, אָבער כל זמן שהנשמה בקרבי... די חושים מיינע זענען אַלע וואַך... און גאַנץ טיף... מ׳זאָל אין זיי געבן אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער, — וועט אָפּקלינגען שטאָל; און, פונדעסטוועגן, האָט דער שלאָף זיי בייגעקומען; ער האָט זיך קנאַפּ געמאַכט פון דעם, וואָס איך וויל און וויל נ י ש ט; און מיך גאַנץ שיין איינגענומען, ווי כ׳גיי און שטיי, ס׳הייסט: כ׳ליג... מיט די שטיוול אויף די פיס, מיטן וועסטל אויף זיך, און מיטן דהאַלדז־טיכל אויפן האַלדז... (די קאַפּאָטע רעכן איך נישט, — זי איז געווען צעריסן און צעפליקט, און ס׳האָט אויף מיר געהאַנגען שטיקער פון איר); אַלץ איז געשלאָפֿן מיט מיר... דער שלאָף געהאַט אויסגעשפרייט זיינע זילבערנע פליגל, און מיך אַזוי געלאָזט ליגן, פרעג מיך בחרם, קען זיין: גאָרנישט ווי איינער וואָס דער טויט שטייט שוין ביי אים צוקאָפּנס ... און האָט געמאַכט דעם לעצטן חשבון... געוואַלט, ברודערשי, — וואָס ס׳האָט זיך מיט מיר אָפּגעטון אין יענעם שטיקל שלאָף? עס האָט מיך געוואָרפן פון היץ אין קעלט, געשליידערט איבער אַ האַלבע וועלט; דאָ מיך אַ יאָג געטון ווי פון אַ האַרמאַט, — קיין באַגריע, און פון באַגריע, — הער אַ מעשה: קיין פרס ומדי; פון

דאָרטן, — העט איבערן סמבטיון, צו די רויטע יידעלעך; כ׳בין אפילו אין דיין אַמעריקע אויכעט געווען, אָן אַ שיף און אָן אַלעם, — ווי געפעלט דיר דאָס? און נאָר אַין אַמעריקע? וואָס איז אַמעריקע קעגן יענע וועלט? כ׳האָב אַפילו אויף יענער וועלט אויך די נאָז אַריינגעשטעקט, און, וואָס ס׳אַפילו זייער זעלטן, — איר צוריק אַרויסגענומען; כ׳האָב בפירוש גערעדט מיט שלום לייבן, און מיט די בייגל-בעקערקע, וועלכע מ׳האָט געהאָנגען אויף דער קאַרטשאָווקע; זיי האָבן מיר אונטערגערוקט דעם ברייטן ברוך הבא: „נו? ס׳דהאָט דיך אויך נישט אויסגעמיטן, אַ?” און נאָך פריער, איידער איך האָב דערלעבט אָנצוקומען אַהין, — פרעג דיך: וואָס ס׳האָט זיך מיט מיר אָפּגעטון? קינד און קייט זענען זיך געקומען געזעגענען, מיר זאָגן: אַ גוטן תמיד אויף תמיד. און דאָס, — דאָס איז אויך געווען אַ גוטס פון דער מלחמה; ווייל, געוויינטלעך, פלעגט זי דאָס אַלעמאָל אָפּטון בשתיקה, יענעם אַראָפּשלינגען באַהאַלטענערהייט, פאַרטאָגס, ווען אפילו קיין הונט בילט נישט... און דאָ האָט מע אויפגעמאַכט טיר און טויער, און מ׳גייט צו מיר ווי צו אַ גוטן ייד... אַלע קומען און גייען: ברוך איטשע לייבס, שרה די ממזרת, יענטל קופּקע, — כ׳קען זיי אַלע אויסרעכענען? יעדער רוקט מיר אַריין אַ שטיק האַנט און שאָקלט: „כ׳זאָל דאָרט זיין פאַר אים צי פאַר איר, — אַ גוטער בעטער, אַ מליץ יושר...” נו? גיי און האַלט דאָס אויס, און ווער נישט צעפּלאַצט, — ווען מ׳זאָל אפילו זיין פון שטאָל! נאָך שענער איז: וואָס נאָך איידער די לעבעדיקע האָבן מיך נאָך רעכט אָפּגעגעבן, זענען מיך שוין די טויטע געקומען אָפּנעמען, — ווי כ׳וואָלט נאָך ביים לעבן געווען זייער; און דאָס, נישט קיין פּראָסטע יידן מיט יידענעס... און סתם פרעמדע... ס׳קומען דאָרט יעדע רגע אָן אַזוי פיל מענטשן, אַז מ׳קוקט זיך גאָרנישט אום אויף זיי, און מע מאַכט מיט זיי נישט קיין צימעס; נאָר ווער קוקט זיך יאָ אום? היימישע, אייגע־נע, און דער עיקר: משפּחה; גוט צו האָבן משפּחה, אַ? אַז מ׳דהאָט פון זיי נישט ד אָ, — האָט מע, אַפּנים, פון זיי ד אָ ר ט; ערגיץ מוז מע פון זיי האָבן! אַלע מומעס האָבן זיך צוגעשטעלט: די מומע געלע די מומע זעלדע, די מומע רייזל, די באָבע טאָלצע, כ׳האָב נאָר געקוקט, — צי כ׳זע דיך אויך נישט אָנקומען; און וואָלט אַזויערנאָך געוואוסט, אַז דו ביזט שוין אויך אַ דאָרטיקער, און זיך אָפּגעקאָכט מיט אַלע

איבאַיינעם; און פון אַלע, טרעף: ווער ס'האָט מיך צום מייניסטן אָפּגעהאַלטן? דער זיידע וועלוול! ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אַוועקרייסן פון מיר. פאַרוואָס? ווייל ער איז געווען איינער אויסגענומען פון אַלע, וואָס ליגט שוין אַזוי לאַנג אין דר'ערד, — און נאָך פאַרמאָגט אַ שטיקל צורה, אַ שטיקל מענטשלעכע צורה; ווען ביי אַלע איבעריקע האָב איך געזען פּנימער, — זאָלן שוין דאָס מיינע אויגן נישט זען! און נאָר פּנימער? סתּם לייב און לעבנס, העגט מיט פּיס, — אַז מ'האָט גלייך געקענט זען: אַז מ'האָט דאָ צו טון מיט מענטשן, נישט פון דער וועלט; כאָטש זיי זענען נאָך געהאַט אַוועק קודם מתּן תּורה, ווען ס'איז נאָך קיין מלחמה אויף דער וועלט נישט געווען, — און ביי זיך אויף די בעטן; דער זיידע וועלוול, כאָטש ער איז שוין נישטאָ, אַ קימאַ לן, דרייסיק יאָר, — האָט זיך נאָך מיט אַלעם געהאַלטן ווי דאָ, און גאָר אַ זשוואַווע יידל, מיט דער גאַנצער באָרד, — ס'האָט נישט געבריכט פעלן פון איר קיין האָר! אַז ער האָט מיר דערלאַנגט אַ האַנט, איז דאָס נאָך אַלץ געווען אַ האַנט, וואָס, מ'וואָלט געקענט מיט איר אַריינכאַפּליען אַ פּאָר פּויערים אין פּרעסער אַריין. כ'וועל דיר זאָגן: ס'אי מיר אַזש היימליכער געוואָרן מיט אים. „אַז מ'קען דאָרט אַזוי לאַנג אָנהאַלטן; און נאָך עטליכע און דרייסיק יאָר, קיין עין הרע, — ליגן אין דר'ערד, אַזוי זיין ביי די כּוחות, איז דאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט דאָרטן? וואָס אי ווידער דאָ ס'געוואָלט אַזוי גרויס, — אַז מ'ברויך זיך אַריבערפּעקלען?" און, פונדעסטוועגן, געפילט ווי זיך אַראָפּצורעדן פונעם האַרץ: „יאָ, גוט: מ'קען פון דאָרט צוריקקומען אַ לייט (די שונאים זאָלן אַזוי לעבן!), איז, ראשית, וואָס דאַרף איך שפּילן אויף דער מערכה? נישט יעדער איינער קען באַלד באַווייזן די חכמה וואָס דער זיידע וועלוול; און, והשנית, וואָס איז ס'געאייל?" האָט ער זיך גענומען בייזערן אויף מיר: „זיי נישט קיין פּעטשקע, יאַנקל; האָסט נאָך דערווייל נישט וואָס צו באַדעון..." „הייסט? כ'בין דאָך שוין מיט ביידע פיס אין דריגעו, — און דאָ נאָך אַפילו קיין ברעקל נחת ביי קיין שום קינד נישט דערלעבט; קיין ברעקל פריידי; צומאָלט נישט אויסגעטרונקען קיין קעלישעקל בראָנפן ביי וועלכן ס'איז, ייגג... ווי אַלט בין איך דאָס איבגאַנצן, — אַז כ'זאָל שוין ברויכן גיין? און נאָך ווי אַזוי גיין? גיין צו גיין איז דאָך נישט גלייך... מ'גייט, לאָמע זאָגן, — גלייך פונעם בעט; ווען סגאַנצע בני־

בירת שטייט אַרום, און מ׳זאָגט... מ׳קלאָגט... מ׳איז מרעיש עולמות... און נישט, — מ׳וועט מיר פאַרציען אַ שטריק איבערן האַלדז, צי גאָר מאַכן כיק־כיק... און אַצינד: וואו וועט זיך אַהינטון מיין ווייב, מיט, קיין עין הרע, אַ פילע שטוב מיט קינדער, — אַז מ׳וועט מיך אָפּשיקן צו אַלדי גוטע יאָר? זיי וועלן דאָך בלייבן ערגער ווי אויפן וואַסער! אַזוי, אַז א י ך שטיי אויף די פיס, — שטייען ז י י אויך; אַז איך האָב צו קייען, — קייען זיי אויך; און אַז איך וועל ליגן אין דר׳ערד, — וואו וועלן זיי דעמאָלט ליגן? נישט, הינטער דר׳ערד?״ און, וואיקץ משנתי. כ׳האָב מיך, געלויבט זיין ליבן נאָמען, נאָכדעם, — נאָך אויפגעכאַפּט! דעם זיידען וועלוול האָב איך נישט געזען, נאָר כ׳האָב געקענט אָנטאַפּן אין דער לופט, — אַז ער איז געוועזן; אָנשטאָט איבם האָבן זיך גאָר געפינען די צוויי קאָזאַקן; און וואָס זיי האָבן באַדאַרפט אין מיר אַרייניאָגן דאָס ביסל בליי, — האָבן זיי מיך גאָר אויפגע־וועקט, נו? קען מע אָפּשאַצן די נשמה אַפילו ביי אַ קאָזאַק? זיי האָבן מיך געבעטן מוחל זיין אין אַ שטיבל, — וואו ס׳זענען געלעגן צעלייגט עטליכע אָפיצירן, וועלכע האָבן אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַזאַ קוקער, — אַז ס׳בלוט איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן; ס׳לעבן, — אינגאַנצן קאַלט; באַלד האָט זיך עפּעס אַ מיש־געטון, כ׳ווייס נישט וואו, און ס׳אי מיר געוואָרן קלאָר, — אַז כ׳בין אויף אַזאַ אָרט, וואָס קיין בעסערס פאַר דעם, אָך און ווי, קען נישט זיין; נאָך איידער וואָס, כ׳האָב געקענט אָפּ־כאַפּן דעם אָטעם, — האָט מיך איינער פון זיי אַרויפגענומען אויפן שפּיץ פון דער צונג, וואָס איז אַזוי שאַרף ווי אַ שווערד: „בכן, ס׳אי צו זיי אָנגעקומען: דאָס איך, קלמן יאַנקל, האָב מיך געוואָרפן אויף די צוויי קאָזאַקן (כ׳האָב דען נישט פריער געוואוסט, אַז ס׳וועט אַזוי זיין?) — און ביי זיי געוואָלט אַרויסרייסן דעם בייטל מיטן געלט!״ הערסט עפּעס? ס׳בלויזע געלט איז ווייניק, נאָר דעם בייטל אויך? טאָמער קענסטו וויסן, — אויף וועלכע כפּרות איך דאַרף זייער בייטל? דאָס געהערט, האָב איך מיך צעשאָקעלט ווי אַ ווערבע ביים וואַ־סערל: „ז י י זאָגן דאָס, הע? אַנו, נעמט מיין ווייב, און אויב זי איז אַ פּסולער עדות, — נעמט באַגריע, די גאַנצע שטאָט יידן, צי אַפילו אַ האַלבע שטאָט, — און זאָל עמיץ זאָגן: צי איך בין מסוגל צו פאַרטשעפּען אַ פליג אויף דער נאָז, — ווי זי זאָל נישט דערקיטשען; און נישט, — זיך גיין כאַפּן צו אַ קאָזאַק? און אויב צו איינעם איז

ווייניק, — איז נאָך צו צוויי קאָזאַקן אויף אַ מאָל? וואָס, מיט אַ שנעל קען מע מיך דערהרגענען! געוואַלט געשריגן, מ׳האָט שוין צו קיינעם נישט געהאַט זיך מיט דעם צוצוטשעפּען, — ווי צו מיר? מ׳זאָל אָנכאַפּן וועלכן ייד ס׳איז, און נישט גראָד מיך, קלמן יאַנקל, — ווער דאָס יאָ זיין צו גלייבן אויף אים?״ און דאָס זאָגנדיק, האָב איך מיך דערוויַיל אַרומגעקוקט: „מי ומי, — מיט וועמען כ׳האָב דאָ צום טיש צו גיין? ווער ס׳זענען מיינע שופטים? און צו וועמען אין די הענט אַריין, כ׳בין אויף מיינע יינגע יאָרן אָנגעקומען?״ און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ס׳האָט ביי מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, הענט און פיס זיך אונטער מיר געוואָרפן; און אין בויך, פרעג גאָרנישט, — וואָס איך האָב געהאַט; דאָס אמתע שניידונג! ס׳האָט מיר צעשניטן די געדערים ווי מיט מעסערס... און כאָטש ס׳האָט אויף מיר געציטערט דאָס פעל מיט אַלע פעלעכלעך, — האָב איך, פונדעסטוועגן, צענומען די הענט, מיט זיי געמאַכט אַהין, מיט זיי געמאַכט אַהער, און לאמור, געטון אַזוי צו זאָגן: „כ׳זאָג גאָרנישט; וואָרן, וואָס זאָל איך זאָגן? אַז כ׳פאַרלאָז מיך מיט אַלעם, אויף וויפיל ס׳איז זיך דאָ צו פאַרלאָזן, — אויף זיי; און אויף וויפיל זיי זאָלן נישט זיין קיין כלבים, — קענען זיי, אויב זיי ווען נאָר וועלן, — גלייך זען דעם אמת; ער שטעכט דאָך אויס די אויגן! זאָלן זיי נאָר כאַפּן אַ קוק אויף די צוויי קאָזאַקן מיט די רויטע פּנימער, געשוואָלענע פּיסקעס, — און אויף מיר? און אויב זיי האָבן אַפילו נישט מער ווי דעם שכל, מיט וועלכן זיי פירן די מלחמה, — וועלן זיי אויך דערשמעקן, אַז ס׳איז געווען איפכא מסתברא!״ און וואָס קלערסטו, צי זיי האָבן דערשמעקט? אודאי. וואָרן, אָנשטאָט עפּעס צו פרעגן, איז פאַר זיי געווען גענוג: וואָס זיי האָבן מיך באַטראַכט, באַלאַכט, און אַ קלאַג צום לעבן, נאָכמער צום פאַרשוין, — וואָס זיי האָבן אין מיר געזען; זאָלסט מיך אַפילו נעמען פון אַ מאָל, ווען דו געדענקסט מיך, — בין איך שוין דעמאָלט אויך נישט געווען פון די גרויסע גבורים; און ערשט, — אַז כ׳בין אַזוי אויסגעמאָרדעוועט פון דער מלחמה; מיט די פרישע בלאָען און בלאָע שינעקעס, וואָס די זעלביקע צוויי קאָזאַקן האָבן מיר געמאַכט, — האָבן זיי פאַר זיך געהאַט, קענסט דיך משער זיין: אַ שפּאָן, אַ דאָרן האָן, אַ גאַנער, אַ האָלדער־האָלדער פון עפּעס אַ גילגול פון אַן אינדיק; זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, געהויבן די

אַקסלען, ווי איינער זאָגט: „צו וואָס האָט מע איבּם דאָ אָהערגע־ברענגט? און צו וועמען אונדז מטריח געווען?" און זיך אויפגעהויבן, מיך איבערלאָזנדיק אָן אַ זיי געזונט, — זיך אַרויסגעגאַנגען פונעם פּיצל שטיבל; די צוויי קאַזאַקן האָבן מיך גלייך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר, מ׳זאָל באַהיט ווערן, — ווי מ׳גייט יענעם שיסן פון ד׳הינטנאַרומעט: און מיר דערלאַנגט אַזאַ יאָג מיט די קאָלבעס פון די ביקסן, אַז כ׳קען גאָרנישט פאַרשטיין, — ווי זיי האָבן מיך פון הינטן נישט אַדורכגעבראָכן; אָבער אַרויסגעפלויגן בין איך דורך איבּם, ווי אַ שייטל האָלץ, און נאָך אפשר ווייניקער דערפון, — אַ שפּענדל, אַ פּלעווע... די צוויי קאַזאַקן, געהרגעט זאָלן זיי ווערן (ס׳אי אפשר בחנם דאָס ווינטשן, — ווייל זיי מוזן זיך שוין סיי־ווי ערגיץ אָפּרוען אונטער אַ צלם!), האָבן דערמיט געוואָלט אויסלאָזן זייער גאַנצן כעס צו די אָפיצירן זייערע, וואָס אָנשאָט מיר צו פאַרציען דאָס שטריקל אויפן האַלדז, — דאַרפן זיי מיך גאָר אָפּלאָזן אַהיים... האָט דאָס אַ קאַזאַק געזאָלט קענען אויסהאַלטן?

מאָל דיר די פרייד, די שמחה, — אַז כ׳בין געקומען צו גיין אין שטוב אַריין; וואָרן, כ׳בין דען געקומען צו גיין? נאָך אַ גליק: וואָס מ׳האָט מיך געברענגט, — כ׳וואָלט סיי־ווי נישט געקענט, נאָך יענעם וואָרף, — דערגיין; אַזוי ווי כ׳בין אַרויף אויפן מאַרק, איז גע־וואָרן אַ געלויף, און יידן האָבן מיך גלייך אַ כאַפּ געטון אויף די הענט, און גענומען טראָגן; און אַז כ׳האָב צו זיי געשריגן: „וואָס טראָגט איר מיך?" האָבן זיי געענטפערט: „דאָס זיי האָבן זיך סיי־ווי־סיי געריכט, — אַז זיי וועלן מיך ברויכן צו טראָגן; און אײדער אַ טויטן, — איז שוין גלייכער אַ לעבעדיקן!" אויף דער שטאָט האָט מע מיך, אַפּנים, שוין געהאָט מייאש געווען, אויפגעגעבן; און אַלע ד׳האָבן זיך געהאַלטן, — אַז איך בין אין פּעקל; ווייל ס׳אי נאָך קיינער נישט, וואָס אי דאָרט געווען, — אַרויסגעקומען; אומעטום, וואו כ׳גיי און שטיי, באַפאַלן מיך יידן, — זיי גלייבן זיך נישט צו: אַז דאָס בין איך, קלמן יאַנקל, אַ לעבעדיקער, — אָדער ער דרייט זיך אַרום אַ טויטער; מ׳קלעפּט אַזין מיר ווי די בינען: „מזל טוב, יאַנקל!" „מזל טוב, קלמן!" אויך אויפן נאָמען פון מיין ווייב, רופט מע מיך; און מ׳דריקט

מיר די האנט: „אז דו ביזט לעבן געבליבן, — וועסטו שוין אצינד אייביק לעבן!״ די שטאט לאזט זיך אלץ נישט צוגלייבן, אז כ׳בין אין דרויסן און נישט אין דרינען. א קלייניקייט: אויף וואס פאר א מצודה כ׳בין געווען? און איבער וואס? נאר אין א מלחמה ברויך מע דען עפעס, אז מ׳זאל דעריבער ווערן א הרוג? ס׳איז נאך כמעט קיינער ביי איר נישט געהרגעט אדער געניזקט געווארן פאר עפעס... בלויז דאס: וואס כ׳האב באדארפט זיין אינעווייניק, שטיין פאר א פעלד־געריכט, און נאך ארויס ווי כ׳בין, — שוין אויבעט געברויכט האבן דערצו זכות אבות! און נאך וואס פאר א זכות אבות! מיינע זאגט טאקע, און טרערן גיסן זיך איר פון די אויגן, — אז ס׳אי געווען דער זיידע וועלוול. „מא, — זאג איך, — זאל זיין דער זיידע וועלוול!״ וואס מיינסטו ווידער, אז ס׳אי נישט בעסער צו דהאבן א זיידן אין דער משפחה: א טייערן ייד, ווי א משומד, רחמנא לצלן...

און מיט דער מלחמה וואס האט זיך צעהיצלעט, — ווילסטו ויסן? גארנישט. פון דעם גאנצן געגיי, האט זי זיך, פאר דער האנט, — בלויז צוגערוקט אויף א זיבן־אכט ווי‏ארשט צו דער שטאט, און דא אפגעשטעלט; דא שטייט זי שוין, מיט מזל, און האלט שבת; מ׳האט די מלחמה אין בעט; מ׳לייגט זיך שלאפן און מ׳שטייט־אויף מיט איר; נאר, עס איז שוין עפעס אן אנדערע מלחמה; ס׳שטויסט נישט, ס׳בראקט נישט, און ס׳ווארפט נישט ביי איר הייזער אין דער הייך... ס׳א שטילע מלחמה... זי גייט אין דער שטיל... ווי אויף אלע פיר... ערגיץ אנדערש, וואו זי ציט זיך אוועק פון דאנעט אויף הונ־דערטער מיילן, — מוז זי אודאי זיין העכער, שרייענדיקער; און דא האט זי, אפנים, נישט צוליב וואס ס׳מויל אויפצומאכן. אין שטאט איז אלץ כמקדם. איך באק ברויט, דאס וואס אלע יידן טון אצינד, נישט קוקנדיק, — וואס דאס ברויט דהאט מיך שיעור פון דער וועלט געברענגט; נאר וואס קען מע טון, — מיט עפעס אנדערש איז מע דען מער באווארנט פארן שטריקל? אז גאט וועט שענקען ס׳געזונט און ס׳לעבן, דער עיקר, — ס׳געזונט, וועט מע זיך ס׳לעבן אליין דארפן נעמען! אז די מלחמה וועט זיך נישט וועלן ענדיקן, — וועט מע אן אנדערע ברירה האבן? וועל איך דיר דאן ווייטער שרייבן.

עד כאן!

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני־בית; וואָס האָפט צו הערן פון דיר בשורות טובות, ישועו־ת ונחמו־ת, לנו ולכל ישראל, אמן.

ממני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

דאָס ניינטע בריוועלע

קעלץ, מיטוואָך, כ״א אייר, פרשה: במדבר, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע צו הערן פון אייך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, געדענקסט: כ׳האָב געמוזט מפסיק זיין, ווייל ס׳אי געקומען אַן אַפּיציר זיך נאָכפרעגן אויף מיר? געלויבט דער אייבערשטער און דער אונטערשטער, אַז ער איז, אַן אַלעם, — אַוועק; כאַטש עס האָט, לכתחילה, נישט געהאַלטן ביי גאָר, נאָר, ווייסט נישט? אין אַזוינע טעג: אַז אַן אַפּיציר איז געוועזן ביי דיר אין שטוב, און דו ביזט אַרויס גאַנץ פון זיינע הענט, — ברויכסטו בענטשן גומל! און, אגב, מוזטו וויסן, — דאָס אויף אַ גנב ברענט דאָס היטל! כאָטש עס ליגט נישט יענעם אין דער לינקער פּאה, — ציטערט גלייך אויף דיר די הויט, אויב מע וויל איר נישט אָפּשינדן! נאָר דערנאָך, אַז כ׳האָב מיך אַוועקגערוקט דערפון אויף אַ מהלך, און די מעשה איז געוואָרן אַן אַלטע מעשה, — ערשט געוועזן זיכער, — אַז ס׳וועט זיך מער קיינמאָל נישט דערוועקן; וואָרן, טאָמער קענסטו וויסן, — אַזאַ בוכטע האָט דאָ עפּעס אַ ממשות? ס׳זעט זיך אַ סך אָן? מ׳האָט ערגיץ אויסגעמאַכט אַ לאַך מיט איר? וויפיל לעכער אַזוינע, טאַטע־פּאָטער, עס ווערן געמאַכט יעדע מינוט און יעדע רגע, — קען מע וויסן ביי וועלכן לאָך זיך פריער אָפּצושטעלן? געוויינטלעך, ווען מ׳כאַפּט דערביי, — דער גייט אַ גאַנג! אָבער, ווען ס׳גייט נאָר פאַרביי אַ שעה, א י י ן שעה, און נישט נאָך עטליכע וואָכן, — איז שוין דערנאָך; מעג מע זאָגן אַ רבנן־קדיש! און, כ׳זאָל איבערקלערן, — אַז די צוויי זעלנער זאָלן דאָס גיין פאַרשיטן? ראשית, ווער וויל זיך דאָס אַליין נעמען די פּעטליע אויפן האַלדז? פּטור בלא כלום וועלן זיי נישט זיין! און, והשנית, זענען זיי דען גנבים? ס׳האָט זיך זיי געמאַכט, — האָבן זיי אונטער־

געהאַקט! זיי גייען דאָך נישט איבער די הייזער דאָס צו גנבענען! והשלישית, וואו האָסטו זעלנער? זיי רוען זיך שוין אודאי ערגיץ אָפּ פון אַ גוטע מינוט, — אונטער אַ צלם! אין דער איצטיקער מלחמה: אַ זעלנער, — האָסטו דיך לאַנג אָפּצושפּילן מיט איבם? אַט לעבט ער און אַט שלאָפט ער שוין; אַזוי, און נישט אַנדערש ווי אַזוי, — איז אויך מיט אַ פּראָסטן בשר ודם: צומאָלט לעבט ער און צומאָלט, — שלאָפט ער; דער חילוק צווישן זייביידן איז דער: וואָס אַ זעלנער, אַז ער לעבט און קומט נישט אום, — קען ער ביי דער מלחמה נאָך אַלץ אומקומען, און אין בעסטן פאַל נישט מער זיין ווי אַ זעלנער; און אַ פּשוטער בשר ודם, אַז ער לעבט און קומט נישט אום, — קען ער ביי דער מלחמה רייך ווערן! אַזוי ווי איך און אַ סך אַנדערע זענען דאָס געוואָרן... און מע טאַנצט, מ׳שפּרינגט, און מ׳פרייט זיך: „וואָס מיר מלחמה? ווער מיר מלחמה?" אַ סך מאָל מאַכט זיך אויך, דאָס נאָכדעם ווי מ׳ווערט שוין אַפילו רייך, — אַז מ׳זאָל איבער איין רגע אויך, פּונקט ווי אַ זעלנער, — בלייבן ליגן אַ בר־מינן (ס׳אי דאָך מלחמה!), — און מ׳קלאָגט און מ׳וויינט דיר אין קאָפּ אַריין: „ווי לאַנג איך וועל לעבן, — וועל איך האָבן צו וויינען און צו קלאָגן אויף דער פינצטערער מלחמה!" דאָס איז שוין ווי־ווּעמענס מזל ס׳איז... אָדער: מ׳לעבט צו צרות, אָדער מ׳ווערט רייכערהייט אויס־געריסן... ס׳רוב איז דאָס אַנדערע... און ווי אַזוי מ׳ווערט רייך, פרעגסטו? כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי כ׳זאָל דיר זאָגן... זאָגן: פון גניבות און גזילות? ס׳אי נישט קיין גניבה ממש, ווי מ׳איז אַריין צו שמואל משהן, צו חיים־הירש, און אויסגעליידיקט די קראָמען, צוגענומען וואָס זיי האָבן געהאַט ליגן אויף די פּאָליצעס: אָדער, ווי דענצמאָל, ווען כ׳האָב מיר געמוזט אַפּלייזן ס׳לעבן מיט פינף און צוואַנציק רובל, און מ׳האָט מיר נאָך פאַר זיי צוגעוואָרפן אַ פּאַרמעגן אין קאָפּ אַריין? מ׳קען נישט זאָגן דערויף גניבה. מ׳געמט בלויז צו וואָס די מלחמה שפּייט אויס; יאָ, — מ׳נעמט־צו וואָס די מלחמה שפּייט אויס... די מלחמה האָט אַ סך מאָל צופיל, איבערן האַלדז, און דאַרף דאָס אַראָפּ־וואַרפן פון זיך, — זי זאָל נישט דערשטיקט ווערן דערפון; נו, מאַכט מען איר גרינגער... ווי אַנדערש קען מע, למשל, זאָגן, — ווען אַ זעלנער לויפט אַראָפּ מיטן וואָגן פון דער פּאָזיציע, מיט אַן אויפגעשפּאָלטענעם קאָפּ, — און האָט ליגן עטליכע דרייסיק קעסטלעך

טיי; ער וויל דורכאויס נישט, אַז זיי זאָלן פאַרכאַפּט ווערן פון יענעם, — וואָס האָט אים אויפגעשפּאָלטן דעם קאָפּ! און ער וואַרפט זיי צו ווען עמען עס זאָל נישט זיין: „איידער יענער, געהרגעט זאָל ער ווערן, — און ווישט זיך דערביי ס'בלוט, וואָס גיסט זיך פון אים, — נעם עס בעסער דו צו; און אויב דו האָסט נאָך אַריינגעוואָרפן פאַר דעם אַ דרייערל, — איז אַוודאי גוט; ברויך מע גאָרנישט בעסער." נו, איז דאָס גניבה? איך וואָלט געזאָגט: ס'איז כשר און טריפה, — איינאיינעם; כשר, — ווייל ער האָט געמעגט טון דערמיט אַלץ אין דער וועלט, — אַבי ס'זאָל נישט אַריינפאַלן וואו מ'ברויך נישט; און טריפה, — ווייל דו האָסט עס באַדאַרפט לאָזן אַריינפאַלן וואו און צו וועמען ס'זאָל נישט זיין, און זיך דערצו נישט צורירן... איי, מ'קען זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן? ביי דעם זעלגער יורזשעט ס'בלוט פונעם קאָפּ, און גיי זאָג אים דענצמאָל אָפּ: „אַז דו האָסט נישט קיין חשק דערצו?" צי, מאַך פאַר אים בלויז אַ קרומע מינע; וועט ער דיר צעשפּאָלטן דעם קאָפּ, — און נאָך זיין גערעכט, אויך; און מיט דעם אויך וואָס מ'גיט אים דאָס דרייערל, — דערהאַלט מע אים פּשוט אַ סך מאָל ביים לעבן; אויף דער מלחמה, ווי מ'זאָל נישט קריגן פון אַלעם וואָס מ'באַדאַרף, — פאַר די ממתקים קריגט מע; אוי, קריגט מע! און יענעם וואָס עס באַטראַפעלט שוין, לאָמע זאָגן, דער וואָגן מיט טיי, — איז שוין יענער אויפן פערד? אַ נעכטיקער טאָג! קען מאָרגן ווידער קומען די זעלביקע מלחמה צו גיין, און נישט נאָר זיי צונעמען מיט אַלעם מיט אַנאַנד, ווי ס'איז געווען אין באַגריע, — נאָר הייסן אויך מוחל זיין במחילה גמורה, מ'זאָל זיך פאַרנעמען; איי, ברודערשי, — וואָס ס'גייט אין אַ מלחמה לאיבוד? וואָס מע צעשלעפּט און מ'צעטראָגט ביי איר אין איין טאָג, איבער איין שעה, — וואָלט מע פאַר דעם געקענט אויפבויען גאַנצע שטעט און לענדער! און, פאַרקערט: גאַנצע שטעט און לענדער ווערן חרוב פון דעם, וואָס מ'צעטראָגט דאָ און מ'צעגנבעט, — אַז זיי וועלן, ווער ווייסט, אין וויפיל יאָרן אַרום, נישט קענען קומען צו זיך...

אַ צינד דאַרף דיר נישט מער זיין געלעגן צו וויסן די מעשה מיטן אָפיציר, — ווייל ס'איז מיט אים קיין שום מעשה נישט; גייענדיק איבער די הייזער, פון איין ייד צום אַנדערן, האָט ער אויך אָפּגעטרעטן ביי מיר, — אַז איך זאָל, למען השם, געדענקען צו

באַקן ברויט פֿאַרן מיליטער, וואָס ברויך אַריינקומען; און דאָס האָט, ווי ביי ויחד יתרו, — אי געבריט און אי געקיצעלט; וואָרן, אַז מ׳וועט ברויכן באַקן ברויט, — וועט מע, געוויס נישט דערלייגן; נאָר, אַז ס׳וועלן אָנקומען זעלנער, איז, ראשית, ווייסט מע נישט: ווי מ׳קען ביי זיי אויסשפּילן; זעלנער צו זעלנער זענען נישט גלייך; פֿאַראַן אַזוינע, וואָס, — לאָמיך געמאַך! וואָס קוקן נאָר, אַז מ׳זאָל זיך צו זיי נישט טשעפּען; און די מלחמה איז ביי זיי אַ זאַך, פֿון וואָס זיי וואָלטן נעבעך וואָס גיכער געוואָלט אַרויס, און אויך מיט אַ גאַנצן קאָפּ; און אַזוינע, וואָס די מלחמה איז ביי זיי נאָר אַן אויסרייד, — אויף אַרומצוברויען, אַרומצורידערן, אויף צו גנבענען, גזלענען, — ווי צו גיין שלאָגן זיך; און ווען מ׳האָט שוין די זכיה, אַז זיי זאָלן זיך גיין שלאָגן, — דעמאָלט איז מלחמה, אויף ריכטיק: מלחמה! און ווער ווייסט ווידער, ווי מ׳קען ביי איר אויסנעמען? נאָר, וואָס טויגן די אַלע מעשיות? אַז דער אָפֿיציר האָט געזאָגט: באַקן, מוז מע, צי מ׳וויל, צי מ׳וויל נישט, — באַקן; און אויב, אויף דעם ביסל יידעלעך, איז אין דער איצטיקער מלחמה אויסגעפֿאַלן, צו געבן אָנצוועסן דאָס מיליטער מיט ברויט, — איז פֿאַרפֿאַלן; וואָס זאָלן זיי טון? די גאַנצע וועלט איז געוואָרן איין גרויסער אויוועץ, און די יידן באַקן אין אים; נישט קיין חילוק וואָס; וואָס איינער וויל, — באַקט ער; נאָר ברויט, אַז ער זאָל נ י ש ט וועלן באַקן, — פֿון דעם קען ער זיך נישט אַרויסדרייען; דאָס מוז זיין פֿאַרן מיליטער. און מיליטער פֿעלט, ב״ה, נישט אויס; שוין געהערט: אַז אין אַ מלחמה זאָלן אויספֿעלן זעלנער? אַזוי גיך ווי ס׳ווערט איינער געהרגעט, וואַקסן שוין גלייך אויס אויף זיין אָרט, — דריי, זיבן, ניין, נאָראַניבם ווערן געבוירן איבער אַ נאַכט! און וויפֿיל מ׳זאָל זיך אַלץ נישט באַמיען אָפּצובאַקן, — איז דאָס אויף איין צאָן; אַ טראָפּן אין ים! נאָך איידער דאָס געבעקס ברויט גייט אַרויס פֿונעם אויוועץ, — ווערט עס נאָך גיכער צעכאַפּט און אויך גוט באַצאָלט; וואָרן, אַ זעלנער איז נישט מער און נישט וויניקער, — כאָטש ער גייט אין שינעל און טראָגט אַ ביקס, — ווי אַ מענטש; און ווען דער טויט וואָלט אים נישט נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט, אים אָפּגעהיטן ס׳לעבן, זיך געלייגט ביי אים צוקאָפּענס, און געוואָלט פֿון אים אָפּטרעטן כאָטש אויף איין רגע, — מיט גאָרנישט אַנדערש געווען פֿון יעדן איינעם; און אַז ס׳טרעפֿט,

ס׳זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן ווי ס׳האָט זיך מיט מיר געטראָפן, — טאָר מע קיין איין וואָרט נישט אויסרעדן; נאָר, „נעם דיר, קאָזאַקל, פרעס דיך אָן, און זאָל דיר וואויל באַקומען!” און אַז דאָס איינע געבעקס ווערט אויסגעכאַפּט, — ווערט פאַרדאָס אָפּצאָלן דאָס צווייטע, דאָס דריטע... נישט אַלע זעלנער זענען דאָך קאָזאַקן, און נישט אַלע קאָזאַקן זענען גזלנים... ס׳רוב גייען זיי זיך מיט... און פרייען זיך מיטן ברייטל...

די שטאָט יידן באַקט, און איך, — מיט איר, כאָטש איך ברויך עס נישט גראָד נייטיק אין טאָפּ אַריין. ווייל, נאָך יענעם פרימאָרגן האָב איך מיך ערשט געקענט געבן אַ ריר און אַ וואָרף אין אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, און ווערן אַ סוחר, כמה שנאמר; זיך אַרויסגעלאָזט מאַכן געשעפטן, צוגלייך מיט די ערשטע און בעסטע גבירים, פאַרשטייט זיך, — מלך־המה־גבירים; און די איבעריקע באַגריער יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די זכיה, ס׳זאָל זיי עפּעס פאַלן אין קאָפּ אַריין: נישט קיין טיר און נישט קיין וואָגן היי, — האָבן אויך, אַז זיי האָבן נאָר דערלעבט אַהערצוקומען, — גאָרנישט דערלייגט צום עסק. כ׳וויל שוין נישט רעדן פון אַ שטוב, אַ בעט, אַ מלבוש אויפן לייב, — מיט וואָס מ׳איז יעדן ייד אַנטקעגן געקומען; נאָר, רבונו של עולם, — וואו און פון וואַנעט האָבן די יידן דאָ, אין אַזאַ פּיצל שטאָט ווי קעלץ איז, — גענומען אַזוי פיל געלט זיי אונטערצושטופּן? באַגריער יידן האָבן נאָך, דאַכט זיך, ווי לאַנג זיי האָבן געלעבט און ס׳וואָלט זיי אויסגעקומען צו לעבן, — נישט געזען און נישט געקענט זען אַזוי פיל געלט, ווי מ׳האָט מיט איינמאָל צווישן זיי צעטיילט; און נישט איך, און נישט מיין ווייב, — וואָס זי האָט עפּעס יאָ אַ קאָפּ אויף זיך; און נישט די אַנדערע יידן מיט זייערע ווייבער, שווער און שוויגערס, האָבן געקענט משיג זיין: „פאַר וועלכע מעשים טובים מ׳שטאָפּט זיי אָן?” נישט קיין משפּחה (וואו איז באַלד דאָ משפּחה, — וואָס זאָל געבן?) און, — אַזוינע זשמעניעס מיט געלט! און נישט קיין שוה־כסף, נאָר פרישע, צאַפּלדיקע און קנאַקעדיקע פּאַפּירלעך... צי דערפאַר, ווייל מ׳האָט אונדז אויסגעריסן פון באַגריע? אויסקאַריניעט פון דאָרטן? אָדער, ס׳אַי ביי זיי דאָ עפּעס קאַליע געוואָרן דער שכל? ביי אַ מלחמה איז אַלץ מעגלעך! אָבער, אַז מ׳האָט געגעבן, נו, האָבן יידן, און נאָך באַגריער יידן דערצו, — נישט געזאָלט נעמען?

זיי האָבן גענומען און, — געוויינט; גענומען, — און זיך געפרייט; וואַ־וואַ... וואָס יידן זאָלן נישט זיין, אָבער יידן זענען זיי; גנבענען, — און זע־נען יידן; נאַרן־אָפּ, — און זענען יידן; נישטאָ קיין גרעניץ צו יידישער גוטסקייט, און צו זייער רחמנות! פאַר אַ ייד, מעג ער זיין דער ערגס־טער, אַז מע מאַכט פאַר אים בלויז אַ קרומע מינע, — רוקט ער גלייך אַריין די האַנט אין קעשענע: וויפיל דאַרפסטו? און ביי גויים: וואָס גנבענען, און גזלנען, און נאַרן־אָפּ מער ווי יידן, אַז ס׳קומט עפּעס פון זיי אַרויסצוקריגן, — קען מע זיך פריער זען מיט דער עלטער באָבע! אַ גוי וועט געבן? אַז דו האָסט נישט, זאָגט ער: לייג דיך אַוועק און פּגר! און אויב די יידן האָבן גיך געכאַפּט די שלעכטע מידות ביי זיי (אַזוי פיל הונדערטער יאָרן ווי זיי לעבן צווישן זיי), — זאָל זיי דאָס נישט גערעכנט ווערן; און דער זכות פון אַן אָפן האַרץ מיט אַן אָפענע האַנט, — זאָל זיי שטענדיק אַנטקעגן קומען, אין יעדער עת צרה. דערנאָך ערשט, שוין אחר המעשה, האָט מען זיך געכאַפּט, — אַז דער שכל איז ביי זיי גאָרנישט קאַליע געוואָרן; אדרבא, — זיי האָבן צו דעם, וואָס זיי האָבן געגעבן, — גאָרנישט דערלייגט, נאָר גיכער עפּעס פון דעם גענאָסן; און די גוטסקייט איז נישט בלויז געווען זייערע אַליין, נאָר אויך די גאַנצע וועלטס; די גאַנצע וועלטס גוטסקייט, אַפילו אַמעריקעס אויכעט... (אַמעריקע, ווי ווייט זי זאָל נישט זיין, — אָבער אויף דער ערד איז זי דאָך ערגיץ פאַראַן!); און ווער ווייסט, אויב ס׳האָט אין דעם נישט געשטעקט דיין גוטסקייט אויכעט... ווייל, די וועלט, די יידישע, פאַרשטייט זיך, — אויף וויפיל זי מאַכט זיך כלא ידע, — איז דאָ גראָד געווען אויף, און האָט דער־שמעקט; אַז, באָגריע, און, נאָך כהנה וכהנה, אַזוינע שטעט, — וועלן זיך ברויכן אויפהייבן אין אַ שיינעם אָדער אין אַ מיאוסן טאָג, און, — גיין; אַזוי זאָל מע זיי כאָטש האָבן מיט וואָס אַנטקעגן צו גיין; וואָס זיי אין דער האַנט אַריין צו געבן; און מיט וואָס זיי ס׳האַרץ אונטערצולענען... און מיט דעם, זאָג איך דיר, — האָט מע זיך דאָרט איינגעקויפט גאַנץ עולם הבא (גאָרנישט מער איבערגעלאָזט פאַר קיינעמען!). ווען נישט דאָס געלט, מי יודע, אויב ס׳וואָלט פון די אַלע באָגריער יידן, — מער געבליבן ווי איין ייד; און דאָ אַלע געווען אַוועק, ווי פון באָגריע, — מיטן ווינט!

עס זענען נישט אַוועק קיין גאַנצע צוויי טעג, איז איטליכער, אַ חוץ יענער וואָס האָט זיך געהאַט זיין בראָך (וועמען די קויל טרעפֿט דער האָט איר!), — געזעסן תחת גפנו ותחת תאינתו; געקריגן צו עסן און צו טרינקען, — מיט אַ קוויטל צו קומען יעדע וואָך נאָך אַ פּאָר קערבלעך, אין מזומן... הערסט? מ׳צאָלט זיי גאָר וואָכנגעלט, די באַגריער שנאָרערס, — צו וואָס זיי האָבן דערלעבט? אָדער, נאָך צו עפּעס בעסערס געקענט דערלעבן? דרייען זיי זיך אַרום מיט די שטעקעלעך אין גאַס, פּוסט און פּאַס, די היטעלעך פֿאַרדרייט, פֿאַרקאַטשעט די פּאָלעס, און מ׳טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער אַריין! פֿאַרוואָס זאָלן זיי עפּעס טון? אַז זיי קענען זיין ביי דער וועלט אויף קעסט! אַזוי, — פּלעגן די דאָזיקע יידן אַרומלויפֿן, האַווען, שמייען, דרייען, זוכן עטליכע קערבלעך צום וועקסעלע: וואָס, אַט גייט עס אַרויס פֿון דער באַנק, און ס׳קומט צום רייענט אין דער האַנט אַריין, — איז שוין דאָ דערויף אַ האַלב קערבעלע, עקסטרע; און פֿון רייענט, אַז ס׳זאָל, חלילה, ברויכן צוריקגיין, — וועט ער זיך ערשט אָנשרייבן דערויף אַ גוט יאָר; אַ גוט יאָר פֿאַר זיך, פֿאַר די שוויגער, פֿאַר די קינדער, פֿאַרן שענקער, פֿאַרן פּראַצענטניק, און ס׳וועט צוריקקומען מיט אַ לאַטע — צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דאָס גאַנצע וועקסל איז; אַציגד האָט מע אַראָפּגעוואָרפֿן אַלץ פֿונעם קאָפּ, און מ׳דרייט זיך אַרום אויף גאָטס וועלט; גאָטס וועלט, אַ כאָליערע, האָט נישט פֿריער געקענט זיין שיין און גוט, — און מ׳זאָל זיך נישט ברויכן מאָרדעווען אויף איר מיט קיין וועקסלען, מיט קיין חובות, אַז מ׳זאָל האָבן אָפּצועסן, — ביז ס׳וועט קומען אויף איר אַ מלחמה, אַ? אַז איך גיי אַרויס אויף דער גאַס, און טרעף אַרויף אויף תנחום, שאינו יודע לשאול: „נו, תנחום, ווי האָלסטו עפּעס?" קוועטשט ער מיט די פּלייצעס, און ס׳פּנים גייט ביי אים אויס, שמייכעלדיק: „ווי זאָל איך האַלטן? ביי וואָס איך נעם אָן, — האַלט איך!" „נו, און די מלחמה?" כע־כע, וואָס גייט זי אים אָן? זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין קישן, ממיתן, דורסן, אַבי ער האָט זיך זיין שטיקל ברויט מיט דער פּאָסנע קאַרטאָפֿלע, — דעם טאָג איבערצושטופּן; און מער ווי איבערשטופּן האָט ער דאָך קיינמאָל נישט געוואָלט; נאָר פֿריער איז עס אים אָנגעקומען מיטן טויט. אודאי איז אים נאָך קיינמאָל נישט אַזוי גוט געווען, זאָגט ער, דער תנחום, שאינו יודע לשאול, וואָס האָט אַלע יאָרן געלאָפֿנעט פֿאַר די מאָגערע קאַרטאָפּ־

לע, און מ׳קעכעלט איבם אַצינד: „נאָך אַ פּאָר לעפּל גריץ, און נאָך אַ פּאָר לעפּל...״ דערמיט האָבן זיך אַלץ געקענט איבערנעמען די אָרימע לייט, און אַפילו די יעניקע וואָס זענען געווען אַ קאָפּ ווייניקער ווי אָרעם; דאָס הייסט: זיי האָבן זיך פריער געברויכט אַפּמיטשען דעם טאָג ערגיץ אויף אַ יריד, צי אין אַ געוועלבל, — זיי זאָלן דאָס האָבן אַפּצועסן! אָבער פאַר די גבירים איז עס געווען דער טויט! און אויב די מלחמה האָט ווען אויסגעלייטערט, האָט עס זיי, די גבירים, — געזען צום קאָפּ; זיי אויסגעבייטעלט ביז גאָר. עפּעס אַ קלייניקייט: יידן זענען געשטאַנען מיט אַזוינע ריזיקע סקלאַדעס מעל און קעסלען מיט נאַפט, — אַז די מלחמה וועט ווערן אויס, וואו וועלן זיי באַלד נעמען אַנדערע סקלאַדעס מעל מיט קעסלען נאַפט? און פאַר וועלכן געלט? איי, וואָס די וועלט זאָגט: וואו ס׳אי געווען וואַסער וועט ווייטער זיין? איז עס, ראשית, געזאָגט אויף וואַסער; און נאַפט איז נישט קיין וואַסער; מעל, — אודאי נישט; צוקער אודאי און אודאי נישט... אַ ביסל, טו מיר וואָס, — האָב איך אַ הנאה, און כ׳קיל מיך: וואָס האָט די גבירים, די צאַפּעס, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקענט סובל זיין אונדזערס אַ מענטש, און מ׳האָט שטענדיק געמוזט שטיין און צאַפּקעווען פאַר זיי, — האָב זיי אַכט און אַכציק... מעגן אויך אַ מאָל פילן דעם טעם, דעם אָרימאַנס טעם, — די וועלט מוז דען אייביק זיין זייער? און גיין מיטן קאָפּ אין דער אדמה, ס׳הייסט: מיטן צעטל נאָך דער פּאַרציע; און אויב עס קרימט זיך וועלכער פון זיי, פאַר־רייסט די נאָז, ס׳שטייט איבם נישט אָן צו שטיין גלייך מיט תנחום שאינו יודע לשאול, נאָכן טעפּעלע גריץ, — וועט ער עסן שטיינער מיט קדחת פון אַ קליין טעפּעלע אויף נאַכט־עסן... ס׳אי שיין צו זען: ווי די חוצפּהדיקע שנאָרערס, וואָס האָבן נישט איין עולה ביי זיי געמוזט אָראָפּשלינגען, — פאַרצאַפּן ביי זיי ס׳בלוט; אַזוי ווי מ׳שטעלט זיך נאָר אויס מיט די טעפּלעך און די פענדלעך, — נעמען זיי זיך קודם שטופּן, און זוכן צוצודריקן די גבירים: „געררים ווילן זיי? און אַז נישט?״ די גבירים ענטפערן, געווײנטלעך, נישט; נעמט מע דעם גביר ציפּן ביים היטל, יענעם אָנטרעטן אויף דער פּאָלע, און אָנשרייען דערביי אויף אַן אַנדערן, ווי אַן אַנדערער וואָלט עס, מכלומרשט, געטון: „ביטע, לאָבוסעס! דרך ארץ פאַר ר׳ נפתלין! ער וועט דיך עוקר מן השורש זיין!״ שרייט עמיץ פון הינטן: „ער האָט בלויז כח צו פאַרצן; און

דערצו אויך קיין כח נישט!" און אַזוי גייט די רעצע. אַ ציפּ, און אַ געשריי, ווי אויף אַ הלצה: „די הענט זאָלן אים דאָרט אָראָפּ, דעם שייגעץ, דעם עזותניק, — און נישט קענען מער פאַרטשעפּען אַזאַ שיינעם און בכבודן ייד ווי ר׳ בערעלע איז!"... די גבירים, געהרגעט זאָלן זיי נישט ווערן, דאָס געלט האָבן זיי שוין נישט, אָבער דעם שכל האָבן זיי נאָך יאָ, — און ווייסן אַזוי, אַז מ׳ברויך זיך נישט אָפּצורופן מיט גאָר. „רעדט אויס זיך די געדערים אַרויס!" אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי גאָרנישט געמיינט. געדענקסט דאָך אין די אַלטע גוטע צייטן, ווי אַזאַ לייזער צאַפּל מיטן פאַרגאָסענעם שוואַרצן אַפּל, — האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן מאַרק (זיין מאַרק!), און מיטן בייכל (זיין בייכל!), און געבלאָזן פון זיך... און אַז ס׳האָט געברויכט צוטרעטן צו אים עפּעס אונדזערס אַ מענטש, אַן עמדדיקער, וואָס האָט דורכאויס באַדאַרפט פון אים, — מ׳זאָל אים אַריינעמען ס׳ווייב אין שפּיטאָל (ס׳אי דאָך זיין שפּיטאָל געווען!), צי די שוויגער אין הקדש (ער איז דאָך געווען דער בעל ממונה איבער אַלעם!)... און ווי ער האָט פון זיך אָוועקגעקאָפּעט: „אַ שפּיטאָל גיב זיי; אַ הקדש מוזן זיי האָבן; אַנדערש זענען זיי גאָרנישט געוואוינט, די שנאָרערס!" און ווי שיין ער שטייט איצט אין דער שורה, איינאיינעם מיט ר׳ נפתלין, און מיט ר׳ מורה מורינו פּיעטרישקע, — פאַר דעם שיסעלע יושקע! פאַר דעם ביסל שיטערן אַנגעבן געדיכטן! און ווער שמועסט נאָך, אַז מ׳קריגט אַהיימצוטראָגן אַ קייליכדיק ברייטל היינטער דער פאַלע... כע־כע... וואָס אַ מלחמה קען מאַכן? אויב כ׳האָב דיר געשריבן: אנדרולמסיה בא לעולם, — האָט מען נאָר דאָס געמוזט מיינען, וואָס ס׳קומט אַצינד פאַר פאַר אונדזערע אויגן; וואָרן, ווען נאָך ווי איצט האָט אַזאַ תנחום, שאינו יודע לשאול, זיך געקענט איינרעדן, — אַז ער זאָל האָבן אָפּצועסן צו דער זעט? און נאָכמער: אַז אַזאַ ייד ווי לייזער צאַפּל מיטן פאַרגאָסענעם שוואַרצן אַפּל, — זאָל ברויכן שטיין מיטן פענדל פאַר אַ ביסל שיטערע גריץ? צוליב דעם, קען זיין, איז שוין באַלד ווערט געווען, — אַז די מלחמה זאָל זיך מאַכן; און זי זאָל אויך אָנהאַלטן. זאָגט אָבער תנחום, דער שאינו יודע לשאול, וואָס ער ברויך דאָך אודאי באַשטיין דערויף, — ניין; ער באַשטייט נישט; ער וואָלט יאָ באַשטאַנען, — ווען? אַז אַלע זאָלן זיין גלייך! און ס׳זאָל נישט מער זיין קיין אָרים און קיין רייך! וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אין תוך האָט די מלחמה זיי נישט

אויסגעגלייכט, נאָר איבערגעמישט בלויז די יוצרות; די וואָס האָבן נישט געהאַט דעם טאָג איבערצוקומען, — האָבן; און יענע, ווידער, — די גאַנצע קנאַקערס, די ר׳ נפתלים, וואָס האָבן זיך געוואָרפן מיט טויזענטער, מיט מיליאַנען (באַגריער מיליאַנען!), — זענען געבליבן אויפן בלויזן, ווי מ׳זאָגט עס... און פון וואַנעט, דו ווילסט וויסן, עס האָבן זיך געיאַוועט מלחמה־גבירים? כע־כע... ווי אַזוי בין איך עס געוואָרן? און איך בין נישט קיין יוצא מן הכלל... דאָס וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט מיר, טרעפט נישט מיט איינעם און נישט מיט צוויי; מ׳צעשלעפּט דאָ גאַנץ אָרנטלעך די מאַגאַזינען מיט די מיליטערישע סקלאַדעס; נישט, מע צעגנבעט זיי, חלילה, נאָר עס מאַכט זיך, עס זאָל זיך אַזוי נישט מאַכן, — דאָס אַנשטאָט זיי צו פאַרברענען, אויפצורייסן מיט דינאַמיט, וויל מע זיך איינשפּאָרן אַן אַרבעט; אָדער ס׳אי גאָר איבגאַנצן אַ שאָד קאַליע צו מאַכן פראָך, און מ׳נעמט פון זיי בלויז אַוועק די הענט: „טוט איך מיט זיי, קינדערלעך, ווי איר פאַרשטייט...״ נו, ווער פאַרשטייט דאָס נישט, וואָס מ׳ברויך טון מיט זיי? אָדער ס׳קען גאָר בלייבן ביי איינעם אין די הענט, ביי דעם ערשטן בעסטן וואָס גייט גראָד דערנצמאָל פאַרביי; וואָס, אַן אַנדערט מאָל, ווען מע ברויך דאָס נישט פאַרברענען צי אויפרייסן, — וואָלט מע אים, בלויז פאַר זיין פאַרבייגיין, שוין צערעכט געמאַכט; און דאָסמאָל איז ער ווי געווינטשן: „נעם דאָס צו, — זאָגט מע צו אים, — אויב דו קענסט, ווי עס גייט און שטייט, און פּטור, אַראָפּ פון מאַרק.״

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ; דער עיקר מאַכן דאָ מענטשן די גראָבע געלטער, געוויינטלעך, פון מסחרים; און דאָס זענען נישט די אַלטע, פאַרצייטיקע, מיושבדיקע מסחרים, נאָר די מלחמה־דיקע לופט־געשעפטן; ביי וועלכע מ׳ברויך אַריינשטעקן דעם קאָפּ צום לייב, ס׳הייסט, — צו דער מלחמה אין מויל אַריין; און יענער וואָס נעמט אים צוריק אַרויס, — האָט; און אויב נישט, — בלייבט ער אינגאַנצן אינעווייניק, און האָט מער נישט וואָס אַרויסצונעמען; ווער ס׳האָלט זיך צוריק צוליב פּחד, — מוז שלאָפן אין דער פינצטער, כ׳מיין: גיין אַרבעטן; און אַרבעט איז, ב״ה, דאָ לרוב; אויס חרפה, און בושה אָן אַ זייט, — יענע וואָס האָבן נישט און ווילן האָבן, — האָבן אויס־געטון דאָס שעם־היטל, און יידן מיט בערד, יידן אַן בערד, אָרנטליכע יידן, באַיאָרטע, — טוען כל עבודת פּרך; אויב ביי איך אין אַמעריקע,

זאָגט מע, קען אַ ייִד גיין שאָרן שניי אין די גאַסן, צו פאַרדינען אַ דאָלאַר, — איז עס דאָ אויך מער קיין חרפה נישט; גאָר אַזוי ווי דער שניי וואָס פאַלט דאָ אַראָפּ נאָך סוכות, — בלייבט שוין ליגן ביז ערב פּסח, און מ'ברויך אים נישט שאָרן, איז פאַרדאָס פאַראַן עפּעס בעסערס פון דעם; מ'גייט האַקן שטיינער אויפן שאָסיי, שיטן ערד צו די בריקן, אַפילו ווען ס'קומט אויס צו שטיין ביז אין דער העלפט אין וואַסער; מ'האַלט דאָ אין איין פאַריכטן, אין איין פאַרלאַטען די וועגן מיט די בריקן, וואָס, — אָן זיי קען מען זיך נישט קיין ריר טון; און וועלכע, די מלחמה האָט צערינעוועט, צעטרייבערט, אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס אירן... און יענע, ווידער, וואָס האָבן, מילא, — פון זיי איז דאָך אָפּגערעדט; וואָרן, יענע וואָס האָבן פריער געהאַט, די אַלט באַזע־סענע גבירים, — האָבן געאַרבעט? אַזוי זענען די, וואָס האָבן איצט די מאה, די מלחמה־גבירים, — אויף קיין האָר נישט אַנדערש פון יענע, און אַרבעטן אויכעט נישט; זיי האָבן איבער אַ נאַכט אַרויפגע־נומען אויף זיך יענעמס פעל; די גראָבע פעל, פאַרשטייט זיך, די האַר־טע, — וואָס לאָזט זיך אַפילו נישט ציפּן; בעת אויף יענע איז די פעל געווען אַן אויסגעאַיידלטע, פון דור־דורות, סויבל, איז ביי די, — בלויז טכויערזש; און זיי לעבן ערשט איצט, אין סאַמע ברען פון דער מלחמה, — דעם ריכטיקן טאָג; און דאָס, מיט אַזוי פיל רשעות, אכזריות, — וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן; ס'איז גאַרנישטאָ, זעט אויס, קיין רויבם און קיין שום צוים צו זייער דרשק און תאוה; דער יצר־הרע ברענט, און פונקט ווי די מלחמה, — זענען זיי דאַרשטיק און פרעסע־ריק; און אַזוי ווי די מלחמה, — קענען זיי זיך אויך נישט אָנזעטיקן; זיי זענען לייבליכע שוועסטער און ברידער, און ווי איין מאַמע וואָלט זיי ביידען געהאָט...

איך זאָל דיר גיין זאָגן, מיט וואָס איך האָב שוין אַלץ געהאַנ־דעלט אין דער איצטיקער מלחמה? וואָרן, ס'איז דען מעגלעך אַלץ אויס־צורעכענען? געכטן האָב איך געקויפט פעל ביי סאָלדאַטן, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פון די בהמות אויפן פעלד, גאָכן קוילענען, — צו דריי ריבל אַ שטיק; און זיי גלייך פאַרקויפט צו ניין ריבל, — אויסצואַרבעטן לעדער אויף שטיוול פאַרן אייגענעם מיליטער, אויב ס'וועט נישט האָבן אויסגעהרגעט געוואָרן; עס זאָל נישט ברויכן גיין באַרוויס אויף דער זעלביקער מלחמה, — אויב ס'וועט נאָך אַלץ זיין

מלחמה. אייערנעכטן ווידער, אַז כ׳האָב דערשמעקט (מיט מיין ווייבס שמעקער), אַז ס׳האָט אויסגעפּעלט זייף, האָב איך געכאַפּט אַ פור און געלאָפן אין דר׳ערד אַריין מיט איר, — נאָך זייף; נו, האָב איך דערלייגט? פאַרנדיק צוריק, ווי איך האָב געזאָגט, — פון דר׳ערד; האָבן אין מיר זעלנער, נישט אין זינען האָבנדיק גאָר, — אַריינגעגייט מיט אַ רעוואָלווער ביי די שלייפן, עטליכע קעסטלעך מיט פלאַשן פראַנצייזישן ליקער, וואָס, דער גוטער יאָר ווייסט, — וואו און ביי וועלכן גענעראַל, זיי האָבן דאָס אָפּגעדרייט; נו, האָב איך זיי נישט באַלד פאַרצוקערט? און טאַקע ביי די זעלנער פון אַן אַנדערן גענעראַל, לעבן זאָלן זיי, — וואָס האָבן דאָס אַרומגעזוכט פאַר אים מיט ליכט, און עס פריער נישט געקענט אָנקריגן ביי מיר, ביז מ׳האָט מיר צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צום קאָפּ: „גיב אַהער דעם ליקער, אַ נישט איז דאָ דיין טויט אויפן אָרט!“ איי, וואָס ביי די פעל האָב איך מיך געקענט אַ שוואַרצע קאָפּ אויסריכטן; ביים זייף אויסגעריסן ווערן צום טויט; און ביי די געטראַנקען ווערן מיט אַ קאָפּ קירצער? דאָס אַלץ רעכנט זיך נישט. אויף דעם, האָב איך דיר פריער געזאָגט, — מוז מע אין דער מלחמה זיין אַ ריזיקאַנט; און ווער עס ריזיקירט נישט, — מוז גיין גראָבן אָקאָפּעס, האָקן ביימער אין די וועלדער, זיי אויסלייגן אין די זימפּן, מזאָל קענען אויף זיי פירן די שווערע האַרמאַטן.

[אָר אַזוי ווי די וועלט זאָגט: אַז דאָס קריגל גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער, ביז דאָס אייערל רייסט זיך אָפּ; און פון די אַלע גבירים, אדירים, —איז, סוף־כל־סוף, געוואָרן אַ באַנדע אָרימעלייט, טאָ וואָס האָב איך געברוּיכט אַרבעטן אויף אַן עשירות, — וואָס דער ווינט קען עס יעדע רגע צעבלאָזן ווי פּלעוועס? האָב איך אַ שפּיי געטון, איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויף די מלחמהדיקע גליקן, — ביי וועלכע מ׳קען טאַקע אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל, און אויך ווערן מיט אַ קאָפּ קורצער; און אַז מיין ווייב מיט די קינדער זאָלן נישט בלויז האָבן דערנאָך צו וויינען, — וואָס כ׳האָב זיי געלאָזט אויפן וואַסער, נע־ונד, נאָר אויך אויף אַ פאַרמעגן, וואָס מ׳וועט ברויכן איבערלאָזן און אוועקגיין דערפון, אַזוי ווי מ׳איז דערפון אַוועקגעגאַנגען אין באַגריע... אַזוי האָב איך זיי געוואָלט פאַרשפּאָרן ביידע, און זיך גענומען צו דעם וואָס אַלע יידן האָבן זיך גענומען, — באַקן ברויט פאַרן מיליטער.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו מיט דיין ווייב און דיין בני־בית; און מ׳זאָל הערן בשורות טובות, ישועות ונחמות, לנו ולכל ישראל, אמן.

ממני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

והעיקר שכחתי:

די לופט איז ווייטער נישט ווי ס׳ברויך צו זיין; זי איז צו שטאַרק אָנגעגליט. די מלחמה בריקעט זיך ווידער. מ׳זעט טויטע נעז ביי די זעלנער, און נישט נאָר וואָס די נעזער זענען ביי זיי טויט, נאָר זיי אַליין לעבן אויך נישט מער. להכי איז שטיל. אָבער ס׳שמעקט מיט יענער שטילקייט, וואָס פאַר אַ מלחמה, פאַר אַן אויסברוך, פאַר אַן ערדציטערניש. דאַכט זיך: אַז מ׳גייט אויפסניי לערנען פשט אין פסוק פון ויתרוצצו... די מלחמה רודערט זיך שוין ווידער אין די אָקאָפּעס, זי קען זיך נישט דערהאַלטן אין זיי, און וויל אַרויס פון די גריבער; ס׳איז איר שוין, אַפּנים, מיאוס און נמאס געוואָרן אַזוי צו ליגן דאָרט, חדשים נאָכאַנאַנד, מיט איר שטענדיקן ברום, ברום, ברו־בם, און וכט זיך אַרויסצורייסן ווי אַ הונגעריקע חיה, איבער די ברעגעס; און האָרט אויף זיי זיצט אַ שטאָט יידן, — צו וועמענס קעפּ וועט דאָס ווידער אויסגיין?

אוי, טאַטע! כ׳קוק אויפן הימל, דעם אייביק אָנגערויטעלטן הימל, און זע ווי ס׳קלויבן זיך וואָלקענס, אַזוינע שווערע, אָנגע־בויכטע; און איך נעם אַריבער דעם טלית איבערן קאָפּ, שטרעק אויס מיינע צוויי שוואַכע הענט, און בעט: גיס נישט אויס דיין צאָרן אויף דער שטאָט דאָ, — ווי דו האָסט אים אויסגעגאָסן אויף באַגריע! מילא, באַגריע, — ברוך דיין אמת! נישט געווען קיין זכות פאַר איר. וואָרן, אַ שטאָט, אַלצאיינס ווי אַ מענטש, — מוז האָבן אַ זכות! און ווי ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, — טאָר מע נישט מתרעם זיין לפני המקום, נאָר מקבל זיין באהבה, און זאָגן: צדוק הדין! אָבער דאָ, גאָט, אַז מ׳שטייט פאַר אַ צווייטן חורבן, בעט איך דיך, כאָטש: מדה אני, קלמן יאַנקל, וואָס זאָל דיך בעטן? אָבער מיט מיר שטייען נאָך אַ סך, אַ סך יידן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אַ גאַנצע עדה, און מיט דער זעלביקער תפילה אויף די ליפּצן: „טו אָפּ דיין צאָרן, אויב ס׳איז ביי דיר דאָ אַזוינער, — און לאָז לעבן די שטאָט; שוין אין דעם זכות,

וואס זי האט אזוי שיין, און מיט אזוי פיל מסירת נפש אויפגענומען די ארויסגעטריבענע יידן פון באגריע, זיי אנגעשטאפט מיט אזוי פיל געלט; טאקע נישט זייער געלט, אבער וואס וואלט מע צו זיי געקענט האבן, — ווען זיי נעמען עס אזוי צו פאר זיך? ס'זענען דאך נישט מער ווי קעל־צער יידן! זאל דיר גארנישט איינפאלן, גרויסער גאט אין הימל, זיי איצט צו גיין קוקן אויף די פינגער, ווי ס'איז אלעמאל, בשעת הסכנה, — און נאכזוכן חטאים; נישט פאראן קיין חטאים, ווען דער חלף ליגט אויפן האלדז! דער שטן איז מקטרג! מידת הרחמים התגלגלי עליהם! און מיט דעם זעלביקן רחמנות וואס זיי זענען אונדז אנטקעגעגן געגאנגען, אונדז, באגריער יידן, — זאל מע זיי איצט אויך אנטקעגען גיין! און נישט, — ווייל די שטאט האט אזוי פיל בתי מדרשים, אזוי פיל שיינע יידן, גבאים; און אויך נישט, ווייל זי האט אונדז אויפגענומען בסבר פנים יפות, — מיט אפענע הענט און ווארימע הארצער; און אויך נישט: ווייל מ'וועט דאס אל־ץ ברויכן לאזן אויף הפקר, — אז די הינט זאלן עס צעשלעפן; נאר, ווייל אזא גרויסע יידישע קהילה, קיין עין הרע, וואס איז נאך איצט עטליכע מאל געכפלט געווארן: מיט באגריע, מיט כענטשין, מיט לאפעשנע, מיט פינטשעוו, (אין פינטשעוו טאגט שוין!) און נאך א סך אנדערע יידישע מקומות, וועלכע האבן נאך דעם טעם אין מויל פון זייער גירוש, — זיי זאלן נישט ברויכן נאך א מאל נעמען דעם שטעקן אין דער האנט אריין, און אנקומען אויף דעם זעלביקן ברויט.

שטראף נישט מער מיט דעם, טאטע דערבארימדיקער.

הנ"ל.

דאָס צענטע בריוועלע

קעלץ, זונטיק, י״ז סיון, פרשה: קרח, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

ראשית, קום איך דיר צו שרייבן פון אונדזער ליבן געזונט, און דאָס נעמליכע אויך צו הערן פון איך, אך טוב וחסד לעולם ועד. והשנית, זיי וויסן, ברודערשי, אַז ס׳אי נאָך אַלץ נישט גוט. די מלחמה האָט זיך אָנגערוקט אויפן שפּיץ פון דער שטאָט, און געבליבן הענגען ביי איר, — ווי אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז; מיט דעם ערך ווי זי האָט אָנגעהויבן גיין, מיט דעם הילכיקן געשריי, האָט מע געמיינט: אַז זי וועט דאָ אַריבערשפּרייזן די שטאָט, — ווי גאָרנישט; און צום סוף, זיך צוגערוקט ביז צו דער ראָגאָטקע, — און דאָ געבליבן שטיין; אין דער שטאָט קענסטו בלויז אַריינקוקן, אָבער נישט אַריינשטעלן קיין פּיס; שטייט זי טאָקע, היגטער דער שטאָט, און קוקט אין איר אַריין מיט האַרמאַטן, מיט קוילנוואַרפער, — און ס׳עקט זיך ביי איר דאָס לעבן, יעדע מינוט; פון דאַנעט קענסטו גיין, פאָרן, אויב דו האָסט פּאַרוואָס, און מ׳וועט דיך נאָר לאָזן, — קיין וואַרשע, קיין מאָסקווע, און אַפילו קיין סיביר; און פון דאָרטן אַהער, — ביז קעלץ; דאָ האָט זיך די מלחמה אָוועקגעשטעלט ווי אַ בילענדיקער הונט, און בילט, און בילט אָן אויפהער; דאָ איז סמבטיון; וואַרפט עס מיט שטיינער ביז אונטערן הימל, — און מ׳קען נישט אַריבער; און ווען מ׳זאָל יאָ קענען, — וואו וועט מע גיין, קיין באָגריע? ס׳איז דען דאָ אַ באָגריע אויף דער וועלט? עס אַרט מיך קנאַפּ, וואָס אַ סך יידעלעך קענען זיך נישט פאַרקריכן קיין כמעלניק, צום רבין זייערן; ווייל, כמעלניק, וואו דער רבי זייערער קיניגט, — איז אויך פון דער אַנדערער זייט סמבטיון; זיי זאָלטן: באַם, זיי זאָלען נאָר קענען אַריינפאַלן צום רבין, און מאַכן אַ געוואַלט, — איז שוין די שטאָט אָפּגע־

ראַטעוועט, און ס׳וועט איר קיין נעגעלע נישט שאַטן! עס אַרט מיך אויך נישט, וואָס די ווייבער רייסן זיך צום בית־עולם, ווילן זיך אַראָפּוויינען פון האַרץ (און אויף וואָס צו וויינען איז דאָך דאָ...)׃ ביי די ווייבער איז אויך ס׳אייגענע׃ באַם, זיי זאָלן נאָר קענען אָנכאַפּן ס׳בית־עולם פאַר די הערנער, און עס צערנטלעך אַ שאָקל־טון, — איז די שטאָט אָפּגעראַטעוועט; און ס׳וועט איר קיין נעגעלע נישט שאַטן! נאָר ווי קענען זיי צוטרעטן צום בית־עולם, — אַז דאָרטן איז דאָס רעכטע און גערדיכטע; עס ליגט אויף אים אַ ים מיליטער; זיי האָבן נישט געהאַט קיין בעסער אָרט זיך צו מאַכן די פּאָזיציעס, ווי אויפן בית־עולם, און זיך דאָרט פאַרשטעקן, ווי די טויטע, — אין די קברים; ווער מיט אַ קוילנוואַרפער, ווער מיט אַ האַרמאַט, ווער, — מיט אַ פּאָר פלאַשן וויין, אָקעוויט; ווער, — מיט אַ שיקסע, און נאָך, דער רוח ווייסט, מיט וואָס און מיט וועמען... ס׳אי דאָך עפּעס אַ פּראָנט! אודאי איז אַ גרויס אומגליק׃ וואָס דער פּראָנט ליגט אויף דער שפּיץ נאָז פון דער שטאָט, און מ׳האָט געבונדענע הענט מיט אים, — אָבער נישט דער רבי און אויך נישט די מתים פון בית־עולם קענען דערצו עפּעס העלפן; אַזוי איז זי שטיל, די מלחמה, באַהאַלטן אין דר׳ערד, ווי אַ מילד־וואָרים, וואָס הערט נישט אויף צו גראָבן; זי קען אָבער אויך געבן אַ פּלאַץ אַרויס, — אַז גאָט זאָל אָפּהיטן; מ׳זאָל אַלץ דאַרפן לאָזן שטיין צי ליגן, כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס, — און וואַלאַי אין קע־לער אַריין! דער קעלער איז דער מקום מקלט! נאָך אַ גליק איז די שטאָט באַשערט, מיט דעם באַרג; דער באַרג איז די כפּרה פאַר איר, — איר צופּלייזער; פאַר די אַלע קנײדלעך, וואָס מ׳יאָגט אַריין אין דער שטאָט, — שטייט ער, ווי אויף אומישנע אָוועקגעשטעלט, — זיי זאָלן אין אים אַריין; ער האַלט ממש אויסגעשפּרייט דאָס פאַרטוך, און כאַפּט אַריין די אַלע גראַנאַטן, קאַרטעטשן, ווי אַ מאַמע, — וואָס וויל אָפּווערן מיט זיך איר קינד; און ווען נישט דער באַרג, — ווער ווייסט, צי ס׳וואָלט נאָך געוועזן איין הויז, און די מענטשן נישט געליגן באַ־גראָבן אונטער זייערע מויערן; און דאָס איז גוט, אַז ער כאַפּט זיך אויף, דער פּראָנט, — ביי טאָג; שטעלט מע זיך דענצמאָל אָוועק וואו עס לאָזט זיך׃ אין אַ ווינקל, הינטער אַ וואַנט, סתם אַ שטיק מויער, און מ׳וואַרט דאָס איבער ווי אַ שלאַקס רעגן, ביז ער וועט זיך איינשטילן, ווערן געפּלעפּט, און ווידער צוריקגיין, ווי פריער, — צום

געוועלבּ, צובּם מאַרק־שטעלכל, צו וואָס ס׳איז; און אַז מ׳זעט אָבער, — ט׳אַן איי אויף נעכטן; דער פּראַגנט האָט זיך שוין גוט צעשריגן, און האָט גאָרנישט בדעה צוצומאַכן ס׳מויל; דער באַרג ווערט שוין אויך מיד אַריינצוכאַפּן אַזוי פיל גראַנאַטן, און זיי הייבּן אָן פאַלן איבּער די הייזער, — אַזוי נעמט מע זיך צונויף מיט אַלעם, און מ׳לויפט, נישט אין בית המדרש אַריין, — וואָס וועט ס׳בית המדרש העלפן? נאָר טאַקע אין קעלער אַריין. דער קעלער זאָל גאָר נישט אונטערגיין! אַז ס׳אַ מינוט שטיל, — איז מע אין שטוב, אין געוועלבּ, אין גאַס, אין אָפּטריט; און אַז ס׳גיט זיך אַ מאַך הײמלעך, — כאַפּט מע זיך אָן אין אים מיט בּיידע הענט; דער קעלער איז ווי די צווייטע האַנט, און מ׳שטייט אַלעמאָל מיט איין פיס אין שטוב, און מיטן אַנדערן, — אַין אים; עס געפינט זיך שוין אין אים פון אַ האַלבּ בעל־הבתישקייט: אַ טעפּל, — אויף אָפּצוקאָכן אַ ביסל וואַסער; אַ טשייניקל, אַ פּאַמי־שאַף, און, להבדיל, — אַ ספרל, אין וואָס אַריינצוקוקן; און דאָס, ווייסטו דאָך, — דאָס אַזוי גיך ווי ס׳ביסל יידעלעך פאַרלייגט מיט די קעפּ אין ספרל, — איז די מלחמה אין דר׳ערד מיט די ביינער: הערט זי גלייך אויף אַרומצואַרבּעטן מיט די האַרמאַטן, מיט די קוילנ־וואַרפערס, און אַנדערע כלי־זיין. אַ גליק, וואָס זי ווייסט נישט, — ווער ס׳איז איר מלאך המות; אַ נישט, — וואָלט זי אויסגעדישעט דאָס ביסל יידעלעך ביז איינעם, אַז ס׳זאָל פון זיי קיין שריד ופליט נישט בלייבּן; און ווער ווייסט, צי זי דישעט זיי טאַקע דערפאַר נישט אויס, — ווייל זי ווייסט עס; און דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן: אַז די העצע גייט־אָן ביי טאָג; קויבּם גיט זי אַ כאַפּ ביי נאַכט (אַזוי ווי ס׳איז טאַקע), — איז זייער קראַטיש; עס גליסט זיך דעמאָלט אַזוי נישט אַרויסצו־קריכן פון דעם וואַרימען בעט מיט בעט־געוואַנט, — און זיך גיין אַריינלייגן צווישן די נאַסע קעלער ווענט; ביז די פּענדלעך מיט די קענדלעך הייבּן־אָן טאַנצן אויף דער וואַנט, — אַז מ׳קען נישט מער איינליגן, עס הייבּט שוין גוט אונטער, און מע מוז כאַפּן אויף זיך וואָס מ׳קען, און גיין אין דער אדמה...

און אויך אַצינד, ווען איך שרייב, — איז דאָס געשיסעריי אַזוי גרויס, אַז איך קורטשע מיך טיילמאָל איין ווי אַ פּיצל פייגעלע, וואָס פאַרזשמורעט די אייגלעך, און בלויז ס׳געהער, וואָס איז אָנגעשפּיצט, און ווי געוואָלט אָנטאַפּן דעם גראַד פון דער מלחמה, — אויף וויפיל זי

איז אָנגעהיצט; און צי ס׳איז שוין אַ סכנה צו זיין אין שטוב, — און מע ברויך אַרויסגיין פון איר; די שייבן ציטערן, — ווי אַ רעגן וואָלט אײַ־בער זיי געגאַנגען; די ווענט הוידען זיך, און צו די אויערן דערגייען קולות פון דרויסן: האַרטע, מושטירענדיקע, — מיט שווערע טריט פון שטיוול, פול מיט נעגל; דאָס גיין איז ווי פון זעלנער, — וואָס ווייסן גוט, וואו זיי גייען; און אַז ס׳זאָל אין זיי נישט פאַרגליווערט ווערן ס׳בלוט, און, לכתחילה, אָנקומען טויטע אויפן אָרט, נאָך איידער די קוילן וועלן זיי אויסכאַפּן, — רוימט מען נאָך גיכער אויף פאַר זייער גיין, — יעדן איינעם וואָס פאַלט; זיי דאַרפן נישט זען קיין טויטע און נישט קיין דערהרגעטע; מע באַגראָבט דעם געפאַלענעם אויף דער גיך, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים אויסגעקוקט; אַד־הער, אַהין, — און עס איז אַזוי, ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען; מ׳שטייט גרייט מיטן קבר, — מ׳זאָל האָבן מיט וואָס אים צו פאַרלייגן, נאָך איידער דער זעלנער האָט זיך אַוועקגעלייגט; נישטאָ קיין טויטע; וואו? וואָס? מ׳רעדט זיך בלויז איין, — אַז די מלחמה הרגעט; אוי, דהרגעט זי! נאָר אויף וויפיל מע זאָל זיי נישט באַהאַלטן, די טויטע, — די קברים קען מע נישט באַ־האַלטן; זיי שטעכן אין די אויגן; עס ליגן די שרייענדיקע בערג מיט קברים, — וואָס אַ בלינדער וואָלט געקענט אָנטאַפּן; און וויפיל עס ליגן אין אַזאַ קבר, — דאָס איז שוין דער סוד פונעם קבר, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך; אַז מ׳זאָל זיך גיין דערגרונטעווען אין זיי, — ווער, און ווי אַזוי? מע קען אַפילו נישט טראַכטן דערפון; אַז קיין גאַנצע זעלנער לייגט מע, לכתחילה, אין זיי נישט אַריין, נאָר, — שטיקער פון אים; קיפּעס הענט, פיס, קעפּ, — וואָס מ׳שאַרט צונויף; ס׳אי רעכט: אַז פון איין זעלנער זאָלן די פיס ליגן אין איין גרוב, די הענט אין אַ צווייטן, און דער קאָפּ, — אין אַ דריטן; וואָרן, מ־ווערט זיך גיין די מי געבן און צוקלויבן דעם פיס צו יענעם קאָפּ? אָדער יענע האַנט צו דער זייט? און וואָס וועט שוין זיין, — אַז מ׳וועט צו־קלויבן? וועט ער, אַז ער וועט זיין גאַנץ, — צוריק לעבעדיק ווערן? אַז ס׳אי גרינגער צו נעמען אַ לאָפּאַטע, אַ רידל, וואָס ס׳מאַכט זיך, — און שאַרן, שאַרן מיט איר, אַנוואַרפן אין גרוב אַריין, וואו דאָס מישט זיך אַלץ־אינאיינעם אויס, און מ׳באַגיסט מיט צעגאָסענע סמאָלע, מיט מיאָל פון קוילן, צעשיטן קאַלך, — און אויף דעם אַלעם אַ באַרג ערד: „נאַ דיר, מענטש, אַ ברודער־קבר!״ די ריכטיקע ברידער, און

דאָס ריכטיקע קבר זייערס! אַז ס׳אי נישט געווען די מלחמה, און ס׳איז עמיץ געשטאָרבן, — האָט מע יענעם אָוועקגענומען אויפֿן קברות דאָס קברות האָט אַלץ צוגענומען; איצט איז דאָס מין קברות אײַנגאַנצן אונטערגעגאַנגען; דאָרט וואו אַ מענטש פֿאַלט, — בלײַבט ער שוין אויבעט ליגן; נעמט מע אויס אַ גרוב און מ׳לייגט אים אַרײַן; נישט קיין חילוק: צי דאָס איז אויפֿן מאַרק, פֿאַר דער טיר פֿון אַ הויז, ביי יענעם הינטערן פֿענצטער, — און מ׳שטעלט אַוועק אַ צלבֿל, אַ היל־צערנעם, אַן אײַזערנעם, אײַנעם פֿון די פֿילע צלמים, וועלכע מ׳פֿירט־מיט מיט די זעלנער, פֿונקט ווי מ׳פֿירט־מיט פֿאַר זייערטוועגן רייז, ברויט מיט קאַווע; ווי לאַנג ער לעבט, דער זעלנער, — קריגט ער פֿון דעם ברויט און פֿון דער קאַווע און אַז ער פֿאַרטיקט זיך אָפּ, — גיט מען אים זיין צלם, צוקאָפּעס, — און מ׳האָט שוין פֿון אים מנוחה; מ׳ברויך אים נישט מער אָפּהיטן מיט קיין עסן, און אויך מיטפֿירן מיט זיך, ווי אַן איבריקע לאַסט, — דעם צלם; און דעריבער, אויב מ׳וועט אַמאָל וועלן דערגיין: וואָס פֿאַר אַ לעכער די מלחמה האָט אויסגעמאַכט, — וועט מע דאָס נישט קענען אין די הייזער: וואו מע וועט ברויכן שניפּן, שמעקן, ציילן, — ווער ס׳פֿעלט אין דער משפּחה? וויפֿיל ס׳זע־נען געווען פֿריער, און, — דערנאָך? נאָר פֿון די דאָזיקע בערג און בערגלעך, וועלכע מ׳האָט אַמאָל ביי נאַכט אויפֿגעשיט איבער די גריבער מיט געהרגעטע; אויפֿגעשיט אין אײַלעניש, אין געכאַפּ, אויף איין פֿוס, — אין די טויזנטער; קוקן אויף די וועלדער מיט צלמימלעך: הילצערנע און אײַזערנע, שוואַרצע און ווייסע, — וואָס זענען אַזוי נידריק אַנגעשטעקט, אפֿשר נישט אַזוי גענוי צוגעציילט צו דער צאָל טויטע; מיט עטליכע מער אָדער ווייניקער, אָבער, — איבער גענוג לאַנגע שטרעקעס, וואָס ס׳איז קען נאָר דערגרייכן...

ווין! ביז אַהער האָב איך דיר פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט זעל־נער; זיי האָבן דאָך, לכתחילה, געמוזט ווערן זעלנער, באונס, — און ברויכן זיין דער מאכל מלחמה; מיט וועמען די מלחמה זאָל זיך האָבן אָנצופּרעסן, דעם הונגער צו שטילן, אָנצופֿילן דעם חומר; און אויב די זעלנער מוזן זיין אויף דער מלחמה, כאָטש זיי ווילן דאָס נישט, — זענען זיי דאָך זעלנער; און ווי קומט דאָס ביסל צעבוי־קערטע יידלעך אויף איר? וואָס לערנט מע זיך אויף זייערע העלדזער שאַרפֿן דאָס מעסער? אויב ס׳גייט דעם רוסישן מיט דער פֿוטער

אַראָפּ, — צו ווענמעגס קאָפּ גייט דאָס דעמאָלט אויס? זיי מוחל, ר׳ יידעלע, — און לייג דיך אַריבער; און אַז ער לייגט זיך אַריבער, — ווערט אים שוין דערמיט בעסער? וואָס זאָל איך דיר זאָגן: פֿאַר ווע־מען די מלחמה איז אַ צרה, — איז זי פֿאַר די יידן אַ צרה מיט אַן אונ־טערשלאַק; ווען מען זי האָט צום קאָפּ געזען, — האָט זי דעם ביסל יידן נישט נאָר געזען צום קאָפּ, נאָר אויך צום הינטן; אוי, דער יידישער הינטן! ער דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזן, — אַז ער קען דאָס אויס־האַלטן; ער איז שוין אַזוי צעקיילט און צעביילט, אַז ער איז שוין אַפילו נישט דאָס, — וואָס מ׳זאָגט אויף אים; און אויב ס׳איז ווייניק, וואָס מיר זענען דאָ אַלע גלייך אויף דער מלחמה, און האָבן מיט אַלע גלייך אויסצושטיין פון אירע פּאָזיציעס, פראָנטן, קליינע און גרויסע האַרמאַטן, פלי־פייגעלעך, — ברויכן מיר נאָך, דערפאַר וויל מיר זענען יידן, — באַזונדער אויסשטיין; כאָטש: אין אַלע מלחמות, וואו צוויי מלכים האָבן זיך צעביצקעט מיט די נעז, — זענען די יידן, לכתחילה, געווען ס׳כפרה־הינדל; וואו צוויי האָבן זיך געשלאָגן, — האָט א ייד געמוזט זיין דער דריטער, וואָס זאָל אויפשטעלן דעם ווי־הייסטמעס, — און אַריינכאַפּן די בוכטשעס; מילא, איז דאָס געווען פאַרצייטנס, ווען די וועלט איז נאָך קיין וועלט נישט געווען, נאָר אַ וויסטע; מ׳האָט זיך אַרומגעטריבן אויף איר מיט ווילדע פערד, משונה־דיקע רייטוועגן, מיט פּיקעס, מיטווידלעס, קאָסעס; מ׳איז נאָך גאָר אין קיין הויזן נישט געגאַנגען, נאָר אין אַזוינע דעליעס, פלאַשטשען; און זיך געוואָוסט צו היילן בלויז מיט זאַלבן און מאַשטשען; איינ־געשטאַנען מיט אַלעם ביי דער כאָליערע, ביי פּאָקן, — וואָס האָבן גע־קענט און טאָקע אויך זיי נישט איינמאָל אויסגעדברט; געווען באַוואַקסן מיט גרויסע בערד, געטראָגן לאַנגע קידלעס איבערן קאָרק; און אַז מ׳אי שוין מיט מזל אַרויס פון די בערד, פון די קידלעס, באַגראָבן די כאָליערע, די פּאָקן, האָט מע דאָך, על פּי שכל, — אויך געברויכט אויף אַ האָרעלע בעסער ווערן צו יידן? הייבט זיך גאָרנישט אָן! אַז ס׳קומט צו שלאָגן יידן, — איז נאָך אַלץ דער זעלביקער פאַרצייטנס: מיט די פּאָקן און די כאָליערע; דעליעס און פלאַשטשען; זאַלבן און מאַשטשען; און דער אַצינדערט איז נאָך העט־וואו, אונטער דר׳ערד; איז ער דער זעלביקער פאַרצייטנס, — נאָר אָן בערד, אָן קידלעס, און דוקא מיט באַנען און עראָפּלאַנען, מיט וואָס מ׳אָטעמט

אצינד! ביי די אלע שבע חכמות, — האבן זיי זיך בלויז אויסגעמענ־טשעלט פון דרויסן; אינעווייניק זיצט אלץ די זעלביקע חיה, — נאר א קליין ביסל טרעסירט; און גאט זאל אפּהיטן: אז מ'זאל אויף איר וואַרפן א שטיין, איר צערייצן, האט זי טאקע נישט מער די באָרד, נאר גייט מיט דעם איצטיקן שכל, דעם פארביסענעם טריפהנעם שמייכל; דעם כאליערעדיקן, אין דער כאליערע, — גיפט און סם המות...

בקיצור: ס'איז צרות, ברודערשי, מיטן פראנט, — צרות אויפן פוד, אויפן מעטער, ווי מ'זאגט אצינד ביי אונדז: אויף דער ווינער אייל (די ווינער אייל ברויך, אפנים, — זיין די לענגסטע מאס!); ביז אהער, ווי לאנג מ'איז איינגעשטאנען ביי אפרים יאסלען (אזוי הייסט דא ביי די יידן דער עסטרייכישער קייסער, — פראנץ יאזעף), און געווען צוגעטיילט, כדבעי, צו זיין מדינה, צו זיין ווין, האט מע, מ'קען אפן זאגן, — וואס איז דא מורא צו האבן? פון קיין מלחמה נישט געוואוסט; איר געהאט אין ארבל; די זעלנער זיינע זענען געווען דזשאדעס, דזשעקעדזשעס, — און נישט קיין זעלנער; ווייסאך־וואס: טשעכן, סלאוואקן, סערביאנער, שמאנער, — נישט זיי ד'האבן געהאט א סיגל אויפצוהייבן א האנט, און נישט מ'האט פאר זיי מורא געהאט; די האבן געדאנקט גאט, — אז מ'לאזט זיי אפּ; און אז זיי קענען זיך ערגיץ צוטוליען ביי א ייד אין דער קיך, זיך ווארימען די פּלייצעס ביים אויוון, און אפּהיטן ס'טעפּל געקעכטס, — מ'זאל עפּעס קענען ארויסגראבלען דערפון; און אז כ'האב שוין גענומען ווין אין מויל אריין, וויל איך דיר זאגן: אז די יידן האבן שוין באלד מער געוואוסט פון אפרים יאסלס ווין, ווי פון זייער באגריע; אז מ'האט אנגעכאפּט א ייד: „וויפיל חיות זענען דא אין דער ווינער מענעזשאריע?” האט ער זיי אלע גלייך געוואוסט אויסצורעכענען; ווייל יעדער ייד, צוליב וואס ער האט נישט געזאלט פארן קיין ווין, — איז ער, ס'ערשטע, אוועק אנקוקן די אלע מיני חיות, וואס זענען פאראן, צוערשט אויף דער וועלט, און דערנאך, — אין שיינברונער גארטן. נאר וואו דען, אין באגריע האט ער געקענט זען חיות? א קרוליקל, א וועוויארקע, א האז, א מארדער, א טכויערזש, און די אויך, — טויטע; וואס א פויער פלעגט ברענגען פונעם דארף; אבער לעבעדיק, — ווי עס סמאטשקעט מיט די ליפּן, ווארפט מיטן עק, און ד'ונדלט זיך מיט די וואנסעס?

טיי מ׳זאָל צורעכענען די היימישע הידהלעך, און גראָד יאָ לעבעדיקע, ווי: וואַנצן, פּרוסאַקעס, פליי, ליַיז, ווערים, — נאָר וואָס איז מיט דעם אַלעם דער וואונדער, — מ׳זאָל ברויכן דערויף קוקן? און נאָך דעריבער צו מאַכן אַ ברכה? ס׳פּלעגט אויך אַראָפּקומען, אַלע דריי־פיר יאָר, — אַ צירק, וואָס האָט געהאַט זיין אייגנס אַ העלפאַנט, אַ טשערעפּאַכע, אַ טויטע שלאַנג, אַ מאַלפּע, אַ פּאַפּוגע, אַ רויטן האָן, אַ געלע הין, און שוין! וואו איז אַ וויזלטיר? אַ ים־הינט? אַן עגדיש? אַ קראָקאָדיל? אַ פּיפּערנאָטער? און, גאָט ווייסט, וויפיל נאָך אַנדערע ברואים? אין ווינער גאָרטן! אַז מ׳האָט אָנגעכאַפּט אַ ייד: „וויפיל סענטימעטער די לענג האָבן די וואָנסעס ביים קייסער פראַנץ יאָזעף? און ווי ברייט זענען די באַקן־בערד, זיינע?" האָט ער גלייך געוואוסט צו זאָגן. כע־כע, אַלע יאָרן אָפּגעדינט פאַרן רוסישן צאַר, פאַר אים אָפּגעשוואוירן, און אַזוי ווי דער עסטרייכישער האָט זיי אייַנגענומען, — מיט אים גלייך געוואָרן איין לייב־און־לעבן; כ׳ווייס נישט: צי ווייל ע ר איז אַזאַ גרויסער אוהב ישראל, און י ע נ ע ר, ימח שמו, — אַ צורר, — אפרים יאָסל האָט זיך געפּאַסט, און ווי געוועזן אָנגעמאָסטן צו זיין קייסער איבער די יידן! אַז דער קייסער מאַכט אַ ברית, — טרינקט מע אין באָגריע לחיים! דער קייסער גיט אויס אַ טאָכטער, — איז אין באָגריע ליהודים; מ׳שרייט מזל־טוב! הכלל, באָגריע איז געוואָרן די צווייטע האַנט פון ווין, ריכטיקער, — ווי אַ פאָדערהויז צו אַ שטוב: אַז ווין האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, — האָט מען אים אין באָגריע צעטראָגן איבער אַלע הייזער; אַצינד: וואָס־עפּעס, — איז מע געלאָפן קיין ווין; אַז ס׳האָט וויי־געטון אַ פינגער, — קיין ווין; מיט אַ צאָן־געשוויר, — קיין ווין (ס׳אי נאָך פאַראַן עמיץ, — וואָס זאָל זיך אַזוי ליב האָבן ווי אַ ייד?); און מיט אַן אויער, — אודאי און אודאי קיין ווין! וואָס האָט דאָס ביסל יידעלעך געהאַט צו וויינען, אַז זיי זענען איינגעשטאַנען ביי אפרים יאָסלען, — אַפילו ביי דער מלחמה? ס׳איז וועלכע פון זיינע מענטשן איינגעפאַלן, צו רעדן אַ שלעכט וואָרט וועגן זיי? צו פאַרטשעפּען אַ שטייערקע אויפן מאַרק? אַראָפּכאַפּן אַ בייגל פון שטעלכל? פאַרן ערגסטן פאַל האָט זיך געקענט אָוועקשטעלן אַזאַ סערביאַנער דזשאַד, אָנגעטון אין גראָען שינעל, מיט די צעקרימטע אויסגעדרייטע שיך, לענגלעכן היטעלע אויפן קאָפּ, — און שטיין, קוקן אין די אויגן אַריין: מ׳זאָל אים געבן אַ שטיקל ברויט! און יידן

האָבן דען געוואָרט, ביז ער וועט זיך אַזוי אָוועקשטעלן, — און אים דאָס שטיקל ברויט אָן אַלעם נישט געגעבן? נאַר, דאָס שטיקל ברויט? און זיך נישט געטיילט מיטן ביסל געקעכטס? מיט דעם ביסל „יושקע", — אויב ער האָט עס נאָר געהאַט? און אַזוי ווי אפריםם יאָסלס זעלנער האָבן זיך אָפּגעטון, געקריגן אַ כאַפּ, — איז געוואָרן פּנה הודם פּנה זיוום; אַ תל עולם פון באַגריע! אַז ס'האָט זיך אָנגע־הויבן די סדרה קאָזאַקן, אויסגעדברט זאָלן זיי ווערן, — מ'האָט אונדז איבערגעענטפערט צו זיי אין די הענט אַרייַן, — איז שוין געוועזן וואויל און ליכטיק אונדזער וועלט; און דאָס וואָס זיי האָבן אונדז פאַרטריבן פון דער היים, אונדזער שטאָט באַגריע פאַרברענט, דאָס רייכקייט אירס אָוועקגעשיקט מיטן רויך, — איז דאָס אַלץ נישט קיין פאַרגלייך, ווי זיי ברענען און בראָטן אונדז דאָ אויפן פּראַנט, פון וועלכן, מע האָט אונדז נאָך, לערת־ערתה, נישט פאַרטריבן, און וואו מ'וועט אונדז פריער גוט אויסמאַרדעווען, און דערנאָך ערשט פון אים פאַרטרייבן; פאַרוואָס? פונקט, ווי ס'וואָלט זיך געווענדט אין די יידן, — וואָס דער פּראַנט איז געבליבן דהענגען ביי דער שטאָט אויף דער נאָז; און אפשר ברענט זיי דאָס, טראַכט איך, — וואָס זיי קענען מיט דעם ביסל יידן גאָרנישט אויפטון? דערמאָן דיך נאָר: אונדז פאַרטריבן פון דערהיים, פאַרברענט די שטאָט, באַרויבט און באַגזלט פונעם ביסל אָרימקייט, וואָס ברויך מע נאָכמער? און נאָך דעם אַלעם, — זענען באַגריער יידן ווייטער בעלי־הבתים, און אויב נישט פון קיין הייזער, איז, לכל הפחות, — פון אַ שיין בעל־הבתישקייט; און גיי, הענג דיך און טרענק דיך, — פינצטערער קאָזאַק איינער! וואָס קען מע זיי שוין מער טון, — ווי מ'האָט זיי געטון, און געבליבן די אייגענע יידן, אין די זעלביקע לאַפּטשעס, מיט די זעלביקע שמאַטעס אויף זיך, און אויך מיט דעם זעלביקן פייערל אין די אויגן, — דאָס פייערל קענען זיי נישט אויסלעשן! איז דאָס נישט קיין געלעכטער? מ'נעמט אַ ייד, און מ'דישעט אים אַזוי לאַנג, דאָס ער ברויך שוין, לכל הדעות, — זיין טויט; שטעלט ער דערנאָך ערשט אַרויס אַ צונג, און ווייזט צען פייגן, מיט יעדן פינגער באַזונדער, — אַ פייג!

איך קלער, און מיט מיר נאָך אַזוינע גרויסע חכמים ווי איך בין, — וואָס זענען אויך אין דריבנען, אין עסק, און טראָגן דאָס אָדורך, ווי שווער ס'זאָל נישט זיין, — אויף זייערע איינגעהויקערטע

פלייצעס; פון וואַנעט ס׳דערנעמט זיך דער כח? און וואָס סע שטעקט אין דעם? נאָר, ווער קען עפּעס דערקלערן? ס׳אַ הימל זאַך! עפּעס, וואָס איז איבער אונדזערע כוחות! יעדעס מאָל, וואָס מ׳קריכט אַרויס פון אַ געשלעג אויף די פּראָנטן, פון אַן איבערקער, אַ צעשטער, — טויטע, דערהרגעטע, אָן איין גאַנצן אבר; קומען מיר, ס׳ביסל יידן אַרויס, — נאָכמער ווי צעשטאָכן און צעבראָכן, נאָכמער ווי טויט און דערהרגעט און מ׳טרייסט זיך, מ׳רעדט זיך איין: לא אלמן ישראל, — דער רוח וועט נישט נעמען; טאַקע נישט נעמען, אָבער פּאַר קלעפּ, אַז מ׳זאָל זיי נישט אַריינכאַפּן, און נאָך אַרנטליכע דערצו, קען מע זיך נישט פאַרהיטן; אויף דעם מוז מע זיין אָנגעברייט, און זאָגן: הנני! מה, פאַרוואָס? פאַרוואָס טאַקע נישט? אַז מ׳נעמט און מ׳פאַר־טרייבט ווי מ׳גייט און שטייט, מ׳פאַרברענט ביז צום העמד אויפן לייב, ביי טויזנט און זיבן הונדערט נפשות, — מיט איין קלאַפּ, און ס׳הייבט זיך ערשט גאָרנישט אָן; און זיי ווערן גלייך מגולגל אין נייע, לעבעדיקע יידן, פריש־צאַפּעלדיקע, וואָס שפּרייטן גלייך אויס לעבן אונטער די פיס, פול מיט טומל אַרום זיך... נו, אַזאַ זאַך קרענקט ווייניק? און דאָס איז אויסצוהאַלטן? און אז מ׳קען נישט מעביר זיין אַ קהילה, אַ גאַנצע שטאָט, פאַרדאָס, אַ יחיד, — פאַלט יאָ אַריין; אויב מ׳קען נישט אויסדישען אַ שטאָט יידן אויף איינמאָל, רייסט מע אַוועק איי־נעם, — און דאָ קען מע שוין קיין בריה נישט זיין; מע כאַפּט אַ ייד, פאַר דעם אייגענעם ווי מ׳האָט מיך, למשל, געכאַפּט; און, ס׳גילדערנע־גוטע, — אויב ער בלייבט לעבן, — איז דאָס שוין אַ געמיטשעט לעבן; וואָרן, אַרויסלאָזן ווי מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט, — דאָס איז נישט פאַראַן; דאָס האָט נאָר געקענט טרעפן מיט איין קלמן יאַנקל; אַז מ׳געפינט שוין גאָרנישט אויף יענעמען, קיין שום סרחה נישט, — און מ׳האָט אים נישט פריער דערהרגעט אויפס טויט, האָט מע אים כאַטש געמוזט דערהרגענען ביז צום טויט; און אַז מ׳האָט אים דערהרגעט ביז צום טויט, — איז נאָך אַלץ ווייניק; נעמט מע אים ערשט דערנאָך, און מ׳פאַרטוט אים; יאָ, מע פאַרטוט זיי, די יידן; מע פאַרשיקט זיי, וויפיל ס׳מאַכט זיך: הונדערט יידן אויף אַ מאָל, זיבעציק יידן, איין ייד, — זיי האָבן קנאַפּ וואו צו פאַרשיקן? אין סיביר (וואָס עפּעס, — זענען זיי גלייך דאָ מיטן סיביר זייערן!), — צי נאָך ווייטער ווי אין סיביר (סאַכאַלין איז נישט ווייטער? און קאַמ־

טשאַטקע?) און ס'איז אַלצאיינס, — ווי אין דר'ערד אַריין! ווייל, ס'גלייבט זיך גאַרנישט: אויב יענע, אויף וועלכע ס'איז אויסגעפאַלן דער ביטערער גזר, — וועלן אַפילו דערגיין ביז אַהין, און נאָך זע די לעבעדיקע וועלט פאַר זייערע אויגן...

דו וואַלסט געזען: ווי מ'האָט דאָ מיט אַ וואָך צוריק אַרויסגעשיקט אַזאַ עטאַפּ, — און וואָס ס'האָט זיך דאָ אָפּגעטון? די שטאָט יידן איז ווי אָפּגעשטאָרבן. אַפילו די אַלטע שטאָטישע מויערן, וואָס זענען געגנוג פאַרחושכט, — האָבן דענצמאָל נאָך חושכדיקער אויסגעקוקט; ס'האָט פון זיי אַראָפּגעוויינט. ביי אַלע געוועלבער זענען די טירן צוגעשפאַרט, און מ'האָט אַפילו הינטעגאַרומעט, ווי מ'טוט אין אַ חגא־טאָג, — קיינעם נישט אַריינגעלאָזט; אויף וועלכע כפּרות דאַרף מע האָבן ס'לייזונג? די בעטן זענען געבליבן נישט פאַרבעט; די מיידן האָבן זיך די קעפּ נישט פאַרקעמט, די פּאָדלאָגעס נישט פאַרקערט; אַלץ איז געבליבן הענגען אין דער לופטן! נאָך צוועלף ביי טאָג, אַז מ'האָט שוין געוואוסט: מ'גייט זיי פירן, — האָבן זיך אַלע גענומען שטופּן אויף דער נייער וואַרשעווער גאַס, ווייל דורך דער גאַס, גייט מע אַרויס פון דער שטאָט, און מ'קען גיין, — וואו מ'קען אַלץ גיין? די רוסישע מדינה איז קליין? ביים קרימינאַל, פון וואַנעט מ'וועט זיי אַרויסנעמען, — האָט מע געקענט זיין אומגליקלעך זיך צו ווייזן; איבער וועלכע גאַסן מ'וועט זיי טרייבן, — האָט קיינער נישט אָנגעהויבן צו וויסן; אָבער, אַז אויף דער נייער וואַרשעווער גאַס וועט מע קומען מיט זיי, — איז יעדער געווען זיכער; ווי אַ נאָך דען וועלן זיי אַרויסגיין פון דער שטאָט? דאָ וועט מע כאָטש קענען כאַפּן אַ קוק, אַ געשריי טון צו זיי, אַפּשליכצן שטיל: לך לשלום! און אַז מ'האָט שוין דערלעבט: די טירן פון קרימינאַל זאָלן זיך אויפמאַכן, — האָט מע גענומען לויפן איבער שטאָק און איבער שטיין; און מיט יעדער גאַס, וואָס מ'האָט זיי אַדורכגעפירט, — האָבן זיך אַלץ מער יידן געטוליעט אין די ווינקעלעך; נישט, חלילה, — איינאיינעם; און אויך נישט אויפן טראָטואַר; ווייל אויף ביידע זייטן זייערע, — זענען זיך געגאַנגען די קאַזאַקלעך אויף די פערד; און ווער דהאָט זיך דאָס געוואָלט צונויף־טרעפן מיט אַ קאַזאַק, און נאָך ווען דער קורבאַט האָט זיך ביי אים געדרייט אין דער לופטן? און זיך דעריבער געקריעט הינטער די ווענט... געקענט קוקן אויף זיי מיט גרויסע געשוואַ־

לענע אויגן פון וויינען, — פון די לעכער, פון הינטער די דעכער, און פארברעכן די הענט, זיך אויסקנייפן, ווער ס׳האט געוואלט, — שטיקער פון די באקן: ווײ, וואס ס׳איז זיי, נעבעך, צו דער האנד געקומען!" אויף זייער שלימזל, האט נאך דערצו געטריפט א דין רעגנדל, געצויגן אין דער זיבעטער ריפ (אז מ׳גייט טרייבן יידן, — וועט זיין שיין?) די גע־טריבענע יידן, קוים וואס ס׳חיות האט זיך אין זיי געהאלטן, — האט מע צונויפגעברענגט פון די מקומות, וואס ליגן, געווײנטלעך, אויפן פראנט; און, פארוואס? ס׳אי געווען געגוג: אז א ייד זאל שטיין, בשעת משתין זיין, מיטן פנים צו דער פאזיציע, — מ׳זאל אים צונעמען; וואס איז דא צו רעדן? צווישן זיי זענען פאראן א סך עלטערע יידן, ייִנגע, און ס׳איז פאר זיי אלע אנגעמאסטן איין טריט, א פוס־טריט אזוי־נער, נאך וועלכן זיי מוזן גיין: „איינס, איינס־צוויי, איינס־צוויי־דריי..." נו, קען דאס אן עלטערער מענטש צוגלייך מיט א ייִנגען? ווארן, עסן קענען זיי יא גלייך? און ווי אזוי זאלן זיי קענען גלייך אינאיינעם גיין? האלט אבער די נאגייקע, וואס ביים קאזאק אין דער האנט, אין דער מורא, — און מ׳גייט; א פאר איבערן קאפ מיט איר, און, — מ׳גייט; אז ס׳בלוט גיט א זעץ פון פנים, — טראגן די פיס אין דער לופטן: „איינס, איינס־צוויי, איינס־צוויי־דריי..." דריי בעלי־הבתים פון אונדזער באגריע, עליה השלום, — האבן זיך מיטגעכאפט; לא די, וואס זיי זענען קוים אנגעקומען אהער לעבעדיקע, האט מע זיי נאך געהייסן גיין ווייטער; ווי זיי וואלטן זיך נאך ביז אהער נישט געהאט גענוג אנגעגאנגען! לייביש מענדל דער לעדער הענדלער, מאיר וועלוול דער בעל עגלה, כאטש א בעל עגלה, — איז זיינס אויכעט א שאד; און, ראובעלע שוחט... ס׳אי דיר קשה די גאנצע זאך? ס׳הייבט דיך אונטער? אויף רשעורת, ברודערשי, איז נישט פאראן צו פרעגן קיין שאלורת... ס׳קען זיין: דאס אזא ראובעלע שוחט איז געשטאנען און געשאקלט טרויעריק מיטן קאפ: ווען ער זאל זיך קענען אריבער־כאפן צום רבין, וואס פון יענער זייט סמבטיון, און אים אריינרוקן דאס ריכטיקע קוויטל, — איז גלייך אויס מלחמה; און ער האט מער נישט באדארפט, ווי דאס שאקלען מיטן קאפ! ביי זיי האט דאס געקענט הייסן, — מי יודע וואס? אהינשאקלען מיטן קאפ? וועלוול בעל־עגלה האט זיך געקענט חלומען: דאס זיין שקאפע, וואס ער האט

אויך געהאט פון יענער זייט סמבטיון, — דערהאט געקריגן קאפוויטיק, און געחלשט איר צו גיין אנפאיען; און אז מיט א קאלטן טרונק וואסער, — וועט ער צונעמען ביי איר דעם קאפוויטיק ווי מיט דער האנט; און ער האט נאך א נס, — וואס מ'האט איבער פאר אזא מעשה רע געהייסן אוועקגיין מיטן עטאפ, — און נישט אראפגעצויגן פון אים דאס כאלאטל אויפן ארט; מילא, לייביש־מענדלען, דו זאלסט אנקוקן, — איז זיין שווארצע בארד, נאך איידער ער האט ארויסגעטרעטן פון דער שטאט, — נישט געווען מער שווארץ; דער שוחט, א ייד, א בן ששים, און אין די גוטע יארן, ביז ר'האט גערירט מיט דער האנט, — האט גענומען א יאר (אים דערפאר אוועקגענומען די שחיטה!), נו? האט מע, סך הכל, געוואלט: אז ער זאל גיין גלייך מיט וועלכן ס'איז אנגעפרעסענעם קאזאק! (אז דער קאזאק אליין איז גארנישט געגאנגען, נאר ס'פערד, אויף וועלכן ער איז געזעסן, — איז געגאנגען פאר אים!) וועלוול בעל־עגלה האט זיך, ווי ס'איז, — נאך געהאלטן ווי א שטיקל סטאטיק, אבער אויסגעזען האט ער, — א שענערן לייגט מע אין דר'ערד אריין; מיטן שוחט האט זיך דער קורבאט געמארדעוועט, און ס'בלוט האט זיך געגאסן ביי אים פונעם פנים... אז דער עטאפ דערהאט זיך דערוויטערט אויפן שאסיי, און געווארן פארהוילן פונעם נעפל, — האט זיך ערשט די שטאט יידן אומגעקערט אהיים, און ס'האט אויסגעזען, ווי מ'וואלט צוריקגעגאנגען פון בית־עולם, נאך א לויה; ס'אי געווען תשעה באב אין יעדער שטוב. וואס האבן זיך יענע יידן אנגעקערט מיט דער שטאט, דא? נישט קיין משפחה, נישט קיין קרובים, — און ביי יעדן א שטיק הארץ ארויסגעריסן...

אצינד, וואס וועסטו זאגן צו דער תליה, וואס מ'האט אויפגעשטעלט אויפן מארק? דו ווייסט, ווי א תליה אויף צו הענגען מענטשן, — זעט אויס? מיינסט אודאי, א סליפ מיט אן אויסגעבויגענעם שפיץ, א הוק, — ווי ביי א לאמטער? דו וועסט קיינמאל נישט טרעפן. אמרת: מ'הענגט, אז מ'ברויך, — אויך אויף א סליפ, און אויף א בוים; און א לאמטער איז א גאנץ גליק, — מ'האט אויף אים א ליכטיקן טויט! דאס איז אלץ, בשעת הדחק, אז מ'כאפט ערגיץ וואו א מענטש, און ס'אי נישט צו דער האנט, — מוז מע יוצא זיין מיט א סליפ, א קלאץ; אבער, א תליה, — א זיכערע, אויף וועלכע מ'קען דהענגען

עטליכע מענטשן מיט אַ מאָל... גלייב אָדער נישט, — איז אַ גאַנץ געוויינטליכע הושטאַווקע; נישט מער! געדענקסטו די הושטאַווקעס אין דער היים, ביי קי־באַב־טשי, דעם אַרמענער, — אויפן פּלאַץ? דער זעלביקער וואָס האָט אויך געהאַט צו פאַרקויפן יידישע צייטונגען, אויף דער לאַנגער גאַס? אַ תּליה: איין קלאָץ אַריינגעשלאָגן אין דר׳ערד, אָפּגערוקט אַ ביסל, — נאָך איין קלאָץ; און אַ קלאָץ אין דער הייך, פון איינעם צום אַנדערן, — שטאַרק פאַרפעסטיקט; נאָר אַנשטאָט הוקעס אויף אָנצובינדן אַ הושטאַווקע, ווי ס׳אי געווען ביי קי־באַב־טשי, דעם אַרמענער, אויפן פּלאַץ, — הענגען אַרונטער שטריק מיט שלייפן; אַז מ׳ברויך אויפהענגען, שטעלט מע יענעם אַוועק אויף אַ בענקל, מ׳רוקט אַריין דעם קאָפּ זיינעם אין אַזאַ שלייף, און מ׳נעמט עס ביי אים אַפּיר פון הינטער די פיס, — מער ברויך ער נישט! מיט עטליכע טעג צוריק האָט מע אַרויסגענומען דריי יידן פון די שטיבן, גלאַט אַזוי, אָן אַלעם, — און אויב ס׳אי וויניק, וואָס מ׳האָט מיט זיי אַזוי געטון טון, — האָט מע זיי נאָך געלאָזט אַ גאַנצן גייענדיקן טאָג הענגען, זיי זאָלן זיך וויגן ווי די טשוטשעלעך אויפן ווינט; פאַר שאַנקייט, מסתמא... אָדער, פאַר אַ מוסר השכל... אוי, וויי־געוואַלט, — מ׳זאָל זיי דאָס כאָטש געווען זאָגן, פאַרוואָס? נאָר גיי רעד צו דער וואַנט, — אַז מ׳האָט אַפילו צו דער וואַנט אויכעט מורא צו רעדן! עס שטייט דאָך די תּלידה! און ס׳אי וויניק, וואָס מ׳הענגט־אויף אויף איר, נאָר מ׳ברויך אויך הענגען אויף איר נאָכדעם, ווי מ׳האָט שוין אויפגעהאָנגען! מ׳לעבט אַ צ י נ ד, כאָטש מ׳ווייסט נישט, — צי מ׳וועט אויך לעבן ד ע ר נ אָ ך; און וואָס פאַר אַ צוקערלעקעכל מ׳וועט אונדז געבן צו פאַרזוכן... אַ קלאַפּ פונעם ווינט, אַ ציטער פון פענצטער, — און עס שטאַרבן אָפּ אַלע אברים, מ׳ווערט געליימט; וואָרן, ס׳אי נישט אַנדערש, צעגליט זיך גלייך דער קאָפּ, — ווי מ׳קומט צונעמען, אַרויסכאַפּן, אַוועקרייסן פונעם ווייב מיט די קינדער, — אויף וואָס האָט מע געמאַכט די תּליה אויפן מאַרק? און אַט אַזוי לייגט מע זיך שלאָפן מיט איר, קומט מע אויף מיט איר, און מ׳גייט ווידער אין בעט אַריין, אָדער אין קעלער אַריין, — איינשלאָפן מיט איר; ס׳אייגציקע און ג ו ט ע איז נאָך דערוויילע, און אפשר דאָס נ י ש ט גוטע, — וואָס מ׳קומט צוריק אויף...

און נאָענט, צוקאָפּענס אָדער צופיסענס, ס׳וועבדט זיך; ווי אַזוי

מ׳לייגט זיך, — מאָלט אַ מירזשער; און עס דאַכט זיך נאָר, — אַז די ערד וועט פון דעם מאָלן צעריסן ווערן אויף שטיקער, אויף שטיקער ערד; און ס׳וועט נישט מער זיין אַ יין ערד, נאָר שטיקער פון איר; און יעדעס שטיק באַזונדער וועט זיך אַרומטראָגן, ווי די אייגע, — פריער; רוסלאַנד, — אַ שטיק פאַר זיך; דייטשלאַנד, — אַ שטיק פאַר זיך; פראַנקרייך, — אַ שטיק פאַר זיך; ענגלאַנד, — אַ שטיק פאַר זיך; דער טערק מיט דער רויטער פעסקע, — אַ שטיק פאַר זיך; ס׳מוז דאָס זיין אַ יין ערד פאַר אַלע? (ווי אַזוי וועט זיין מיט די יידן, — אַז זיי האָבן נישט קיין שטיק ערד פאַר זיך? זאָל פון זיי גאָרנישט זיין?) און דעמאָלט וועלן זיי, איין מאָל פאַר אַלעמאָל, נישט קענען מער פירן קיין מלחמות צווישן זיך; פאַרקריכן מיטן דישל איינער דעם אַנדערן אין דער זייט אַריין.

בלייב געזונט, ברודערשי, גיב אַ גריס דיין יידענע, דיין גאַנץ בני־בית, און זאָג איר: דאָס אויב זי בעט נאָך צו עפּעס אין אַמעריקע, חוץ צום דאָלאַר, — זאָל זי זען, טאַטע־לעבן אין הימל, — אויסצובעטן איין זאַך: אַז דער מירזשער זאָל שוין צעבראָכן ווערן און אויפהערן מאָלן; אַראָפּנעמען צוביסלעך דעם קאָפּ. סיי, אַז די ערד זאָל דורכדעם צעריסן ווערן אויף אַזוינע באַזונדערע שטיקער, — מאַכט נישט אויס; זאָל ער...

מיני, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

דאָס עלפטע בריוועלע

קעלץ, דאָנערשטיק, ה׳ תמוז, פרשה: בלק, שנת: תרע״ה, לבריאת עולם.

לאהובי, ידידי, שאר בשרי, עם זוגתו תחי׳, מיט אַלע דיינע קינדערלעך, לאריכת ימים ושנים.

„געוו־אַ־אַ־לט!‟ כ׳שריי, נישט איך אַליין, נאָר אַלע יידן שרייען געוואַלט אין די גאַסן: אַז מ׳איז איבערגעקומען! מ׳האָלט שוין אַ שעה נאָך זיי, נאָך די קאַזאַקן, און מ׳איז דאָ, אין קעלץ, און מע לעבט; און אַז מ׳האָט דערצו דערלעבט, און מ׳זאָל נאָך לעבן, — וועט מע שוין, בעזרת השם יתברך, — לעבן; כאָטש מ׳האָט געוואוסט: אַז דאָס פאַנעווען זייערס, איז, — ווייל ס׳אי זיי אַ שעה פאַרן טויט; נאָר מען איז, נעבעך, אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, צוליב די איינע שעה, — וואָס מ׳קען דורך איין שעה אומברענגען יידן? און נאָכ־דערצו, — אַז די איינע שעה גערדויערט אַזוי לאַנג? אַ פּנים, יעדע שעה, וואָס פאַרן טויט, — געדויערט ימים ושנים; אָבער ס׳האָט זייער סוף אויך געמוזט קומען; און זיי זאָלן גיין אין גאָטס דר׳ערד אַריין, מיט דער תליה, מיט דעם סיביר זייערן און מיטן סאַכאַלין; ברוך שפטרני! און נישט בלויז איך זאָג עס, נאָר אַלע יידן פון קעלץ, פון באָגריע, פון כענטשין, פון כמעלניק, פון פינטשעוו, פון לאָפּעשנע, און אַלע שטעט און שטעטלעך וואָס געפינען זיך אין איר; און כאָטש מ׳טאָר נישט בעטן אויף קיין נייעם מלך, — זאָלן זיי פריער דאָרט צעברעכן די פיס, וואו זיי זענען, איידער זיי זאָלן דערלעבן צוריקצו־קומען. איך זאָג דיר: אַז עס ווערט נישט פריער ליכטיק, — ביז ס׳ווערט גוט פינצטער; און פינצטער איז שוין געווען, — אַז מ׳האָט די פינצטערניש געקענט שניידן מיט אַ מעסער. כ־כע... אַז מע זאָל וועלן אַריינקוקן ווי ס׳האָט זיך געפירט, זעט מע, — אַז נאָר ער איינער, און נישט מער קיינער, — קען עס באַנעמען; וואָרן, אויב מ׳האָט זיך אַ מאָל גענומען אין קאָפּ אַריין: אַז זיי וועלן איינעמען אַ וויסטן און אַ

ביטערן סוף, — וועט דאָס נישט אַנדערש זיין ווי אויך אונדזער סוף, און שוין אויך אויף אייביק; און אויב מ'וועט אונדז נישט אַנלייגן אויף דער קיפּע, — איינעם אויפן אַנדערן, איינעם אויף צען, איינעם איף הונדערט, איינעם אויף טויזנט, — און לאָזן עטליכע האַרמאַטן: זיי זאָלן אין אונדז אַריינהאַקן; אָדער, גאָר באַגיסן מיט נאַפט און אונטערצינדען, מ'זאָל אַלע פֿלאַקערן אינאיינעם, און ברויכן שרייען: שמע ישראל ד' אלוקינו ד' אחד!. — וועט מע פֿאַרגעווים מיט אונדז דאָ מאַכן ווי מ'האָט געמאַכט אין באַגריע; וואָס קען שוין זיין ווייטער? זיי וועלן אונדז אַרויסלאָזן אַן אַלעם? אַוועקגיין, און אונדז דאָ איבערלאָזן מיט אַלעם? און נישט מיטנעמען פֿון דאַנעט, — ווי זיי האָבן אונדז מיט־גענומען פֿון באַגריע, און מיט דער תליה? אונדז האַלטן אַנגעגרייט פֿאַר איר, אַז ס'זאָל זיי דאַרטן, חלילה, נישט אויספֿעלן קיין יידן צו הענגען? און דאָ, כ'זאָל דיר דערציילן, — ווי אַזוי ס'אי צוגעגאַנגען? גאַרנישט, — ווי מ'שטעכט אויף אַ בלאָטער: נישט מער, ווי אַ בלאָטער אויפשטעכן... אַזוי ווי מ'האָט זיך געריכט: יבא יומו, — זיי וועלן זיך ברויכן פֿאַרנעמען, ברעכן דעם קאַרק, און פֿון ביסל יידעלעך נישט לאָזן גאָר, — מה עשה הקב"ה, וואָס האָט גאָט געטון? זיי האָבן טאַקע געטראַכט און ע ר, — געלאַכט; אַז ע ר האָט געזען: ס'אי באו מים עד נפש, דאָס וואַסער גייט שוין איבער דער נאָז, און ס'ביסל יידעלעך בלייבט פֿון אונטן, צוגעדעקט, — האָט ע ר דאָס גענומען אין דער האַנט אַריין, און ס'איז איבער איין רגע געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

צוויי טעג פֿאַר דעם, איז די מלחמה געהאַט ווי אַוועקגעקומען: מ'האָט נישט געהערט פֿון איר, און אי ר נישט געזען: נישט דאָס ברומען הינטערן באַרג, נישט די פֿלי־פֿייגעלעך פֿון אויבן, — איבער די קעפּ; און מ'וואָלט זיך געקענט גיין לייגן שלאָפֿן, — גראָד ווי ס'זאָל גאָר אינגאַנצן נישט זיין מער קיין מלחמה, מיט אַ פּראָנט און פּאָזיציעס; נאָר וואָס, דאָס געיעג אויפֿן ביסל יידן האָט זיך גראָד אין די צוויי שטילע טעג געשטאַרקט, — און מ'האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכיאָגן נאָך זיי; ס'אי נישט אַריבער די שעה, טאַקע די שעה, — מ'האָט נישט געזאָלט צוכאַפּן פֿון ערגיץ אַ פּאָר יידן: פֿון דער גאַס אַראָפּ, פֿון אַ שטוב אַרויס, פֿון וואו ס'האָט זיך געלאָזט, — און זיי ערגיץ פֿאַרטון; איז דאָך אויפסניי געוועזן הימל עפּן דיך! קיין לעפל

געקעכטס האָט נישט געקענט אַרונטער, קיין טראָפּן וואַסער, — „איז שוין יאָ שטיל, און מ׳זואָלט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, — וואָס פאַר אַ כאָליערע איז ווידער אויף זייערע קעפּ?״ ביז דער קאָפּ האָט זיך געגעבן אַ ריר: „אַ־האַ! ס׳אי נישט בחנם!״ אַז ס׳איז אויף זיי געקומען דאָס, וואָס מ׳האָט אַזוי ד׳הייס דערויף געבעטן: דאָס אויסכאַפּעניש! דאָ איז מען שוין געבליבן שטיין פאַרגאַפט, און גאָרנישט ווי מענטשן וואָס זענען וואויל באַקאַנט אין תכסיסי מלחמה: „הע? נישט יענע שטיפּן זיך אויף זיי, שיסן נישט, דריזגען נישט, און זיי נעמען זיך גאָר איינפּאַקן? וואָס פאַר אַ מלחמה איז דאָס, — אַז מ׳זאָל זיך ברויכן פּאַקן ספּעקל פאַר איר?״ איך האָב מיך פאַרשטעקט אין אַ מויזנלאָך, און צוגעלייגט ביידע אויערן, ווי אַ דאָקטאָר צום האַרץ פון חולה, און האָרך, האָרך, — אויב מ׳קומט מיך נישט אַרויסקראַצן דערפון? כאַפּ אַלע ווײַלע אַ קוק אין דרויסן, און ס׳האַרץ, — אי עס שמעלצט זיך און אי עס ווערט צעריסן: נאָך אַ שעה, נאָך א י י ן שעה, און זייער געדעכעניש וועט נישט מער דאָ זיין; נאַר, טאַטעליבער, — מ׳זאָל נאָר אין ד ע ר שעה, אין די א י י נ ע שעה נישט פאַלן איבער זייערע הענט! אַלע מינוט גייט־אויף אַן אַנדערע פּאַטשט, און איינע ערגער פון דער אַנדערע: „ווער ווייסט, אויב זיי וועלן אוועקגיין אויף טרוקן? און דאָ פריער נישט פאַרברענען די שטאָט?״ אָדער גאָר אָנשטעלן זייערע האַרמאַטן: „בוך! בוך! בוך!״ אויף די הייזער מיט די יידעלעך אינאיינעם (און זיי וואָלטן עס אודאי געטון, — אויב זיי וואָלטן נאָר געקענט; און נישט באַדאַרפט כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס, און עוקר זיין); און, — נישט איבערלאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין? זיי וועלן אָפּגעבן דעם דייטש אַזאַ שמאַלץ גרוב? אַ שטאָט, — נאָר אַ ברכה צו מאַכן איבער איר; קיין עין הרע, — אַזוי פיל הייזער, בנינים, — אַלטע, נייע, גראָע און ליכטיקע; ס׳אי זיך, ב״ה, דאָ, — פון וואָס אויסצוקלויבן; און דאָס, — וואָס ס׳איז ערשט דאָ אין די הייזער? מ׳שמועסט, און דאָס כמעט ווי אויף זיכער, — אַז זיי האָבן אַזוי ליב דאָס ביסל יידן, דאָס זיי וועלן נישט איבערלאָזן קיין איינעם אויף אַ רפואה; אַזוי ווי ס׳וועט נאָר האַלטן דערביי, וועט מע, ווי אויף אַנדערע ערטער, — אַ שעה פאַרן רעכטן געדיכטן, — אַ געשריי טון: הולך! און נאָך ברויכן גיין פאָראויס, פאַר די קוילן, פאַרשטייט זיך; און מ׳גייט אַרום אָן קעפּ; די הענט

לייגן זיך נישט צו גאָר; צו וואָס וועט מע זיך נעמען, — אַז מ׳הענגט אויף אַ האָר! אין רעדלעך איז אַ פּחד צו שטייך, — מ׳זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן; זיי וועלן זיך גלייך אָנצינדן, און צעברענען: „הע? די ייִדעלעך? זיי פרייען זיך שוין אויף אונדזער מפּלה!” און אַליין צו זיין, מיט זיך, — איז נאָך ערגער; דער אייגענער שאָטן מאַכט דעם טויט; מ׳קריעט זיך הינטער די ווענט, און מ׳ברעכט זיך אָפּן די הענט: „איי, די שעה; די איינע שעה זאָל נאָר אַריבער ווי מ׳ברויך!” אָבער די שעה איז לאַנג, לאַנג ווי דער גלות, און וויל זיך גאָר נישט אויסנעמען; זייער פּאַקן זיך, אַפּנים, פאַרנעמט צו לאַנג. און וואָס איז דער חידוש? אַז, מ׳ברויך זיך אַרויסקלויבן מיט אַזאַ עשירות, — מיט אַ גאַנצער מלוכה! האָסט שוין געזען, ווי אַזוי אַ מלוכה ציט זיך אַרויס פון אירס אַ שטאָט? און וואָס האָט זיך נאָך דערצו, קען מע זאָגן, — איינגעגעסן אין איר גאַנצע הונדערט יאָר? ס׳אָפּילו כדאַי צו קומען פון אַמעריקע, זאָג איך דיר, — און דאָס צו־צוזען; און אויב דו האָסט אָפּילו די מלוכה טיף טייער אין דר׳ערד, און צו איר אַ האָרץ פון אַ טאַטער, — וועט דיך אַלץ דאָס בעל־הביתיש־קייט אירס באַרירן; און נישט קענען צוקוקן, — ווי מ׳צעברעכט, מ׳צעשלאָגט, און מע צעראַפּאַלצט אַזוינע טייערע געשניצטע שטולן; אַלטע, געגלייזטע וואָזעס, — וואָס זענען ווי צוגעוואַקסן צום אָרט; און וואָס פּונעם בלויזן אַרויסשלעפּן, — ווערט פון זיי אַ תל, אַ תל עולם! און איצט: האָט דאָך עפּעס אַ מלוכה אַרכיוון, פּאַפּירן, סאָב־דעס, קרימינעלער... וואָס טוט מע? ווי אַזוי גיט מע זיך מיט דעם אַן עצה? מ׳נעמט און מ׳לייגט־אויף אויף די וועגענער אַ גאַנצן סאָנד מיט אַקטן, מיט ספּראַוועס, — פאַר הרגענען מענטשן, מיט צען און צוואַנציק יעריקע וויראַקן, — וועלכע צעפאַלן זיך גלייך אונטער די הענט, און ס׳ווערט פון זיי גאָרנישט; אַ שטיקל פּאַפּיר אַהין, אַ שטיקל פּאַפּיר אַהער, — און ס׳אי נישט מער פון פאַרענט און פון הינטן; ס׳בלייבן איבער די גנבים ווי אָן די גנבות, — מ׳זאָל זיי מער נישט דהאָבן פאַרוואָס צו משפּטן; נאָך שענער: וואָס מ׳טרייבט די זעלביקע גנבים, נאָך די וועגענער מיט די צעוואָרפענע פּאַפּירן, — זיי זאָלן זיין די שומרים, די היטער פון זייערע מעשים, — קען שוין זיין גוט? און אויב דאָס איז זיך נאָך נישט צעפאַלן מיט אַלעם, — אַזוי זען זיי שוין, אַז דאָס זאָל זיך צעפאַלן; און, פאַרוואָס נישט?

נאָכדעם בלייבט מע שטיין ביי אַזוינע זאַכן, ווי: הייזער, שלעסער (קעלץ האָט אויך שלעסער, פּאַרצייטישע!), — וואָס טוט מע? אַ בריקל איבערן וואַסער, בריקן פון דער באַן (מ׳קען דען בריקן מיט זיך מיטנעמען?) סתם געשטעלן, געפלעכטן, וואָס נישט פון היינט און נישט פון נעכטן; און מע מוז זיך מיט דעם צעשיידן, ווער ווייסט, — אויב נישט אויף תמיד? נו, גליסט זיך דאָס אַלץ אַזוי אָפּצוגעבן מיט דער ברייטער האַנט? לייגט מע דאָ אונטער אַ שטיק דינאַמיט, מ׳לייגט ד אָ ר ט אונטער, און, — טראַ־אַ־אַ־ך! אַ מויער ליגט צוזאַמען, אויף דער קיפּע; אַ בריק אַרויסגעזעצט; אַ קאַזאַרמע אויפגעריסן; אַן אויסגעליידיקט שפּיטאָל, צי אַ פּוסט קרימינאַל אונטערגעצינדן, — אַז ס׳זאָל ברענען, פלאַקערן, אַוועקגיין מיטן רויך; אַלץ, — דאָס גאַנצע מענטשליכע האָב־און־גוטס, וואָס איז געוואָרן אויפגעקליבן אין משך פון הונדערט יאָר, און נאָכמער...

דער טאָג איז קוים מיט צרות אַוועק, און ס׳האָט זיך אָנגעריקט אַ נאַכט פון דינאַמיט, פון אויפרייסן, פון פייער, פון רויטע הימלען, און, — די שעה, די א י י נ ע שעה האָט זיך אַלץ נישט געוואָלט אויסנעמען; וואָס טוט מע מיט ד ע ר שעה? און ווי אַזוי קען מע איר דערקירצן, — אַז זי זאָל זיך נישט ציען קיין טעג מיט קיין נעכט? און ברויכן קוקן אַזוי לאַנג דעם טויט אין די אויגן אַריין? שלינגען דינאַמיט, פליענדיקע מויערן, ווענט מיט בריקן? ערשט קעגן טאָג האָט זיך, אַ פּנים, אָנגעהויבן דערנענטערן דער סוף אירער; זיך אויסנעמען די שעה, און צומאַכן אירע אויגן; פריער איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בית־עולם; ווי ס׳וואָלט נישט געווען מער שוין וואָס אויפצעריסן; פון די הימלען האָבן גענומען אָפּגיין די פייערן, און זיי האָבן צוריקגעקריגן זייער געוויינטלעכע מראה; ס׳האָט זיך אויסגעזען, ווי דעם חולה וואָלט בעסער געוואָרן, — און ער זאָל גאָר האָבן אַרויס פון אחריות; דער קאָפּ האָט גלייך גענומען ברעכן: ווער ווייסט, צי ער וועט זיך דאָ נישט אַרויסקראַבקען מיט אַלעם, און זיך צוריקשטעלן אויף די פיס? און, ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? אַז דאָס ביסל יידעלעך האָבן זיך כמעט ווי געפרייט, — וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט; נישט מחמת, מ׳קען ביי זיי אָפּלעקן אַ ביין, — ווערן זיי געהרגעט; זיי האָבן אונדז שוין מיט דער תליה, און מיט דעם סיביר, — אַזוי מקצר געווען ס׳לעבן, — אַז ס׳אי שוין נישט געשטאַנען פאַרן ביין;

נאָר, אײדער צו װערן אױסגעשאָכטן, צי גאָר אַװעקגעטריבן, װי פֿון באַגריע, — און זיך סײ װי נישט שײדן מיט דער תּליה און מיט דעם פֿינצטערן סיביר, — איז דאָך שױן בעסער אַזױ װי ס'איז; װאָס דאַרף מען נאָך אַרױסגעטריבן װערן, — דערצו? װאַרן, „װאָס איז דער טױט?״ — האָבן זיך די ײדן גענומען חקרנען, — גאַרנישט; װײניקער פֿון גאַרנישט, אָבער, — דאָס שטאַרבן? װער האָט דאָס ב'כּדי צו שטאַרבן?״ דו ביזט שױן געװען דערבײ און געזען, װי אַ מענטש שטאַרבט? װי ביטער ס'קומט אים אָן דער טױט? אָבער, אַז מ'אי שױן טױט? איז, — נאָ פּלעװאָט! מעג מע אַרױסרײסן אַ פּולקע פֿון הינטן! נו, איז נישט גלײכער, — מ'זאָל דישען װי ביז אַהער, מאָרדעװען, — אײדער איבערצוקומען אַזאַ זאַך, װאָס מ'זאָל ברױכן שפּילן בײ איר אױף דער מערכה: אַז מ'קען טאַקע װערן אױסגעלײזט מיטן שטיקל חיות, — אָבער עס קאָן אױך פֿאַרלירן; און אױב אַזױ, — װאָס טױג װידער די גאַנצע מעשׂה? אַז דער דײטש זאָל אַרײנקומען, — און נישט האָבן מער צו װעמען? אַלע זאָלן ליגן מיטן בײלעק קאַפּױר? אױב אַזױ, איז דאָך גלײכער: אַז די קאָזאַקן זאָלן בלײבן, און ס'ביסל ײדן מיט זײ, — אין דעם זעלביקן קעלץ, און מיט דער זעלביקער תּליה; און, אגב, נישט ברױכן אױפֿסנײ אָנקומען צו מענטשן: זײ זאָלן אונדז שענקען פֿון אַ קאַכלעפֿל, אַ קװערטל, אַ שעפּ, אַ פּאָר טעפּ, אַ מלבוש אױפֿן לײב צו נעמען, — און אױך אַן אָרט װאו איבערצונעכטיקן; און אַלעמאָל טרעפֿט מע באַלד, װי די באַגריער ײדן האָבן געטראָפֿן, — אױף אַזאַ שטאָט מיט ײדן װי אין קעלץ? אָבער אײדער װאָס און װען, די קאָזאַקן האָבן זיך געקענט אױס'ישובן: װאָס מ'זאָל דאָ טון מיטן ביסל ײדן? האָבן די העגער אױסגעקרײעט: קו־קע־רי־קו! און דער דײטש איז שױן, מיט מזל, דאָ! די קאָזאַקן זענען געװען אין דער שטאָט, — און ער איז זיך אַרײנגעגאַנגען, װי קײנמאָל גאַרנישט; און גראָד אין דער ריכטיקער מינוט, װי ער װאָלט געװאוסט: אַז דער אײנציקער אַפּהאַלט, װאָס די קאָזאַקן גײען נאָך אַלץ נישט אַװעק, איז, — װאָס זײ קענען זיך נישט אױס'ישובן מכּח דעם ביסל ײדן; און געקומען זײ זאָגן: מכורת אין האַלדז, בלאַטערן אױף דער צונג, — יאָ, נאָר נישט די ײדן; זײ בלײבן דאָ איבער; און װי מײנסטו, איז געבליבן? נישט, װי דער דײטש האָט געזאָגט? די קאָזאַקן האָבן קױם געקענט כאַפּן די פֿיס אױף די פּלײצעס, און זיך געלאָזט לױפֿן אין

גאַלאָפּ, — וואו די פערד האָבן זיי נאָר געטראָגן! איבער אַ רגע, — נישט מער געווען קיין היגע; אויף עטליכע פון זיי, וואָס האָבן נאָך געקלערט זיך אַקעגן צושטעלן, — האָבן די דייטשן גיך אָנגעשטעלט די כּלים זייערע, געמאַכט: פּוק, פּוק... און יענע זענען גלייך אַרונטערגעפאַלן פון די פערדלעך, טויטע... והעיר קעלץ, — צהלה ושמחה; ס׳ביסל יידן איז געבליבן על מקומם!

גלייך ווי דער פּראָנט האָט זיך אַוועקגערירט, נישט מער געווען, און די וועלט האָט זיך אויפגעמאַכט פון ד ע ר זייט, — האָט מע שוין גענומען טראַכטן פון אַרויסלאָזן זיך קיין ווין (דאָס אַלטע ווין!), — נאָר, ווי אַזוי? אַז דער דייטש איז גאָר אַריין. און נישט מער קיין מאָסקווע, קיין פּעטערבורג, קיין סיביר, און אפילו נישט קיין סאַכאַלין (מ׳האָט זיי שוין דאָס מוחל געווען מיט קנין און מיט מנין); אָבער, אַז איך האָב שוין געהאַט דאָס שטיקל לעבן ביי זיך אין די הענט, — אויף וועלכע כּפּרות דאַרף איך די וועלט? און זיך בעסער גענומען גרייטן קיין באָגריע, — אַ קוק־טון אויפן שטיקל ערד; וואָרן, מער ווי דאָס שטיקל ערד איז דאָך דאָרט נישט געבליבן; ס׳האָט מיך אָנגעכאַפּט, כ׳ווייס נישט ווי צו זאָגן, — אַ גרימעניש אין בויך, אַ בענקעניש, און צי מיין ווייב האָט געוואָלט, צי נישט, — זיך תיכף ומיד איינגעפּאַקט, משטיינס געזאָגט: וואָס כ׳האָב געהאַט איינצופּאַקן? גענומען די קליינע חברה קאָטש־קאַלב, — געדענקסט נישט ווי אַזוי? צוויי פון פאָרענט, צוויי פון הינטן, דעם טלית הינטערן אָרעם, דאָס קלימיקל אין האַנט, און ויצא קלמן יאַנקל מבאר שבע, דאָס הייסט: פון קעלץ, וילך חרנה, — און ער האָט זיך געלאָזט גיין קיין באָגריע. און אַזוי ווי כ׳האָב געשטעלט אַ פוס, — בין איך גלייך אַרויף אויפן פּראָנט, עליו השלום, — וואָס ד׳האָט זיך דאָ געהאַט באַזעצט אויף אַזוי לאַנג, און עקשנותדיק איינגעגעסן; דער פּראָנט איז שוין איצט נישט מער געווען; ליידיקע גראָבנס, — אויף לאַנגע שטרעקעס און פּאַסן, — האָבן זיך געצויגן איבער אַ וויסטע לענג, — וואו ס׳איז האָט נאָר געקענט כאַפּן; אויסגעהוילטע גראָבנס, — אָן איין לעבעדיקן זעלנער. ס׳האָבן זיך געוואַלגערט באַגנעטן, שינעלן, מאַנטלען, — דאָס איבערבלייבעניש פון די זעלנער, — וואָס האָבן זיך אין זיי געצאַפּעלט חדשים נאָכאַנאַנד, — אונטער טונקל רויטע הימלען; אין זיי געטאָגט און גענעכטיקט, און זיך געהאַט ווי איינגע־

מויערט, — פֿאַר די קוילן פֿון די האַרמאַטן און אַלערלײ אַנדערע כלי־זיין; דאָס איז אַצינד געלעגן הפקר, און מ׳האָט זיך געקענט אָנעמען מיט דעם אַלעם גוטן, — וויפֿיל ס׳האַרץ גליסט; ליידיקע גילזן פֿון קוילן, שאַכטלען פֿון סאַרדינען, און זיך אַפֿילו אָנלאָדענען מיט שווערע, נישט אויפֿגעריסענע, — גראַנאַטן; כ׳האָב מיך דאָ אויך נישט לאַנג פֿאַרהאַלטן, — ווײַל כ׳בין שוין געווען אַזוי זאַט מיט דעם אַלעם, אַז דאָס איז מיר געקראָכן פֿונעם האַלדז; באַגריע האָט מיך געצויגן, ווי מיט שטריק: „קום אַהיים, — און לאָמיך דיך שוין דערלעבן צוריק צו זען פֿאַר די אויגן!" כ׳האָב אַדורכגעשניטן די אַלע זיג־זאַגן פֿון די מוראדיקע גראָבנס, — אַרײַן און אַרויס פֿון זיי מיט די זעק און פּעק; ביז כ׳בין אַרויף אויפֿן וועג, אויף יענעם וועג, וואָס מ׳איז אַ מאָל אַרויסגעגאַנגען אויף אים, אין יענעם פֿינצטערן פֿאַרנאַכט, — און פֿון דער זעלביקער שטאָט; ווען די קאָזאַקן האָבן געשאַלטעוועט און געוואַלטעוועט, און גייענדיק, געטריבן געוואָרן פֿון זיי, — וואו זענען זיי איצט, די קאָזאַקן? אין דר׳ערד זענען זיי, און אין דר׳ערד וועלן זיי זיין; ס׳ביסל יידן איז געבליבן, און זיי גייען איצט צוריק קיין באָגריע, אין זייער באָגריע, — כאָטש ס׳איז נישטאָ פֿון איר מער ווי אַ שטיין און אַ ביין; גייענדיק אַזוי איז מיר געקראָכן אין קאָפּ יעדעס הײַזל, — דו געדענקסט דאָך די באָגריער הײַזלעך, נאָך פֿון מלך סאָביעסקיס צײַטן, — מיט זייערע הויקערס, פֿאַרשימלטע דעכער, שוואַרצע לעכער, ירושה־ווענט, פֿייערמויערן, פֿאַרצייטיקע גאַניקלעך... כאָטש כ׳האָב געוואוסט, אַז דאָס איז שוין פֿון לאַנג אויפֿן עולם האמת, פֿונדעסטוועגן האָט מיר יעדעס מאָל אַ זעץ געטון אין האַרץ, — ווען ס׳אי מיר אַנטקעגן געקומען אַ דאָרף, פֿון וועלכן ס׳אי נישט מער געבליבן ווי די אָפּגעברענטע מויערן, די קוימענס, אַ בינטל צעשאָבערטע ווענט, און דאָס ערשט, — אַרומגעברענט; און ס׳האָבן מיר גענומען פֿלאַמען די באַקן, די שלייפֿן צו רידערן: „באָגריע־לעבן, דו מוזט, געבעך, אויך נישט האָבן קיין שענער פּנים, — און אויך נישט בעסער אויסזען!" כ׳האָב זיך געמאַכט אַ האַרץ: און געגאַנגען ווייטער, און וואָס מער כ׳האָב פֿון זיי געוואָלט אַוועק, — מער זענען זיי געקראָכן אין די אויגן, אַ דאָרף נאָך אַ דאָרף: ווענט, קוימענס, שטיקלעך מויערן, שאָבער, זשנק, — סימנים ווי פֿון אַ שווערע קרענק; ביז מ׳האָט, אָפּגייענדיק כמעט דעם גאַנצן טאָג, —

זיך, סוף־כל־סוף, אפגעשטעלט צווישן א הויפן סקעלעטן פון פאר־ברענטע הייזער, חורבות, — פארוואקסענע מיט מאך, און זיך פארטראכט: „הע? לויט דעם מהלך וואס מ׳איז שוין אפגעגאנגען, — האט מע, אייגנטלעך, באדארפט זיין אין באגריע; זאל מע איר שוין האבן אריבערגעגאנגען, — און מ׳דארף זיך פארנעמען אויף צוריק? וואו קען ערגיץ זיין די שטאט? און אפשר איז שוין מער קיין שטאט נישטא? און ס׳אי מיר גלייך פינצטער געווארן אין די אויגן: די סקעלעטן, די ווענט, די קוימענס, קען זיין, — זענען נישט פון באגריע; אבער דער בית־עולם, ווען אפילו מ׳וואלט געוואלט: ער זאל נ י ש ט זיין, — איז ער אבער יא פון באגריע; אט שטייט בפירוש אנגעשריבן אויף דער מצבה, וואס שטייט נישט נאר ליגט אומגעלייגט: „פה נקבר הצדיק, הגאון, ר׳ קלמן יאנקל בן יוסף הקטן...” דער עלטער זיידע, וואס איך ד׳הייס נאך אים; אזוי האב איך געזען, ווי־געשריגן, — — אז דא איז עס... וואו דען ליגט דער עלטער זיידע, אויב נישט אין באגריע? און, אז אונדזער באגריע האט אויך אזא שיין פנים, און אויב נישט קיין שענערס, — פאר יענע אלע קליינע און גרעסערע דערפער, וואס זענען אונדז אנטקעגן געקומען; איך האב געזען: ווי מ׳האט זיי אלע אפגעמעקט ס׳פנים, און ווי מ׳האט ביי באגריע אפ־געמעקט ס׳פנים, — זאלן זיי נאר געהרגעט ווערן, דארט וואו זיי זענען; נישט אנדערש, ווי די גאנצע מלחמה, מיט אלע אירע זעקס און דרייסיקער, צוויי און פירציקער, — האבן זיך דא געדרייט און גע־פרייט, אין דעם ארימען באגריע, אז זיי זאלן איר קענען אזוי צערעכט מאכן... מיין ווייב האט שוין נישט געקענט זיין אזא קאלטע לונג־און־לעבער ווי איך, — פארט א יידענע; אז זי האט געזען די בראך, — האט זיך אלץ ביי איר אפגעריסן, דער גאנצער חורבן איר אריין אין די ביינער, און זי איז געגעבן א פאל־צו צו די שטיינער, זיך אוועק־געלייגט א פלאך, און ס׳האט גענומען ארויסקומען פון איר, ווי צו־קאפענס פון א קבר, א קבר איבער א שטאט, וואו א גאנצע שטאט ליגט באגראבן:

— באגריע, ווי דו זעסט אויס, — א בראך איז מיר!

—באגריע, מ׳האט דיר, נעבעך, גוט צום קאפ געזען, — א בראך איז מיר!

— באַגריץ, אַ שיינעם תכלית האָט מע פון דיר געמאַכט, — אַ בראָך איז מיר!

ביי מיר האָבן זיך געדרייט די אויגן אין קאָפּ; געדרייט אַהין, אַהער, — מילא, דאָס הויז ווי דאָס הויז, אָבער דאָס שטיקל ערד פונעם הויז, — האָט דאָך דאָ ערגיץ געמוזט בלייבן, ניין? און גיי זיי אַ נביא און טרעף, וואו? איך שטיי און קוק: דאָ, יאָ, — האָט גע־ברויכט זיין דער מאַרק; דאָ אַרונטער, גיב אַ קוק, מיין ווייב, — איז דאָך געווען די טאַרגאָווויסקע; אַהערצו־צו, גיב אַ קוק, — האָט גע־ברויכט זיין דאָס שול־געסל; און אויף יענעם אָרט, נישט אַנדערש ווי אויף יענעם אָרט, — איז געשטאַנען די שול; און אַז די שול איז דאָרט געשטאַנען, איז פון דער רעכטער האַנט, אַז מנייגט זיך אַ ביסעלע אַראָפּ פון שטעגל, — געווען דאָס הקדש; און, סך הכל, צען טריט פונעם הקדש, — איז געשטאַנען אונדזער הויז, אַ? וואָס זאָגסטו, יידענע! דו געדענקסט נישט די ביטערע הריגות פון די משוגעים? קום אַהין, און לאָמיר זיך, אין אַ מולדיקע שעה, — באַזעצן; ווי? עס וועט עמיץ צוקומען, — אַז זיין הויז איז געשטאַנען אויף דעם אָרט? און, אַז כ'האָב געמאַכט אַ טעות אין חשבון? מילא, אויף דערויף איז דאָך פאַראַן אַ רב; דער רב איז דאָך געבליבן לעבן... זעץ דיך אַוועק, מיין ווייב, מיט די קינדער... לייג אַוועק די בעביכעס... אַזוי... מ'איז שוין צוריק אין דער ה' ים, — אָך און ווייַ... דאָ איז זי, — אָך און ווייַ...

און אַזוי זיצנדיק, איז מיר אַריינגעפאַלן דער קאָפּ צווישן די פיס, און פאַרזינקען געוואָרן, מי יודע, — אין וואָס פאַר אַ טיפער טיפעניש; און כ'בין, איבער אַ מינוט, געזעסן רייטנדיק אויף אַ פייערדיקן וואָגן, מיט אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ... אַ כרנר... און פון אונטן זענען געלעגן גאַנצע בערג מיט שקצים ורמשים, שלאַנגען און עקדישן... וועלכע האָבן געהויבן די קעפּ צו מיר... די אויגן זענען ביי זיי געקראָכן פון די לעכער... און זיך געריסן די העלדזער... נאָר דער רייטוואָגן האָט זיך געשניטן מיט מיר איבער זיי אַלע, — אין דער הייך; אַזוי קעניגלעך גלייך, און אַזוי סאַמעט־ווייך האָבן געגלעט די ווינטלעך; פון אַרום האָט זיך געטראָגן אַ געזאַנג, אַ געזאַנג וואָס קען נאָר קומען פון די הימלען, און פון די מלאכים: „אתה בחרתנו מכל העמים" —

— — — — — כ'ווייס נישט: ווי לאַנג דער קאָפּ איז מיר געלעגן אַזוי

פאַרהאַקט צווישן די פיס, — ביז כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט דורך אַ קלאַפּ, וואָס האָט געקענט זיין פון אַ האַק, אַ האַמער, צי סתם אַ שטיק אייזן; און אַז כ׳האָב שוין אָפּן געהאַט די אויגן, האָב איך זיך נישט געקענט צוגלייבן: וואָס כ׳זע... הע? פּלאי פּלאים! כ׳בין דאָך ערשט געווען אַליין, איינער אַליין אויף די חורבות, — וואָס זענען אַ מאָל געווען הייזער פון אַ שטאָט; און דאָ דרייט זיך שוין אַרום די גרעסערע העלפט יידן מיט ווייבער, וואָס האָבן זיך פריער אין איר געפּאַרט און געמערט, געהאַט קינדער, זיי אויפגעברענגט צו אַלעם גוטן און צו אַלעם בייזן. אפּנים: אַזוי ווי איך, קלמן יאַנקל האָב זיך מיישב געווען, — האָט אויך האַלב באַגריע געהאַט דעם זעלביקן ישוב; און איידער איך האָב נאָך רעכט אין זינען געהאַט עפּעס צו טון, — האָט שוין שלום בעדער פון ערגיץ געשלעפּט אַ ברעט, און דאָס געזוכט צו פאַרלייגן צווישן דער וואַנט מיטן קוימען, — ס׳זאָל כאָטש עפּעס זיין איבערן קאָפּ; דאָבע, די זאַגערקע: געהאַט באַזעצט איר קליינוואַרג, דאָרט וואו איר אָרעם שטיקל כאַטקע איז געשטאַנען, און שוין געוואָרימט אַ ביסל וואַסער אין אַ טעפּל, — אויף עטליכע שפּע־נער; שלום סופר איז געשטאַנען אויף דעם שטיקל קרקע, וואו ס׳אַ מאָל געווען דאָס הייזל זיינס, און פון וועלכן ס׳אַפילו נישט געבליבן קיין אָנצייכעניש פון אַ שטיקל מויער, פון אַ שטיקל קוימען, און ס׳האָט אויסגעזען, — ווי ער שטייט אין מיטן דער וועלט; ער האָט זיך עפּעס געשאָקלט פאַרטראַכט, אַזוי ווי זיך געבויגן, און מיט אַ מאָל צענומען דעם טלית, זיך איינגעהילט אין אים איבערן קאָפּ, און אויפגעהויבן די הענט צו די הימלען, וואָס האָבן זיך ווי געבויגן, און געלייגט הכנעהדיק צו זיינע פיס; און מיט אַ ציטער אין קול אויסגערופן: ברכו את ד׳ המבו־רך! און ביי אַלע יידן, וואָס האָבן געהאַקט, גע־בראָקט, — איז ווי דורך אַ כישוף אַרויסגעפאַלן פון זייערע הענט: די האַק, די זעג, דער האַמער, — און זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, מיט די קעפּ אַרויף, פול מיט יראה, און אויפן קול, אָפּגעענטפערט: ברוך ד׳ המבורך, לעולם ועד!

ס׳איז געווען זומערדיק קיל, אַ ווינטל האָט געגלעט, אַ בלאָער הימל מיט ווייסע וואָלקנדלעך, — ווי צעוואָרפענע יריעות; זילבערנע פאַרמעטן מיט באַגילדטע עץ־חיימס, — צווישן זיי; טרערעלעך ווי דראָבנע פערעלעך, — האָבן געגומען פאַלן; ס׳מאָלן פונעם וואַסערל

האָט זיך דערדערהויבן, ס׳קוואַקען פון די זשאַבעס געוואָרן מער ציטער־ריקער, און ס׳טרילערן פון פייגל, — אַנגסטליכער; אַלץ האָט זיך צוגויפגעגאָסן, און באַהאַפטן מיט דער קדושה פון די יידנס:

ברוך ד׳ המבורך לעולם ועד!

אַצינד בין איך אין דער היים; כאָטש די היים באַשטייט נישט מער ווי פון דעם גאַלן שטיק ערד, — נו, וועל איך מיך זעצן זאָרגן אויף צדוקס בריקל? אז מ׳איז געבליבן לעבן, איז אב אַ פּאַטער, קדר אַ טאָטער, — און דאַרפן געבן צום לעבן; מ׳קען דאָך מיטן בלויזן לעבן, ווייסט יעדער, — נישט אַדורכקריכן; מע מוז דערצו האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ לעק פּוטער און אַ פּיצל פליישׁ, זאָל זיין. באַלד איז שניט, די פּויערים וועלן אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער, און מ׳וועט שוין, מסתמא, פאַר קיין הונגער נישט אויסגיין; מאַן דיהיב חיי יהיב מזוני; דערווייל בין איך גאַל, אָדם נאַקעט, — ווי נאָך אַזאַ שריפה און אַזאַ מגיפה; נאָר וואָס קען מע טון? און צו וועמען עפּעס דהאָבן? אַז, ס׳אַ מכות מדינה; און נישט פון אייגע, נאָר אַ סך; אין גיכן, אַז כ׳וועל מיר האָבן צוגעריכטעוועט אַ פּאָר ווענט מיט אַ שטיקל דאָך איבערן קאָפּ, — אין וועלכן כ׳בין שטאַרק עוסק, — וועל איך דיר ווייטער שרייבן; מען מוז, פאַר אַלעם, — בעטן אויף מנוחה; די מלחמה זאָל שוין איינעמען אַ סוף, אַ מיתה משונה, — און ס׳זאָל ווערן שלום; יענער שלום, וואָס מ׳קוקט אַרויס אויף אים, — מיטביידע אויגן; און אַלע פּאַרוואָגלטע, נישט בלויז פון באַגריע, — זאָלן זיך אויך קענען אומקערן, ווי לאַנג זיי לעבן נאָך, — אַ היים; זאָל זיין אַ צעבראָכענע, אַ צעשטאָכענע, — נאָר אַ היים; און זיך קענען אָוועקלייגן ווי דאָ, — אויף דעם שטיק ערד, און די קוילן זאָלן נישט פליען צוקאָפּענס, און פייפן; די גראַנאַטן הוזשען, און דער הימל זיך אַזוי בלוטיק רויט אָנצינדען.

זיי מיר געזונט און שטאַרק, דו מיט דיין ווייב און דיין גאַנץ בני בית, און גאָט זאָל העלפן: אַז מ׳זאָל בקרוב זיך דערלעבן צו פרייען איינאיינעם מיט דיר, אין אַמעריקע; מיין ווייב איז שוין מיד

פון דעם אַלעם, און ווילסט זיך אָפּרוען; אויב דו וועסט איר שרייבן, — דאָס דאָרט וועט זי דאָס קענען.

מאַמי, דיין גליד־געשוועסטער־קינד, —
קלמן יאַנקל.

והעיקר שכחתי:

כ'האָב מיך צוריקגעהאַלטן מיטן באַלייגן פון דעם בריוו, ווייל דו וועסט דאָך אודאי זיין אַ בעלן צו וויסן, — ווי ס'לעבט זיך? און ביי דער נייער מערכה? ווילסט איך דיר זאָגן: אַז די גדולה איז אַריבער; מ'האָט זיך אָפּגעקילט. און ווי ס'וועט ווייטער זיין? ווער קען זאָגן עתידות? זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, — איז די נבואה איבערגעגעבן געוואָרן צו די נאַראָנים; און פאַר קיין גאַנצן נאַר האַלט מיך אַפילו מיין ווייב אויכעט נישט. פון גליקן איז אָפּגערעדט. מ'קען שוין נישט מער ביים דייטש באַגליקט ווערן; און דערווייל איז דער דייטש אין זאָטל; ס'איז זיין מדינה, און די יידן, — זיינע יידן! מ'האָט נישט קיין גרויס נחת פון אים. — נאָר וואָס קען מע טון? ס'לעבן איז געדריקט... נאָר דאָס איינע: אַז מ'זאָל ביי אים זיין איינגעשטעלט, — איז מע נישט; די נאַכט איז מיינע; אַז כ'לייג מיך שלאָפן, ווייס איך, — אַז כ'שלאָף; פּרנסה איז שוואַך. מלחמה איז ערגיץ העט, — אין די מרחקים; נישטאָ מער קיין האַרמעס זעלנער, קיין שום אויפגערודער פון חיילות, — זיי האָבן זיך אַריבערגערוקט העכער, דהעכער צו מזרח, ערגיץ קיין וואָלין, און זיך דאָרט אַריינגעגראָבן ווי דאָ, אַ מאָל, — אין דר'ערד; דאָ איז בלויז געבליבן עפּעס אַן אַלטער דייטש, אַ צעוווירענער, אַ בייכיקער, אַ פרייכיקער, אַקוראַט ווי דער פאַרצייטיקער בורמישטש, — וואָס האַלט אַן אויג אויף דער שטאָט, אויב ס'אי דאָ אויף וואָס צו האַלטן; און דער איינער חילוק צווישן זיי ביידע, איז: וואָס צו יענעם האָבן די יידן געברויכט טראָגן בראָנפן, ריינעם ניינציקער שפּירט, — ער זאָל האָבן וואָס אין זיך אַריינצוכלייען; און צו דעם ברויך מע טראָגן דחזיר, בראָטן, שוויין, שינקע מיט ביר, — און ציגאַרן; טראָגן מוז מע, אַלצאיינס — צו דעם ווי צו יענעם.

הג"ל.

די אַלטע קרעטשמע

עם ישראל חי וקים

די קרעטשמע
און איר קרעטשמער, —
ישראל.

האָרט בײם ברײטן שאָסײ, װעלכער איז צעשניטן װי מיט אַ מעסער, אין פיר באַזונדערע שליאַכן: אײנער אַהין, אײנער אַהער, — שטײט אַ קרעטשמע; הינטער די פּלײצעס פון אַן אַלטן, גאָר אַלטן און געדאַכטן װאַלד פון אײן זײט, און מיטן פּנים צו אַ באַרגל, איבער װעלכן עס ליגט משופּע אױסגעשיט אַ דערפל מיט קלײנע הײזלעך, — שטײט זי אײנע אַלײן, װי פאַריתומט, אָפּגעריקט פון װאַלד און פון דאָרף, װי זי װאָלט דאָ געמאַכט שבת פאַר זיך.

און אױסקוקן קוקט די קרעטשמע אױך אױס אַנדערש, פון די הײזלעך אױפן דאָרף; אַן אײנגעשרימפּן פּנים, צעפאַלענע װענט, — נאָר מיט זײלן פון פאָרענט, גראָבע הילצערנע זײלן, אױף װעלכע זי זאָל זיך אָנשפּאַרן; פענצטער, — אױך אַנדערע װי אין יענע כאַלופּעס. אפשר צװײ מאָל אַזױנע גרױסע, װאָס קוקן ברײטלעך צום פעלד, צום װאַלד און צום באַשיטן באַרג מיט הײזלעך.

אײנגעזונקען אין דר׳ערד, װי זי װאָלט געקניטשעט אױף אירע קני, און מיט אַ שװערן האַרב אױף די פּלײצעס, — איז דאָס הױז פון דער קרעטשמע; דער לאַנגער הױף מיט די חרובֿע שטאַלן, האָט אױף זיך עפּעס װי אַ סוד, — אַזאַ אַלט האַריק באַװאַקסן פּנים; די אָפּגעקראַכענע שטיקער מױערן פון די צעפאַלענע שװערע בנינים, — ליגן אין גראָז ביז איבער די אױערן; נאָר װאָס אין די פאַלדן, קנײטשן זײערע, — איז עפּעס װי דורך אַ נס אױפגעהיטן אַ בליאַסק, אַ זכר פון גוטע און אױך שװערע יאָרן, װאָס זי זאָל זיך האָבן אָנגעליטן, — ביז זי איז אַזױ שטאַרק אַלט געװאָרן.

אַלט זעט אױס די קרעטשמע, און נאָך עלטער, — איר קרעטשמער, ישראל; אַ הױכער, גרײז גראָער ייִד, גלײך װי אַ װירע, מיט אַ לאַנגע שנײ װײַסע באָרד, — װאָס ליגט ברײט צעשפּרײט בײ אים אױפן האַרץ; די גוטע אױגן זײנע, אונטער גראָבע ברעמען, — זענען מילד װי בײ טױבן; זײנע פיס רירן זיך שװער, — װי ער װאָלט אָנשטאָט

די עלטער, געטראָגן אויף זיי צענטענס; אין זיין פּנים פלאַטערט קדושה, קדושה פון פּיין, פון מסירת נפש, און אויך רואיקע התלהבות, — וואָס ברויך אַלץ מקבל זיין באהבה, וואָס ס'זאָל נישט זיין; און נאָך דערצו האָבן אַ באַחנטן שמייכל, — ווי אַ פאַרענטפּער־רונג אויף דעם אַלעם וואָס באַפּאַלט עמיצן, — אַז ס'איז נישט גלאַט אַ פאַרזען, על פּי סיבה, גורל, נאַר ווייל עס ברויך, מסתמא, באַפאַלן; און אַז, אַזוי ווי יסורים קענען נישט פאַרביטערן ביזן דנאָ, — קען אויך תענוג נישט פאַרזיסן ביז אַן דער בין; ביידע זענען אַ חלק אלוה ממעל.

איינער אַליין זיצט ישראל, אויף די עלטערע יאָרן, — אין דער קרעטשמע, און ס'ווערט אים נישט נמאס אין איר צו זיצן; בלויז מיטן וואַלד איז ער איינס; ער גייט דאַוונען אין אים, אַזוי ווי גאָט שענקט ס'געזונט און ס'לעבן, צוויי מאָל אין טאָג; ערב ובוקר, — צו שחרית און מנחה ומעריב; פון דער קרעטשמע אין וואַלד, און, — צוריק; אויפגעכאָוועט אין איר, אַלע יאָרן זיינע איר אונטערגעטראָגן ווי אויף אַ גאָלדן טעלערל; קינדער אין איר געברענגט אויף דער וועלט, זיי אויסגעגעבן אין פריידן, נאָכדעם אַרויסבאַגלייט די צווייטע העלפּט זיינע אין שטאָט אַריין, צו איר אייביקער רו, — און זיך אומגעקערט צו איר, דאָ אָפּזיצן אין איר ביזן סוף; נישט קיין חילוק: צי ס'איז פינצטער אָדער ליכטיק, זונענשיין אָדער רעגן, — און אַזוי ליב האָבן צו פאַרגיין אין חלום אויף די גאָלדענע וועגן און שטעגן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף אַ מהלך — אין די יינגע יאָרן אַריין.

מיט די איצטיקע פּויערים פונעם דאָרף, — האָט ער קיין שום מגע ומשא נישט; זיי קענען אים נישט, און ער זיי, — אויך נישט; ער איז אַריין אין דער קרעטשמע, נאָך איידער זיי האָבן די ליכטיקע וועלט, — דערזען; פּאַרדאָס, מיט די זיידעס, מיט די עלטער־זיידעס זייערע, — איז ער געווען איין לייב און לעבן; און מיט זייער אַוועק־גיין אויף תמיד, — זענען די, וואָס זענען אונטערגעקומען, — אים געבליבן פרעמד; און ער געפינט זיך צווישן זיי ווי אַ צאַרט לייב אין אַ גראָב לייווענטען העמד.

די פּויערים קוקן אויף אים, ווי אויף עפּעס אַן אַלט גערויש פונעם וואַלד; און וואָס הייבט נאָך אַן שווער צו ברומען, — אַז

די וואָלקנס לייגן זיך אים איבערן קאָפּ; און ווי ער וואָלט נישט נאָר געאָטעמט, — נאָר זיך אויך מיט אים אַדורכגערעדט ווי אַנדערע צוויי, איבער די אַלע טרויעריקע און גוטע יאָרן, וואָס זענען אָנגעשטאַנען אין דער מדינה, און אויך געלאָזט שווערע סמנים אויף די קרעטש־מע זײַנע; ווײַט אין דמיון; גייען וואָלקנס, קלעטערן, — זיי פֿאַר־שטעלן די שיין פֿונעם טאָג, און אַ פֿינצטערקייט, וואָס איז מער ווי פֿון דער נאַכט, — נעמט אַרײַן די ערד אין זיך, ווי אַ פֿיש נעמט אַרײַן אַ וואָרים אין בויך; אַן אימה נידערט אַראָפּ איבער די פֿעלדער, און צעגייט זיך ווי לעבעדיק צווישן די ביימער; צעוואָרפֿן, איבער זיי, — נעמען קריכן אויף אַלע פֿיר די פֿויגלען צו זייערע כאַטעס, וואָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן קליין אין זייערע אויגן, ווי די נעסטן פֿון שוואַלבן, — וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעקלאַפּט פֿון די ביימער; זיי ווייסן, די פֿייגעלעך, — אַז גאָטס קללה קומט אויף זיי, קומט מיט קולות וברקים, און וועט זיי דאָ נישט שוינען; עפּעס אַ וויסטער מכשף, מיט צעגומענע פֿליגל, דרייט זיך אין לופֿטן, אינאיינעם מיט די דינערן און בליצן, — וואָס וועלן זיך דאָ נעמען צו די ביימער אינעם וואַלד, צו זייערע כאַלופּעס, שטאַלן מיט קי, שייערן תבואות, און זיי דאָ זייער רעכטס טון...

דער מכשף גיט, קודם, אַ כאַפּ אַרײַן אין זײַנע הענט, — די פֿאָדערשטע ביימלעך, — אין וואַלד גופֿא קומט אים נישט אָן אַזוי גרינג זיך אַרײַנצוכאַפּן; אַ בייזער מירמל לויפֿט אַדורך דעם וואַלד ביז אין דער טיפֿעניש פֿון אים, — וואָס איז מער ענלעך צו אַ וואָיען פֿון הינט, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַרײַנגעדרייט אַ וואָלף; און באַלד צעשרייט ער זיך, ווי ער וואָלט דערפֿילט די ציין, — מיט וועלכע ער האָט זיך אַרײַנגעביסן ביי אים אין האַלדז; צעשרייט זיך אויף די גאָר גראָבע קולות פֿון די זקנים־ביימער, ביז אויף די דינע קוויטשיקע קולעכלעך פֿון די יינגיטשקע, ווי די ציגן, מיט זייער וויינענדיקן: מע־ע־ע! וואָס ווילן נישט אויסגעריסן ווערן דורך אים; עס פֿלאַטערן זייערע צווייגן, די צעשויבערטע האָריקע קעפּ, — ווי די רויכערדיקע קנויטן פֿון נשמה־ליכט; עס זעט נישט גאָר אויס ווי אַ געשריי פֿון לעבעדיקע ביימער, נאָר ווי עס וואָלטן זיך צונויפֿ־געגומען אין די מענגעס, — ווילדע חיות, זיך אָנגעלאָפֿן פֿון אַלע נאַרעס, און מריטשען אַלע אינאיינעם, יעלהן.

די בליצן צינדן אָן די שטרויענע דעכלעך פון אַ סך כאַטעס, און די פויערים, וועלכע ליגן ווי די שטומע קעלבער, באַהאַלטן אין קעלערן, — לויפן אַרויס איבער די פאַרטרינקענע פעלדער, מיט די בלויזע צעשויבערטע קעפּ האָר, צעפלאָשעטע, און מיט פאַרלאָשענע אויגן, — זיי האָבן זיך נישט וואו אַהינצוטון; ער איינער, וואָס זיצט אין דער קרעטשמע, ביים פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום שאָסיי פון די פיר שליאַכן, — וואָס זענען ווי צווייגן פון אים; אַ שליאַך אַהין, אַהער, — זיי ברויכן זיך געפינען אין דעם קאַלכאויוועגדיקן רויך, סדום־וועמורה־דיקן פייער; דאָס פנים זיינס איז צעשראָקן, אָבער עס רוט אויף דעם אַ זיכערער בטחון, — אַז ער וועט דאָ אַרויס מיט גאַנצע ביינער; ער זעט די פייערן, און ווי עס פלאַמן די דעכער פון סטאַדאָלעס היי, און אין צווישן הילכט דאָס געשריי, וואָס די פויערים שרייען; און ס'אי גאָרנישט ביי אים, ווי ער וואָלט געזעסן אין דער קרעטשמע, — וועלכע איז שוין אָפּגעזענגט פון די רויטע צינגען מיטן פאַרשרפהטן רויך; פאַר אים ליגט אָפן דער גראָבער קרבן מנחה סידור, און פון האַרץ זינגט אַרויס ביי אים מיט אַ העל קול; דאָס האַרץ זינגט צום גאָט פון זיינע אבות, צום גאָט פון אַלע אָפּ־גרינטן, וואָס האָבן זיך איצט צעעפנט, און ווילן אַלץ איינשלינגען; די קרעטשמע איז פיל מיט דעם געזאַנג, און, — ווי די מלאכי העליון וואָלטן אַראָפּגעקומען, געדיכט צענומען זייערע פליגל איבער איר, — אַז די פייערן זאָלן איר נישט שולט זיין; בלויז גלעטן אירע ווענט, אָבער זיי, חלילה, נישט אָנצינדען; זיך אַדורכרייסן אינעווייניק צו אים, צו ישראלן, וואו ער ברויך זיך געפינען אין די עולמות עליונים, און ס'האַרץ זינגט ביי אים פול מיט בטחון:

— הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד.

ישראל,
און דער סוד
פון זיין עלטער.

אין אַ הייסן זומען־טאָג, די זון שיינט, און צעגיסט איר ליכטיקייט איבער אַלעם; די פעלדער זענען פאַר־

פליצט מיט זאַנגען, וועלכע וויגן און כוואַליען זיך ווי זאַטע שלאַנגען, — אויף זייערע בייכער; עס בלאַנקט דער ווייסער שאָסיי, וואָס צעטיילט זיך דאָ אין פירן, — הייבט זיך אויף באַרג אַרויף, לאָזט זיך אַראָפּ מיטן באַרג, און גייט צוריק אַרויף אויפן צווייטן, אַז ער זעט אויס איבער די טאָלן און בערג, — ווי אַ צוויי גאָרנדיקער רוקן פון אַ ווייס קעמל; דער וואַלד שטייט שטיל, מיד, גיט זיך נישט קיין ריר, ווי יענער זקן, וואָס איז אויסגעגאַנגען שמונה עשרה אום יום־כיפור, און וואַרט איבער די קליינע הפסקה, ביז דער שליח־ציבור וועט אויך אויסגיין, און געבן אַ נעם:

— אוי־אוי, יתגדל!

ישראל זיצט אין דרויסן, פאַר דער טיר, אויף דער נידעריקע הילצערנע באַנק, — אינעם שאָטן פון דעם אַלטן צעצווייגטן קאַשטאַן־בוים, וועלכן ער אַליין האָט נאָך פאַרזעצט; זיין קאָפּ איז האַלב אַרונטער־געבויגן, — און אין די מחשבות גייען פאַר אים אַדורך די יאָרן; ער שטעלט זיך אָפּ ביי די, וואָס זענען נאָך געבליבן, — זיי האַלטן זיך אויף אַ האָר; ביים מינדסטן רוף וועט ער דאַרפן גיין, — און ווער וועט דעמאָלט בלייבן אין דער קרעטשמע? זיין פאָטער האָט פון דער זאָרג נישט געוואוסט; ער האָט אים געהאַט, — וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין זיין פאָלע; וואו האָט דער ווינט צעבלאָזן זיינע קינדער? אַז ער מאַכט נאָר צו די אויגן, אַזוי הערט ער ווי מ'קלאַפּט אין דער טיר: „מ'איז געקומען נאָך דיר; האָסט זיך שוין גענוג לאַנג דאָ אָפּגעפרייט; וויפיל איז דער שיעור?״ און דאָ איז אַפילו נישטאָ עמיצער, וואָס זאָל שטיין ביי זיין בעט, צו יציאת נשמה; זאָגן אַ שטיקל מעבר יבק... און ברויכן אויסגיין אַן עלענטער צווישן די שווערע ווענט; בלייבן ליגן, — ס'זאָל זיך אַפילו קיינער נישט האָבן מתעסק צו זיין מיט אים... אַזוי באַפאַלט אים אַ פחד: „פאַר די רעגנס, — נישט; פאַר די דינערן מיט די בליצן, — אויך נישט; אָבער צו שטאַרבן אַליין צווישן די פיר ווענט?״ און ער באַפילט נאָך די קינדער זיינע:

— דער אַלטער טאַטע וויל זיך מיט זיי זען.

די קינדער, גאַנץ גוטע, מיינען: מי יודע, וואָס? און קומען אויף דער גיך צופאָרן; זיי זעצן זיך אַוועק, קוקן אים אין די אויגן אַריין, — נאָר אויף ווי לאַנג? ביז זיי רוען זיך אַ ביסל אָפּ פון זייער שווערן

געיעג פאַרן האַרטן שטיקל ברויט; און אַזוי ווי ביי זיי איז נישט אַנדערש, ווי דער טאַטע וויל צעשרייבן די קרעטשמע מיט די גרויסע שטיקער פעלד, — זענען זיי גרייט אַרויסצוגיין נאָך די פויערים, — און זיך איינטיילן מיט דער נחלה ביי זיין לעבן, ווי לאַנג ער האָט נאָך אָפן די אויגן; זיי באַשטיין אַפילו אים צו צו־נעמען, ביז אין די לעצטע טעג זיינע, — ער וועט ווערן אָפּגעטון אויף אייביק; אַ טאָג דעם, אַ טאָג יענעם, — וויפיל ס׳איז אים נאָך באַשערט דאָ צו זיין; און זיך נישט ברויכן וואַלגערן אין ערגיץ...

דעם טאַטן גייט דאָס אַפילו נישט אין קאָפּ אַריין.

די קינדער אַרבעטן מיט אים אַרום:

— ס׳אַ שעת הכושר; וואָרן, באַלד וועט מע זיך, דיר־נישט, מיר־נישט, — ווידער צונויפקומען? איטליכער איז אַ טרוד אין פּרנסה... האָט אַ ווייב מיט אַ דויז געזונט, און אַזוי ווי דו שטייסט נאָך אויף די פיס, און ביזט אויך ביים קלאָרן שכל, טאַקע קענען זען, — ס׳זאָל קיינער נישט האָבן קיין עולה; אַז דו וועסט אַליין זיין ביי דער חלוקה, — וועט מע זיך נישט אַרומהרגענען...

און אַז דער אַלטער טאַטע האַלט זיך נאָך אַלץ ביים עקשנות, — אַזוי נעמען זיי זיך צו אים אויפס כח, און ווילן אים אָפּשרעקן:

— אַל תפרוש מן הציבור! ווי נעמט דאָס אַ ייד, און זעצט זיך אַוועק איינער אַליין, — אין אַזאַ העק? נישט נאָר אָן אַ ציבור, נאָר אַפילו אָן איין ייד ביי דער זייט? ווי ס׳מאַכט זיך, — איז דאָך דער טאַטע נישט מער קיין ייִנגער מענטש; אין די יאָרן ברויך מע זיך שוין ריכטן... אייביק לעבט קיינער נישט... אַז ס׳קומט די מינוט, אַזוי מוז מע גיין; און ווי קען מע דאָס אַוועקגיין פון, קיין עין הרע, אַזוי פיל קינדער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך, — אַז ס׳זאָל פון זיי קיינער נישט זיין דערביי? נאָכדערצו, אַז זיי זענען נישט צעשפּרייט אויף אַלע שבעה ימים?

און דער אַלטער, ווי זיי וואָלטן טאַקע דאָ אָנגעטאָפּט וואו ס׳טוט אים וויי, און נאָך זיי געשיקט, — כאַפּט זיך אויף זיי אַרויף, מעשה טאַטע; גאַרנישט ווי זיי וואָלטן שוין געווען דערוואַקסענע מענטשן, מיט געשעפטן, מיט די גאַנצע וועלט אויפן קאָפּ; און האָבן שוין אַליין אויך אייניקלעך, — און דערלאַנגט זיי אין טאַטענס טאָטן אַריין, מיט דער מאַמען פאַרבראָקט:

— וואָס זיי זענען זיך גאָר צעלאָפן פון אים? (גיי זאָג אים: פאַרוואָס? אַז מ'האָט חתונה, — גייט מע אַרויס פון טאַטענס רשות און מע פאַרלאָזט זיין שטוב); און ער זאָל ברויכן אויסגיין צווישן די ווענט, אַליין; זאָלן זיי קומען, זיך באַזעצן אין איר; אויב זי האָט זיי געקענט מפרנס זיין, ווען זיי זענען נאָך געווען פיצלעך קינדער, — וועט זי דאָס אויף זייערע עלטערע יאָרן, אודאי קענען; זאָלן זיי נאָר וועלן צולייגן די דהאַנט; די פעלדער זענען גענוג גרויס, ברייט און פעט, — און קענען געבן צו דער זעט; ס'זאָל נישט בלויז זיין צו עסן, נאָר אויך צום עסן... ואכלת ושבעת וברכת...

די קינדער קוקן זיך אָן, און הייבן די אַקסלען:

— מ'וועט, אפֿנים, דעם טאַטען, — נישט אַרויסקריגן; ער איז מיט דער קרעטשמע איין לייב־און־לעבן; און פון איר נישט אַוועק...

זיי לאָזן אַראָפּ די קעפּ, פאַרשעמט, ווי די חדר־ייִנגלעך; קוקן זיך אַרום אויף די אַלטע גראַטעס, וואָס ליגן פאַרשימלט, און אַ שטילע בענקשאַפט נעמט ציען, נאָגן, וואָס נאָך פון די זיסע קינדער־יאָרן, ווען זיי זענען דאָ אַרומגעלאָפן אין דרויסן, געכאַפּט זומער־פייגעלעך, — וואָס האָבן זיך געצאַפּעלט אין זייערע דינע פינגער־לעך; געשלינגען מיט די מיילעכלעך יעדן רעגן־טראָפּן, וואָס איז געפאַלן פון הימל...

און זיי קלערן אַריין:

— וואָס שטעקט טאַקע אין דעם, וואָס זיי קענען זיך נישט דער־האַלטן אין איר? וואָס פאַר אַ בייזער כח שטעקט אין דעם, — וואָס רייסט זיי אַוועק פונעם אַלטן טאַטן?

און אַזוי טראַכטנדיק, אָטעמען זיי מיט די צעצווייגטע קאַשטאַן ביימער; גייען אַרום אונטער די גאָלע הימלען, — ס'זענען זייערע הימלען; די שטערן באַלייכטן זייערע טריט, די לבנה בלייכט זייערע פנימער; ס'איז טאַקע אַ חיות, — אַלמאַי, זיך נאַרן? גאָר אַן אַנדער לעבן! נאָר באַלד גיט אַ פּיק די שטאָט: אַ וואָגאָן מיט געהילץ, וואָס מ'האָט עריגיץ גיין אין וועג; און די שניט־קראָם, וואָס די פויערים וועלן דאָרט צעטראָגן אין יריד־טאָג, — אַז מ'וועט נישט זיין אין איר; און נעמען זיך נאָכגיכער צאַפּרייסן; נאָר וואָס פאָרן אַוועק־פאָרן, — קוקן זיי מיט ליבשאַפט צום אַלטן טאַטן, וואָס בלייבט דאָ איבער איינער אַליין, צווישן הימל און ערד, אין דער קרעטשמע; און

מיט אַ ריס אין האַרץ, ווי געווען זיכער, — אַז זיי וועלן אים אפשר מער נישט זען; אַז, ס'איז דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי קוקן אויף אים, — קערן זיי אום די פּנימער, באַהאַלטן זייערע בליקן, גראָבן זיי ערגיץ איין, און אַ מחשבה קומט אַרויס, אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּעלדיקע:

— ווי אַלט דער טאַטע זייערער קען אַזוי זיין?

מיט אַ זיסן ציטער קלערן זיי וועגן זיינע יאָרן, וואָס זענען קיין עין הרע, אַזוי פיל... זאָל עס נישט עפּעס האָבן צו טון מיט דער קרעטשמע? און דער וואָרצל זיינער ציען זיין יניקה פון איר? ער מיט דער קרעטשמע איז, אַפּנים, איינס... ישראל ואוריתא חד הוא... און אַז מ'זאָל, חלילה, — אים אָפּשניידן פון איר, אַזוי קען ער נאָך, חלילה, אויפהערן לעבן; וויפיל מאָל די קרעטשמע איז שוין אַרויס פון בראַנדיקן פייער און צעגאָסענעם וואַסער, — און זי שטייט; נישט ווייניק האָט ער שוין אויך אין איר אַריינגעכאַפּט, — און איז פאַרט דאָ; ביידע אינאיינעם זענען אַ כח, אַ לאַנגער טויזנט יעריקער כח, — וואָס איז געבינדען און געקניפּט; און אַז מ'זאָל אָפּשניידן איינעם פונעם אַנדערן, זיי צערייסן, — אַזוי קען נאָך פון ביידע נישט ווערן גאָר; די קרעטשמע זיך צעפאַלן, און ער, — פאַרגיין...

דער אַלטער שאָקעלט מיטן קאָפּ:

— ווי אַלט כ'בין? אַלמאַי, נפקא מינה? און אַז איר וועט שוין וויסן, — אייך עפּעס צוקומען דערפון אין קעשענע אַריין? אָדער, צום געזונט? יאָ: זאָלן זיי בלייבן מיט אים... און אַז ס'וועט קומען די מינוט... ער וועט שוין נישט מער קענען אַראָפּגיין פונעם בעט... נישט רירן מיט קיין גליד... וועט ער זיי צורופן, און אויסזאָגן דעם סוד פון זיין עלטער; מיט זיך אין קבר אַריין אים נישט מיטנעמען...

און די קינדער צעפאָרן זיך מיט דעם, וואָס זיי זענען געקומען.

אַליין בלייבט דער אַלטער ישראל, און נאָכן איבערעדן זיך מיט זיי, — נאָכמער צוגעבינדען צו דער קרעטשמע; אַ שמייכל, אַ ווייסער, ווי ווייס עס זענען זיינע ברעמען, — צעגייט זיך איבער די געריינצעלטע באַקן, ביז טיף אין דער באָרד אַריין, — גראָד ווי מיט דעם, וואָס ער האָט נישט מגלה געווען פאַר זיי דעם סוד פון זיינע יאָרן, — שטעקט אויך דער סוד פון זיין טיפע עלטער, פון זיין אריכת ימים.

די קרעטשמע
און אירע נסיונות.

מאָדנע: וויפיל שטורמען די קרעטשמע האָט שוין אַריבערגעטראָגן אויף אירע פּלייצעס, און נאָך איטלעכן באַזונדער, וואָס האָט חרוב געמאַכט ס'דאָרף, אַ שטיק וואַלד פאַרטיליקט, — האָט עס ביי איר עטליכע ציגל פון קוימען אַרויסגעריסן, אַ שינדל פונעם דאַך אַרויסגעצויגן; און אויב ס'האָט אומעטום און אַרום אָנגעמאַכט חורבות, איבערגעלאָזט די גאָלע ווענט פון הייזער, ליידיקע געשטעלן, אויסגעהוילטע, — האָט עס ביי איר אַ נאָגל פונעם פינגער אָנגערירט; נישט מער, וואָס פון די בלויזע שרעק, פון פּחד, ווען דער שטורעם האָט געדהוליעט, — האָבן זיך ביי איר די ווענט איינגעקורטשעט, געוואָרן איינגעשרימפּן, באַדעקט מיט פאַלדן און קנייטשן, ווי אויף אַן אַלט געריכצעלט פּנים ביי אַ זקנה, אַ קליינע, וואָס שטייט קוים־קוים אויף די פיס.

און זיצט ישראל אין דרויסן, פאַר דער טיר, ווען די זון גליט און שרפהט, — ברענט און בראָט; זיצט אין שאָטן פון אַלט צעצווייגטן קאַשטאַן־בוים, — פון הינטער וועלכן מ'זעט קוים דעם הימל; אַזוי טראַכט ער איבער די אַלע צייטן, וואָס זענען אָנגעשטאַנען, און נאָך יעדער באַזונדער, — איבער די מענטשן, וואָס האָבן זיך געביטן; פון די וואָס זענען אַוועק, און פון די אַנדערע וואָס זענען געקומען; פון די דורות, וואָס האָבן זיך אויסגעשיילט איינע פון די אַנדערע; אַנדערע מענטשן, — אַנדערע מחשבות, אַנדערע מעשים, באַגערן, און אַן אַנדער קלערן; נאָר וואָס די וועלט איז אַלץ די אייגענע, די אייגענע אַלטע איינגעהויקערטע וועלט; אויך די ערד איז די אייגענע, — ברייטע און אויפגעוואָרפענע; ווידער אַ מאָל גייט אויף די זון אין מזרח, און גייט אונטער אין מערב; ברענען, גליען און פלאַמען אין אַלערליי גינגאָלדענע פייערן, — די הימלען; ווידער אַ מאָל טוען זיך אָן די פעלדער אין ווייצענע, קאָרענע, גערשטענע זאַנגען; און ווינטן: היימליכע און אומהיימליכע וויגן זיי, גליטשען זיך איבער זיי, און בייגן זיי, בייגן זיי צו דער ערד; און ס'בליען ביימער, פאַרשפּרייטן וויס בליעכטס איבער דער ערד, וואָס נעמט זיך, מיטן קוק, — באַשפּרינקלען מיט גרין גראָז...

ס׳איז אַלץ דאָס אייגענע פון פאַר הונדערט יאָר צוריק, און נאָכ־מער; ס׳אייגענע קרעלן פון זשאַבעס, סוויטשערן פון פייגעלעך, מיט די דינע הייטלען אויף די אייגעלעך; כאָטש נישט מער די אייגענע זשאַבעס, און אויך נישט די אייגענע פייגעלעך; ישראל זיצט מיט דעם אַלטן, און צווישן דעם אַלעם; ווי ער וואָלט געווען פריער פאַר דעם אַלעם, און אויך דערנאָך, — מיט דעם אַלעם; די מענטשן וואָס האָבן געלעבט מיט אים, — שפּאַרן שוין פון לאַנג וואו אָן; די הייז־לעך אַרום דער קרעטשמע, — געוואַרן צעטראָגן פון בייזע ווינטן, פון אומרואיקן בילן פון הינט; און זי שטייט, שטייט, — ווען אַלץ פאַרגייט; כאָטש איינגעבויגן, קוים־קוים, און ווי אַ זקנה, אַ קליינע, מיט איר טשיפּיקל אויפן קאָפּ, אַ פינגער ביים מויל, האָט זי די העזה צו פּרעפּלען וועגן דער גאולה, — אַז זי וועט נאָך קומען ביי איר לעבן, כאָטש אירע טעג זענען געציילטע...

זי, די קרעטשמע, איז שוין נישט מער ווי אין די יינגע יאָרן, — ווען זי האָט געקענט שמייכלען, זיך חנדלען, פאַרשייט, — קיינמאָל נישט; דאָך, — זיך גרויסן אַנטקעגן אירע שכנטעס; און ווי אַזאַ אַלטיטשקע, וואָס איז שוין אויסגעטון מיט אַלעם פון אירע עולם הזהדיקע זאַכן, זיך שוין אויפגעגייט תכריכים, וואָס זי האָט ליגן צו־קאָפּעגס, — און קוקט מיט איין אויג אַהין, וואו די פיס וועלן דאַרפן טראָגן, און דער קאָפּ, — ליגן; זי גיט זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ, און צעטאַנצט זיך ווי אַ יינג מיידעלע:

— וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?

ס׳טרעפט, און אַ סך מאָל: אַז זי כאַפּט אַריין אַ קוק אין שפּיגל, און וויל פאַרריכטן אויף זיך ס׳קלייד, וואָס זי טראָגט שוין אויף זיך מכמה הונדערטער יאָרן, און האָט דאָס מורא אָנצורירן, — ס׳זאָל זיך נישט צעקריכן אויפן לייב ווי שפּינוועבס; און זי דערזעט ס׳פּנים אירס, ס׳אַלטע פּנים, — ווי ס׳איז איינגעשרימפּן, געל און צעקנייטשט, אַ שטיק פּאַרמעט, אַ יריעה פון עפּעס אַ געפיינִיקטער ספר תורה, — אַזוי באַפאַלט איר אָן אימה אַוועקצושאַרן ס׳קלייד, — וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל אַוועקגעשאַרט; אָפּצודעקן ס׳לייב, — וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּגעדעקט; ס׳קען זיין: זי וואָלט מיט אַ מאָל דערזען די בלאָע און ברוינע פלעקן, — וואו ס׳בלוט איז פאַרקילט געוואָרן, דורך די קלעפּ וואָס זי האָט אַריינגעכאַפּט...

און זי שאָקעלט מיטן קאָפּ צו אים, צו איר ישׂראלן, מיט דעם יסורימדיקן חן פון איר פּנים:

— יאָ, געשלאָגן; ווער ס׳האָט איר אַלץ נישט געשלאָגן? געבריקעט אין איר... ווער ס׳האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, האָט זיך געזוכט אײַנצוקויפן אַ מצוה, — און איר דאָ געבן אַ בריקע אין זײַט; און, פונדעסטוועגן: די וואָס האָבן בעסער אָפּגעלעבט זייער וועלט, — שפּאָרן שוין פון לאַנג אָן, וואו די וועלט האָט נישט קיין עק; און זי, די געשלאָגענע, צעטראָגענע אויף שטיק־שטיקער, — איז דאָ; גראָ, — און איז דאָ; הויט און ביין, און מיט דעם אַלטן ייִדישן חן...

און אַז זי מאַכט אומגערן אויף ס׳מויל, די ליפּן צענעמען זיך ביי איר, און ס׳קוקן אַרויס די ליידיקע יאַשלעס, וואָס זענען אַמאָל געווען באַדעקט מיט ציין, — אַזוי נעמט זי שמייכלען, די אַלטע באָבעשי, מיט אַ שמייכל וואָס איז פול צער:

— נישט פון דער עלטער זענען זיי ביי איר אַרויסגעפאַלן, און אויך נישט פון קיין ציין־ווייטיק; זי האָט אויף דעם קיינמאָל נישט געקלאָגט; דאָס האָט איר, ווי לאַנג זי האָט זיי געהאַט, — אויסגע־מיטן; און זי וואָלט זיי ביזן היינטיקן טאָג נאָך געהאַט, — ווען מ׳זאָל זיי ביי איר נישט אויסברעכן; יאָ, אויסגעבראָכן... דעם צאָן, דעם מיטעלסטן, — נאָך ביים ערשטן פּוילישן אויפשטאַנד; אין יענעם העלישן בראַנד... דעם אונטערשטן, — און דער האָט גלייך מיטגע־ריסן אַ שטיק פלייש פון דער יאַשלע, — ביי דער לעצטער פּוילישער פּאָוסטאַניע; צוויי באַק־ציין, אַזוינע געזונטע, מיט וועלכע זי האָט געקענט צעקנאַקן אַ שטיק אייזן, — האָט זי געפּטרט ביי כמעלניצקין; און אויב זי האָט נאָך געהאַט איין שטיקל צאָן אין מויל, וואָס זי האָט געמיינט: אַז זי וועט אים שוין מיטנעמען אין קבר אַריין, — האָט מען איר געוואָרפן אַ שטיין, דאָ ערשט, אייערנעכטן... סתם אַזוי... אויף אַ געלעכטער... און זי האָט געבלוטיקט מיט אים...

ס׳פּנים שמייכעלט ביי איר:

— אַזוי פיל ציין געהאַט: ווייסע, קלאָרע, שיינע, ווי אויסגע־דרהאַקט פון העלפאַנט־ביין, און אַ ליידיק מויל; אינגאַנצן הויל...

און פרייט זיך:

— ביי דעם אַלעם, דאָך נחת געהאַט; אַזוי פיל קינדער, קיין עין הרע, — אויסגעכאַוועט; איר, להכי, נישט גרינג אָנגעקומען; זיך כסדר געהאַט אָפּצויאָגן מיט וועלף, גאַנצע סטאַדעס וועלף, — אָבער, זיי נישט פאַרציקט מיט אַלעם; און פון הינטער איר פאַרטוך, — אין דער ברייטער וועלט אַריין; איבער אַלע שבעה ימים... ס'איז פון זיי געוואָרן אַ גאַנצע אומה, ממש... אַ פאָלק, וואָס וועט נאָך אַ מאָל דערגיין צו אַ טאָלק... און אויב זי האָט געהאַט אַ ברכה פון אויבן: נישט צו וויסן פון קיין צער גידול בנים, — אַ קינד זאָל ביי איר פון דער וועלט נישט אַוועקגיין, — מילא, האָט מען דאָך איר אַ מאָל כאַטש געמעגט אונטערשלאָגן אַן אויג, מאַכן אַ בלאָען צייכן; כאָטש מיט עפּעס איר געבן צו פאַרזוכן, פון דעם ביטערן טראָפּן; און ביידע אינאיינעם: אי נישט וויסן פון קיין צער גידול בנים, און נאָך האָבן אַ גרינגע כאַוואַניע, — ווי קען דאָס געמאָלט זיין? דאָס דאַרף שוין זיין גלאַט פון דער וועלט אַרויס! ס'קען נישט זיין קיין גוטס אַן שלעכטס; עפּעס... עפּעס... אַ קאַפּעלע.... מ'קען נישט וועלן פון די כוואַליעס: אַז זיי זאָלן נאָכאַנאַנד זיין שטיל, — מ'זאָל זיך אויף זיי לייכט וויגן; זיי מוזן זיך אַ מאָל אויך אויפקאָכן...

און וויל זי זיך אין עפּעס דערמאָנען, אַרויסקריגן מער פּינטעלעך, וואָס זענען צעשיט ווי פּערעלעך, — אַזוי רופט זי ישראלן, דעם אַלטן שומר אירן, דעם געטרייען, וואָס האָט פאַר איר אויפגעשטעלט די פלייצעס אין די שווערסטע צייטן, און נישט ווייניק אויך אַרייַנגעכאַפּט, — אַז ער זאָל איר דערמאַנען; און ווי אַן אַלטיטשקע באָבע, אַזוי לאָזט זי זיך אַראָפּ פאַר אים אויף דער ערד, נעמט אַריין אין זיך ס'קלייד, שאַרט עס צו צו זיך, — מ'זאָל, חלילה, איר לייב נישט אַרויסזען; שטופּט אַרונטער די הערעלעך אונטערן טשיפּיקל, — ס'זאָלן, חלילה, די ווענט איר גאָלן קאָפּ נישט אָנקוקן... און זי הערט זיך צו צו איר אייגן לעבן, ווי ישראל בלעטערט פאַר איר דעם דברי הימים, — ווי זי וואָלט געווען אַ פרעמדע; און מאַכט דערביי אַ מינעלע פון אַ ייִנג קינדעלע, מיט אַלע חידושים; פּונקט ווי אַ באָבע וואָלט דאָ דערציילט פאַר איר אייניקל, אין אַ טונקעלן בין השמשות, — די אַלע שיינע מעשהלעך; ווען עס קריכן אַרויס שאָטנס פון הינטער די ווענט, שטרעקן אויס לאַנגע דאַרע הענט, און קריכן צום האַלדז, אים אַרומנעמען...

די קרעטשמע
און דער אויפשטאַנד
אין פּוילן.

...ס'טוט זיך עפּעס אין דער מדינה; אַלט פּוילן וויל זיך צוריקשטעלן אויף די פיס; זי האָט זיך שוין צו לאַנג געלאָזט טרעטן אויפן קאַרק, און זיך אַזוי אַ צאַפּל־געטון, — אַז די שטריק האָבן אויף איר געפּלאַצט; און זי שטייט, אַ ריז, — אויף אירע אייגענע פיס; שטייט צעקיילט, מיט אַ פאַרבלוטיקטן קאָפּ, — געביילטע פויסטן, און וואַרפט אַן אימה אויף ווייט און ברייט:

— ציטער דאָרט, אונטערדריקער פון פוילן; ציטער...

ס'קלויבן זיך מחנות אָפּגעריסענע גויים אין די וועלדער, — אויך דער אַלטער גרויסער וואַלד איז פיל מיט זיי; ס'דאַרף איז דערשראָקן, — עס טול־יעט זיך ווי אַ געשלאָגענער הונט צו די ווענט: אויף די פּויערים, כאָמעס, ציטערט דאָס פעל, — זיי ווילן גאָר־נישט די שליאַכטע, וואָס האָט געשמיסן פאַרן מינדסטן חטא; זיי ווילן נישט זיין מער קיין פאַראָבקעס פאַר די פּריצים, — שטיין פאַר זיי אויף די קני, און צאַפּקעווען; זיי האָבן נאָך אויפן לייב די סטרי־פּעס פון די אומפאַרהיילטע וואונדן, וואָס פון דער פּייטשטשיזנע...

די מלוכה וויל זיך אויך נישט לאָזן שפּייען אין פּנים; דינא דמלכותא, — אַזוי האָט זי אַרויסגעצויגן די שווערד פון שייד, און שאַרפט זיי אויף די העלדזער פון יענע, וואָס ליגן באַהאַלטן אין די וועלדער; יענע לאָזן זיך נישט, און די אַלטע שאַבלעס בליצן אין זייערע הענט, — ווען ביי דער מלוכהס מענטשן פאַלן די קעפּ, ווי די הייפּטלעך קרויט; עס ציען זיך די געשלעגן צווישן זיי, ברעכן אויס דאָ, ערגיץ אנדערש, — וואַו און אויף וועלכן אָרט זיי טרעפן זיך צונויף; און סיי פון די ווי פון יענע, — ווערט בלוט פאַרגאָסן, טייער מענטשלעך בלוט; די זון קומט אַרויס און פאַרטריקענט עס אויף די שטיינער; די רעגענעס וואַשן עס אָפּ, שווענקן אַראָפּ די פּורפּור פלעקן, — זיי זאָלן אויפהערן זיין אַ פּחד פאַר די אויגן.

די קרעטשמע איז דאָ אויך אויף דער חתונה; אַ מאָל קומען די, אַ מאָל, — יענע; און אַז מ'יאָגט זיך אַהין, מ'יאָגט זיך אַהער, — שטייט

זי ווי אין מיטן, צווישן צוויי פייערן, און קען זיך ביי ביידע נישט אויסקויפן; יעדן איז זי כאָטש שולדיק ס׳אָרימע לעבן אירס; קומט דער, — מאַכט ער זי פאַר יענעמס פריינט, און יענער, פאַרקערט: פאַר דעמס פריינט; און דער ווי יענער ציט פון איר די אָדערן, צאַפּט איר ס׳בלוט, דערקירצט איר די טעג מיט די יאָרן... דער אַלטער ישראל מוז אויפשטעלן די פּלייצעס, און ווי ער זאָל זיך נישט פאַרדרייען: מיטן פּנים צו דעם, צו יענעם, — קען ער זיך נישט אויסקויפן; און ווי ס׳זאָל זיי נישט דערגיין, — גייט עס אויס צו זיין קאָפּ; מ׳שלאָגט פון דאַנעט, פון דאָרטן, — ביידע שלאָגן, און ער וויל פון דער קרעטשמע נישט אָפּטרעטן; נאָר וואָס האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, די שיינע באָרד זיינע איז צעקנייטשט, — ווי מ׳וואָלט איר געטרעטן מיט די פיס; די אויגן אונטערגעשלאָגן, — מיט בלאָע בענדער; ס׳האַרץ טוט וויי, יעדעס אָבער ברעכט, ער קורטשעט זיך פון יסורים, — אָבער, ער ווערט איבערגעוועלטיקט פון עפּעס אַן אינערלעכן כח, וואָס נעמט אַדורכגיין דורך אים, — און איבער די באַקן לאָזט זיך קייקלען אַ טרער, אַ ווייסע, אַ קלאָרע, אַ קרישטאָלענע:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד.

טיף אין וואַלד ליגן די פּוילישע; הינטערן באַרגל פונעם דאָרף, — דאָס חיל, וואָס איז געשיקט פונעם מלך, מיט אַלערליי כלי־זיין; ביי ביידען איז דאָס עקשנות גרויס, און נישט דער קען אַהין, און נישט יענער, — אַהער; עס צעפלאַקערט זיך די מלחמה מיט יעדן טאָג, — אפשר אויך די לעצטע פאַרן גורל פון דער מדינה; אַזוי גיך ווי איין געשלעג גייט אָפּ, — הייבט זיך אָן אַן אַנדערס, און אַ פאַרביסענערס; עס פייפן די קוילן, שלאָגן זיך אָפּ אינעם דאַך פון דער קרעטשמע, פאַרטשעפּן איר ווי די בייזע שטעכנדיקע פליגן, וואָס גיבן דאָ אַ ציפּ, דאָ אַ ביס, אַ שטאָך, — און אַ שינדל פליט אַוועק, אַ דרענגל דרייט זיך אויס, אַ לאַטע פאַלט אַרונטער; ס׳זעט אויס: ווי בינען זאָלן אַרום איר פליען, איר קיצלען, און שטעכן; די קוילן שאַטן איר נישט; זיי קומען און גייען, — ווי ס׳וואָלטן גאָר קיין קוילן נישט געווען, און די קרעטשמע זיי אַ־ין וועג נישט געשטאַנען; פונעם דאָרף איז שוין באַלד גאָרנישט געוואָרן; פון די כאַלופּעס איז קויל, די סטאָדאָלעס צעבערענט, די שטאַלן צעלעכערט, און די פּויערים

האָבן זיך אָפּגעטראָגן, — ערגיץ אויפגערוימט; די וואָס זענען געפאַלן, — ליגן, און ס׳האָט זיי נישט ווער צו באַהאַלטן; די מילדווערים צעגראָבן, ווי די ערד, — זייערע לייבער; און קראַצן פליקן פון זיי, וויפיל זיי קענען, — פּיקן אויס די אויגן; נאָר איין ישראל, וואָס זיצט אין דער קרעטשמע, ציטערט, — און טוליעט זיך צו אירע ווענט; זיינע הענט זענען געפלאָכטן אינגאַנצן, און ס׳האַרץ לאָזט נישט צו קיין שום שלעכטע כוונה, עפּעס אַ מחשבה זרה; אַלץ אין אים ציטערט בקדושה ובטהרה; ער נעמט ציען זיין ניגון, וואָס אַמאָל העכער און העכער, און ס׳דאַכט זיך, — ווי די ווענט וואָלטן מיטגעזינגען, די שטיינער, דער באַלקן, די קראָקוועס; די גאַנצע קרעטשמע שטייט אין הייליקן ליכט, און איז ווי פאַרוואָלקענט געדיכט מיט אַ נעפּל, — וואָס באַהאַלט איר פון דער ערד; בלויז וואָס דער ניגון גייט, גייט ברייט, מעלה־ומעלה, ווי ער וואָלט זיך צעשפּרייט אויף גרויסע שטרעקעס:

— הנה אל־ ישועתי, אבטח ולא אפחד.

אַרום און אויף אַלעם ליגט שווער די שטילקייט; ליגט שווער ווי איר שוועסטער, די נאַכט, — צוגעלייגט צו דער ערד, וואָס האָט אַריינגענומען און ווי באַהאַלטן אין זיך דעם וואַלד, אָפּגעמעקט דעם באַרג, — ביידען; מ׳זעט נישט קיין אָנצייכן, — מ׳זאָל זיך דאָ ערגיץ האָבן געשלאָגן; פון עפּעס אַן אימה, — וואָס זאָל זיך יאָגן אויף אַ ווילד צעשראָקן פערד; און דאָס פּאַכען פון דער שווערד, וואָס האָקט קעפּ...

און מיט אַ מאָל, — קולות; עס רייסן זיך אַריין יענע וואָס ליגן אינעם וואַלד, אָפּגעריסן, פאַרחלשט, הויט און ביין, און מיט גליענדיקע אויגן:

— העי, ייד, — מיר זענען הונגעריק; ד׳האָסט אפשר עפּעס צו עסן? מ׳האָט שוין טעג אין מויל נישט געהאַט גאָר... אַ שטיקל פלייש, אַ שטיקל ברויט, און אַ ביסל וויין, אויב דו ד׳האָסט, — זיך צו דערוואַרימען מיט אים; אַ שווער לעבן אין וואַלד, זייער אַ שווער לעבן... גיב אַ קוק ביי דיר אין שפּייכלער, און לייג דאָס אַלץ אַרויס; ליידיק אים אויס פאַר די באַפרייער, — זיי ליגן האַלב טויטע אין דער שוואַרצער טיפעניש פונעם וואַלד; זיי ציטערן פון קעלט, אויך, — שלאָגן זיך; חלשן פון הונגער אויך, שלאָגן זיך; ווילן נישט אויפגעבן פוילן...

ס׳ציט זיך נאָכדעם די נאַכט, און אַלץ בלייבט ווי אַ סוד, אירער א סוד, די נאַכטס, — וואָס איז פאַרהוילן פונעם באַרג; ישראל זיצט, אַלצאיינס, ווי פריער, — אין איר; דאָ איז דאָס איינציקע פלעמל, וואָס טיקט זיך ווייט און ברייט, — איבערן גאַנצן שטח; גאָטס פייערל ציט זיך פון דאַנעט אין די האַרצער פון יענע, — וואָס שלאָגן זיך; דאָס איינציקע און לעבעדיקע איבערבלייבעניש פון ישוב, וואָס דערמאָנט אין אַ לעבעדיקן ישוב, — און באַפרייט זיי; מאַכט זיי לעבעדיק; ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און די באָרד זיינע צעפאַלט זיך ביי אים איבערן האַרץ; די קנייטשעלעך אויף זיין שטערן, וואָס האָבן זיך ערשט, ווען די וואַלד־מענטשן זענען געווען ביי אים צו גאַסט, — זיך געמערט; און געוואָרן, מיטן קוק, — גרעסער, ווי די רייפן אויפן וואַסער, — ווערן צוריק קלענער, נעמען זיך איין; און דער שטערן ביי אים ווערט לויטער; ער דרעמעלט מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, און פון האַרץ גיסט זיך, ווי פריער, אַזוי לעבעדיק, די וואונדערליכע שירה:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד.

די שירה איז אַזוי העל, ווי דער קרעל ביים פויגל אין האַלדז, — פאַרטאָגס; זי גייט ביי אים וואָס אַ מאָל, — שטאַרקער, און, ס׳דאַכט זיך, ווי אַ געזאַנג גייט אין חלל, גייט איבער די פעלדער, אין דער טיפעניש פונעם וואַלד, און איבערן באַרג, — וואו עס ליגן די לייט, און לויערן איינער אויפן אַנדערנס לעבן; און די רציחה פאַלט פון זיי אָפּ, די אימה צערינט, און אַ גוטער טייערער ווינט גלעט זיי, בעט זיי אויס מיט זיידענע קישענס אונטער די קעפּ, וועלכע פאַלן אַרונ־טער אין אַן מאַכט; אין אַן אַן מאַכט פון דער מידער נאַכט, — און פאַרמאַכט זיי די אויגן; זיי חלומען, און אין חלום גיבן זיי זיך די הענט: וואָס האָבן מיר דאָ איינער צום אַנדערן, — און ווילן זיך דערהרגענען? ווער האָט דאָס אָנגעברענט איינעם אויפן אַנדערן? אַז די ווילן האָבן פוילן, — וואָס קען עס דעריבער די אַנדערע שאַטן? וועט דעריבער אויפן אוראַל אויפהערן צו וואַקסן?

און מ׳רייסט אויף מיט האַסט די טיר; ס׳קומען אַריין די לייט פון הינטערן באַרג, די געשיקטע פונעם מלך, — מיט בייזע פנימער, אין שטאַל און מיט פאַנצער; מיט הויכע צאָפּעס ביז איבער די אויערן, בלאַנקע שווערדן אין די הענט, און זיי ברענען:

— דו וועסט דאָ זיצן, — זאָלסט קענען געבן אָנצועסן די לייט פונעם וואַלד? און זיי נאָך מיטגעבן פון אַלעם גוטן? פון ברויט, פלייש, און פלעשער ווייַן?

ישראל בלייבט אויף איבער אַ רגע צעטומעלט; פייערדיקע רעדער נעמען זיך דרייען פאַר זייַנע אויגן: „האָבן יענע געזאָלט אַרייַנפאַלן צו זיי אין די הענט? און ליגן שוין אפשר אַיִן דרויסן, טויט?“ ער קוקט צעשראָקן אין זייערע אויגן, וואָס שיסן מיט פייער; און די צונג, וואָס איז ביי אים געליימט, — נעמט זיך רירן, וויל דאָ עפּעס זאָגן, פאַרדעקן, אַז דער סוד זאָל בלייבן סוד, — אָבער זיי גיבן אים גלייך אַ וואָרף, אַ שטויס צו דער טיר:

— קום, און דאָרט וועסטו דיך פאַרענטפערן...

און אַז זיי פירן אים אַרויס, אַזוי נעמט אים בלוטן ס'האַרץ, נישט אַזוי ווייַט פאַר זיך, — ווי פאַר דער קרעטשמע, וואָס זי בלייבט אַליין; ווי וועט זי אויסזען, — אַז ער וועט מיט איר נישט זייַן? ווער וועט אָנצינדען ס'פייערל אין איר, — ס'זאָל לייכטן אין די האַרצער ביי יענע, וואָס אין דער טיפעניש פונעם וואַלד? און אַזוי ווי זיי פירן אים אין דער שטאָק בלינדער נאַכט, — צום באַרג, וואו זייערע לייט האַלטן זיך אויף; און ער ווייסט: אַז זייַנע שעה'ן זענען געציילטע, — אַזוי נעמט גליען אין אים אַ פייער, אַ גרויס מעכטיק פייער, וואָס הייבט־אָן אַרויסשרייען מיט אַ גבורה אינעם קול, ביי אים פון מויל:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד.

די לייט וואָס פירן אים, — רוקן זיך תיכף אַוועק; אַ פחד באַפאַלט זיי, זעענדיק: ווי זייַנע אויגן גליען אין דער פינצטערניש, און די האָר פון דער באָרד צאַפּלען זיך, — ווי אַ בונט צעשניטענע שלאַנגען; דאָס קול זייַנס נעמט רוישן אין זייערע אויערן, — ווי דער וואַלד וואָלט זיך צעשריגן מיט אַלע גראָבע קולות פון די דיקעביימער, ביז אויף די דינע קולעכלעך פון די גאָר יינגע ביימלעך; און נעמען גייען מיט גיכע טריט, ווי געוואָלט אים אַריבערגיין, פון אים נעלם ווערן; אים נישט זען און נישט דערהערן; און אָנקומען וואָס גיכער צום באַרג, — לעבעדיקע; און דאָ בלייבן זיי שטיין, קוקן זיך אום מיט פחד: „הע? ס'איז עפּעס געקומען אויף זיי אַזאַ שווערע שעה: און דער ייד איז מיט זיי נישטאָ...“

— — — — — — — — — — — — — — —

די קרעטשמע
אויף איר מדרגה.

ביי נאכט: ישראל ליגט אין בעט, אזוי פילט ער ווי ס׳ברעכן אים די ביינער, — פונקט ווי דער מארך וואלט אין זיי געטריקענט; ער מאכט־צו די אויגן, מאכט זיי אויף, א שעה נאך א שעה, — ביז ער דרעמעלט איין, אזוי קומט אים צו חלום די קרעטשמע, ווען זי איז נאך געווען אין די פעדערן; און איר שטערן האט געלויכטן, איר שם איז געגאנגען אויף מיילן, אפשר אין די הונדערטער, — צווישן די פארוואָרפענסטע יידישע שטעט.

יידן פון נאענט און ווייט, מכל תפוצות, — זיצן אין די אלקער־לעך, פירן מסחרים; קויפן תבואות, נחלאות, וואלד, און, דער עיקר, — לאדענען; אין דרויסן, פאר דער טיר, — רוט נישט; דער הויף ברעכט זיך מיט וועגענער און מיט פערד, וועלכע הירזשען פון די שטאלן, רייסן זיך הייזעריקלעך די העלדזער; פון בעלי־עגלות, וואס קנאקן לעבעדיק מיט די בייטשן: „גערודערט זאל ווערן, — ווארן, מ׳דארף נאך אנטרייבן אהיים אויף שבת!" כאטש ס׳איז ערשט מאנטיק, נאר, אפנים, זיי מוזן קומען פון די מרחקים.

זיי דרייען זיך ארײַן און ארויס: א קוק אויף די פירן, און א שמעק צום לאנגען טיש, וואס פארנעמט פון עק ביז עק, און איז אנגעשטעלט מיט געבראטענע גענדזלעך, פיפיקלעך, געפילטע מעגלעך, געגלי־ווערטן פיס, אייער־קיכלעך, — פון וואס זיי שלעפן אלץ אינאיינעם אראפ, און, דער עיקר: הייסן זיך אריינגיסן אין די גלעזלעך:

— נאך א מאל, ר׳ ישראל, און פון דעם שטארקן; ס׳זאל בריען און אדורכגליען...

ישראל לאזט זיך נישט בעטן; ער צאפט פון פעסעלע פייער א קוואטירל און א קוואטירל, דערגיסט דעם א טראפן, יענעם, — און נישט, חלילה, געפעלשטן; פון ריינעם און עכטן, — אז עס צעגייט זיך אין אלע רמ״ח אברים; די בעלי־עגלות קענען זיך אויף אקעוויט; זיי זענען די ריכטיקע מבינים. נאך זייענדיק אויפן לאנגען, אויס־געצויגענעם שאסיי, וואס שניידט זיך צווישן די געדיכטע וועלדער פון ביידע זייטן, און גזלנים סטראשען פון אים ארויס, — האט זיך

ס'האָרץ ביי זיי דערפרייט, אַז זיי ד'האָבן איר אָנגעכאַפּט מיטן אויג, די קרעטשמע; און געקענט זען האָט מען איר פון גאַנץ ווייט, אַרויפ־קומענדיק אויפן ערשטן באַרג, פון וועלכן מ'ד'האָט זיך נאָך געהאַט אַראָפּצולאָזן, און אויפצושטייגן איבער עטליכע בערג אַזוינע, זיי איבערצוקומען, — ביז מ'האָט צוגעפּאַטשט אַ הער, און געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם: „געלויבט זיין ליבן נאָמען, — אַז מ'איז דאָ און מיט גאַנצע ביינער!" זיי האָבן זיך, קודם, געשטעלט איבערפּאַשען; אָנהענגען ביי די פערד זעק מיט „אָבראָק" ביז איבער די אויערן, און אַריינגיין מיט אַ ברייטן: „ברוך הבא!", — אין דער קרעטשמע, זיך רייבנדיק די הענט:

— אַ גוט מאָרגן אייך, ר' ישראל; אַ גאַנצן וועג זיך אויסגעקוקט די אויגן נאָך דער קרעטשמע, — אייערע; ס'ווערט עפּעס ווי גרינגער מיט איר...

סוחרים מאַכן קניות, מסחרן; יענער האָט ליגן אויפן וואָגן מעל, דער אַנדערער — לעדער, אַזוי מאַכט מען אַ חילוף; מ'באַרעכנט זיך, מ'צאָלט זיך אַרויס, און מ'לאָדעט גלייך איבער פון איין וואָגן אויפן אַנדערן; בינו לבינו שמועסט מען זיך אָדורך: איין ייד האָט אין דער היים אַ בחור, — אַן עילוי; דער אַנדערער ייד, — אַ בתולה, אַ יפת תואר, און מ'איז זיך משדך; מ'שטעלט אַ פלעשל וויין, און מען מאַכט אַ וואָרט; אויף דער אַנדערער וואָך קומען זיך צונויף מחותנים, מחותנתטעס, — אַ גאַנצע בריקע, און די קרעטשמע ווערט מיט זיי פול; אַלע לאָמפּן זענען אָנגעצינדן, די טישן געדעקט מיט כל טוב; און צוויי דריי יידן, כלי־זמרים, וואָס מ'האָט מיטגעבראַכט, — פאַר־ציען גלייך מיט אַ סמיק און אַ טרומפּייט; אַן אַלטער זיידע גייט אַוועק אַ קאָזיקל אויפן טיש...

אַזוי: איין טאָג, — תנאים, און אויפן אַנדערן, איידער מ'האָט נאָך פאַרוימט די טישן פון דער נעכטיקער סעודה, — פאַרנעמט זיך שוין און מיט אַ קנאַק, — אַ חתונה; ס'ווערט פול מיט יידן, — אין אַט־לאַסענע קאַפּאָטעס, שטריימלעך, שיך און זאָקן... גאַרטלען... ברייטע צעפּלאָשעטע בערד... און, דער עיקר, — אויגן, אַזוינע טיפע, ליכטיקע, וואָס ברויכן קענען אַריינקוקן ביזן סוף פון אַלע דורות,,

יאָ: אַ סך תנאימס זענען אין דער קרעטשמע געוואָרן אויסגע־פירט; חתונות, — געפּראַוועט; ס'האָט זיך דאָ געוודערט, — אַ וועלט;

אַ שמחה אויף אַ שמחה; איינע ביי דער אַנדערע, אויפן קאָפּ; און אַז ס׳זענען געווען שמחות ביי ייִדן, — האָט זיך די קרעטשמע מיטגע־פרייט, געשעפּט נחת מיט פולע הענט; און ווען, חלילה, גטן, — האָט זי אויך מיטגעוויינט; געלאָזט פאַלן אַ טרער, אַ הייסע קראַפּליע... מילא: בלויז שמחה, — ווי קען דאָס זיין געמאָלט? כאָטש אַ קליין ביסעלע עצבות, אויפן שפּיץ מעסער; די קרעטשמע האָט טאַקע פאַרבינדען, געמאַכט דעם קשר, אָבער אויך אויפגעבינדען...

אַז ס׳איז געקומען פאַר ימים נוראים, — וואו האָט מען דאָס אַזוי געוואוסט, ווי אין דער קרעטשמע? אלול, אַזוי ווי די יעשענדיקע ווינטלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט איבער די פעלדער, — האָט זיך דאָס גלייך געלאָזט דאַ פילן; מיט די ערשטע תקיעות, האָט מען שוין געקענט זען אויף דעם ווייסן שאָסיי־באַרג, — ווי ס׳קומען אויף אים אַ קאַפּויר ייִדן; איינציקע, ווי אַפּגעריסענע פון מחנות, און צעוואָרפן, — זיי זיינען זיך באַצייטענס מקדים, פאַרלאָזן דאָס הויז־געזונט, — און זענען עולה רגל, צו פיס, צום רבין; נאָך אַ ביסל, און ס׳הייבן אָן ציען מחנות חסידים, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט די מסדרים, די געוועלבער זייערע, דעם גאַנצן האַק און פּאַק, — און זיך געלאָזט איבער הונדערטער וויאָרשטן, — צו קענען זיין אויף ראש השנה און יום כיפור, ביים רבין זייערן; מיט זייער קומען, — הייבן זיך אָן צו לאָזן דערהערן אומעטיקע ניגונים; די לופט ווערט מיט זיי אָנגעזאַפּט, — ווי אַ שוואָם מיט רעגן־וואַסער; מע ברענגט מיט זיך אומעטיקן טרויער, עצבות, דביקות, און כלערליי נוסחאות פון רבישע הייפן; איטליכער חסיד, וואָס האָט זיך אין דער היים געפלייסט, געשאַרפט ס׳קויל, — קען זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דער ריכטיקער מינוט, ווען מ׳וועט זיך ברויכן אַ שטעל אָוועקגעבן פאַרן עמוד אין רבינס בית־המדרש, פאַרטאָגס, ביי ווייַנענדיקע הימלען, און אַ געשריי־טון, אַז די ווענט וועלן ציטערן, די וועלדער זיך אויפרודערן:

שלש עשרה מידות,
האמורות בח־ני־נה!
נא, כל מדה נכונה,
אחלה פני מלכי בתחנה.

זיי צעלאָזן זיך באַלד דאָ, נאָך איידער־וואָס, — אונטערוועגס, אויף די בריקעס; צווישן די פעלדער מיט די וועלדער; מ׳ציקעלט זיך צווישן די נאַסע קאַשטאַנען־ביימער, פון וועלכע ס׳הייבן שוין אָן צו פאַלן די גראָבע קאַשטאַנעס, — און שפּאַלטן זיך; און בלעטער, אָנגעלאָדענע, פול מיט וואַסער.

— ה־ה־ה־המ־ל־ך!

און אַרום כאַפּן אונטער יידן, צעוואָרפן, אומגעזען, פון דאַגעט און פון דאָרטן:

— אוי־אוי, היושב!

און דאָס אַזוי, צו גאַנצע טעג און נעכט; חסידים מכל־ערליי טישן; כתות חסידים פאַרהערן זיך מיט תורות, גלייכווערטלעך, המצאות, — פון זייערע רביים און גוטע יידן; אַלע גרויסע מקומות זענען אויפן טיש: מאָדזשיטש, ראַדזימין, קאָזשעניץ, קאָצק, וואָרקאָצק, — די גדולים פון קליין און גרויס פוילן; און אויך פון גאַליציע; מ׳דערציילט זיך אָן פון זייער התנהגות: ווי דער רבי איז נשתומם איבער דער וועלט; און יענער, — פאַר׳צער׳ט; אַ דריטער, גאָר פול מיט התלהבות: „מ׳טאָר נישט אַריינפאַלן אין עצבות, יידן; אין מרה־שחורה!״ כאָטש, זיי ווייסן, די יידן: אַז ס׳איז נישט מער דער ברען, — וואָס אַ מאָל; און אַז די ישובים ווערן קעלטער פון יאָר צו יאָר; די סטרא אחרא קריגט אַלץ מער שליטה, און דער יינגער עולם איז שוין ווייט נישט מער, וואָס זיי זענען געווען; ער איז אפשר מיד פון התלהבות, און קוקט מער ניכטער אויף אַלעם; קוקט אויף זיין קראָם און אויף די שכנים אַרום: מ׳דהאָט זיי טאַקע אין דער אדמה, גאָר פון די שנאה זייערע איז ביטער אין מויל, ווי גאַל... אָבער, וואָס ס׳האָט צו טון מיט נגינה, — צינדט זי אָן די יידן, אַפילו אין סאַמע טרויער; דער כח הנגינה איז עולה ועולה, איז זיך כסדר מתגבר, און אפשר, — צוליב די רשעות פון דרויסן? ס׳זאָל זיך נישט לייגן אַזוי שווער און שטאַרק, — פון אינעווייניק? די ניגונים קומען אויף מיט די ווינטן אין פעלד, מיט די געשרייען פון די ביימער אין וואַלד, — וואָס איז דען ס׳גאַנצע בלאָזן פונעם ווינט? און דאָס שרייען פון וואַלד, — אויב נישט נגינה? און אין די רבישע הייפן ווערן זיי אויסגעזונגען, אויסגעוויינט; אין איין הויף מיט מער ברען, און אין אַנדערן, — מיט אַ קנאַפּערן; לויט די

כחות, און דעם פלאַם ביי די יידן; יעדער חסיד וויל נישט אַנדערש האָבן, — ווי נאָר ביי זיין רבין קריגט ער דעם ריכטיקן תיקון; און אַז ד ע ר ייד שפּאַרט זיך איין:

— אַז נאָר ביי זיין רבין, ביי דעם בעלזער, — איז דער ניגון אַזוינס און אַזוינס, און האָט אַלע מטעמים...

רוקט זיך אַריין אַ צווייטער, און מיט די עלענבויגענס צו אים אין די זייטן:

—אַז נאָר ביי ז י י ן רבין, אין קאָצק, — איז דער ניגון אַזוינס און אַזוינס, און האָט אַלע מטעמים...

רייסט זיך אַריין אַ דריטער, אַ פערטער, אַ זיבעטער, — און אַלע מיט איינמאָל; יעדער האָט אַ פול מויל מיט זיין רבין, מיט זיין הויף, און מיט זייערע ניגונים; און ס'דערגייט צו אַ מחלוקה; ס'הייבן אָן גלאַנצן אויגן, מלחמת ה', — פאַרברענטע חסידים; קליינע יידעלעך מיט גרויסע נשמות; קיין איינער פון זיי וויל נישט נאָכגעבן, — אויף אַ האָר נישט; און בערד שטעלן זיך אויף, ווערן שטייף ווי די פלעקער; בלייכע, איינגעפאַלענע צורות, — ווערן רויט; באַקן הייבן אָן פלאַמען; מאַטע, פאַרגעלטע אויגן צינדען זיך אָן, — נעמען שטראַלן; און אַז ס'דערגייט שוין צו דער מדרגה, דאָס איינער שווינט נישט דעם אַנדערנס כבוד; מ'קריכט אין גרגרת אַריין; מ'נעמט זיך אַריינזאָגן אָרנטלעך אין טאַטן אַריין: „דו ביזט אַ דראַנג! ווייסט נישט פון דיין חיות צו זאָגן!" „און די ביזט אַ טומטום! אַן אַנדרוגינוס! און דער רבי וועט דיר העלפן קרעכצן! און ס'אי בחנם גאָר דיין פאָרן!"

דענצמאָל גיט אַ קום אַרויס ישראל, דער הויכער און ברייטער ייד, מיט דער צעלאָזענער באָרד, מיט זיין גאַנצן פאַרנעם, און גיט אַ צעפּיר מיט די הענט איבער אַלע זייערע קעפּ:

— איר שפּאַרט זיך איבער אַ ניגון? ד ע ר ניגון, י ע נ ע ר ניגון, אין תוך, — זענען אַלע ניגונים איין ניגון; ס'אי נאָר געווענדט, פון וואָס פאַר אַ כלי ער קומט אַרויס; סאַראַ כלי, — אַזאַ פאַרב, אַזאַ כח, אַזאַ גבורה; לעולם: איז דער ניגון, — סתם ניגון, אַזוי ווי אַ קוואַל, וואָס קומט פון דער טיפעניש, מעומק הלב, — און יעדעס קוואַל וואַסער איז גוט; אַנדערש איז, חלילה, אַז ס'כלי האָט אַ ריץ, ס'הייסט: דער גוף איז אָנגערירט, קאַליע, און ס'האַרץ איז

גישט דערביי; ס'כאַפּט זיך אַריין אַ מחשבה זרה... אָבער ביי אַ גוטן ייד, — וואָס איז דער חילוק, ביי וועלכן? מוז דער ניגון זיין פול מיט קדושה, — ווייל דער גוף איז קדוש וטהור... און ווי אַזוי קען שטעקן אַ פּגם אין אים?...

צו די ערשטע סליחות האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען די טירן, די פענצטער, — אַזוי ענג און געפּאַקט איז געווען מיט יידן; און מ'דאַוונט געזאָגט, — אַז דער וואַלד אין דרויסן האָט זיך געוויגט אונטער די פינצטערע הימלען.

ווינטער, ווער שמועסט: ווינטער, — האָט גאָר ס'היימליכקייט מיטגעריסן. אין דרויסן שפּילט די פראָסט, מאָלט אויס דעם וואַלד אויף די שייבן; דער שניי דרייט זיך אין לופטן, און גלימצערט; וואו איז דאָ אַ שאָסיי? אַ באַרג? אין דער קרעטשמע איז ליכטיק, וואַרים, אַ ליבע וואַרימקייט פאַרבעט: „קומטס אַריין, ס'אי ביי מיר אַ מחיה!" און אָט פאָרן פויערים פון קאַשציאַל, — זיי האָבן אַ חתן מיט כלה אויפן שליטן; און מ'פויקט אין די טאַצן: בוג־זיג־זיג... בוג־זיג־זיג... מ'רייסט זיך אויס די העלדזער, שרייענדיק: אוי, דינאַ, אוי, דינאַ, אוי, דינאַ־דאַנאַ... און אַז מ'קומט פאַר דער קרעטשמע, — פאַרציט מען די לייצן, און מ'גייט אריין אַ הוליע־טון; דאָס מיינט: אַריינגיסן, און וויפיל מ'קען; און נעמען זיך טאַנצן, האָפּסלען, — טאַקע ווי פויערים; און אַז מ'טאַנצט, — קען מען נישט אַרויסלאָזן ישראלן, — מ'כאַפּט אים אַריין צווישן — „אַ כאַטש טו, סרול, אוטשטשיווי..." און מ'דרייט זיך מיט אים אין קאַראַהאָד... מ'צעטרייסלט אים אין ראָד...

חנוכה, אַז ס'קומט, — ברענען די ליכטלעך אין פענצטער, און טיקן זיך אין די טיפע פאַרשנייטע פעלדער; קלאָרע פלעמלעך פלעמלען אויפן קלאָרן שניי; אין נאָז קיצעלט דער געשמאַקער ריח פון אויסגעלאָזן פעטס אויף פסח; מ'רייבט זיך די הענט, און מען מאַכט זיך באַטעמט ס'מויל פון די גריוועך, — וואָס מ'וועט באַלד אַרויפשטעלן אויפן טיש; פון די ווייסע קאַרטאָפל מיטן רויטן באָרשט. מ'נעמט זיך שפּילן אין אַ קוויטל, און צו־זינגען מעוז צור ישועתי...

אזוי איז די קרעטשמע אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר איינגעטינקט אין שמחה; ס׳ביסעלע עצבות ווערט צערינען אין דעם ים פון חדוה, — אין וועלכן עס האָט געטליעט אַ קערנדל אלוקית; די ערלעכקייט פון די סוחרים, די תמימות פון די בעלי־עגלות, התלהבות פון די חסידים, און אַפילו, להבדיל, — ס׳פּראָסטקייט פון די פּויערים, דאָס און אַלץ האָט אין איינעם אַריין באַשאַפן אַ פייערדיקן ריקוד פאַרן רבון עולם; און ווער ווייסט, אויב נישט אין דעם זכות, — איז זי עולה געוועזן צו דער גדולה?

די קרעטשמע און די מלחמה.

פאַרלאָשן איז געוואָרן דאָס ליכט פון דער קרעטשמע, פאַרטונקעלט איר שטערן, אויסגערינען איז די פריילעכקייט; פאַרוואַקסן איז דער שאָסיי, — ס׳ציט אויף אים זעלטן פאַרביי אַ וואָגן; און דאָס, — אַ פּויער, מיט אַ זאַק קאָרן, אין דער מיל אַריין.

יענע יידן פון די אַלקערלעך, די סוחרים מיט די בעלי־עגלות, פערד און וועגענער, — זענען אַוועק אין זייער וועלט; די ישובים לעבן גאָר אויף אַן אַנדערן שטייגער; מ׳ברויך נישט מער פירן קיין סחורות מיט פירן, און זיך טוישן מיט זיי, — אויפן הויף פון דער קרעטשמע; מ׳קויפט, מ׳פאַרט, און מ׳פירט מסחרים אויף אַ נייעם שטייגער, און אויף אַ גרינגערן; מ׳קען זיצן אין דער היים, — און ס׳זאָלן קומען וואַגאָנעס מעל, וואַגאָנעס נאַפט, — גלייך אין שטוב אַריין; מ׳דאַרף זיך נישט מער שלעפּן הונדערטער וויאָרשטן, — נאָך דעם; אויך חסידים גייען זעלטן צו פיס; מ׳פאָרט צום רבין און נישט אויף קיין פירן... די קרעטשמע איז אינגאַנצן ווי איבעריק, אויסגעשפּילט... אַ טויטע זאַך, פון וועלכער די נשמה איז אַרויס... קיינער קומט נישט אין איר, און קיינער גייט נישט פון איר; איין ישראל, וואָס וויל זיך נישט צעשיידן מיט איר, — און ער גלייבט נישט, — אַז זי זאָל שטאַרבן מיט אַזאַ יינגען טויט; אַ זקן, — און ער חלומט נאָך ווי אַ

יינגער, ווען די פרייליכקייט וועט זיך אומקערן צו איר; מ׳וועט צוריק אָנהייבן קומען, און פון אַלע עקן; ס׳וועלן דערפילן די קינדער איר בענקשאַפט, און זיך אומקערן אַ היים צו איר, — נישט וועלן זיין מער נע ונד און בין הגויים.

און זיין חלום, ישראלס, איז אויך מקוים געוואָרן; אין איין שיינעם פרימאָרגן, אַזוי ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, אַרויסגעגאַנגען כנהוג, צו גיין אין וואַלד אַריין, דאַוונען, — זעט ער אַ וואָגן שטיין פאַר דער טיר; אַזוי ווערט ער דערשראָקן: „הע? ווי אַזוי האָט זיך דאָ מיט אַ מאָל געבראַכט צו שלעפּן אַ וואָגן, אַהער? די קאָליע גייט נישט מער?" און אַז ער גיט אַ קוק, — גלייבט ער נישט די אויגן זיינע: יוסף, זיין זון יוסף מיטן ווייב און די קינדער, — און מיט בכל מכל כל. וואָס טוט זיך דאָ עפּעס?, ער זאָל נאָך האָבן דערלעבט צו זען אַ קינד מיט די אייניקלעך, — ביי זיך אין דער קרעטשמע? און ס׳איז נישט קיין חלום?

דער זון זייגער האָט אַ פול מויל און רעדט נישט; אויף זיין פנים ליגט אַ טיפע שרעק, אַ פחד, — וואָס דער טאַטע זעט דערווייל נישט; ווי אַזוי קען ער דאָס זען ביי אים? ער איז צופיל צערוישט, און ס׳דהאַרץ פרייט זיך אין אים: ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין? אַזאַ זאַך? אַז מ׳זאָל אים דאָס געווען קומען פריער זאָגן, — וואָלט ער געגלייבט? און ער זאָל דאָס געווען לאָזן וויסן, — מיט אַ וואָרט? נאָר, גלייך אויפן קאָפּ אַרויף! פון דער העלער הויט! מ׳קען דאָך, שונאים, — געווירט ווערן! ער כאַפּט די קינדער פונעם וואָגן, נעמט זיי האַלדזן, קישן, מיט זיי טאַנצן און שפּרינגען:

— העי, קינדערלעך, צאַצקעלעך, ליאַלקעלעך, — קומט אַ רעדל מיטן אַלטן זיידן...

והיה, און ס׳איז געווען: אַז די פיצלעך קינדער האָבן זיך נאָך פאַרשאַרט הינטער דער מאַמעס פאַרטוך, זיך געזוכט צו באַהאַלטן פאַרן זיידענס גרויסע באָרד, — און ס׳איז שוין נאָכגיכער אַרויסגעוואַקסן, און ווי פון אונטער דר׳ערד, — אַ פרישער וואָגן; אויפן שאָסיי, וואָס איבערן ערשטן הויכן באַרג, — האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב; אַ פּאָר פאָדקאָוועס פון פערדישע פיס, האָבן פאַרעקשנט אַ דראַפּע געטון ביי אים אויף די קליינע שטיינדלעך, — און זיך גלייך באַוויזן פון וואָלקן שטויב אַרויס, מיט די צעשויבערטע גרזשיוועס,

פולע מיילער שוים, און אויסגעשטרעקטע קעפּ, — וואָס זענען געווען איינגעצויגן פון די לייצן, ביי די בעלי־עגלות אין די הענט; און כהרף עין זיך אָראָפּגעלאָזט, און מיט אַ געוויסע צוריקגעהאַלטענקייט, אין טאָל, — אַז דער וואָגן זאָל זיך דאָרט נישט אויסשיטן מיט אַלעם, זיך צונויפפאַלן אין אַ קיפּע, און ס'זאָל פון אים גאָרנישט בלייבן...

ישראל האַלט פאַרריסן דעם קאָפּ:

— דהע? וואָס זאָל עס באַטייטן? נישט אַ מאָל, — אתחלתא דגאולה?

דאָס האַרץ קלאַפּט אים צוליב דעם טאָל, — וואו דער וואָגן איז נעלם געוואָרן; ער קוקט מיט די אויפגעריסענע אויגן צום וואָלקן שטויב, וואָס דהאַלט זיך נאָך אויפן ערשטן באַרג, און, — אַ האָ! דער וואָגן איז שוין דאָ, — און אַ גאַנצער, — אויפן צווייטן באַרג; פון וועלכן ער פּאַטשט גלייך אַהער, צו דער קרעטשמע; און ער צענעמטביידע הענט:

— אָך, בנימין, יינגסטער זון, מיינער...

אַ גדולה, אַ שמחה, — אַזוינע צוויי ליבע קינדער: יוסף און בנימין, — זיי זענען געקומען אַהיים צום טאַטן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, — גאַנצע שבטים; מיט גאָלד און צירינג, ברילאַנטן און אבנים טובות, — זאָל דאָס האַרץ פון אַלטן זיידן דאָס קענען איבערהאַלטן? און נישט פּלאַצן פון פרייד?

עודם מדברים, — אַ פרישער וואָגן; שמעון, און באַלד נאָך אים, — נאָך איינער, און, דאַכט זיך, לוי... כע־כע, אַזוי ווי אָפּגערעדט... שמעון ולוי אחים... מעשה שכם... אַזוינע גבורים... מ'וואָלט איצט נייטיק באַדאַרפט זייער גבורה... זי וואָלט גריילעך געקענט צוניץ קומען... די אויגן ווערן אים פול, ס'האַרץ צעגייט, ער וואָלט עפּעס געוואָלט רעדן, — און קען נישט; דער האַלדז איז צוגעשנירט; און אויף די שנירן הענגען שווערע שלעסער... ער קערט זיך אָפּ, — זיי זאָלן נישט זען ווי ס'דהאַרץ וויינט אין אים פון פרייד; און האַלט פאַרמאַכט די אויגן צו מזרח, צום הר מוריה; ער וויל אָפּגעבן אַ שבח והודיה פאַר די גרויסע חסדים, וואָס גאָט האָט צו אים געטון, ערשט, דערזעט ער, דורך אַ שפּעלטעלע פון די וויעס: ראובן, יהודה, יששכר, זבולון, — ווי זיי קומען אָן מיט אַלע וועגן, נאָר אָן די כהנים און אָן די לויים; זעצן זיך אויס אויף דער ערד,

אַזוי ווי בײַ די טײַכן פון בבל, — ווען מ׳האָט די ייִדן פאַרטריבן אין גלות אַריין; אבלים, נאָך אַ גרויסע און שווערע אבידה, — אשר אין לה מנחם; ס׳איז נישטאָ קיין טרייסט צו איר; אַזוי פאַלט ער, לכתחילה, בײַ זיך אַראָפּ צוליב זייער ביטערן הולך, צעשראָקענע פּנימער, און די הענט מיט די פיס נעמען בײַ אים ציטערן:

— הע? זאָל דאָס זײַן דער קיבוץ גליות? אָדער, אַ נײַער גלות בבל?

און נעמט זיך בעטן בײַ זיי, בתפילה ובתחנונים:

— מ׳זאָל אים זאָגן: וואָס ס׳טוט זיך דאָ אַזוינס? זיי זאָלן געדענקען אין זײַנע אַלטע יאָרן, — און זיי אים נישט מקצר זײַן...

אַזוי האָבן די קינדער זיך צוריקגעצויגן פאַר אים, אַזוי ווי פאַר יעקבן, ווען ס׳איז געשען די מעשה מיט יוספן, — טרף טורף יוסף, יוסף איז פאַרציקט געוואָרן; נאָר וואָס ראובן, דער עלטסטער זון, איז אַרויסגעטרעטן, געפאַלן ארצה, מיטן פּנים צו דער ערד, און אים מגלה געווען דעם סוד:

— מ׳לויפט נישט אַ היים פאַר קיין נדחת, טאַטע; אַ מלחמה טרײַבט אונדז; אַ ביטערע מלחמה, וואָס האָט זיך געמאַכט נישט בלויז אין פּוילן, נאָר איבער אַ האַלבע וועלט: צווישן מלכות רוסיע מיט מדינת אשכנ״ז, צרפת, ספרד, אנגליה — ביז העט־העט, הינטער די הרי חושך, וואו זי האָט נישט קיין עק...

אַזוי האָט ישראל, וואָס איז געשטאַנען, ווען ער האָט גערעדט, — ווי אַ בוים, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, און זיך געקנייטשט דעם שטערן; ווי נאָכגעטראַכט איבער אַלע סכנות, וואָס לויערן בעת אַ מלחמה; און נאָכדעם, אַז ער האָט אים אויפגעהויבן, — האָבן די אויגן זײַנע שוין געלויכטן מיט דעם אַלטן פֿײַערל פון אַ מאָל; דער שטערן שוין צוריק געווען אויסגעגלייטערט, און בכלל מיט אַלעם אויפגעהײַטערט:

— און אויב ס׳אַ מלחמה, — גייט שוין די וועלט אונטער? קומט שוין אַזוי אַראָפּצופאַלן בײַ זיך?

כאַפּט זיך וועלכעס פון די קינדער אַרויס, מיט הכנעה:

— די וועלט ווערט חרוב; גאַנצע שטעט גייען תחת חרב...

ישראל האַלט דעם קאָפּ הויך און פאַריסן, און וויל אַז די קינדער זאָלן וויסן, זיך אַרײַנעמען גוט אין זכרון, — דאָס מיט וויפיל

מלחמות די קרעטשמע האָט זיך שוין צונויפגעטראָפן פנים אל פנים, און זיי האָבן איר נישט געקענט בייקומען, — וועלן זיי איר דאָס אַצינד אויך נישט קענען; אפשר נאָך אָן אבר ביי איר אָפּ־רייסן, — נישט מער; וועט זי, אַז ס׳וועט האַלטן גאָר־גאָר שמאָל, — נאָך אָן אבר מוזן אָפּגעבן; אָבער, דעם קאָפּ? איז נאָך געווען עמיץ אויף דער וועלט, — וואָס זאָל איר קענען דעם קאָפּ אַראָפּנעמען?

און באַלד אויפצומאָרגענס, נאָך דער ערשטער נאַכט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף; אַרויסגעגאַנגען, כנהוג, — אין וואַלד אַריין, דאַוונען; דערזעט ער ווי דער שאָסיי איז מיט אַ מאָל געוואָרן באַלעבט; הע? ס׳גייען פירן אויף אים, — זיי קומען אָן ווי די ערשטע שוואַלבן; און שטעלן זיך אויס, ווי אין די אַלטע גוטע יאָרן, — אין לאַנגע, לאַנגע שנירן, ביים וועג; די בעלי־עגלות שפּאַנען אויס די פערד, טוען זיי אָן זעק מיט עסן אויף די העלדזער, און ווייסן אַריינצוגיין, ווי זייערע טאַטעס, — אין דער קרעטשמע; זיך הייסן געבן אַ טרונק בראַנפן, מאַכן אַ לחיים...

און די קינדער זיינע, — ווי זיי האָבן איר, איבער אַ נאַכט, גענומען אין די הענט אַריין, די קרעטשמע; אויסגעווייסט די ווענט, זיי אָפּגעקאַלכט, — ס׳זאָל נישט זיין אַזוי חושכדיק אָפּגעריסן; אונ־טערגעשטעלט, וואו מ׳דאַרף, — דרענגלעך, אַז דער באַלקן זאָל אויפן קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן; פאַריכט אַ טיר, אַ פענצטער, גע־ברענגט פון ערגיץ צושלעפּן טישן, — און ס׳איז פול אין איר; ס׳שטייט אַ וואָלקן רויך; ס׳אַ גערעדעריי, — אַז מ׳קען פאַרטויבט ווערן; עמיץ שרייט, און נאָך עמיץ, — שרייט העכער; סוחרים זיצן אַרום די טישן, און מ׳האַנדלט, מען מאַכט געשעפטן; יידן קויפן אָפּ איינער ביים אַנדערן, — וואָס זיי האָבן אויפן וואָגן, און מ׳לאָדנט דאָס גלייך איבער אין דרויסן, פון איינעם אויפן אַנדערן; מ׳דער־וואָרימט זיך דערביי מיט אַ גלעזל אַקעוויט; און אַז ס׳ריקט זיך ווער אַריין מיט די מלחמה אין מיטן עסק אַריין: „אוי, מ׳דהאָט דאָ ערגיץ געזאָלט הערן שיסן!” אַזוי גיט דאָס גלייך אַ ברי, אַ שטאָך; טאָקע אַ גרויסע בראָך, — נאָר וואָס קען מען טון?” און מ׳לעבט מיט דער השגחה...

עזות פנימער שטעלן איר גאָר אַרויס אַ פייג:

— און אז מלחמה, — איז וואָס? וועט מע לייגן די ציין אין בייטל אַריין? ס'לעבן איז אַ ביסל צערודערט, און נישט ווי פֿריער, — אַזוי פּאַרט מע מיט שאָסייען; און מ'האָט אָפּגעפּרישט די אַלטע וועגן מיט די פֿערד און וועגענער...

דער אַלטער ישראל זיצט אין אַ זייט, — ווי אָוועקגעזעצט; ער קוקט זיך צו, ווי די קינדער גייען אום מיט די מענטשן, — און עס נעמען ביי אים גלאַנצן די אויגן, מיט דעם ייִנגען פֿייערל פֿון אַמאָל; ס'האַרץ זיך צו דערוואַרימען; נאָר וואָס אין מח פֿאַרגנבעט זיך צו אים אַ מחשבה; ער וויל איר פֿאַרטרייבן, נישט צולאָזן צו זיך, נאָר זי האַלט זיך ווי אַ שפּין מיט אירע פּיסלעך אין איר שפּינגעוועבס:

— עפּעס: ייִדן, נאָר נישט די אייגענע ייִדן פֿון אַ מאָל; נישט מער זייער ברען; און אויך די מסחרים, — אַנדערע, דאַכט זיך... ער האָט זיך דערוואָרט אויף אַ פֿרישן עולם, וואָס קען אים נישט, און ער קער זיך נישט אָן מיט אים...

און אַז ער פֿאַרגייט אַזוי אין ספֿקות, דער קאָפּ לאָזט זיך ביי אים אַראָפּ, די אויגן פֿאַרמאַכן זיך, — אַזוי וואַקסט פֿאַר אים אויס עפּעס אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ מאָגערער ייִנגערמאַן, מיט אַן איינגעפֿאַלן אָפּגעצערט פּנים, בלייכע באַקן, — נאָר וואָס פֿון זיינע שוואַרצע אויגן קוקט אַרויס דער טיפֿער אומעט פֿונעם גלות; דער ייִד גלעט אים איבערן קאָפּ:

— האָב נישט קיין מורא, ישראל; ס'זענען דיינע קינדער; זיי קומען פֿון דיינע געדערים; קוק דיך גוט איין אין זיי, — וועסטו דערקענען די פּנימער פֿון אברהם, יצחק ויעקב.

ישראל הייבט אויף דעם קאָפּ, — וואָס ווערט פֿון אים געגלעט; רייסט אויף די אויגן, — און נעבן אים שטייט דער ייִנגער ייִד, וואָס איז אים לחלוטין פֿרעמד, — זאָל עס נישט זיין עפּעס אַן אייניקל, וואָס ער דערקענט נישט מער? ביי דעם ייִנגען ייִד אויפֿן פּנים ליגט אַ בלאַסער שמייכל, וואָס מונטערט אים און וועקט אים:

— העי, ישראל סבא, — וואָס האָסטו דיך אַזוי פֿאַרטראַכט? נישט אַ מאָל איבער משיחן? עיקבותא דמשיחא?

די קרעטשמע
און איר אייביקער קיום.

אוו וואָס אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש, — די קרעטשמע פלאַמט צוריק אויף, און דערכאַפּט זיך; דער שאַסיי רוט נישט, — נישט ביי טאָג און אויך נישט ביי נאַכט; עס גייען וועגענער, עס קומען, — סודרים טומלען זיך, רוישן, נאָר וואָס אין מיטן פון טומלען זיך און רוישן, רייסט זיך אַריין אַ קול, און מ׳בלייבט שטיין צעטומלט, צעשראָקן, און מ׳קוקט זיך איבער מיט פאַרגלעזערטע אויגן. ס׳גייט חיילות.

מיט די אייגענע וועגן קומט אויך אַן און עס צעגייט זיך ערגיץ דאָס מיליטער, וואָס פירט מיט זיך אַזוינע שווערע רייטוועגן, און כלי־זיין; ס׳גייען פיסגייער, רייטער, אַזוי פול און געדיכט, — וואָס מ׳האָט גאָר פריער נישט געזען און נישט געהערט. מ׳דהערט: אַז די געשלעגן האָבן זיך שוין דאָרטן צעשפּילט, דער טויט האָט זיך צעהוליעט, — און מ׳גייט אַרום אַן קעפּ; דער לעפל עסן גייט נישט אין מויל, דער שלאָף נעמט נישט די אויגן, און מ׳זוכט זיך נאָר צו טוליען הינטער די ווענט, ווי די שאָטענס.

ס׳קומט יעשן, פייכטע טעג, — אויסצווייקן; פון הימל האַלט אין איין גיסן; און די וואָלקנס ווילן זיך גאָרנישט אַראָפּרירן פון אים; די וועגן ווערן שלעכט, — און די פירן שלעפּן זיך קוים אויף זיי, טאָפּיען אין די בלאָטעס: אַ ראָד אַריין, אַ ראָד אַרויס, קרום און משופּע, — די פערד ווערן אויסגעריסן צום טויט; אָבער דאָס האַלט קיינעם נישט צוריק; און די קרעטשמע איז איבער געפילט; זי באַ־וועגט זיך; די פירן פאָרן, בלייבן שטיין אין דעם גאָר גרויסן הויף, — און יידן גייען אַריין און אַרויס; מ׳פירט סחורות פון איין שטאָט אין דער אַנדערע; מ׳רעכנט, מ׳ציילט, און מען פאַרבייסט מיט אַן אייער־קיכל, אַ שטיקל פיש, אַ ביסל בראָנפן; נאָר אַז ס׳קומט ביי נאַכט, מ׳לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויפן שטיקל געלעגער, און מען פאַרמאַכט די אויגן, די ברעמען פאַרשליסן זיך, — אַזוי נעמען פליען פייערדיקע רעדער, און ביטערע חלומות צו וואַרגן; ס׳דאַכט זיך: ווי מ׳הערט קולות, מ׳זעט: הרוגים, צעקאַליטשעטע...

דערנאָך כאַפּט אַ דין פראָסטל, אַ געזונטס, און מ׳קומט אַ ביסל

צו זיך; מ׳קריכט אַרויס פון דער נעציקייט, פון וואַסער, — מ׳הערט אויף פּוילן; עס פּאַלט אַראָפּ אַ טיפער שניי, און אַלץ וואָס ס׳איז געווען שוואַרץ, טונקל און ברודיק, — ווערט ווייס; אַ בלענדעניש; אַז די זון גיט אַ פּלייץ איבער אים, — שניידט ער ווי מיט מעסערס אין די אויגן.

אויפן הויף פון דער קרעטשמע הייבן אָן אָנצוקומען מיליטער־רישע וועגן,ביידלעך צענעמען זיך, ווערן אויפגעשטעלט; אַ סימן: אַז די מלחמה ריקט זיך צו, קומט נענטער... די זעלנער, וואָס דרייען זיך אין זיי, — רייכערן, פּיפּטשען, און דערציילן זיך מעשהלעך; אַז ס׳איז לינד ביי נאַכט, זינגען זיי אַזוינע טרויעריקע אומעטיקע ניגונים, וואָס דערמאָנען אין דער קליין רוסישער ערד, מיט אירע פּאַרוויינטע פעלדער.

ישראל, וואָס איז פריער געשטאַנען ווי אַ זייל, און אַז ס׳האָט עמיץ אויפגעמאַכט אַ מויל, און גענומען שטראָפן, זאָגן מוסר: „וואָס איז ס׳לויפן, יידן! ס׳אוועקד־רגענען זיך? צו וואָס? און פאַר וועמען? אַז ס׳לעבן איז סיי ווי קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט!״ און ער האָט נאָכאַנאַנד אויפגעשטעלט פאַר זיי די פּלייצעס: „מ׳פאַרט דען פאַר תענוג? רייך צו ווערן? מ׳דאַרף עסן! עמך ישראל צריכין פּרנסה! און מ׳טאָר נישט האָבן קיין גרויס מויל אויף זיי!״... ער זיצט ווי אַוועקגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די וואַלדיקע ברעמען, און האַלט כסדר פאַרמאַכט די אויגן, — ווי ער וואָלט געדרימלט; ער הערט די מלחמה קולות, — אָן זיי לעכערן אים דעם קאָפּ; זיי רייסן אים אויף, און צעשפּאַלטן אים מיט זייערע געוואַלטן:

— אַ מלחמה, טאַקע? מ׳שלאָגט זיך? מענטשן שלאָגן זיך? הרגענען זיך אויס איינס ס׳אַנדערע?

אַלץ ווערט אין אים צעפּאַלן אויף שטיקער. ער וואָלט זיך גערן אויפגעכאַפּט און אַרויס אויף די צעאַקערטע פעלדער, זיך אַוועק־שטעלן אין מיטן פייער, צווישן די געדיכטע קנוילן רויך, וואו ס׳הילכט, די ערד רייסט זיך פון איר לייב, — און אויפהייבן הויך די הענט צו זיי, צו זייער געשריי:

— מענטשן, — קומט צום שכל, און פאַרשטייט: אַז די וועלט וועט בלייבן וועלט, — אויב איר וועט זיך אַפילו נישט שלאָגן; אייער לעבן איז טייערער פאַר דעם אַלעם, — וואָס איר שלאָגט זיך; איר וועט עס פאַרשפּילן, — און ס׳וועט סיי ווי אַלץ

בלייבן ווי געווען; און צוליב וואָס זאָלט איר אָפּגעבן אַזאַ שיין לעבן, מיט אַזאַ שיינע וועלט? די זון וועט, ווי אַלעמאָל, אַרויסגיין, און אַרויסציען זאַנגען מיט ווייצן פון קערנער; דיביימער טראָגן פּירות, — נאָר איר וועט מער נישט קיין הנאה האָבן פון דעם, ווייל איך וועט צודעקן די קאַלטע ערד; און נישט פאַר איך וועט מער בליען דער גאָרטן, שיינען די זון, לייכטן די לבנה, גלאַנצן די שטערן, ווערן טאָג, ווערן נאַכט...

די געשלעגן קומען נעענטער, זיי קומען מיט די פעלדער, — זיי ברויכן וועגן? אַ שאָסיי? ער האָט שוין זיינע סמנים אינעם וואַלד, — וואָס נעמט ווינען שטילערהייט; ער זעט זיי אין די אַנטרינענע, וואָס קומען פון יענע ערטער; אין די גאַנצע מחנות, וואָס שלעפּן זיך אַוועק ווי בעטלער, — אין דער ווייטער וועלט אַריין; אין די רויטע פייערן ביי נאַכט אויף די הימלען; אין די געשרייען פון די שלעגער מיט די געשלאָגענע; אין דעם טראָמפּלען פון וועגענער, פון פערד, פון די האַרמאַטן, וואָס קריכן איינע די אַנדערע, — אויף די קעפּ; אין די פויערים, — וואָס צעלויפן זיך ווי מייז פון די קאַלופעס, און זוכן זיך צו באַהאַלטן אין די קעלערן, אין די גריבער; אין די אייגענע קינדער זיינע, — וואָס זוכן זיך ערגיץ אויפצורוימען, נעלם צו ווערן און אַנטקומען; און ער שטייט מער פאַרנאַרט ווי דערשראָקן:

— הע? זאָלן זיי שוין האָבן די אמונה און דעם בטחון אין לעבעדיקן גאָט פאַרלוירן? דאַרטן טרעפט נישט די קויל?

עס הילכט, די האַרמאַטן בילן, רייסן זיך מיט זייערע הייזעריקע העלדזער; די ערד ציטערט; עס פאַלן שטיקער שראַפּנעלן, רייסן אויף דאָ־דאָרט, אַרום, פאַרטשעפּען זיך אינעם דאַך פון דער קרעטשמע, רייסן אויס, וועלכע, — אַ שינדל, אַ לאַטע; עס ברענען די הייזלעך אַרום איר, פלאַטערן, ווערן דערשטיקט צווישן די פלאַמען; עס צאַפּעלט זיך דער וואַלד, שרייט אויף אַלע זיינע שבעים לשונות; אויף די קולות פון זיינע אַלטע און יינגע ביימער, וועלכע פליען אַרויס מיט כח, און אַזוי גרינג ווי צוגעזענקטע פלעווס, אָפּגעברענטע האַלעוועשקעס...

איינער אַליין זיצט ישראל ביים פענצטער; אַרום ברענט דער הימל איבערן קאָפּ, די ערד, — אונטער די פיס; און די קרעטשמע הימעלט; ער זיצט, ווי פאַרגעסן פון דעם גאַנצן אַרומיקן דרויסן,

און פונקט ווי אַלעמאָל בעת אַזאַ געוויטער, ווען ס׳האָבן זיך געריסן צעהיצטע געמיטער, — וויגט ער זיך ווי אַ בויםביים וואַסער, איבערן גראָבן סידור; און פון האַרץ ביי אים ציט זיך די לויטערע שירה, אַזוי ווי פון הימל אַראָפּ, פון די ביימער אַראָפּ:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד.

די קולות ווערן שוואַכער; דאָס שיסן זעלטענער, די געשלעגן שטילן זיך איין, אויפן הימל פּאַרציט זיך אַ ווייסע ליכטיקייט, דער טאָג גייט אַרויס, אויסגעוואַשן, קלאָר, מיט ליכטיקע אויגן, — צו די לעבעדיקע; און יענע וואָס זענען איינגעשלאָפן אויף אייביק, — וועלן אים מער קיינמאָל נישט זען און פון אים הערן; פייגל מאַכן זיך נישט ווויסנדיק, — און נעמען סוויטשערן, פאַרשרייען די בייזע נאַכט: „ס׳אַראַ טראַ־לאַ־לאַ, — ס׳זאָל נאָר קערן צו יענעם יאָר!״

אַרום און אַרום איז חושך. פון די כאַלופּעס איז קויל, צעלעכערט איז דער אַלטער וואַלד, צערינגעוועט די שטאַלן, די שייערן; הוילע קוי־מענס, — אַזוי ווי מצבות אויף אַ צעטרייבערטן בית־עולם. די קרעטשמע קוקט אַרויס פון צווישן דעם אַלעם, — ווי עפּעס אַ נעסט פון פייגל, וואָס איז, על פי נס, נישט אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן, און זיך צעפּאַלן; נאָך אַ ריס אויף איר אַלט לייב, — נאָך אַ שינדל, נאָך אַ קראָקווע. האָבן די גראַנאַטן אַראָפּגעריסן; זי האָט זיך אַ שפּאָר ביסל איינגעקורטשעט, קלענער געוואָרן, איינגעהויקערט, — וואָס איז דער חידוש? ס׳האָט ווייניק געריסן און געהאַקט? און, נאָך אַלעם, — שטייט זי, ווי פריער, ביים שאָסיי, וואָס צעשניידט זיך אין פיר באַזונדערע שליאַכן, צו אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

ישראל שטייט פאַר דער טיר, ער גלייכט זיך אויס די ביינער; זיינע אויגן גליען מיט דעם העל בלישטשענדיקן פייערל, און פון דהאַרץ ביי אים גייט, ווי פריער, די שירה, וואָס גנעמט אַרום אַלע חורבות און צעשטערטע בנינים; דעם צעריסענעם וואַלד; די באַרג־שפּיצן פונעם שאָסיי, די פעלדער הרוגים, דאָס רויע בלוט זייערס, — וואָס איז נאָך נישט פאַרטריקענט געוואָרן; דעם ווידערקול פון זייער שרייען, דאָס כאָרכלען פון גסיסה, — מיט וואָס דער חלל איז פול; און אַלץ ווערט געהייליקט מיט זיין תפילה, וואָס טריפט לויטער, ווי דער טוי פון הימל:

— הנה אל ישועתי, אבטח ולא אפחד.

נאָוועלן :

דער מאַן
און דאָס ווייב

אַ קליין הייפעלע ברואים האָט זיך צעצויגן געשלעפּט איבערן וועג, וואָס האָט געפירט צום וואַלד, וועלכער איז אָפּגעלויכטן געוואָרן פון דער זון, — וואָס איז דאָרט אונטערגעגאַנגען; אים אויסגעטיילט אין אייניציקע, באַזונדערע ביימער, ווי שוואַרצע טונקעלע שאָטענס.

דאָס הייפל האָט זיך נישט געהאַלטן אינאיינעם; זיך צופעליק געהאַט צונויפגעקליבן, פון נעכטן, העכסטנס, — אייערנעכטן, און ווי בלויז פון גיין מיט דעם איינעם וועג, — זיך געקענט; זיך געזאָלט האָבן מתחבר געווען: איינער מיטן צווייטן, איינער מיטן צענטן, איינער מיטן צוואַנציקסטן, מיטן הונדערטסטן, — ס'זאָל נישט אויסקומען איטליכן באַזונדער אַליין צו גיין; נאָר זיין אָנגעקניפּט אין וועמען, אין שאָטען פון וועמען, אַ ווילד פרעמדן, — זאָל זיין; און אַז זיי האָבן זיך דערשלעפּט, קוים לעבעדיקע, אינעם שטיקל וועלדל, — זענען זיי נאָכגיכער אָוועקגעפאַלן, אַלע אינאיינעם און אויף דער קיפּע, ווי די פיס וואָלטן זיך ביי זיי אונטערגעבראָכן, — אויף דער האַריקער און שטעכעדיקער ערד; זיך צעלייגט, מיט די פיס אַריבער די אַנדערעס לייבער, — אַזוי ווי געוואָלט דערמיט אויפּטייען דאָס, פון שרעק, — פאַרקילטע בלוט; זיך דערוואָרימען, און, פילייכט, אינאיינעם ליגנדיק, אין זיגען געהאַט, — וועט דער הויפן זיין גרעסער, און שווערער פאַרלענדט צו ווערן; נישט אַזוי גרינג אָנקומען אויסגעריסן צו ווערן צום טויט...

אַרום איז גיך געוואָרן טונקל. דער וואַלד האָט זיך עפּעס, נאָכדעם ווי דאָס ביסל מענטשן האָט זיך אין אים פאַרטייעט, — צונויפגענומען און פאַרגאַנגען; אויפן פעלד, אַרום, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ נעפּל, וועלכער איז אין דער טיף געוואָרן אָפּגעלויכטן אין גרין־געל־רויטע קאָלירן, — אין אָפּשיין פון אַ פייער, וואָס האָט זיך דאָרטן צעשפּרייט; ביי די פאָדערשטע ביימער האָבן שוין אודאי געפלאַמט די הויכע קרענזשעוואַטע קעפּ, וואָס זענען געוואָרן ווילד־

צעשויבערט, ווילד־צעבאַרשט, אַזוי ווי ביי רויע, נישט דערשלאָפענע, און אין מיטן־נאַכט אויפגעוועקטע, — ציגיינערשע מיידן...

הינטער דער געדיכטקייט פונעם נעפל, וואָס האָט זיך גראָד, ווי אויף זייער מזל, — געשטעלט; און וועלכער האָט אויף אַ טריט אַוועק פאַרהוילן פון זיך, — האָבן די מענטשן מער באַרוט און אויך מער באַהיט, — דאָ געקעקנט ליגן; אַז די קינבאַקן זאָלן זיך נישט, הינ־טיש געפאַלן, — געבן אַ טרייסל, וועלפיש אַ צוק, און אַ קלונג מיט די הוילע צעבראָכענע ציין:

— אַז מ׳וועט זיי דאָ באַלד אויך, אין דער ווילדעניש, צווישן דיביימער, — דערטאַפן, און צעטראָגן.

און דאָס שטיקעלע שלאָף האָט זיי דעריבער גיכער און זיסער געקענט פאַרמאַכן די אויגן, איינעמען; אַ סך פונעם קנויל, האָבן באַלד גענומען כראָפען, — מיט די אייגענע שווערקייט פון בערן; שלאָפענדיק פרייער, האָבן זיך דערנאָך די קיפּקעלעך צענומען, מאַנכע: שכלדיק, — אינגאַנצן אָפגעריקט, ווי געמאַכט שבת פאַר זיך; און אַנדערע, פאַרקערט, — זיך נאָכמער אַריבערגעלייגט איינס אויף ס׳אַנדערע, פילייכט: צוליב די וואַרימקייט, — זיך צונויפגעג־דרייט, אין איין לייב־און־לעבן; און עפּעס געדהאָט דעם אויסקוק, אין דער פינצטערקייט, — פון בינטלעך אינגעווייד, וואָס מ׳האָט דאָ ערגיץ אַרויסגענומען ביי די בהמות פון די בייכער, — נאָכן שעכטן; און וואָס הינט זאָלן דאָס, נאָכן אַרומגריזשן, — האָבן פאַרשלעפּט; זייענדיק זאַט, איבערגעפרעסן, — אויף הפקר געלאָזט.

באַלד דערנאָך האָט זיך, און ווי פאַרשפּעטיקט, — אויך אַהער־געבערעגנגט צו שלעפן אַ יינגערמאַן מיט אַ ווייבל; זיי האָבן אַודאי אינאיינעם געמוזט גיין מיט יענע אַלע, וואָס זענען פריער דאָ אָנגעקומען אַהער, זיך אומבאַמערקט געהאַט אָנגעקניפּט, נאָכן אָפּגיין פון צוואַנציק אָדער דרייסיק וויאָרשט, און אפשר נאָכמער; און אויף אַזוי פיל מיט זיי געהאַט צו טון, — וואָס דאָס זעלביקע פּייער האָט זיי אַרויסגעטרייסלט פון די אַלטגעבאַקענע, היימיש אויסגעוואַ־רימטע ערטער; און נישט בלויז צופעליק, נאָר ווי באַרעכנט — דערנאָך אָנגעקומען, — ווען יענע אַלע וועלן שוין שלאָפן; און זיך אויך צוגע־לייגט הינטער אַ בוים, און פאַרמאַכט די אויגן.

נישט לאַנג צוריק, מיט אַ קנאַפּן מעת־לעת, זענען זיי נאָך, דער מאַן מיטן ווייב, כמעט ווי די אַלע אַרומיקע, וואָס זענען דאָ געלעגן ווי געהרגעט, — געווען ביי זיך, אין זייערע שטיבן, אויפן דאָרף; און דאָס יינגע, בלייך־פאַרזאָרגטע ווייבל, וואָס איז נישט געווען נאָך בלייך און פאַרזאָרגט, נאָר, פאַרקערט: לעבעדיק־אויפּ־גערוימט, כאַפּ־לאַפּ, געפלאַמט, געשווימען, און אַזוי פריילעך, לעבע־דיק, געהאַט אַריבערגעשווימען: טעג, וואָכן, חדשים — און באַלד יאָרן מיט אים...

דאָס אומרואיקע אין דעם צעפלויגענעם ווייבל, איז ראַפּטום אַריין אין איר בלוט, — ווי עפּעס אַ נישט־גוטס; אַ גרויסער פּלאָ־טער־קאָפּ, — פּלעגט זי פריער נאָך, אַ סך מאָל אָפּטון שטיקלעך, ביי וועלכע זי האָט זיך געגוג געהאַט צו קאָפּן; נאָר ביי קלייניקייטן, אַז זי האָט געפעלט, האָט נישט אַזוי פיל אויסגעמאַכט, — אַז ס׳איז אַרויסגעקומען פאַפּעריק; פאַרקערט: ווייל ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס קאַפּויר, — האָט עס איר געדעגט, געמאַכט אַמביציעז, עקשנותדיק, און צום סוף, אונטער־געבנדיק זיך, גערייטעלט:

— כ׳וואָלט געגאַנגען שווערן, אַז ס׳וועט נישט זיין אַזוי...

דאָס מאָל, אַז ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, — איז זי אויך געבליבן זיצן אויפן דאָרף, ווייל ס׳האָט איר, פראָסט, אַנגעשפּאַרט צו זיצן; ס׳איז שוין קיין לעבעדיקער דהונט נישט געווען, און ווער ס׳האָט געקענט, — זיך געהאַט אָפּגעטראָגן פון אַ גוטע מינוט, מיט גאַנצע ביינער; די הייזלעך אַרום זענען: שוואַרץ, חושכדיק, אַנגערויכערט, און אויך צוגעסמאַליעט געגוג, — געלעגן טיף אין דר׳ערד; צייטענווייז: זיך אַזוי געהויבן, ווי אויסגעשפּרייטע פּלאַכ־טעס אויפן ווינט, און געקרעכצט ווי קליינע קראַנקע קינדער, — וואָס ליגן אין אַ ברענענדיקן פיבער; ס׳האָט עפּעס אַזוי געאַרבעט מיט זיך, געכאָרכעלט, ווי אַ זעג, וואָס קריצט מיט די שטאָלענע ציין, — ווען זיי קענען נישט אַדורכבייסן אַ פעטן פאַראיילינקטן טענק; איז געווען אַ חידוש: אַז דער מאַן אירער, ביי וועלכן ס׳האַרץ האָט זיך געצאַפּעלט, — האָט דורכאויס געוואָלט צעברעכן ס׳עקשנות ביי איר?

— זעסט: אַלע אַנטלויפן, — ס׳אי שוין באַלד קיין לעבע־דיקער נפש נישטאָ; וואָס זיצסטו נאָך אַלץ? און ביז ווען קלערסטו

אזוי אַריינצוזיצן, — ביז דער הימל וועט דיר אויפן קאָפּ אַראָפּ־פאַלן?

האָט זי מער געגלייבט דעם יינגיטשקען, מאָגערן ווי אַ שטעקעלע, — אָפּיצירל, וואָס איז ביי זיי איינגעשטאַנען: „אַז, ס׳איז נישט געפערלעך...״ ס׳יינגיטשקע אָפּיצירל האָט נאָך געהאַט די מוטערס מילך אויף די ליפּן, — און פון זיין בקיאות אַזוי געוואַלטיק געהאַלטן, ווי ער וואָלט, ריכטיק, געווען די ערשטע האַנט אין דער מלחמה; און ס׳וואָלטן נאָך אַ סך אַנדערע, אַ חוץ איר, — אויף אים געשטעלט; קוקענדיק אויף זיין אָפּיצירשע רואיקייט, פאַרלאַכט דעם מאַנס טענות, און, מערקווירדיק, — אַרומגעפלויגן, די אייגענע פאַרשייטע קאַץ, פלאַפּעלדיק־צאַפּעלדיק, שפּילענדיק־הוליענדיק — אַזוי ווי עס וואָלט זיך נישט געוועבט, ווי אַ גראָ שטיק שפּינוועבס, — קיין שום סכנה איבער איר קאָפּ; און נאָכמער מערקווירדיק: וואָס זי האָט געוואָלט כאַפּן די זעלנערישע רואיקייט זיינע, — און אָפּגעשפּעט פונעם צעקראַכענעם מאַן, ביי וועלכן די קינבאַקן טרייסלען זיך באַלד אַזוי נאַריש ווי די אויערן ביי אַ הונט, — ביים שוואַכסטן בריל פון אַ האַרמאַט, און די אויגן ווערן גרין און געל, — ווען אַ גראַנאַט ווערט צעריסן אויף שטיקער און צעשפּליטערט:

— כאַ־כאַ... ס׳וואָלט נישט געשאַט גאָר: מ׳זאָל אים זען אַרויסצוקריגן אַ קליין ביסעלע העכער... אין גראָבן, טאַקע... ער זאָל ווערן מער פאַרהאַרטעוועט...

און זיך געכאַפּט, ווי אַלעמאָל, געוויינטלעך, ביי ברעקלעך און קליינינקייטן: אַז סאיז געווען אומבאַרעכנט, אומבאַלייגט, און ווי ביי אַ קליין צעפּיעשטשעט קינד, — וואָס איז צופיל משוגע און איינגעגלויבט אין נאַרישקייטן, — ווען דער הימל איז איר מיט אַלעם אויפן קאָפּ אַראָפּגעפאַלן; און זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן, איבער א י י ן רגע, אין דער לופטן כאָטש, טאַקע נישט מער ווי אין דער לופטן, — ווייל סאיז שוין מער נישט געווען קיין וועג; וואָרן, ער איז שוין פון פריער, נאָך איידער זי האָט זיך געכאַפּט, — באַשפּיגן געוואָרן מיט בליי, פון קליינע, גראָב־בייכיקע הויביצערס, וואָס האָבן ברייט איבער אים געהאַט אויפגעמאַכט די מיילער...

— אַ? האָסט גוט געקענט זיין זיכער מיט אים, — אַ? און ס'איז געוועזן, צוליב וואָס צו שטעלן אין קאָן!

אַרום האָט זיך די ערד געהויבן, געוויגט, שטיקער געוואָרן אָפּ־געבראָכן פון איר, און אַוועקגעטראָגן; לייבן האָבן זיך געריסן, געשפּאָרט צו גיין, און די הימלען, — זיך געבויגן אונטער זייערע טריט, זיך געלייגט צו זייערע פיס; קאָפּיטעס פון פערד האָבן הייזער אַוועקגעקאָפּעט, די שטיקער זייערע צעשפּריצט, ווי שוים, — מיט די נאָזלעכער; זייערע צעפּלאָשעטע גרושיזיוועס האָבן געפּלאָמט; הענט ד'האָבן זיך פון אומעטום געצויגן, — — — לאַנגע, מאָגערע, ברוינע הענט, אויף וועלכע די אָדערן זענען געווען אָנגעצויגן ווי גראָבע שטריק ביי שטיקער געשפּאַנען; פּונקט ווי די קערפּערס ביי זיי וואָלטן ערגיץ, מיט אַ סך מי און גרויס עקשנות, — געוואָלט אַוועקשלעפּן הייזער גאַנצע; אַ מוראַדיק משונה געריטש, ווי ביים קיילן חזירים, — האָט זיך פון טויזנטער העלדזער געריסן, איר פאַרשריגן, ווי דער ווינט פאַרשרייט דאָס ברומען פון אַ טויב; זי האָט אים גערופן, דעם מאַן, אין מיטן פון איר מאָרדעוועז זיך, שטיקן, דריקן, און ציקן פון יעדן גליד; בריקען אין זיך און אין וועמען, — וואָס האָט איר געזוכט מיט אַלעם צו פאַרקלעמען, אויפ־צערייסן טיף אין לייב, — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — ער האָט נישט מער געקענט, ווי זיך בלויז וואָרגן מיט די אייגענע טרערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך געמאָרעט אַ פינצטערניש, אַ געדיכטע, אַ קלעפּיקע, אין וועלכער ער איז זיך געהאָט פאַרגאַנגען, איבער די אויערן, — און זיך נישט געקענט אַרויסרייסן פון איר; נאָר וואָס דער ווינט אין שטוב, אַ מערכה: דער צוג־ווינט, וואָס האָט זיך מיט האָסט געריסן פון דער אויסגעבראָכענע טיר, פאַרביי דעם אָפענעם פענצטער, — האָט אים, אָנכאָפּנדיק ביי די האָר; איינמאָל, אַ צווייט מאָל, — אַוועקגעשטעלט אויף די פיס; און, דאָס ערשטע, אויף וויפיל זיין צעגליטער קאָפּ האָט אויסגעטראָגן: געוואָלט דערגיין עפּעס וועגן ווייב, ווי זי ד'האָט אָפּגעשניטן; און אָנטאָפּענדיק איר, ווי זי איז געלעגן, אַריינגעד'האַקט צווישן בראָכוואַרג, צונויפגעדרייט אין אַ קנויל, — יעמערלעך אַרויסגעלאָכט:

— אָ? קעגן הונגעריקע וועלף זיך געוואָלט אַנטקעגן שטעלן! חיות.

אין דרויסן האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין ברעכן; דאָ־דאָרט, ווייט אַריבער, אַרונטער, — איז עפּעס אַראָפּגעפאַלן, זיך אַ קאַפּויר־געהויבן, ווי נאָכווייען פון אַ שווער האָבן; און דער־מיט, שוין, ווייזט אויס, — געזעגנט, זיך געהאַלטן אין לעשן; יעדער ציטער איז געווען ווי ביי אַ גוססן לייב, וואָס גיט זיך נאָך אַ ריר, — איידער ער ציט אויס די פיס מיט אַלעם; וואָרימע ווינטן האָבן זיך שוין געהאַט אַרויסגעלאָזט, — אָבער ווייניק וואָס געקענט היילן; פאַר דערוויילע, — געגלעט, אָפּגעפרישט און דערקוויקט...

און אין דעם חשכות, בעת עס האָט נאָך וואו פאַרביסן אַ שלעפּגעטון: אַהין און אַהער, מיט אַ דריזג, און אַ ווייסער פּאָס פייער האָט זיך אַ צאַפּל געטון איבער ברייטע טיילן פון חרובע שטרעקעס, מיט צעבראָכענע, צערינעוועטע הייזער, — האָט ער ביי איינעם פון זיי געזען ס׳וויב ליגן צעקנייטשט; ליגן, אַ ביסל נישט שיין, — איבער די קישענס, אויף דער ערד, וועלכע, דער ווינט, וואָס פונעם אַרויסגעריסענעם פענצטער, — האָט אָנגעבלאָזן ווי די באַלאָנען; ס׳אַנטועכטס איז אויף איר געווען צעריסן, צעפּליקט און צעפּיצעלט; און אויפן פּנים איז געלעגן ווי צעשמירט יענער גרימאַס, וואָס ביי איינעם: מ׳האָט אים אויסגעשניטן אַ שטיק פלייש פונעם לייב, און הייבט ערשט, אויף ריכטיק, אָן, נאָכן אויפקומען פון שלאָפגע־טראַנק, — צו דערפילן די יסורים.

צוליב עפּעס אַ צעצויגן געוויין פון אַ פּיצל קינד, וואָס האָט געזאָלט זיין קראַנק, און דאָס נישט געקענט איינעמען, — האָט ער אויפגעמאַכט די אויגן, און מיט גרויס חידוש, געזען: ס׳איז טאָג; גראָער, עטוואָס נאָך רויער טאָג: „האָט ער מיט איין קלאַפּ געזאָלט האָבן אַריבערגעשלאָפן די גאַנצע נאַכט?” די נאַכט האָט זיך נאָך אפילו נישט געהאַט מיט אַלעם אָפּגעטון, און געהאַלטן אין אַראָפּרינען פון די הימלען, — אָבער די טיפקייטן האָבן שוין פון אומעטום אַרויסגעקוקט: קלאָרע, לויטערע... ס׳איז נישט געווען מער קיין שפור פונעם נעכטיקן פאַרנאַכטיקן נעפּל: און דערפאַר האָט

די מורא: אַז מ׳קען נאָך, חלילה, ד ע ר ז ע ן ווערן, — געשטעלט דאָס ביסל גולים אויף די פיס, און זיי אונטערגעטריבן:

— מ׳זאָל ווייטער גיין; זיך נישט צו לאַנג חברן מיטן וואַלד; ווייל דער בוים האָט, אַ חוץ גאָדלען, בלעטער, שאָלן אויף זיך, — אויך אַן אייגנשאַפט צו ווערן אַ תליה, אויף וועלכער מ׳זאָל, אַן אלעם, אויפגעהאָנגען ווערן.

און זיי האָבן זיך, נאָכגיכער, אָפּגעטראָגן.

געבליבן ליגן איז דער מאַן, וואָס האָט, ווי איינער, וואָס האָט נישט מער גאָר אַנצוווערן, — געוואָרט אומרואיק, ביז ס׳וועט זיך איבערוועקן; נאָר אַז די מינוטן האָבן זיך געריקט, און זי האָט זיך אַליין נישט גערירט, — אַזוי ד׳האָט ער זיך איינגעשטעלט איר אָנצורירן, לייכט, ווי אַ האָר, און צאַרט:

— דו האָלטסט בלויז פאַרמאַכט די אויגן, צי דו שלאָפסט אַזוי געשמאַק, — און קענסט דיך נישט אַרויסרייסן פון אים?

זי האָט זיך נישט אָנגערופן מיט גאָר.

— מ׳וואָלט אפשר אויכעט באַדאַרפט אַרויס פונעם וואַלד; ס׳אי נישט קיינער מער געבליבן אין אים...

אַזוי האָט זי מיט אַ מאָל געגומען שלינגען דאָס שפייעכטס אין מויל, וואָס זאָל זיך דאָרט האָבן אַזוי פיל געמאַכט, — און דאָס נאָכאַנאַנד אַראָפּלאָזן אין דער קעל אַריין; געקוקט שאַרף מיט די אָפּענע אויגן, — וואָס זי האָט דערנאָך אויפגעמאַכט; געקוקט אויף די אויפכאָפּענדיקע וועלט, וואָס האָט זיך גענומען עלטערן מיט רגעס, מינוטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי יאָרן...

ער האָט אים גלייך געכאַפּט, דעם בליק אירן, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן ווי אַ קלין, אין דער וועלט אַריין, — אַזאַ רואיקער, אור־אור־ווייטער, קדמונדיקער: פון פאַר דער וועלט באַשאַפענער, און אַריבער דער וועלט פאַרגייענדיקער, — און שוין גאַרנישט מער געטראָכט פון דעם ברעקעלע, פשוט־מענטשליכן שטיקעלע פאַר־דרוס: וואָס איבער איר הוילער אַמביציע, — איז דאָרט צעבראָכן געוואָרן איר יינג ליכטיק לעבן, ווי עס ווערט צעבראָכן אַ לעבע־דיקער, קוועלעדיקער שטראָם וואַסער, — וואָס כאַפּט זיך אַרויף אויפן ראָד פון אַ וואַסער־מיל; ער האָט שוין אויך נישט געקלערט אָוועקצוגיין אַזוי גיך, ווייל פאַר דער פריערדיקער מורא: צו זיין

אַליין אין וואַלד, — האָט ער זיך, פּראָסט, פאַרשעמט; ווי שייך, וועלן נישט, נאָך די אַלע אָוועקגעגאַנגענע יידן, מיט וועלכע זיי האָבן צווישן זיך, אייגנטלעך, נישט געהאַט גאָר, — באַלד פול ווערן די וועגן מיט אַנדערע, נאָך אַזוינע יידן; וואָס זענען, מסתמא, דערנאָך אויך אַרויס, גייען איצט אַרויס, אָדער וועלן זיך שפּעטער אַרויסלאָזן; פון די אַלע מקומות, אַרום, אויפן גאַנצן שטח, — וואָס ס'פייער האָט אַרומגעכאַפּט; אַזוי וועלן זיי נאָכדעם ווידער גיין מיט די אַנדערע יידן! ס'וועט נישט מער זיין מיט וועמען צו גיין? ס'וועט אויספעלן?

ס'יינגע ווייבל איז נאָך אַלץ אַזוי געלעגן, ווי אַ שטיק וואָלקן אויפן הימל; אירע אויגן זענען אַזוי אייגן, ווי פריער, געשטאַנען, — נישט אַהין און נישט אַהער, — ווי צוגעהאַקט; און האָבן, בלויז ווי דורך אַ נס, — נישט אויסגערינען; צוויי ווייסע, פולע, לענגליכע, פלוימען, — און מיט דער מאַטער פאַרב זייערע; נאָר דאָס האַרץ אירס, האָט זיך וואָס אַ מאָל מער געהויבן, — און באַלד גענומען פאָכען ווי מיט אַ בלאָז־זאַק; ס'איז זיך דאָרט עפּעס ווי אָנגעלאָפן, דורך די גאָר קליינע און נאָך קלענערע אָדערלעך, — דאָס אומיטלבאַרע געוויין וואָס ביי אַ צערודערטן מענטש, און וואָס שטאַרקט זיך מיטן קוק, און גייט איבער די ברעגעס ווי אַ צעגאָסן וואַסער, ברעכט אויס אין אַ געיאָמער, — וואָס גייט דורך די אָדערן פון דער וועלט:

— ווער וועט מיך אַצינד רייניקן, מיין מאַן?

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען שפּאָר אויפן טאָג, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן פונעם וואַלד; דער הימל האָט זיך גיך, אין גרויס איילעניש, געריניקט די נעגל, געוואַשן ס'פּנים, און אַלץ אַרום האָט זיך אַזוי שיין מכין געווען פאַר אים; די פייגעלעך האָבן, די ערשטע, אים אַזוי פרי שוין געזוכט צו חנפענען אויף די אייבערשטע, דינע קולעכלעך, און געטרילערט:

— לאַנג לעבן זאָלסטו, טאָג; שיינער, גוטער, ליכטיקער טאָג, — וואָס דו ביזט אַזוי פרי געקומען, נאָך איידער די פלינקע, געלע, וועוויאָרקעס, — האָבן ביי אונדז געקענט די העלדזער אויפרייסן... לאַנג לעבן זאָלסטו דערפאַר, טאָג!

זיי זענען געגאַנגען מיטן וועג, וואָס איז געווען פון ביידע זייטן געזוימט מיט אַזוינע שאַרפע שפּיציקע שטיינער; און פון די שמאָלע

שטועזקעלעך, וואָס האָבן זיך אַזוי צעקרימט אַריינגעדרייט צווישן די פעלדער, צו ווייטע און נאָענטע אָפּגעלעגענע ישובים, — זענען, אַלץ־אינאיינעם, אַראָפּגעקומען יידן, פאַרפינצטערטע, צעבראָכענע, וועלכע האָבן, נישט רעדענדיק צווישן זיך, נישט קענענדיק זיך צומאָלט, — אינאיינעם געצויגן צו אַ שטאָט, וואָס ס'פייער זאָל נאָך דערווייל נישט האָבן אַריינגעכאַפּט; זיי האָבן גאָרנישט געשפּירט דאָס גיין זייערס, ווי דער וועג ווערט איינגעשרימפּעט, און אַז נאָך איטליכן באַרג אַרויף און אַראָפּ, — ריקט זיך אַלץ נענטער צו אַ שטאָט צו זייערע פיס; די פרעמדע מויערן האָבן זיי שטום אָנגעקוקט, גאָר אָן שום חידוש, — ווי זיי וואָלטן נישט געווען פון די ערשטע, וואָס קומען אין איר אַריין; דאָס פּנים ביים יינגען ווייבל האָט זיך נאָכמער געבלייכט, דאָס ציטערן געווען מער דראָבנע; זי האָט זיך אַ רגע צוריקגעהאַלטן, ווי עפּעס מורא געהאַט פאַר דער שטאָט; און עפּעס מורמלענדיק מיט די ליפּן, זיך געלאָזט גיין, — איינגעשפּאַרט אין מאַנס אַקסלען, גראָד ווי אַ מענטש, וואָס גייט אַריין אין אַ שפּיטאָל, וואו ער ברויך קומען אונטערן שנייד־מעסער.

ער האָט באַלד, נאָך אינעם זעלביקן טאָג, געקריגן עפּעס אַ שטיקל בוידים־שטובל, האַרט אונטערן דאַך, — ביי אַ שלאַג־באַן פון אַ שאָסיי, וואו עטליכע געטאָפּעלטע ליניעס האָבן אים אַדורכגעשניטן.

קוקענדיק דאָ דורכן פענצטערל: האָט זיך ברייט געשפּרייט אַ פּלאַנט מיט רעלסן, ראַמפּעס, צעשטערטע בנינים, וואו און צווישן וועלכע ס'זענען געקראָכן מענטשן, און עפּעס אַזוי שאָטענדיק, סודותדיק, מיט פּאַרטיק צוגעגרייטע, ווי אָפּגעשטימטע צייכענס, — רעגולירט די אייזערנע וועגן, אָפּגעהעקלט וואַגאָנען, זיי צעוואָרפן און צונויפגעשפּילעט...

אין דעם שטיקל שטיבל איז נישט געווען זייער היימלעך דערמיט; דער שווערער אומרו פונעם פּלאַנט האָט זיך דאָ געוויגט, און אָנגעגעבן, אַז מ'האָט איינגעדרימלט, — ווי ס'גערויש פון אַן אַלטן פּאַרצייטיקן זייגער; ס'פּייפן און בוצען פון די לאָקאָמאָטיוון, וואָס האָבן געשפּאַנט די וואַגאָנען, — האָט זיי צום איבריקן אַ מאָל דעם טויט געמאַכט; און ס'יינגע ווייבל איז עפּעס נאָכאַנאַנד געווען

אַזוי, ווי זי וואָלט נישט געקענט קומען צו זיך; וואָס מער ער האָט זיך געקלעפּט צו איר, און איר געוואָלט איינרעדן:

— אַז זי זאָל אַ ביסל אַראָפּ פונעם בוידעם, אויף וועלכן זי ליגט, — אַרויסגיין זען אַ וועלט פאַר די אויגן...

איז זי געבליבן טויב, און אים אַזוי געלאָזט רעדן צו די ווענט; טויב־שטום, — ווי ס׳לשון וואָלט איר געוואָרן אָפּגענומען; זי איז נישט מער געווען דאָס אייגענע, פעדער־לייכטע, קעציש־פלינקע ווייבל; איר האַרץ האָט נישט מער אָנגעקוואָלן פון יעדן קליינינקען ברע־קעלע; די גרויסע לוסטיקייט אין איר, איז עפּעס צעפאַלן געוואָרן ווי אויף דראָבנע ברעקעלעך, קייקעלעך קוועקזילבער, וואָס צעלויפן זיך אין פיצלעך, בראָזגעלעך, און מ׳קען זיי נישט מער כאַפּן, צונויפ־נעמען.

ס׳האָט אים, קוקנדיק אויף איר: ווי זי האָט זיך אָפּגעלאָזן, געוואָרן משונה באַוואַקסן, און ס׳פּנים געל ווי געשלאָגענער וואַקס, — ווייגעטון ס׳האַרץ פאַר איר, און ער האָט עס אויסגעקרענקט; איר אומרו, דער הולך, — האָט אים געטריבן פון שטוב, און ער האָט זיך געדרייט איבער די גאַסן, — וועלכע האָבן זיך שווער באַוואויגן מיט וועגענער און אָבאָזן; זיי האָבן זיך דאָ, ביי דעם אייגענעם פּלאַץ, אָנגענומען מיט קוילן, מיט עסן, — און זיך אַוועקגעשלעפּט מיט דעם צו יענעם אָרט, אַהין דאָרט, פון וואַנעט ער מיט יענע אַלע, — האָבן געמוזט אַוועק; די שטאָט איז געווען זייער נאָענט צו יענעם אָרט; דאָ זענען געזעסן די שטאַבן, די הויכע גענערעלער, און ווי געניטע דאָקטוירים, — אומגעגאַנגען מיטן חולה; דאָ פון אים אָפּגעצאַפּט בלוט, און דאָ — אין אים אַריינגעגאָסן; דאָ אָפּגעצויגן און דאָרט, — פאַרשטאַרקט; געמינערט ביי איינעם און דעם צווייטן דערלייגט; אויף אַזוי פיל, נאַטירלעך, — ווי זיי דהאָבן געהאַט אַ לעבעדיקן חוש דערפאַר; אָדער, — באַקומען אָנצוגעהערן, וואו ס׳איז נישט מיט אַלעמען...

אים, ווען ס׳איז אויסגעקומען זיך אַרומצובלאָנקען, אַן אַלעם, און צו גאָרנישט, אין ד ע ר לויפענדיקער שטאָט, — וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם גאַנצן אימפּעט פון דאָרטן, פון י ע נ ע ם אָרט; און אַליין אויך כמעט ווי איבערגעלעבט אַלע אירע פיבערן, — ער איז מיט גאָרנישט אָנגעגליט געוואָרן פון דער הויכער היץ, — אין

װעלכער זי פּלעגט טײלמאָל אַזױ אַרײנפּאַלן; און נישט אַנדערש אױך געװען, — װען ס'האָט זיך געמאַכט שטיל אין איר װי אױף אַ קבֿרות; אַז זי איז אַװעקגעפּגרט מיט אַלעם; ער האָט, אַלצאײנס, געפֿילט אין דעם װי אױך אין יענעם, — װי נישט אים מײנט מען, און ער ברױך זײַן מחוץ פֿון דעם אַלעם; אױף זײַן פּנים איז די װײכקײט געװאָרן געשטױעט, פֿאַרצױגן מיט פֿאַלדן, גראָד װי אַ פּעלץ אױף דער מילך, — װען מ'נעמט איר אַראָפּ פֿונעם אױװען, נאָכן אָפּװעלן, און הײבט זיך גאָר־װאָס אָן אָפּצוקילן; ער האָט זיך אַלײן אױך אָפּגעלאָזט, געװאָרן באַװאָקסן, אַ פֿינצטערע בריאה, װאָס װאַלט זיך פֿון ערגיץ אָפּגעריסן, און זיך אַרומגעטראָגן, נישט זײַן עסק, — װאו, און װען; און צי ס'איז נאָך דער האַלבער נאַכט, בײ טאָג, — און אױף װאָס פֿאַר אַ געפֿערליכע װעגן; ס'פּנים זײַנס איז געװען אַ מסור, — אָבער, ס'האָט נישט געהאָט פֿאַר װעמען אים צו מסרן; װער איז דאָ זײַן געװען, און װעמענס, — ער? די האַרטע און קאַלטע שטײנער פֿונעם ברוק, די חושכדיקע מױערן, אַדער, — די מענטשנס? װער זענען דאָ די מענטשן? עפּעס אַן אָנגעלױף, אַן ערבֿ־רבֿ, אַ צעמישונג פֿון האַלב װילדע, װײט פֿאַרװאָרפֿענע, — פֿעלקער.

און סהאָט זיך גאָר קײנמאָל קײנער נישט אָפּגעזוכט צװישן זײ.

— װאָס זאָל אים אָפּשטעלן אין מיטן גײן, טיף אַרײנקוקן אין די אױגן, און פֿרעגן:

— מענטשל, װער ביזטו? און װי קומסטו דאָ אַהער, אין דעם ים אַרײן? איז שױן בײ דיר ערבֿ שקיעה, אָדער דײַן זון האָט זיך שױן געזעצט. — און אונטערגעגאַנגען? און ס'אי בײ דיר אַ מדבר, אַ מדבר שממה? אַ ברײטע, אומגעהײערע װיסטעניש...

נאָר גיכער פֿאַר אַלעם, אים געקענט, װען ער האָט זיך אַ רגע לענגער אָפּגעשטעלט אױפֿן ראַג פֿון אַ גאַס, — אַ שטיפֿטון בײז און פֿאַראַכטלעך, געבן אין טאַטנס טאַטן אַרײן מיט דער מאַמען פֿאַרבראָקט:

— װאָס שטײסטו, אַ גאַפּ, — און קוקסט אױס נאַראָנים אױף די װעגן? ס'אי נישט קײן אָרט דאָ צו שטײן, פֿאַרשטעלן מענטשן דעם װעג, — װאָס די ערד ברענט זײ אונטער די פֿיס?

דער מאַן איז געווען אַ ביסל קליינקעפּלדיק; אַזוי ווי ס'אָרט פאַר די געהירן, וואָלט, פון לכתחילה, ביי אים ענג געווען, און זיך נישט געקענט אַזוי רירעוודיק ברייט, — צעלייגן; אַ מענטש פונעם גרויסן אָרט, און מיט דער אייגענער שרעק ווי ביי אַ האָז, — פאַר יעדן מינדסטן ברעקעלע, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער גרויסער שטאָט; שרעקלעך מורא געהאַט פאַר דעם פרעכן, פאַרשייטן, וואָס קוקט אַרויס פון די אויגן ביי פרויען, — וועלכע וואַקסן זיך אויס צווישן די שווערע גמאַכן, אויסגעפלאַסטערטע גאַסן, און ענג־פאַרחלשטע, טרוקענע גערטנער.

ער האָט מורא געהאַט חתונה צו האָבן פון דאָרטן, און אַוועק איר זוכן ערגיץ אין אַ קליין שטעטעלע, אַ דערפל; און אויך אַזוינע, וואָס זאָל זיין, ביז אין אַ יעווויסן גראַד, — סאָליד; לעבעדיק, באַוועגלעך, און טאַקע אויך צוריקגעהאַלטן, — וואו מ'באַדאַרף; מיט אַ מאָס, מיט טאַקט, — און באַשיידן; מער, מער זיין פרייד, די גוטע זיסע הויז־פרייד, ווי דער גאַסנשימער, לאָמפּענציטער, אויפרייצענדיקער בליאַסק פאַר זייטיקע פאַרבייגייער, און אַ שטיק קנאה פאַר פאַריסענע גרויסע אויגן...

און אַזעלכע האָט ער אויך איר אין געהאַט; אַ צאַפּלדיק קנוילכל, אַ שטיקל קוועקזילבער, — וואָס רוט נישט, שטילט נישט, און איז דורכאויס זיין הויז־פרייד, און הויכער באַגער; ער, וואָס האָט אַזוי געוויכט ס'גרויסע אָרט, און מורא געהאַט: אַז דער ברייטער פאַרנעם, דער אימפּעט און מיטרייס פון מילאָנען גרויסע און דראָבנע געשעענישן, — זאָלן איר נישט פאַרבלענדן, אויפרייצן און פאַרביליקן; אַז זי זאָל אָנהייבן קוקן ערנסט אויף דער גוזמא פון אויפגעבלאָזענע קלייניקייטן, — האָט מיט אַ זעלטענער צופרידענקייט באַשטאַנען צו ווערן אַ טרוקענער שרייבער אויפן דאָרף, האַרט הינטערן וואַלד, אין שכנות פון עטליכע קליינע הייזלעך; וואו ער האָט מיט פלייס געציילט, גערעכנט די קוביקן, געלאָזט אַרויסציען דאָס געהילץ, — אַבי זיין שטיקעלע פרייד זאָל אים נישט ווערן געמינערט, אומגעענדערט, און אַזויערנאָך זיין אָפּגעהיט, באַוואַכט...

ער האָט ווייניק, גאָר ווייניק זין געהאַט פאַרן דאָרף, וועלכעס איז, אייגנטלעך, בלויז געווען ביי אים ווי אַ שטייגל, וואָס זאָל נישט לאָזן ס'ווייב זיינס אַריינפאַלן אין דער אָפענער וועלט אַריין;

אַליין, — אַ גלגול פון עפּעס אַן אַלט געמיט, מיר נישט, דיר נישט, — אַ מענטשל, ביי וועלכן ס׳האַרץ האָט גאָר קיינמאָל נישט, אַ חוץ פונעם ווייב, — אַנגעקוואָלן פון גאָר; נישט פון די פייגעלעך, — וואָס האָבן אַזוי שיין געזינגען איבער זיין פענצטער; נישט געוואָרן מיטגע־ריסן, — שאַל־פּראַל, אינאיינעם מיטן אויפקומען פון דער ליכטיקער וועלט; אויפקומען איבער טאָל און באַרג, וואַלד און פעלד, און זיך אונטערגעטונקען איבערס קאָפּ, פאַרגעסן געוואָרן פון זיך אַליין, — אין אַ שטראַלנדיקער, זוניקער לייִדיקייט; אָדער גאָר געוואָרן איינגעשרימפּן, זיך צונויפגענומען, געוואָרן גאָרנישט, — ווען ס׳האָט זיך אַלץ אָפּגעטון און סאיז פאַרגאַנגען; ווען די זון האָט אויפגעהערט וואַרימען, געגומען ווערן קעלטער, און די שוואַלבן גיין נידריקער צו די וואַרימע וואַסערן; ער איז, ווי נישט געווען מיט ד ע ר וועלט, מיט דער וועלט וואָס אין דרויסן, אַרום אים, און זיך געהאַט אויס־געמישט אינאיינעם מיט אַלעם, וואָס אין די דלת אמות פון די שטיקלעך שטיבלעך זיינע; די מינגעלעך, וואָס האָבן געשפּילט אויף איר פּנים, — זיי זענען געווען זיין זומער, זיין פרילינג, הערבסט און ווינטער...

און מיט דעם, אַזוי ווי ס׳איז, — איז געווען שטיל ביי אים, געהאַט אַ שטילע מנוחה; טיק־טאַק, — האָט געפּלאָסן ס׳לעבן, ווי דאָס אומאויפהערליכע קלאַפּן פון שפּינדל, אין אַן אַלטן פאַרציייטיקן וואַנט־זייגער; אַ לעבן, וואָס איז געווען אויסגערעכנט, ווי ס׳האַלץ אויפן קוביק, און באַשטימט נאָך די שעה׳ן: פאַר פרישטיק, מיטאָק און אָוונט־ברויט; צוגעשניטן לויט אַן ענגע מאָס, אַ פאַרטיקע, — נאָכן מוסטער פון אַנדערע, אַזעלכע ענליכע לעבנס, וועלכע מ׳קען, אויב מ׳וויל נאָר, — אויך אומבייטן; זיך אויסקלייבן אין אַ פאַרשריבן בוך, — אַזוינס אָדער אַ זעלכעס...

און אַזוי האָט זיך אים דאָרט געלעבט: טאָג־אויס, טאָג־איין, נישט העלער און נישט טונקעלער, צעקאָכטער אָדער געצוימטער, — הינטערן וואַלד, אויפן דאָרף, וואו ס׳רחבות פון די פעלדער, און פון דער וועלט בכלל, — איז לגאַמרי ערך גרויס; און האָט, אין איר פלאַכקייט, ווער ווייסט, — אויב נישט געהאַט דערגרייכט דעם העכסטן און טיפסטן שטאַפּל; ביז, ס׳איז געקומען דער איבערבראָך, — און געבראָכן אויסטריגקען דאָס קליינע ביסל גאַל, ביזן דנאָ; און דער

ביטערער גורל, וואָס איז זיך, ס׳רוב, מתקנא, ווען אַ מענטש לאָזט זיך באַניגן מיט דעם וואָס ער האָט, — האָט זיך מיט אים ביטער אָפּגערעכנט; אויסגעגעסן אַ שטיק, אַ זאַפּטיק זיס שטיק לעבן, און אַרויסגעסטאַרטשעט די געלע פוילע ציין:

— כי־כי־כי... האָסט דיר אייביק שוין אַזוי געוואָלט האָבן? אַן אַ געלעכטער, — אַזוי געוואָלט האָבן?

אַז ס׳מענטשל האָט געקריגן דעם קלאַפּ איבערן קאָפּ, און באמת: זייער שווערן קלאַפּ, — האָט ער אים געברויכט צו קענען אויסטראָגן, און זיך דערהייבן איבער אים; און דווקא נישט צולאָזן, — אַז ער זאָל זיך איינפרעסן אין אים, און אים פאַרצערן ווי אַ ראַק; ער האָט, על פּי שכל, באַדאַרפט ווערן עפּעס מער, אַ קלאָרע געלייטער־טע טרער, — און אויך רירעוודיקער מיט אַלעם; דער מח זאָל גיכער אַרבעטן, און די אויגן אינעם קאָפּ נישט שטיין, נעמען אַ יאָר, — ביז זיי וועלן זיך איבערדרייען פון איין ווינקל אינעם אַנדערן; און נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט עוקר זיין פונעם דאָרף, — וואו ס׳לעבן זיינס האָט פּאַמעלעך געטריפט, ווי טראָפּנס האָניק פון פעטעביימער, — האָט ער זיך דאָ גאָר קיין עצה נישט געקענט געבן; דאָ, אין דער צע־טראָגענער שטאָט, אין וועלכער, ער האָט זיך גאָרנישט גענאַרט, אויב ער איז געווען איינגעגלויבט: אַז די ריכטיקע קלעפּ, וועלן זיך דאָ ערשט בעמען שיטן אויף זיין קאָפּ; ער האָט באַשיינפּערלעך גע־מוזט צוזען, ווי ס׳פאַלן פון איר שטיקער, לעבעדיקע שטיקער, און איר נישט געקענט דערהאַלטן, — אַז זי זאָל נישט צעפאַלן מיט אַלעם, און ווערן אַ הויפן ביינער.

— נו? און אַז ס׳אַזוי געווען? — האָט ער געטנהט, — איז דאָך דאָס אַליין שוין אויכעט געגנוג; און וואָס ווילסטו דיר נאָך צו דעם דעם טויט מאַכן? דער רוצח האָט געהרגעט, דער מלאך המות געשאָכטן, נו? מאי קאָ משמע לן, — דאָס אַריינטראַכטן דערין? ס׳וועט דיר עפּעס גרינגער ווערן דערמיט?

ער וואָלט שוין אויף זיכער געווען באַשטאַנען אויף דעם, און אַזוי ווי ס׳איז, אַלץ פאַרליב גענומען באהבה, און זיך אָפּגעווישט די ליפּן: אַ סוף, ווער קען דאָ עפּעס האָבן? ווער און צו וועמען? זי האָט זיך דאָס אַליין מיט די הענט גענומען? און אַז זי וואָלט

דערביי אומגעקומען ? און, ווען עס זאל זיך, ווייניקסטענס : אפהאקן ביי דעם, און זיך נישט פארשלעפן, — ווערן א קרענק ; אז זי זאל זיין שטארק, און נישט שפירן קיין יסורים, — ווען זיי זענען אפילו פאראן ; און נישט, ווי זי האט געוואלט : גאר אוועק צו אזא הויכער מנוחה, — וואו ס׳זענען בכלל מער קיין יסורים נישטא ; אפילו ווען זיי קנייפן אויס שטיקער, און מ׳ווערט גרין און געל פון זיי, מ׳קריגט אלערליי קאלירן.

ס׳ווייב איז צו אים, אלצאיינס, — ווי גארנישט געווען ; אויס ווייב, א נעכטיקער טאג, א בוידים ; כאטש, ווי עס האט געשיינט, — זאל זי יא עפעס זיין מיט זיך ; ווייל זי האט, נאך אלעם, געקענט אפזיצן טעג גאנצע, כאטש א פארחלומט-דערשלאגענע, פון יענער וועלט דערופענע, — און אריינקוקן אינעם פלאנט ; און מיט אזוי פיל פארשטענדעניש פאר יעדן ברעקעלע און זשארקעלע, — וואס ווערט דארט אפגעטון ; אבער ארויסקריגן פון איר אווארט, עפעס א שכלדיק ווארט, — האט ער נישט געקענט ; מיט וואס ער האט איר, ווי גע־ווינטלעך, געזוכט אונטערצוקומען, — וואס ס׳וועט זיין אויף דער נאכט אין מויל אריין צו נעמען ? און ווען זי האט זיך בדעה צו לייגן שלאפן ? האט ער נישט געהאט קיינעם צום עסן, און נישט צום שלאפן. קוקן, און פילייכט, מיט שכל, — יא ; גאר ארויסרעדן א ווארט, איז נישט געווען ווער ; א טויטע בריאה...

און ער האט גענומען ווייכן די שטוב — ווי ער וואלט אין איר גאר קיין ווייב נישט געהאט ; זיך ארומגעבלאנקעט אין גאס, נישט קיין חילוק וואו, — וואו די פיס האבן אים נאר געטראגן ; און זיך ארא־געגעסן די הויט פונעם לייב אראפ ; וואס ער האט געהאט צו זיין אזא לעקיש, אזא שמעגדע מיט עסיק, און נישט געזאלט קענען צעברעכן דאס עקשנות ביי איר : אז זי זאל באצייטענס אוועק, — ביז ס׳וועט איר האבן געקאסט איר לעבן ; דארף מען אים נישט דערפאר פלעטן דעם מח ? וואס פאר א מאן איז ער, אז זי האט אויפן אפיצירל מער געקענט שטעלן, — ווי אויף אים ? און טראכטנדיק אזוי, אין מיטן גיין, — זיך אריינגעדרייט צווישן א פאר פערד מיט א וואגן, פון אונטער וועלכע מהאט אים קוים געקענט ארויסקריגן ; דער אנטריי־בער האט מיט אלע כדוות געמוזט איינציען די לייצן, שעלטענדיק מיט טויטע קללות :

— וואו ער קריכט... אַזאַ משוגענער קאָפּ... וואו ער קריכט...
און בלייבענדיק שטיין, צוריק בלייבן שטיין אויף די פיס, — דענצמאָל ערשט קומען צום שכל, און זיך באַזינען די קליייניקייט, וואָס האָט זיך ערשט דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסע זאַך:

— אַז אומעטום, און אויף יעדן טריט, ווערן מענטשן אַזויערנאָך צעטרעטן, — ווי די פליגן; די אַנטרייבער גיבן זיך אפילו נישט די מי אויף זיי אומצוקוקן; עס אַרט זיי נישט גאָר; און ביי אים האָט ער זיך אַזוי צעריסן דעם לעטניק, געמאַכט אַזוינע קולות, און געשאָלטן אין טאַטן אַריין: „מ׳זאָל אים אַרויסנעמען פון אונטער די רעדער...״

כי־כי... איז דאָס נישט ווי אויף צו להכעיס?

איינמאָל אין אָוונט, אַז ער איז געקומען אַהיים, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומוואַלגערן אין דער טומעלדיק־צעגראָבענער שטאָט, וואָס האָט גראָד עפּעס מער געפיבערט, מער זיך געהויבן, געבורטשעט, — און נישט איינמאָל זיך איינגעדרייט אין דרייען, געמאַכט פון זיך אַ בייגל; איז ער געקומען אין שטוב אַריין, וואו ער האָט געמיינט, — אַז ס׳וועט זיין אין איר עטוואָס שטילער, קענען האָבן אַ ביסל מנוחה, און צום סוף גאָר, געפינען די שטוב, — ווי זי וואָלט געווען אויף אַ הייסן זידיקן קעסל; אַריינשמעקנדיק מיט דער נאָז, האָט ער זיך, וואָס דוואָרעט, — גלייך געוואָלט צוריקכאַפּן פון איר פונקט ווי איינער וואָס מאַכט אויף די טיר צו אַ פרעמדע שטוב; נאָר זעענדיק דאָס באַקאַנטע פּנים פון זיין אָפּגעפרעמדט ווייב, איז ער שוין, לאָז מיך געמאַך, — אַריין, און מיט אַלעם אין איר פאַרבליבן.

— אויף וויפיל איז ער, נאָך אַלעם, בכח, — זיך אַזוי אַרומ־צושלעפּן?

אין דרויסן איז דער פּלאָנט ממש געפלויגן אין דער לופטן; ס׳האָט אים, נישט אַנדערש, ווי אַ משוגעת געהאַט אָנגעכאַפּט, — עפּעס אַ ווילד משוגעת; דער דאָזיקער פּלאָנט, — וואָס איז געווען דער הויפּט־שפּייכלער פון קוילן, אַנטועכץ, רפואות און עסנוואַרג און פון וואַנעט עס האָבן נישט אויפגעהערט צו ציען די לאַנגע, אומציייליקע, שווער־קריכיקע און לייכט־פליענדיקע אַבאַזן; זיך ציען צום אויסגע־שפּרייטן פראָנט, — און מיט די אַלע גוטע זאַכן אים ברייט גענערט

פאַר אַ לאַנגער צייט; אויף דעם דאָזיקן פלאַנט איז איצט אָנגעפאַלן אַזאַ צעמישונג, פונקט ווי ער וואָלט פאַר דעם אייגענעם פראַנט, פאַר וועלכן ער איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן, און אים געטריי געדינט מיט לייב און לעבן, — מיט איינמאָל גאָר אינגאַנצן געוואָרן איבער־ריק; אָדער, סהאָט איבער אַ נאַכט שוין מער קיין פראַנט נישט געזאָלט זיין.

מ׳האָט געריסן שטיקער פון די ראַמפעס, פון די סקלאַדעס, און מאַגאַזינען; אויפגעלאָדן, וואָס מ׳האָט נאָר געקענט, נישט קוקנדיק: צי מ׳וועט עפעס האָבן אַ ניצן דערפון, — אין די לאַנגע אויסגעשטרעקטע באַנען, וואָס זענען געוואָרן אונטערגעשטעלט, און האָבן געשריגן, געליאַרימט, ווי די קליינע קינדער, אַלע אינאיינעם און אויף אַ מאָל:

— אַז זיי ווילן דאָ מער קיין איין רגע נישט זיין; און מ׳זאָל זיי וואָס גיכער אַוועקנעמען פון דאַנעט; מיט זיי אַנטלויפן וואו מ׳קען מער זיכער זיין מיטן לעבן...

פאַר אַ רגע האָט ער, מ׳קען נישט זאָגן, — געפילט צו זיין זייער דערהויבן, — וואָס ס׳האָט זיך אַלץ מיט אַ מאָל אויפגעטרייסלט; שוין לאַנג, צו לאַנג איז געווען שטיל, און מ׳האָט געקענט מיינען: ווי ס׳זאָל זיך שוין האָבן איינגעשטעלט אַ לעבן אַזוינס, — אונטער דער בליי־ענער שווערקייט פון קוילן, בייטשן און קלעפ; און אין דער גע־הויבענקייט, זיך אויסגעטענהט, אַז ס׳ווייב זאָל אפשר אויך דערגיין:

— אַז ס׳האָט זיך פאַרט עפעס אָפגעריסן, און ס׳אי געקומען אַזאַ צעמישונג, — ווי מ׳וואָלט זיי דאָרט די קעפ אַראָפּגענומען...

אָבער אַזוי ווי ס׳ווייב איז, אַלצאיינס, ווי פריער, ווען ס׳איז געווען שטיל, — געזעסן, אַ שטיק תם, אַ טויבער חוש, און נישט אַרויס־געצייגט גאָר קיין שום ברעקל געפיל דערפאַר; און דאָס האָט איר נישט אויפגערעגט, צערייצט, שפּיציק פאַרשאַרפט די אָנגעצויגענע הויט אי־בער די האַרטע אַרויסשטאַרצנדיקע קינבאַקן, — אַזוי איז ער אַרומ־געגאַנגען הין־און־צוריק, אַלצאיינס, — ווי ער וואָלט געווען אַליין אין שטוב, און לחלוטין נישט מיט קיינעם גאָר; זייענדיק מיד, אויסערגע־ווייטלעך מיד, אַזוי ווי נאָכן אָפגיין פון אַזוי פיל מיילן וועג אין דער שטאָט, — האָט ער זיך אויסגעטון און אַריינגעלייגט אינעם בעט; אפילו נישט באַלד איינגעשלאָפן, אָבער די אויגן האָבן זיך איבן, פונדעסט־וועגן, פאַרמאַכט און אויפגעמאַכט; און צווישן דעם דאָזיקן מין שלאָפן

און אויפֿזיין, — האָט נאָך אַלץ פֿאַרנומען ביי אים דעם אויבענאָן, די פֿירכטליכע מהומה, די גאַנצע אויפֿטרייסלונג; און געהאַט דאָס געפֿיל, ווי ער וואָלט ערגיץ געזעסן אין אַ פֿאַרמאַכט קליין חדרל, דלת על דלת, — פֿון אַ שיפֿל, וואָס האָט זיך אַזוי געהוידעט, אויף־און־אָפּ, אויף די גאָר הויכע כוואַליעס פֿון צעשפּילטן ים, און זיך מיט אים אויפֿן קאָפּ געשטעלט... ס'האָבן אים געריסן שטיקער פֿון קאָפּ די בלינדע קולות פֿונעם פּלאַנט, און ער האָט עפּעס ווי יאָ געדענקט און נישט געדענקט אין אים; גיכער פֿאַר אַלעמען, געמיינט:

— דאָס צענדליקער און הונדערטער מענטשן מוזן דאָ האָבן אַן אַרבעט מיט אַ ווילד־שטאַרקן און צעיאָשעטן בופֿעלאָקס, פֿאָרען זיך אַזוי מיט אים, — און קענען אים נישט בייקומען.

שפּעט, און קעגן טאָג, — איז ער איינגעשלאָפֿן; אַוועקגעפֿאַלן, אַזוי ווי מ'וואָלט אים, ריכטיק, — דערהרגעט; געשלאָפֿן טעמפּ, אָן שום זיסן אָדער ביטערן געפֿיל; אָן ברעקל חלום; מיט גאָרנישט אַנדערש, — ווי ער זאָל זיין טויט, מיט אַלעם טויט; און אַ פּאָר־שטיקט ברומען פֿון אַלטע דערבייזערטע הויביצערס, ווי די ווייטע פֿאַרלוירענע בילן פֿון הינט אויפֿן דאָרף, — האָט אים אויפֿגעוועקט; און דאָ אויפֿסניי נישט געדענקט גאָר אין דער שטאָט, — אַז זי האָלט זיך אין איבערקערן דאָ; נאָר וואָס ער האָט, צו זיין גרויס וואונדער, מיט אַ מאָל דערפֿילט ס'ווייב, וועלכע איז אַלעמאָל געווען אַזוי ווייט פֿון אים אין בעט, אָפּגעריקט, — ווי זי ליגט נאָענט פֿון אים; גאָר נאָענט, כמעט ווי באַרירענדיק; און ער איז, איבער אַ רגע, געוואָרן אַזוי וואַכענדיק, קלאָר ביי די געדאַנקען, — ווי ער וואָלט גאָרנישט ניט אויפֿגעקומען פֿון שלאָף ערשט, נאָר אויפֿגעוועזן פֿון אַ לענגערע צייט; דער מח האָט גענומען אַרבעטן רעגעלמעסיק ווי אַ שרויף, און געוואָלט דורכאויס דערגיין:

— צי זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, מורא האָבנדיק אין דער מהומה, פֿאַר עפּעס ענליכעס, — וואָס זי האָט שוין אַדורכגעמאַכט, ווען ס'האָט זיך אַלץ אַזוי אויפֿגעטרייסעלט; אָדער, — ס'משוגעת האָט איר צוגעטוליעט צו אים...

ס'איז אים געוואָרן וואַרים אין אַלע זיינע גלידער; דער קאָפּ — פֿאַרטרינקען פֿון פֿרישע, קלאָרע שטראַמען, אַזוי ווי זיי קומען־אָן לויטער און קלאָר באַגינען, — אין קוואַל; זיינע הענט האָבן זיך אויס־

געבויגן ווי די בייטשן; די פּיס, — אויסגעקרימט ווי ביי אַ הירש; אַ פרישער כח האָט אים אַדורכגענומען, יענער כח וואָס נעמט אַדורך די ערד פרילינגס־צייט, ווען ס'הייבט־אָן יערן אין איר; עס האָט זיך פון דער טיפעניש עפעס אָפּגעריסן ביי אים, ווי ביי אַ חיה: אַ פאַרלאַנג, אַ שטומער ווייטיק, — וואָס האָט נישט קיין לשון, קיין אויסדרוק, און קיין שום גלייכן צו זיך; אַ ווילן, — אַ טיפער, אַ דורשטיקער, אַ ברענענדיקער...

און דאָס ווייב, וואָס איז אַזוי געלעגן ווי אַ שטיק האָלץ, אַן אונטערגעזעגטער בוים, און נישט גערירט מיט קיין אבר, מיט קיין ברעם פון אויג, — האָט זיך דאָ מיט איינמאָל געגעבן אַ וואָרף, אויסגעקרימט די דאַרע פינגער; די שוואַרצע אַפּלען, — זיך צעצויגן ווי די שמאָלע שפּעלטעלעך ביי אַ בייזער קאַץ; און אײַנגאַנצן זיך אָקאַפּויער־געבויגן, געוואָלט אַרויסקריכן פון איר מאָגערן, ביינערדיקן קערפּער, — פונקט ווי זי וואָלט ערשט איצט ריכטיק געקריגן אַן אַנונג, וואָס מ'האָט מיט איר געטון; ווען עס האָבן, ווי איצט, געבילט די קורצע, גראָב־בייכיקע שטאָלענע הויביצערס: האו... האו... און געמיינט אוודאי, אַז ס'ברויכן זיך איבערחזורן די אייגענע גרוילקייטן.. נישט פילנדיק: אַז ס'איז איר אַ אייגענער, צעשראָקענער מאַן... אַזוי האָט זי זיך גענומען וואַרפן, קריכן אויף די גלייכע ווענט, און דראַפּען מיט די נעגל... פונקט ווי דאָס שטילע משוגערט, וואָס איז אין איר געווען ערגיץ פאַריקט, — וואָלט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפסטע ווינקעלעך, ווי אַ העליש פייער, און איר אַרומגעכאַפּט, בראַנדיק אָנגעצינדען, אַזוי, אַז ס'קען זיך שוין פריער נישט אָפּלעשן, ביז מ'וועט אַדורכגעברענט ווי אַ שטיק שטיין־קויל.

- - - - - - - - - - - - - - -

ס'האָט אים אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן, אין בלויזן קאָפּ, נישט מער ווי אין די הויזן, וואו ער איז אַזוי געשטאַנען: אין איין שיך, מיט איין זאָק, און ס'רעקל אויף דער האַנט; דאָס קילע ווינטל האָט אים אַ ביסל אָפּגעמונטערט, און דאָס האַרץ זיך צוביסלעך גענומען שטילן, אָפּפאַלן, — אַזוי ווי ס'צעפאַלט זיך, נאָכן איבערברענען זיך אויף שטיקלעך, אַ גאַנץ געהייז, אַ שווערער גמאַך, און ס'בלייבט נישט מער פון אים ווי אַ באַרג שטיינער, ציגל, שאַבער.

ס'איז דאָן געווען קרוב צו טאָג. אויפן הימל האָבן זיך געשלעפּט וואָלקנס, קריכענדיקע, שווער, זייער פויל, — אַזוי ווי מיט אַ שווערע עלטער אויף זיך, און נאָך אַ שווערערן וועג פאַר זיך; ס'האָט דין געטריפט פון זיי, געשפּרייעט, געמאַכט אַלץ גראָלעך אויס־זען, פייכט שפּירן, און זיין בלאָטיק־פאַרשפּריצט, בלאָטיק־צוגע־חזרט.

פון די אָרומיקע הייף, מאַרקן, פּלעצער, — האָבן נישט אויפ־געהערט צו רירן די איינגעזעסענע וועגן, די אַבאַזן: קיכן, פּאָלאַטקעס, געצעלטן, — זיי האָבן זיך ווי עפּעס דורך אַ כישוף געשיקט צוזאַמענ־געלייגט, איינגעפאַלן ווי געפּלאַצטע באַלאָנען, און אויף איין וואָגן הינטער דעם אַנדערן, — זענען זיי אַרויס פון שטאָט, אין לאַנגע אויסגעסדרטע שנירן; ווי אַ שמאָלע לענטע זיך אַראָפּגעוויקלט פון אַ ראָד, — און געלאָזן הינטער זיך רויע צעפּאַרעטע שטיינער פון האָריקע מיסט און וואָרימע פּערדסליינע; דאָס נאַזענטע און גאַנץ אָפּטע בילן פון די הייזעריקע הויביצערס, האָט אויף זיי אָנגעטריבן אַ פּחד, גראָד ווי זיי וואָלטן געשפּירט די לאַנג־אויסגעצויגענע בייטשן, — פּאָכען איבער די קעפּ זייערע; און וואָס מער זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דער שטאָט, — נאָכמער זיך פּאַרדרייט אין איר, פאַרהאַקט.

די גאַסן זענען געווען אָפּגעשטאָרבן, טויט; די רייכע, אויס־געשטאָטע פענצטער פון געשעפטן, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער רויע ווייסע ברעטער, — מיט וועלכע זיי זענען גיך געוואָרן פאַרהאַקט; קיין מענטשן האָבן זיך נישט געזען; ס'האָט געשטראָמט מיט מילי־טער, מיט כלערליי מיליטער, — איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער שטאָט; עס איז געגאַנגען, געלאָפן, און זיך געשאָטן, — דאָ שיטער, דאָ געדיכטער; דאָ: איילענדיק, — ווי נאָכגיכער אַנט־קומען צו ווערן; און דאָ, — איינגעהאַלטן, ווי מיט דער אויסגעשפּראָ־כענער כונה: אָפּגעשניטן צו ווערן פון ערגיץ, אַזוי ווי מ'גייט און שטייט, מיט אַלעמען, — און איינגאַנצן שוין מער נישט צו קענען אַרויס; און איינער אַליין צווישן דעם אַלעם, האָט זיך מיט־געדרייט דאָס מענטשל, אין אַ גראָ רעקל, זיך מיטגעשלעפּט אַזוי פאַרזאָרגט ווי די איילענדיקע, און אויך באַרוט: מיט די איינגעהאַלטענע, — וואָס זענען אַלץ פון דער שטאָט נישט אַרויס; און בעת אַלע אַנדערע האָבן

זיך, סוף־כל־סוף, דערווייטערט, אַנטקומען געוואָרן, — האָט ער זיך אַלץ געדרייט אין דעם פאַרכשופטן געדריי, ווייל ס'האָט זיך אים געדאַכט: אַז עס וועט אויף אים דאָ אַזויערנאָך, פילייכט קומען אַ טויט; קומען אומגעריכט, און פון זיך אַליין, — ער זאָל נישט ברויכן צו־טון קיין פינגער; פון הימל, פון אונטער דר'ערד, — אַ גרויסע זאַך: מזאָל באַווייזן אויסצוציען די פיס אין דעם דאָזיקן אָפּגאַנג? אַ שטיק שראַפּנעל, צי גלאָט אַ באָמבע, — וואָס זאָל אויפרייסן; אַ דין איידל פּלינק קיילכל; אָדער, ס'גרינגסטע, גאָר, — מיט אַ שטאַרץ פון אַ דישל, וואָס זאָל אַרויסזעצן ס'האַרץ, אים איבערקערן, — און פאַרשפּאָרן מער זיך אויפצוהייבן פון דער ערד; עס וועט זיך אַ סך באַנוצן, — מיט אַ מענטשל מער אָדער ווייניקער?

שפּעטער, אַז די געדיכטקייט האָט אויסגעריבן, און ס'איז געוואָרן מער ליידיקלעך, מער פּוסט, — איז ער געגאַנגען אין אַ גאַס, וואָס, ער האָט בקיין אופן נישט געקענט וויסן, — ווי אַזוי ער קומט אויף איר; ס'איז דאָ געווען שטיל, און קיין מיליטער האָט מען אויך נישט געזען גאָר; זיך דערשלאָגן צו אַ ווינקעלע, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, — גערוט, און די ליבע שטילקייט האָט אים ממש דערקוויקט; ער איז געבליבן שטיין, פון זיך אַליין, — צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו אַ סלופּ פון אַ לאַמטער, און אַזוי געשטאַנען במנוחה, אַ ביסל אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם:

— אַ טייערע זאַך, אַז ס'אי שטיל; וואָס וואָלט געשאַט, — אַז ס'זאָל שוין מיט אַלעם אַזוי זיין?

און גלייך האָבן אַ פּאָר הענט, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין אַזוי האַרט אויסגעאַרבעט ווי אַ שטיק זויל, — אים צוגעקלעמט ביים קאַרק, און ס'האָט געפעלט אַ האָר, זיי זאָלן אים די קרענגעס איבערברעכן:

— וואָס טוסטו דאָ, הונט איינער, ביי אַ פּאַרק אַמוניציע? — האָט זיך יענער געדריסן דעם גאָרגל, — ביי אַ טשעכהויז מיט געווער? ווילסט דאָ ווערן אויפגעריסן מיט דעם אינאיינעם?

און נאָכדעם ווי ער איז אַוועקגעפלויגן ווי אַ שפּענדל, — דערפילט די געזונטע באַכעס, וואָס יענער האָט אין אים אַריינגעלייגט, — פּאַר אַ צולאָג; און גייענדיק, געטראַכט:

— ווי אויף צו להכעיס אים גייט? און צום וויפילטן מאָל, שוין? וואָרן, ס'האָט אַ סך געפעלט: יענער זאָל אין אים אַרייניאָגן

אַ הייס קנידל? און נישט, — אָפּקומען מיט עטליכע זעץ, מיט אַ שמעק טאַבאַק? וואָלט אַן אַנדערער, וואָס חלשט פאַרן פּיצל לעבן, — אויך אַזוי גלאַטיק אָפּגעשניטן?

דער הימל איז איצט, פון די ווייטע פייערן, — געוואָרן רויט, קופּער־רויט, און זיך גענומען גיסן ווי צעשמאָלצענער בראָנז; און די וואָלקנס, וואָס זענען איצט אָנגעקומען, — זענען געווען צעבּרענטע, מיט גראָע, אַש־גראָע גרזשיוועס, — ווי זיי וואָלטן זיך פון דאָרטן קוים אַרויסגעראַטעוועט מיטן לעבן; זיך אַרויסגעכאַפּט צו איינציקע, און אין געדיכטע קיפּעס, ווי סטאַדעס גאַנצע מיט קי, לעמער, — וואָס מ׳וואָלט געטריבן מיט רציחה, נישט קענענדיק פריער אָוועקרייסן, ביז זיי האָבן דערפילט די בראַנד־וואונדן פונעם פייער...

ער איז פאַר אַ רגע געבליבן שטיין אויפן מאַרק, — אַ טויטער מאַרק; ס׳זענען נישטאָ מער אויף אים די טישלעך, ביידלעך, פאַרשידע־נע סטאַנציעס, פונקטן, לאַזאַרעטן; די טויטע שטילקייט האָט דערמאָנט אין אַ יריד אויף אַ בית־עולם, — וואו מ׳דהאָט באַדאַרפט זיין שטאַרק פאַרקאָכט אין אַ בר־מינן; און אַזוי גיך ווי מ׳האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אים, — האָט אים איטליכער נאָכגיכער פאַרלאָזן, און ס׳איז צוריק געבליבן אַזוי שטיל אויף אים, ווי אָן אים.

דאָס הייזעריקע בילן פון די הויביצערס, האָט זיך מיט אַ מאָל זייער נאָענט אָפּגערופן, — גראָד אַזוי ווי פון הינטער זיין רוקן; און אַ בלינדער כח, אַ שטומפּיקער, אומזעבאַרער, אַזוי ווי פון אַ סטאַדע אָקסן, — האָט זיך גענומען שפּאַרן, אַריינשפּאַרן בלינד אין דער שטאָט, — דורך אַלע וועגן און אומוועגן; דאָס אַמאָליקע גיין און שפּאַרן זיך, — וואָס איז אים גוט באַקאַנט געווען; נישט קוקענדיק, — אויב מ׳ברויך אָוועק־שטופּן די הייזער, גאַנצע גאַסן, אַז ס׳זאָל קיין מניעה נישט זיין אין גיין, און צוליב וואָס אָדער וועמען דאָ ווערן אָפּגעהאַלטן; אַזוי האָבן די אויגן זיך אים אָנגעצינדען, גענומען בליצן, און אַ צעפּראַלטער געלאָפן אַהיים, אַהיים צום ווייב, אַזוי ווי גאָרנישט מער געווען געקרענקט:

— ס׳האָט זיך, ענדלעך, דאָרט איבערגעבראָכן; און אויף יענעם אָרט אויך, — וואו זי איז צעטרעטן געוואָרן...

אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב, — האָט אים די שטילקייט אַרומגענומען; זי איז דאָ געווען אַזוי דין, — ווי דער פלאַנט וואָלט

שוין מער אין דרויסן נישט געווען, אַוועקגעכאַפּט געוואָרן, — נאָר אַ לײדיק טיף ברײט פעלד ; און אַז די רויטע הימלען האָבן אָפּגעלויכטן די שטוב, — האָט ער געזען ליגן ס'ווייב, אַזוי אײגן ווי אַ מאָל, דאָרטן, אויפן דאָרף, — צעקנײטשט, צעקנאָדערט און צונויפגעדרייט אין אַ בײגל ; און צווײ בלאַסע טרערן האָבן זיך גענומען שפּאַרן ביי אים פון די אויגן, זיך אַרויסגעקײקעלט, — און געלאָזן אַזעלכע צוויי זילבערנע שליאַדן אויף די באַקן, ווי אַ זומער־פייגעלע לאָזט איבער נאָך זיך אויף אַ גרין בלעטל.

אַ שווערע נאַכט

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, און ס'לעמפּל ברענט העל אַרויפגעדרייט; די שאַרפע ליכטיקייט בלענדט העל איבער אַלעם, וואָס ס'איז צעשטעלט אין די ווינקלען, אַרום ביי די ווענט, אין מיטן שטוב, — מיט וואָס זי איז נאָר אויפגעקליבן און פאַרפּיצט.

ווינציק איז ס'מעבל, אַלט־יידישלעך, אָפּבלאַקירט און פאַרעלטערט; אַ געל יאַשינאָווער אַלמער, אַ ספרים־שענקל מיט פאַרגלאָזטע שייבן, אַ קליין טישל מיט קינדערשע צאַצקעס, און אַ פּאָר הויכע מצבה־בעטן: מיט גראָבע, בולטע קריצונגען, אָפּגעריבן די פּאַליטור, מאַט, — און אָנגעוואָרפן מיט בלאַנקע, שניי־ווייסע איבערבעטן, וועלכע זענען אַזוי הויך און לופטיק אָנגעבלאָזן פון פריש איינגעשיטן פּאָך, — ווי די באַלאָנען.

פייגעלע ליגט אין בעט; דאָס אויסגעוויינטע כלה־מיידל, אויסגעכאָוועטע, — אויף טרערן, אָפּגעשפּראָכענעם בוימל, און אָפּגעריבענע מטבעות; זי זעט זיך קוים אַרויס פון אונטער דעם באַרג מיט בעטגעוואַנט, — וואו דער מאָגערער, צאַרטער, מיידעלשער קערפּער איז כמעט ווי פאַרפאַלן; בלויז דער קאָפּ האָר שווימט אַרום איבער די קישענס, — פאַרשפּרייט ווי אַן אָפּגעשטאַנענע שוים; ס'פּנימל איירס איז בליך, די בעקלעך זענען אָנגעצויגן, אָפּגעצערט, — גראָד ווי זי וואָלט ערשט געהאַט איבערגעקומען עפּעס אַ שווערע קרענק, און ציילט שוין די טעג, ווען ס'וועט איר איינגאַנצן בעסער ווערן, אַז זי זאָל קענען אויפשטיין, און זיך מיט אַלעם אַרויסקלויבן פונעם בעט; זי ציט לייכט ג'אָטעם, און האַלט דערביי צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ עפּעס מורא געהאַט אַרויסצווייזן, — אַז זי שלאָפט נישט; און פון ליגן ווידער, פונעם אויפזיין, — קרימט זיך נאָכמער איר פּנימל אַזוי קינדיש פאַרשמאַכט, נישט ווייניקער באַלד ווי פון דער זאָרג, וואָס עסט איר לייב און פאַרצערט איר.

— מאָרגן איז איר חופּה־טאָג; גייט זי, ריכטיקער: ברויך זי

גיין אונטער דער חופּה, און דאָ געשיט גאָר קיין נס נישט, קיין שום צופאַל, — דאָס זאָל ווערן אָפּגעהאַלטן ; נאָר, פאַרקערט : אַלץ אַרום גייט דערצו, פּירט־אונטער, קלויבט זיך אויף, פּונקט ווי אַ רייע מענטשן דערגייען ענגער, געקייטעלטער, און נענטער צום שפּיץ פון אַ באַרג, — דעם שפּיץ־באַרג פון איר לעבן און פאַרגיין...

פריער, ביז ס׳האָט נישט געהאַלטן דערביי, האָט זי נאָך, ווי־ס׳איז נישט, — אַ שמייכל געטון ; אַ שטייגער — ווי ביי איינעם, וואָס ס׳קומט אין פּנים אַריין דער ערשטער אָנבליק פון אַ קרענק, — וואָס נעמט זיך מיט אַ מאָל איינעסן פאַרבאָרגענערהייט אינעם לייב ; און נאָכדעם, ווען מ׳האָט שוין, נישט אויף קיין געלעכטער, אָפּגעשמועסט אַ זמן חתונה, — גענומען קוקן אין הימל אַריין : הילפלאָז, צעטראָגן, ווי אַ פאַרלוירענע, וואָס האָט שוין יעדן בטחון צו מענטשן פאַרלוירן, זיי אויפגעהערט גלייבן ; און נאָר רק געבעטן :

— באַוויז, הימל, אַ נס ; מאַך עפּעס אַ זעלכעס, ווי דו קענסט : אַן ערדציטערניש, למשל, — אַ צעטרייסלונג ; און עס זאָל גאָר מער קיין טאָג נישט ווערן ; ער זאָל אינגאַנצן אַרויסגענומען ווערן פונעם סדר דהעולם ; און עס זאָל פאַרבלייבן, — נאָכדעם ווי סברויך נעמען שאַריען, ווערן גראָ, — ווייטער נאַכט ; נאָכאַנאַנד נאַכט, — אַז זי זאָל נישט דאַרפן גיין מיט אים צו דער חופּה...

אַצינד איז דאָס, די פינצטערע נאַכט, — וועלכע ליגט איבער אַלעם, און הויערט ; און נאָך איר ברויך קומען דער שטענדיקער טאָג, — וואָס וואָלט, אייגענטלעך, נישט באַדאַרפט מער קומען ; נאָר די איי־גענע נאַכט זאָל זיך פאַרציען, כאָטש נאָך אויף אַ מעת־לעת, פיר־און־צוואַנציק שעה, און די וועלט האַלטן אין איר ווייטערדיקן, אום־איבערגעהאַקטן חושך...

פון פאַר דער גאַנצער צייט, זינט זי בעט, איז איר בקשה נישט דערפילט געוואָרן, — און ס׳איז קיין שום נס נישט געשען ; צוביסלעך איז זי דערגאַנגען צו דעם טאָג, — וואָס איז אַלעמאָל אַזוי פּונקט־לעך געקומען : צו דער מינוט, צו דער רגע, און אויף דער האָר, — געבוירן און פאַרלוירן געוואָרן ; האָט זיך די וועלט דאָ איינגעהילט איבערן קאָפּ, אין פינצטערניש ; דאָ, — אין פּורפּער תכלת ; דאָ אָנגע־גומען אַ שטראַלנדיק געזיכט, און דאָ, — אַ פאַרוויינט אויסזען ;

אויף איר פנים האָט זיך צעלייגט די זאָרג, עס גרין געמאַכט, און קיינער נישט פון הויז: אַזוי גוט דער טאַטע ווי די מאַמע, — האָבן געקענט וויסן, וואָס ביי זייער קינד איז נולד געוואָרן...

— טאָכטערשי, וואָס האַלטסטו אַזוי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, צו דער ערד?

— טאָכטערשי, זאָג: וואָס ס׳גריבעלט דיך?

אָבער זי האָט זעלטן עפּעס געזאָגט; נישט געקענט פּועלן ביי זיך אַראָפּצורעדן פונעם האַרץ; ס׳רוב: פאַרשוויגן, — און אַזוי ביזן לעצטן טאָג, דעם איצטיקן; געווען אַ שטילע, — און אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט; און קוים האָט זי זיך יאָ אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע: עפּעס באַטראַכטן, עפּעס אַרומקוקן, — אַזוי האָבן זיך די אויגן אירע געגומען פייכטן, און זי איז גלייך פאַרזיגקען: גראָד ווי אַ שטילע, געפּרואווטע, שוואַר־געפּייניקט, צום טויט־פאַרמיטשעטע יידישע טאָכטער, וואָס קען נאָר רעדן מיט די אויגן...

אַ גראָבע פּעטע מומע, מיט אַ פאַרשווימען שמאַלץ־פּנים, צוליב וואָס, די אייגלעך האָבן זיך קלענער אַרויסגעזען ווי מ׳ברויך, — איז זיך זייער גראָב מיט איר אומגעגאַנגען; יעדע רגע איר אַריינגעפּאַרן, נישט געלאָזט זיין אַ מינוט מיט זיך אַליין, — אַז זי האָט זיך געמוזט רויט־אָנצינדען פון בושה, פייגעלע.

— זע נאָר, די יחסנטע; זי מיינט טאַקע, אַז זי איז די ערשטע קודם אַ חתונה; אַז ס׳האָט נאָך קיינער פאַר איר, — נישט חתונה געהאָט; און שטייט, אַ גולם־נאַר, — שפּירט נישט די פליגן, וואָס שטעלן זיך איר אויף דער נאָז...

איר מאַרק־מויל האָט פאַרטשעפּעט ס׳מיידל, ווען איר פאַר־פּעצטע הענט ד׳האָבן רואיק און נאָכאַנאַנד אָפּגעמאַכט די געשאָכטענע געגנדז, — וואָס אויף דער ווייסער באַנק; אונטערגעפּאַטשט די געפּאַ־שעטעביילקעס, און פאַרמרוזשעט די אייגלעך פון גרויס מתיקות ביים טאַפּן ס׳פּעטס; און שוין פון תד־זילת נאָכט איר געגומען טרייבן:

— גיי, לייג דיך שלאָפן, פייגעלע; וואָרן אַ כלה־מיידל ברויך זיין אויסגערוט; גוט אויסגערוט.

— ס׳גייט אויף דיר אַ יום־הדין, גייט אויף דיר; און זיין אַ טאָג פון סליחה, מחילה וכפרה.

אין איר קול האָט זיך גראַד דעמאָלט, געפילט, — לויטערע אייטל־קייט, ממש זייד, וואָס, — ס׳איז זיך גאָרנישט געווען צו ריכטן ביי איר; פייגעלע האָט, פונדעסטוועגן, עס נישט געקענט סובל זיין; און די זיסקייט האָט איר געאיבעלט, כמעט צו ברעכן; זי דהאָט געמאַכט אַ מינעלע, און ביי אַלע אויסגעזען: עפּעס ווי אַ שטיל גוט צו־לאָזן קינד, — ווען זי איז אַריין דאָ אַהער, אין שטוב; נישט אפילו באַלד געגאַנגען שלאָפן, און מיט איר אייגענעם ווילן, נאָר זיך ערשט צוגעזעצט צום פענצטער, ווי געכאַפּט פונעם ליכטיקן דרויסן, — וואו די זון איז מרה־שחורהדיק פאַרגאַנגען אין רויטן, אַנגעטון די וועלט אַ מאַסקע פון אַ טויטן, און ס׳האַרצעלע האָט זיך איר מיט אַ מאָל אַ צאַפּל־געטון:

— נישט: איר מרה־שחורה? איינמאָל כאָטש האָט זי זיך גע־טראָפן גלייך מיט דער זון; די זון וויל נישט אונטערגיין, און אויך איר איז אַ שאָד אונטערצוגיין...

די באָבע, זיצנדיק ביים אויווען, און ערשט איצט איבערגעחלומט אויפן וואָר פון אירע טעג און יאָרן, ווי ס׳זענען מקוים געוואָרן די ברכות, וואָס מ׳דהאָט איר ביים פירן צו דער חופּה, אָנגעווינטשן: „אַז זי זאָל עס ביי אירע אייניקלעך דערלעבן...“ האָט זיך באַלד אַ הייב־געטון פון איר אַיינגעזעסן אָרט, און ווי פאַר עפּעס פאַרכטי־קעס, הייליק־ציטערדיקס, — איר געגומען הכנעהדיק וועקן:

— דאַרפסט שוין גיין שלאָפן, אוצר.

האָט זי זיך אַ כאַפּ־געטון, פייגעלע: „אפשר טאָקע...“ און אַראָפּ־געוואָרפן ס׳בלוזקעלע, גענומען שנירן אַ שיכל, קנעפּלען, אויפבינדען בענדלעך, — אויף וואַס, דאָס אָנטועכץ האָט זיך אַלץ געהאַלטן; נאָר אירע הענט האָבן דאָ באַלד צוריק גענומען אָפּפאָלן, ס׳טוען געוואָרן שלעפעריקער, ביז זי איז ווידער אַ מאָל אָפּגעשטאַנען, זיך פאַרגאַפיעט:

— די זון, די זון; יענע וויל נישט אונטערגיין, — און זי וויל דאָס אויכעט נישט; ביידע ווילן זיי דאָס נישט...

האָט זיך ביי דער באָבע אַריבערגעכאַפּט אַ שמייכעלע איבער די צעקנייטשטע, איינגעשרימפּענע באַקן; און פרעפלדיק־שטיל, אָן ציין, ווי געאַנט פון איר חתונה־נאַכט: „נאַרישע מיידלעך...“ זיך אַליין

גענומען איר אויסטון, ס'אַנטוועכץ אַראָפּציען, און אַריינלייגן אין בעט, איינוויגענדיק:

— שלאָפן, שלאָף, מיין שיין פייגעלע; שוין דיין תענית הייבט זיך אָן: כּאור הבוקר, — און כּח ברויכן דיינע ביינדעלעך האָבן.

און פייגעלע האָט ווי אַ קינד, — זיך געלאָזט איינדעקן, איינטוליען צווישן די קישענס, אַזוי ווי עס וואָלט אין דרויסן גאָר אַ געזונטע קנאַקענדיקע פראָסט געהאַט איינגעפרוירן די ערד; אָדער, — ווי זי וואָלט, ריכטיק, געווען נאָך אַ שווערע קרענק, און נאָך אַלץ קיין כּח נישט געהאַט מיט זיך אַליין אומצוגיין; די באָבעשי, ווידער, האָט זיך פרום די הענט געוואַשן, אָוועקגעזעצט אַנטקעגן איבער אויפן אַנדערן בעט, בשכנות, — זיי געווישט, און פאַרציענדיק די ברעמען ווי אַן אַלטע טויב איבער די אויגן, שטיל און גאָטספאַרכטיק פרום געבעטן:

— זע, באַשעפער: דער וואָרצל איז נאָך אַזוי יונג און פריש, — גיב אים סביסעלע זאַפט, וואָס אים קומט; ס'ביסעלע דזיות; גיב, בורא, טוי, פאַרן יינגען קעפּל...

האָט פייגעלען פאַרקלעמט ביים האַרצעלע, און מיט אַ איינמאָל אַזוי פיל רחמנות געקריגן אויף דער גוטער באָבעשי, אַז זי האָט געוואָלט, ווען זי וואָלט נאָר געקענט, — אַרויסשפּרינגען פונעם בעט, איר אַרומכאַפּן, און אויסקישן איטליכעס ביינדעלע באַזונדער:

— באָבעשי, באָבעשי, — וועט דער זאַפט מיינע וואָרצלען פעטער מאַכן? און דער טוי מיין קאָפּ אויפפרישן?

ס'האָט געקענט זיין שפּעט, גוט שפּעט, — פון וואַנעט האָט זי עס געזאָלט וויסן? און אין דער אַנדערער שטוב, איז נאָך אַלץ מיט אַלעם נישט געהאַט אָפּגעשטאַרבן; אַ קליין אָדערל האָט געקלאַפּט: טיק־טאַק.. טיק־טאַק... אַזוי נאַרמאַל, רעאַל, ווי אַ סימן: אַז דאָס גרויסע געוויש איז נישט מיט אַלעם טויט, נאָר אָפּגעשוואַכט ביז גאָר־גאָר, אויף אַ האָר; און אַז מיט די ערשטע רגעס אויפן טאָג, — וועט עס זיך געוויס דערכאַפּן, צוביסלעך, און צוריקקומען אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, און אפשר מיט נאָכמער שטאַרקייט, פון פריער; דערווייל איז שטיל, נאָר דאָס איינטאָניקע צאַקן פון אַ האָקמעסער, וואָס וויל נישט שטום ווערן, און עס ציט, און ציט; האָט זיך איינגעעקשנט

קעגן דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג: פון טעלער, גאָפּל־מעסער, — אַזוי ווי ס'וואָלט דאָ געוואָלט זיין ס'איבערשטע פונעם שטייסל, און באַווייזן אַ בריהשקייט: אַז עס ווערט קיינמאָל נישט מיד, און שטייט נישט אָפּ פון האַקן... דאָס פאַרקריכט צו איר אונטער דער הויט, און זי פאַרבייסט די ליפּן, קריצט די ציין, רייסט זיך; פילט דאָ אַרויסצו־שפּרינגען פונעם בעט, ווי אַ יונגע סאַרנע, און אָנכאַפּן די קעכן ביי דער האַנט:

— וויבל, וויבל, — איר וואָלט אפשר אויפגעהערט? אַ האַלבע שעה, אַ פירטל שעה, צען מינוט, פינף, אַ רגע, אַזוי, — אַ, — אַ, — אַ, — אַ, — אַ, — — — —

— וועו? דאַכט זיך: געשלאָפן? לאַנג? אַ מינוט, און, פיליכט, — אַ שעה? ווער קען וויסן?

ס'האַקמעסער האָט איינגענומען אַ מיתה משונה.

געלויבט זיין באָמען — אַז סאיז שטיל; מיט אַלעם, — שטיל; עס גיט זיך גאַרנישט קיין ריר; וואָלט דאָך שוין געברויכט זיין גוט? הייבט זיך גאָר נישט אָן... רק אין דער שטילקייט נעמט עפּעס נאָגן, פּלאָגן, — און ס'איז אויסצוגיין אין איר... איי, ווען ס'זאָל זיך עפּעס געבן אַ ריר... הערן אַ סקריפּ פון דער טיר... עמיצער דאָ אַ קלאַפּ־טון, אויף אַ האַרעלע, כאַטש... געבן אַ פּאַטש... פליגן שטייען אויפן סופיט, האַלטן זיך אָן אין אים מיט די דינע פיסלעך, — און פאַלן נישט אַרונטער; זיי מוזן אַזוי שטיין און שלאָפן... פאַר־וואָס ווילן זיי בעסער נישט אַרומפליען? אינווייניק, ביי איר, רירט זיך יאָ עפּעס: טיאַך־טיאַך, — דער טיק־טאַק פונעם אייגע־נעם האַרץ, וואָס קען זיך מיט אַ מאָל הויך צעשרייען, און אָפּהילכן ווי די קלעפּ אין גאָר אַ גרויסן געוואַלט־גלאָק.

זי שאַרט אַראָפּ ס'בעטגעוואַנט, און בלייבט ליגן האַלב אויפ־געדעקט; די ליכטיקייט שפּילט אויף איר קלאָר־אויסגעוואַשן לייב, געהייליקטן גוף, כשר־גערייניקטן; זייענדיק איבער די אויערן אונטערן וואַסער, האָט זי פון אויבן געהערט, — ווי ווייבער האָבן הויך, אויפן קול, גערופן: „כשר"... „כשר..." און זי איז גלייך אויפ־געשטיגן פונעם גרוב, — גאַנצע קוואַלן האָבן זיך פון איר אַראָפּ־געטראָגן; מיט אַ וואַרע, איר ביי די הענט אַרויסגעצויגן, און אין

לייליכער געהילט, אין קלאָר־געפּרעסטע, שניי־ווייסע לייליכער.

— פֿאַר דיר, מיין אומעט־טריבער, היילק איך מיך דאָס, טובל איך מיך זיבן מאָל אין זיבן ריינע וואַסערן, — כ׳זאָל אַ כשרע פֿאַר דיר זיין, אַ כשרע . . .

אַ דזשויכער איז ער, אַ שטאַרקער און אַ זיידענער בחור; זיידענס אין די אויגן, — מאָרע־זייד; און די ברעמען, — זיי גלעטן ווי סאַמעט; פוכיק־ווייך די באַקן, פֿאַרביק־רויט, און מיט אַ צאַרט געוועב די נאָז לעכער; אַ מיידלש געשטאַלט איינגאַנצן, וואָס גייט אַלעמאָל ווי צום טאַנצן.

ס׳האָט, נישט אַנדערש, ווי אַ טעות געהאַט דער מלאך מיט אים; ער האָט, אויף זיכער, עפּעס אַנדערש געמיינט, און אין דער לעצטער רגע זיך געכאַפּט:

— ס׳וועט זיין אַ בן־זכר...

נאָר ס׳איז שוין, אַפּנים, צו שפּעט געווען אים איבערצואַנדערשן; און דער ווילן איז פֿאַרבליבן, — אַ פרויענליכער, צאַרטער, ווייבליכער; דאָס געמיט, — אַ לייכטס, אַ שוועבנדיקס, אַזוי ווי ביי אַ שמעטערלינג, וואָס זשומט אַרום:

זש־זש־זש־זש...
פון מאָרגנפרי,
גלי
אין זונענשטויב;
און אויב
ס׳פעלט דיר אָטעם אויס,
גיי צו אים אַוועק אין שויס.

— וואָס זענען עפּעס דיינע אויגן אַזוי טריב, בלייכער קאָפּ, מיינער? זאָג מיר, גיכער, — דיין כלה גייט אויס; נעם איר נישט ס׳חיות אַרויס.

ער איז שטיל.

— זאָג מיר, וואָס ס׳דריקט דיך; אויף דיין בלייך פּנים ליגט אַ שווערער וואָלקן, — נאָך שווערער ווי ער ליגט אויפן הימל, אַז ס׳רעגנט.

זאָגט ער:

— זאַלסט וויסן: אַז כ׳קער דיר נישט אַן מער, כ׳קער נישט מער אַן זיך אַליין; כ׳בין געוואָרן אַ קינד פון גרויען פעלד, פון זון־און־רעגן, ברי־און־קעלט...

נעמט ביי איר ציטערן די ברעם ווי אַ שוואַרץ געוועב, פלאַטערן ווי אַ זומער־פייגעלע מיט די פליגעלעך:

— אין סאַראַ הפקרות, מיין קינד, — קומסטו אַריין?

— ס׳אי נישט קיין הפקרות, מיין טייערע; ס׳האָט איר ליכט, איר רייך, איר זון, איר כישוף, איר צויבער, איר אומעט און איר טרויער.

און זי הערט זיך איין ווי אַ לייכטזיניק קינדעלע, וואָס לאָזט זיך איינרעדן אויף די געשטאָרבענע מאַמעשי, — אַז זי איז בלויז אוועק צו קרובים, און וועט דאָ באַלד אינגיכן קומען צוריק; זי באַקומט צו וויסן: אַז זי איז גרויס געוואָרן אויף אַ ביטערע צייט; ליכטיק גרויס, און פול מיט שמעקעדיקע ריחות; אַ ליכטיק לעבן שפּינט זיך אויס, איר רייפע טראַכט מאַנט שוין, — נאָר איר באַשערטער מוז דערווייל ליגן ערגיץ, אין פעלד, — און האָבן אַ שטאָלערן דהאַרץ; קענען אויסשטיין די גרויסע סכנות, טראָגן די שווערע משאות, — וועלכע לייגן אים־צו, פאַרשטיינען אים, פשוט.

זיצט זי אויפן שטיין, קוקט צום הימל מיט גרויס געוויין, און דערזעט: ווי ס׳כמורעט זיך, פונדעסטוועגן, — עפּעס יאָ אויס; ס׳לייטערט זיך, ס׳רייניקט זיך, — און ס׳ווערט ליכטיקער, שטראַלנדיקער; פלעקן צעשווימען, פלעקן צערינען, — — — ליכטיקע פאַסן שלאָגן אַרויס, — — — זוניקע שטראַמען פלייצן, פאַרפלייצן, — — — און די ערד, די גוטע ערד, — הייבט שוין אָן שמעקן מיט זעלטענע ריחות; טרוקענע צווייגן צו טריפן, שאָלן זיך שפּאַלטן; עס שטעקן די פיש אַרויס די פיסקלעך פון די וואַסערן, און שלינגען: בלאָ, — — — בלאָ, — — — די וואַרימע רעגנטראָפּנס... און זשאַבעלעך, — פרישינקע, גרינגענקע זשאַבעלעך, — נעמען באַווייזן זייערע צאַרטע הויטן; און ציען זיך דערביי אויס אויף די בייכלעך, ביי די באַוואַסערטע, נישט באַגראָזטע ברעגעס: קוואַ, — — — קוואַ, — — — —

און די מענטשן, זיי קריכן שוין אַרויס פון די באַהעלטענישן, פון די נאָרעס, ווי נאָך אַ גרויסן שלאַקס רעגן, — אַ מבול, אַ וואָלקן־בראָך; די בלייכע באַקן ווערן רויט, די טריבע אויגן, — קלאָר;

יינגע מיידלעך נעמען זיך אויפסנייס צוואָגן די גאָלד־געלאָקטע קעפּ האָר; און כּלי־זמרים שאַרפן שוין די סמיטשיקעס, ציען ווייטע טענער, לעבעדיק־פריילעכע: „מזל־טוב דיר, כּלה!“ „מזל־טוב דיר, חתן!“ נאָר זי איינע קוקט די ווייטע וועגן אויס, קוקט זיך אויס די אויגן אויף זיי, און מיט יעדן טאָג ווערן זיי אַלץ מער גרויס און גרעסער, קלאַפּט איר האַרץ מידער, — אַזוי לייגט זי זיך צו דער ערד אַנידער, באַגראָבט ס׳פּנים אין די הענט, און קלאָגט ביטער פאַר די ווענט:

— שוין, ווייסט איר נישט, הימלען, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט מיין בחור? כוועל אייך זאָגן די סמנים ביי אים: אַ הויכער, אַ שלאַנקער, — מיט אַ פּרויען־געזיכט; דער קאָפּ־האָר איז ביי אים געדיכט; די אויגן אין בלאָ געפּאַסט; אין גיין און אין רעדן, דאַכט זיך, — אַ פּאַנטאַסט; איר רעדט צו אים, און ער ענטפערט נישט גלייך; כאַפּט זיך ערשט דערנאָך און ענטשולדיקט זיך פאַר אייך...

ס׳ווערט שוין באַלד נאַכט, און איר בליק הענגט נאָך אַלץ פון פריען פרימאָרגן איבערן דרויסן, איבער די מויערן, וואָס בלענדן, ווי אַלעמאַל, — ווען די זון דרייט זיך אויס צו זיי, איידער זי פאַרגייט.

ס׳איז שטיל, אָטעם־שטיל; מ׳קען הערן אַ פייגעלע, — ווי עס פליט; און זי פאַרנעמט אַ טויב געררויש: ווי אַ מענטש זאָל שאַרן די אַנגעוואָרפענע בלעטער, מיט די פיס; עס גייט ווער שווער איינגעבויגן, הינקט און שטעלט זיך אָפּ, הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט ברייט און טיף אין איר:

— דערקענסט נישט דיין בלייכן חתן, מיט די בלאָע אויגן?

זי קוקט טיף און צעשראָקן אין אים:

— ניין; נישט בלאָ זענען דיינע אויגן, — נאָר שוואַרץ און פינצטער...

— דאָס האָבן זיי געמוזט שוואַרץ ווערן פון די נעכט, וואָס כ׳בין געלעגן אין פעלד, מיין טייערע; דערקענסטו אויך נישט דיין באַשערטן, — אין דעם יינגן, הויכן, שלאַנקען בוים, וואָס איז פאַר דיר אויסגעוואַקסן?

— ניין; מיין חתן איז טאַקע אַזוי געוועזן: הויך און שלאַנק, אויסגעוואַקסן ווי אַ סאָסנע בוים; פאַר מיר שטייסטו איינגעבויגן צו דער ערד, — ווי דער הויקער וואָלט דיך באַדאַרפט אַזוי אַראָפּבייגן...

— איז דאָס פון ליגן אין גרוב, טייערע מיינע, אַזוי פיל טעג; און פון רעגן, פון ווינט, — געוואָרן אַזוי אויסגעקרימט; דער־קענסטו מיך נישט אינעם קול, — וואָס האָט דיך אַנגעלאָקט, און געקלינגען ווי דאָס שענסטע געזאַנג אין דיינע אויערן?

— ניין; דאָס קול איז ביי דיר טרוקן, האַרט, און עס גיט־אָפּ, — ווי מ׳זאָל וואַרפן אַ שטיין אין בלעך...

— איז דאָס פון שרייען, טייערע מיינע; פון וועלן איבערשרייען דאָס געשריי פון שיסן, פון גראַנאַטן אויפרייסן, שראַפּנעלן פּלאַצן; אָבער, דאָס אַלץ דאַרף דיך גאָרנישט אָפּשרעקן; דאָס פעלד האָט מיך טאַקע איינגעבויגן צו דער ערד, אָפּגעווישט די קאָליר פון די אויגן, צוגענומען די מראה פון פנים, פאַרענדערט ס׳קול, אָבער אין תוך בין איך געבליבן דער אייגענער; נישט מער, — ווי איבערגעגאָסן אין אַן אַנדערע כּלי; אין, וואָס דוואָרעט, — אַ צעבראָכענע כּלי; נאָר מיט דעם אייגענעם האַרץ, גוטן ווילן, און זעלטענע מעלות, — וואָס נאָר דו אַליין קענסט דיך אויף זיי...

פאַלט זי אויפן פנים, און וויינט:

— וואָרן, כ׳וויס, — אויב ס׳פעלד האָט דיך נישט מיט אַלעם איבערגעביטן? און דיך געמאַכט אכזריותדיק, בייז און פאַרביסן, — ווען דיין גאַנץ לייב־און־לעבן איז אַזוי צעקאַליטשעט און צעריסן?

ווי עס רייצן־אויף חלומות און צעטראָגן, אויב זיי זענען אַזוי פאַרקרימט, שלעפּן זיך נאָך נאָכן עק פון אַ לויפּענדיקן צוג, וואָס פליט ערגיץ אַוועק פון פייער, — און וויל זיך ראַטעווען איבער ברענענדיקע בריקן; ווען זיי וואַרפן אַראָפּ, כּהרף־עין, אין אַ טיפן אָפּגרונט, — און הייבן תיכף אויף, ביז אונטער די וואָלקן; וואו האָט עס איר שוין נישט אויסגעוואָרפן? אין וועלכע מדבריות? אין וועלכע וועלדער? און וועמען האָט זי שוין אַלץ נישט געזען און געהערט? אַלע אירע פאַרשטאָרבענע ברידערלעך, שוועסטערלעך, — ווי זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הענטלעך, און איר אַרום געמאַכט אַ ראָד:

ביבעלע, ביבעלע, לייזעלע, —
אין קראָקע שטייט אַ הייזעלע;
ווער זיצט אין דרינען, —
דריי פאַנעלעך שפּי־נען.

זי האָט זיי דאָך אַזוי פיל געהאַט... און איר מאַמע איז דאָך צוזאַמענגעפאַלן, — וואָס קיין איין קינד האָט זיך ביי איר ל״ענגער נישט געקענט דערהאַלטן ווי אַ יאָר, אַ האַלב יאָר, אַנדערטהאַלבן יאָר, און זיך אָפּגעטראָגן...

— נעם אַראָפּ די האַנט פונעם האַרץ, טאַכטערשי, — וועקט איר די באָבע, — ווע[ס]טו נישט שרייען פון שלאָף...

— כהאָב טאַקע געשריגן פון שלאָף, באָבעשי?... הויך?... און מיט כח?... און כ׳האָב דיך אויפגעוועקט?...

און דרייט זיך באַלד ווידער ערגיץ אויף אַ פלעדערוויש, און מיט אַ פלעדערמויז, — וואָס האָט זיך אַריינגעפלאַכטן אין די האָר אירע; אַלע אַרבעטן איר אַרויסצוקריגן: דער טאַטע, די מאַמע, — אַזוינע פאַרציטערטע; און די באָבע גייט אויף איר אינגאַנצן אַ פאַרשטייפטע, און מיט אַ צעעפענטער שער; זי שרייט מיט בלוט אין די אויגן: „זיי אָפּשניידן; ס׳בעסטע איז, — זיי אָפּצושניידן!״

אַ קאַליקע איז ער, דער חתן אירער, — דאָס דאַרף זיך איר נישט צו חלומען; זי קען עס זען אויפן וואָר; הינקען הינקט ער גאַנץ שיין אונטער, — אַז ס׳רייסט־אויף די אויגן; און דאָס, די מלך־זמר־ה, אַ יישר־כח... זיך אַהיימגעבערענגט אַ גאַנץ שיינע מתנה, מ׳קען נישט זאָגן: אַ האַרט שטיק אייזן, אַ פרענט אַזוינעם, — האַרט ביים קנעכל, און אַ קליינע אויסגעפּאַשעטע קוליע, וואָס איז, סך־הכל, — אַ ביסל גרעבער פון אַ שטעקן, און וואָס ברויך אים אַרויסהעלפן ביים גיין: ער זאָל נישט צופיל אונטער־הינקען...

ער זאָגט:

— אַז ער ברויך זיך נאָר לאָזן צומאַכן אַ שטיקל פוס, — אַזוי וועט ער שוין אפילו נישט ברויכן די קוליע מער; און קענען אָנטון אַ געוויינטלעכן שוך; באַשטעלן אַ פּאָר: אויף איין מאָס, און פּאָר ביידע פיס, — גלייך; און נאָך אַ מעלה — וואָס, אויב דער פוס וועט זיין מער צוגעשניצט, — אויסקומען מער נעט, און האָבן, פּאָר יענעם וואָס ווייסט נישט, — אפילו מער חן; מער לאָק, — רייץ; נאָר דאָס בלוט וועט אין אים נישט אַריין און נישט אַרויס; און דער פוס וועט זיך ענדיקן ביי אים...

די לאַכט:

— יענעם וועט עס אויסגעצייכנט קענען אָפּנאַרן, — אָבער זיך אַליין ס'היטל פּונעם קאָפּ אַראָפּגנבֿענען? וואָס אי די חכמה?

עפּעס נעמט איר ציען אין פּוס, ווי ער וואָלט געוואָרן אָפּגעלעגן, — און זי זעצט זיך אויף; זיצט, די אויגן, — אָפּן, אויף אַ האָר נישט פֿאַרשלאָפֿן; דער שטערן איז טרוקן; צומאָלט נישט קיין באַטער טראָפּן אויף אים מער... עפּעס, אַ טראָפּן פֿייכטקייט... זי זיצט ברייט... און הערט זיך איין צום כראָפּען פֿון דער אַנדערע שטוב, אַ שווער כראָפּען, — וואָס קומט פֿון גרויס מידעקייט; דאָס האָבן זיך די טאַטע־מאַמע אירע דאָרטן צוגעלייגט, ריכטיקער: אַוועקגעפֿאַלן, אויף איבער אַ ווײַלע, און אויף וואָס־עס־איז: אַ שטיין, אַ ביין, און שלאָפֿן זיס, נאָך אַ גאַנצן טאָג פֿון האָרעווען, קאָכן זיך, אַנלויפֿן זיך, אַוועקברענגען:

— אַ קלייניקייט: וואָס פֿאַר אַ נחמה? דאָס איינציקע שטיקל טעכטערל דערלעבט, מיט מזל, צו דער חופּה צו פֿירן, — געלויבט השם יתברך...

אין איינעם פֿון זייערע בעטן, ליגט זי, און אין דעם אַנדערן, ליגט ווידער פֿאַר איר כּבֿוד־וועגן, און אפֿשר אויך פֿאַר אַ שמירה, — די באָבע אירע; מיט עטליכע יאָר צוריק, — פֿלעגט זי נאָך אַרײַנקריכן אין איר שאָבע, און זיך באַצייטענס מאַכן פֿאַר אַן אַלטע באָבע; אָדער זיך אַרומבינדן ס'קעפּל מיט אַ נאַס טיכל, און זיך אַוועקלייגן, קרעכצן: מ'זאָל גיין נאָך די הייוועז! אויף וואָס, די מאַמע פֿלעגט אויסבייטלען אַלע בייזע חלומות, צו אַלע משומדימס קעפּ...

איצט ליגן זיי אין דרינען, און רוען; אין די קעפּ זייערע טוען אַוודאי פֿייגעלעך, — אַרומפֿליען; אַרום זיי שטייען שטויסן טעלער, — אַנגעשטעלט; אַזוי פֿיל טעפּלעך, פֿאַנען, — אַנגעברענגט; און נאָך אַנדער געשיר, וואָס מ'האָט זיך אָנגעבאָרגט ביי שכנים, קרובים, סתּם מענטשן, — און מ'קען זיך נישט אויסדרייען, אַ טריט טון, — אַז מ'זאָל אויף עפּעס נישט אַרויפֿקריכן, אויף עפּעס אָנטרעטן...

אויף אַלעם ליגט אַ צערודערטקייט, אַ צעטראָגנקייט, און נישט קיין גאַנצקייט; ס'איז אַלץ אַזוי אומבאַשטימט, אויסגעמישט, אָנגעוואָרפֿן, — און איינאײַנעם; האָט דעם כאַראַקטער פֿון איילעניש, פֿון כאַפּ־לאַפּ, פֿאַרטועניקייט, און זאָל זיין ווי אַוועקגעוואָרפֿן פֿון דער האַנט,

גלאַט אַזוי, און סתם, צוליב עפּעס אַ באַשטימטע זאַך, ווי, למשל: די נאַכט, — וואָס האָט זיך אַריינגעמישט און געשטערט; נישט געקוקט, — אויב איינס איז שוין דריי פירטל אָפּגעטון, און דאַרף נאָך בלויז אַ גלעט, — אַז ס'זאָל שוין זיין כשר וישר, און מיט אַלעם; און, פאַרקערט, פון אָנהייב נאָך, — ערשט מיט דער האַנט זיך דערצו צוגערירט; און דאָס אויף אַזוי לאַנג, — ביז עס וועט ווערן טאָג; און דאַן וועט זיך, מסתמא, צוריק נעמען רודערן און דהוידען אין אַלע ווינקעלעך, ביז צו די לעצטע הכנות, פאַרנאַכט, — ווי לאַנג זי האָט נאָך צו זיין אַ מיידל; עס וועלן זיך צוזאַמענקומען די געסט, איר אין כלה-שלייער פאַרהילן, דעם וועלאָן אָנגטון, אויפן כלה-שטול באַזעצן...

ס'לעמפּל ברענט נאָכאַנאַנד העל אַרויפגעדרייט, — אַזוי ווי מ'וואָלט עס אומישנע געלאָזט לייכטן; און די ליכטיקייט באַגיסט די שטוב, די ווייס-געקאַלכטע ווענט, אַז ס'אַרט איר אַזש אין די אויגן, — וועלכע נעמען ביי איר פּינטלען; זיי מאַכן זיך דערפון צו און מאַכן זיך דערפון אויף; און אַזוי גיך ווי די אויגן-דעקלעך שליסן זיך נאָר צו, — גייען-אויף שוואַרצע רעדער פאַר זיי, נעמען זיך דרייען פייל פון בויגן, און ס'הייבט-אָן שפּריצן מיט פינקן פון די ווענט, פון באַלקן, פון אומעטום און אַרום; און זי קורטשעט זיך צונויף, דרייט זיך איין אין דרייען:

— אוי, וואָס זאָל דאָס זיין?... מאַמעשי... באַבעשי... קליינע געשטאָרבענע ברידערלעך, מיינע... זייט מגין אויף מיר... נעמטס מיך אין ראָד אַריין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

האַרט פון הינטערן אויוועץ אַפּיר קריכט אַרויס אַ קאָפּ, בלויז, — אַ קאָפּ; פריער רודערט זיך עפּעס, רודערט זיך, — און ס'באַווייזט זיך נאָכדעם דער קאָפּ: אַ פּירעקעדיקער, מיט אַ פּירעקעדיקע נאָז, פירעקעדיקע נאָזלעכער, אַ פּירעקעדיק מויל, פון וועלכן ס'איז אַרויסגעשטעקט, נישט אַהין-און-אַהער, — מער, אַ פּירעקעדיק שטיקל צונג, אַ צאָל די גרעב.

— אַ בלויזער קאָפּ? אָן לייב-און-לעבן?

ער שאַרט זיך צו איר, דער קאָפּ, און זי ריקט זיך אַוועק פון אים; דער קאָפּ ווייסט אָבער ווי נאָכצוקריכן, און לאָזט זיך טאַקע נאָך איר, ביז ער לייגט איר אַוועק אויף דער ערד, זעצט זיך צו איר

אויפן האַרץ, קריגט אַריין די ברוסט־וואָרצל אין מויל, — און נעמט זייגן ביי איר ווי אַ זמאָרע; עס ווייסט עמיצער פון אַ זמאָרע? זי וויל שרייען, מאַכן ווייניקסטענס, מיט די הענט, — זענען זיי ביי איר אָפּ־געגומען, געליימט, צוגעשנירט די קעל, און ווי מיט אַלעם געבינדען; די זמאָרע ציט פון איר אַרויס ס׳בלוט, ציט ס׳חיות, די כחות, ביז זי הייבט־אָן אויסגיין, ווערן פאַרלאָשן, — און גיט זיך, זייענדיק אויף דער לעצטער האָר, אַ ריס, אַ וואָרף, אַ צאַפּל, און בלייבט שטיין אויף די פיס, איינגעגלאָצט וואַכנדיק, נאַקעט, גאָל, אין בלויזן העמד; בלאַנק, שטייף, יינג־געבוירן, פריש־געוואַקסן, — דערשראָקן־פלינק; דער קאָפּ איז פאַריסן אינעם פענצטער, — וואו ס׳איז נאַכט, שטילע, קלאָרע נאַכט... ס׳וואָלט איר אַוודאי גוט געווען, ווען זי זאָל אַזוי אַרויס, מוטער־נאַקעט, — אין דער מוטער־נאַכט אַריין; עס וואָלט געוואָרן קלאָרער דער קאָפּ, און ליכטיקער, מסתמא, — מיט איר די נאַכט, העלער, אַזוי ווי מיט אַ שטערן, אַ געפאַלענעם שטערן; זי וואָלט געווען אַ שטערן אויף דער ערד, — און פאַר איר געלויכטן פון עק ביז עק־וועלט; דערפרייט מיליאָנען האַרצער, געהיילט קראַנקע, פאַר־וואָרלאָזטע ברואים, געוואָרן די טרייסט פאַר געפאַלענע, — דער ליכטיקער אויפגאַנג אויפן פינצטערן הימל אין דרויסן; די אויפגעשטאַ־נענע פון תחית־המתים, — געהייליקטע מאַריאַ, צו וועלכע אַלע קניען, בעטן און שטאַרבן מיט אַ גרינגען טויט, פון אירע מיטליידענדיקע בליקן...

אַ רגע: און דאָס גערגעלע איבערן גלעזל פונעם לאָמפּ, אויפן באַלקן, וואָס איז אַזוי ווי אַ זון־גערגעלע, וואָס מ׳ברענגט אַריין אויף דער וואַנט, מיט אַ קליין ברעקל שפּיגעלע, — פאַרנעמט איר ביז גאָר; זי קוקט, ווי עס ציטערט, גראָד אַנטקעגן איבער דעם פלאַם פונעם לעמפּל, וואָס שטייט אויפן שיבער, — און וואָלט געווען ס׳שטיק חיות, ס׳לעבן פונעם פלעמל, וואָס האָט זיך אַרויסגעצויגן פון דאָרט, און זיך באַזעצט אונטערן סופיט; שטעל נאָר אונטער די האַנט, — איז עס אויף דער האַנט; לייג אונטער, וואָס ס׳זאָל נישט זיין, — איז עס אויף וואָס ס׳זאָל נישט זיין; נישט מער, — פאַרדריי ס׳לעמפּל: קומט עס אַוועק, אַזוי ווי די נשמה פון אַ לעבעדיקע זאַך, וועלכע ווערט גאָרנישט, ווי באַלד ס׳ברעקעלע ליכט גייט אויס, ס׳נשמהלע...

ס׳גיט איר אַ טרייסל, אַ שוידער־אויף; די הויט אויפן לייב ווערט גערינצעלט, — און זי האָט שטאַרק חשק זיך צוריק אַריינצוכאַפּן אין בעט אַריין; נאָר דאָ שטעלט זיך פאַר איר אַוועק דער שאָטן, — וועלכער איז אַזוי הויך און לאַנג, פאַנגט זיך אָן ביי די שפּיצן־פינגער פון אירע פיס, און לייגט זיך אויס אַרום אַ האַלבע פּאָדלאָגע, די גאַנצע וואַנט, ביז אַ העלפט אינעם באַלקן אַריין.

— הע? זי איז דאָך גאָרנישט אַזוי הויך, נישט אַזוי גרויס און לאַנג, — ווי הויך, גרויס און לאַנג ס׳איז דער שאָטן אירער? מ׳זאָגט: אַז הושענה רבא ביי נאַכט, יום־כיפור, זעט דער מענטש נישט זיין שאָטן, — אויב ס׳איז אים נישט באַשערט אויסצולעבן ס׳יאָר; ס׳אי טאַקע קינדיש, — און זי האָט דערפאַר געקענט מורא האָבן קליינערהייט; אָבער ווען ס׳האָרץ שרעקט, — איז אַפילו אַ קינדישע מורא פאַר אַ דערוואַקסענעם אויך נישט קליין; און אויב מע זאָגט: בלויז הושענה רבא, יום־כיפור, — מיט וואָס איז די חתונה־נאַכט וויניקער פאַר יום־כיפור און הושענה רבא?

שטייט זי אַזוי, און האָט זיך מורא אַ ריר־צוטון; טאָמער רירט זיך נישט דער שאָטן, אַזוי ווייסט זי שוין אויף זיכער, — אַז דער טויט שטייט הינטער דער טיר, און היט איר; קוקט נאָר אויס: ס׳זאָל זיך עפּעס מאַכן מיט איר, עפּעס אַ וואַזשנע קרענקל, אַ דערציינדונג, אַ פּאַלטש פאַרבינדונג, אַ בייז אויג, קאָפּ־ווייטיק, אַ צאָן־געשוויר, אַ שניט אין פינגער, באין ברירה, — ר׳זאָל זיך קענען צורירן...

און אַזוי ווי דאָס צינגל פון אַ וואָגשאָל, וואָס וואַקלט זיך הין־און־צוריק, — אַזוי צאַפּלט זיך איר פוס, ביז ער באַוועגט זיך, אויף אַ האָרעלע, גיט אַ ציטער, און אַ קינדערשע פרייד באַפאַלט איר:

— יאָ: ביים שאָטן האָט אויך דער פוס אַ ציטער־געטון, — ס׳איז איר שאָטן, איר שאָ־אָ־אָ־אַ־אָ־טן!

די באָבע האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, און דאָס, — נישט צום ערשטן מאָל; דאָס געשריי, אַפּנים, האָט איר אַרויסגענומען פונעם געמיטשעטן שטיקל שלאָף, און זי קוקט, רייבט זיך די אויגן, גלייבט זיך נישט צו, — וואָס זיי זען: פייגעלע שטייט אין מיטן דער שטוב, שטייט צעשפּרייט די פיס, — וועלכע זי נעמט אַהין, נעמט אַהער, און אַזוי פאַרטון, אַזוי פאַרהאָרוועט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָ מיט פלייס

עפּעס געמאַאָסטן, און בשום אופן דאָס נישט געקענט דערמעסטן; און גענומט זיך אויסקנייפּן שטיקער פלייש פון די גערינצעלטע באַקן אירע:

— אַ כלה? טאַטע־פאַטער אין הימל! אַ כלה אין איר חופּה־נאַכט קען דאָס אַזוי, — איז דאָך נישט גוט מיט איר.

רייסט דאָ פייגעלע אויף די אויגן, קוקט טיף אין דער באָבעס דערשראָקן פּנים, און פאַלט באַזינגען צו איר אויפן האַרץ, האַלדזט איר אַרום ווי אַ קליין קינד, איידער ס'גייט שטאַרבן, — אונטערטע־ניק און מיט אַזוי פיל געבעט:

— באָבעשי, פאַר דיין שטויב זאָל איך אַוועקגיין, — אויב כ'האָב עפּעס געמיינט; און אויב דו ווערסט מיר דאָס האָבן צו פאַרדענקען, באָבעשי...

די באָבע האָט איר אַריינגענומען צו זיך אין בעט.

— זי וויל איר שוין מער נישט לאָזן אַליין; אַן אַלט מענטש טאָקע, אַ זקנה, — דאַר־אויסגעטריקענט לייב, מאָגער, הויט און ביין, אָפּ־געציטערט, איינגעשרימפּן, קאַלט, — און ס'איז איר ענג אינאיינעם מיטן יינגן שטיק בלוט; ס'פאַרברענט איר דער אָטעם אירער; דאָס יינגע לייב גליט אַזוי, — זי איז שוין גאָרנישט געוואוינט דערצו; נאָר ווייל זי איז מלא שרעק פאַרן יינגען באַשעפעניש, — נעמט זי דאָס גיהנום פאַר־ליב, און ברענענדיק און בראָטענדיק זיך, בעט זי פאַר איר:

— מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל.

פייגעלעס לייב היצט, און אין קאָפּ ביי איר בליצט אַזוי; זי וועט ברויכן זיין באַנאַנד מיט איר חתן, — אַזוי וועט זי מורא האָבן צו קוקן אויפן פוס, וואו ספּעלט אויס דאָס שטיקל; דאָרט וואו ס'לאָזט זיך אויס דער פוס, ס'ווערט איבערגעהאַקט דער גאַנג פון לעבעדיקן בלוט, און קען נישט אַריין אין דעם צוגעגאַרטעלטן שטיקל, אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרנישט געוועזן גייטיק, דערפאַר...

און גייט אויס; דער שלאָף איבערגעוועלטיקט איר גאָר גיך; פירט איר אַריין אונטערן אָרעם אין דער נאַכט, — דאָס איז די אומגע־בעטענע נאַכט געקומען, און אַלץ דהאָט זיך אָפּגעשטעלט, — די גאַנצע אָרבעט; די טישן זיך געדעקט מיט אַ זעלטענער געשיקטקייט; די טעלער אָנגעפילט מיט ליבע עסענס; די ווייגען זיך צעגאָסן אין העלע, בלאַנקע געפעסן; די כלי־זמרים זיך צונויפגעקומען; זיי גלייכן

אָפּ, נעמען איין, טרעטן־אויס, — אַזוי ווייך, האַרציק... די פידלען בעטן זיך... די טראָמפּייטן רייסן־איין... און דער באַס בורעט: בוה... בוה... עס ברענען די בליצלאָמפּן, עס לייכטן די שפּיגלען, גלאַנצן, גלימערן — — — ס׳זייד רוישט, טאַפט, אַטלאַס — — — שוואַרץ־ווייס, בלאַ־רויט, גאָלד־געשטיקט — — — ווייבער גייען, — האָפּ־האָפּ: מ׳האָט שוין די כלה, מיט מזל, צעפּלאָכטן דעם צאָפּ; מאַנסבילשע שווערע פיס גייען גרינג, און ווייבערשע הענט פלעסקען־צו; די שוואַרצע בערד, פעך־שוואַרצע בערד רודערן זיך נאָר, און גראָבע קולות באַסעווען־מיט: שאַ־שאַ־שאַ־שאַ־שאַ — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מ׳פירט די כלה פאַרביי — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — מ׳גייט צו דער חופה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳אַ ליכטיקע לבנה־נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישן גאָלדענע שירות און אונטער געפלאָכטענע הענט, צעפלאַקערטע הבדלות: פירן איר די גראָבע פעטע ווייבער, מיט געקרוינטע שטערן־טיכער, זילבערנע ברוסט־ברעטלעך, — טראָגן איר אין לופטן, הייבן איר אונטער און ווילן נאָר דערגרייכן מיט איר אין גערטל — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — אין גערטל שטייט דער עולם, זענען די חופה־שטאַנגען אויפגעשטעלט, און אונטער איר, אין אַ ווייסן קיטל, וואַרט דער מענטש, אַ קליין פיצל מענטשל, וואָס מ׳זעט דערפון קיין גוף נישט; און מ׳הערט דערפון גאָר קיין קול נישט; עס מוז אודאי זיין יענער מענטש פונעם פירעקעדיקן קאָפּ, — צו וועלכן מ׳פירט איר ברתופים ובמחולות, מיט געזאַנג, און טאַנצענדיק; די אונטער־פירערקעס שווימען מיט איר, און באַלד־באַלד, קוקענדיק מיטן אויג,

וועלן זיי אָנקומען מיט איר, אַרומגיין זיבן מאָל אַרום אים, און איר אָוועקשטעלן פון דער רעכטער האַנט; מען וועט אָנהייבן זאָגן אויפן קול, און דאָ וועט זיך עפענען ביי אים דאָס פירעקעדיקע מויל.

— אַזוי גיט זי זיך אַ וואָרף, אַ הייב אין לופטן, און נעמט שפּרינגען, אַריבער אַלעמענס קעפּ, טאַנצן און זיך דרייען ווי אַן אָפּגעריסענער פליגל פון אַ ווינט־מיל, און הילכן מיט פּעטש:

— ניין, כ'גיי נישט צו אים; כ'וויל נישט זיין זיין ווייב.

די חופּה־שטאַנגען פאַלן גיך איין, דאָס מענטשל ווערט כהרף־עין,

— אויס מענטשל; פונעם גאַנצן עולם ווערט אַ קיפּע, אַ געפּערליכע, וואָס וואָרפט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין ספּאַזמען, — מיט טויזנט הענט, טויזנט פיס, גלייט מיט טויזנט אויגן, שרייט מיט טויזנט העלדזער, און רייסט זיך: „הע־בע־מע... האַלט איר, פאַרהאַלט איר, די כלה...״ און זיי אַלע זוכט דער באָס איבערצושרייען, ווי וואָרנען גאַנץ ערנסט: „בוה... בוה... בוה... די כלה איז מער נישטאָ...״

און דער טרומפּייט, אַזוי ווי פון יענער וועלט, שאַלט: „טר־אַ־טאַ־טאַ — — — די כלה איז פאַרביי״ — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

העל־אויפגעוואָרפענער טאָג.

ס'בעט שטייט אַרויסגעריקט אין מיטן שטוב, און פייגעלע ליגט, — אַרומגעבינדן דעם קאָפּ; די טאַטע־מאַמע ביי איר, קוקן צע־טומעלטע, און צענעמען, אַלץ אינאיינעם, די הענט:

— זיך ווער געוועזן ריכטן אויף אַזאַ צרה?

— אויף אַזאַ אומגליק?

די איינע באָבע, וואָס איז, דאַכט זיך: נאָך אַ מאָל אַזוי אַלט גע־וואָרן איבער דער נאַכט, — מאַכט מיטן מויל, און רעדט ווי פון אַ קבר אַרויס:

— סאַ נאַכט, אַ נאַכט... איידער מ'האָט איר געקענט איינעמען: געשלאָגן, געהרגעט, — געקראָכן אויף די גלייכע ווענט.

און זי הערט, פייגעלע; זי וואָלט זיך גערן אָנגערופן, געוואָלט עפּעס זאָגן, — אָבער די צונג איז ווי אַ שטיק האָלץ; די קעל, — צוגעשנירט; נאָר וואָס דער מח האַקט, די שלייפן רודערן, און די אויגן פינטלען שאַרף.

פון שרעק

דער ייִנג איז געקומען אַ היים מיט אַ שטיק שיגעון אינעם קאָפּ; אויפן פּנים האָט זיך אפילו ווייניק־וואָס געשפּירט דער טיפער אומרו, — וואָס האָט אים אַרומגעטריבן מיט אַזעלכע פינצטערע, באַהאַלטענע כחות; עס איז אויף דעם געווען פאַר־גליווערט איטליכעס געפיל, און ס'האָט זיך בלויז געטונקעלט אין דער פאַרב, גאַנץ נאַטירלעך, — פון דעם וואָס ס'איז אָפּגעברענט געוואָרן פון אויסערגעוויינטלעך שטאַרקע היצן.

זיין אַהיימקומען האָט אויפגעלעבט די שטוב, און איר אַריינגע־בלאָזן אַ נייע נשמה; צעטריבן די קאַלטע מרה־שחורה, — וואָס האָט זיך געשפּירט אין דריגען, ווי דער ווילגאָטש אין די ווענט, למשל, — און עפּעס פרייליכעס האָט אויפגעלויכטן; עס האָט זיך גיכער גענומען עפּעס רירן, פונקט ווי אַ צייטיק פעלד מיט זאַנגען, אונטער אַ פאַרכמאַרעט שטיקל הימל, מיט אַ רעגן־ווינטל.

גאָר באַזונדער איז דעם פאָטערס בליק הייטערער געוואָרן, זיך אַרויסגעקליבן פון טריבן, אויסגערייניקט, אויפגעהערט ראָפּיען, און רויט־צו־צינדען:

— אַ ה — אָ! ביזט טאַקע געקומען אַהיים, זונדעלע; דעם טאַ־טענס געריכטסן האָבן אַ וואַזשנעם כח; און זיי ציען פון טויזנט מייל, ווען אפילו, אָרימע... אַ? צו דער רעכטער צייט, בנאָקל, — האָט ער אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, — גיס אויף בוימל, די מאַשין ראָסט, טיק־טאַק... שטיי גישט, — דיינע הענט זענען מיר נייטיק, ס'לעבן!

ביים ייִנג בליצט דער שגעון פונעם קאָפּ אַרויס; ס'שפּירט זיך, קוקענדיק, — אַ ביטערע עקשנות אין זיין טון; אַ פאַרביסנקייט פון אַ הונט, און נאָך אַן אויסגעהונגערטן דערצו, — וואָס וויל דורכאויס צעקנאַקן דעםביין צווישן די ציין; דאָס אַרומפליען פון זיינע בליקן ביים סטריגעווען די נאָענטן, — גיט־אָן, ווי זיין קאָפּ וואָלט עפּעס דערביי אַרומגעפליגן אין שוואַרצע, געדיכטע, פינצטערע וועלדער, וואָס פאַרטעמפּען נאָכמער אין אים איטליכעס געפיל זיינס; מאַכן אים

פאַר אַ חיה, אַ חיה־רעה, וואָס קען זיין גרייט אויפצושפּרינגען יעדע רגע פונעם טיש, אויסגלאָצן אַ פּאָר אויגן, און, זיך אַליין, אָדער ווּעמען, אַן אַנדערן, צו צעפּלעטן דעם קאָפּ.

אויפן אַלטן ווירקט עס גאָר ביטער; ער זעט אינעם יינג, — ווי ער וואָלט עפּעס צוריקגעקומען אין אַן אַנדערן גלגול, אויף זיין שניידערישן לשון — איבערגעניצעוועט; און לויט זיין אַמאָליקע ברייט־קייט, אויפגעהייטערטקייט, ביז איצט, — איז עפּעס, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פונעם זיבעטן שטאָק אין אַ קעלער אַריין; יאָ, ער קען זיך נישט פאַרשאַפן דעם ריכטיקן באַגריף וועגן מלחמה, דער אַלטער, טאַטע; און ווידער משפּטן לויטן זון, — אַז מזאָל ווערן אַזוי טעמפּ, פּשיקרע, — אַז מ׳געפינט זיך אַ צייט אין איר, און מיט איר, — לייגט זיך אים אויך נישט אויפן שכל; זיין קאָפּ איז צו ענג פאַר דעם אַלעם, און טענהט זיך אויס, ווי־נישט־ס׳איז, מיטן זון:

— זאָג נאָר, דו, זונדעלע... כ׳ווייס נישט, וואָס דו האָסט דאָרט געטון אויף דער מלחמה דיינע: זיך געדראַפּעט אויף די גלייכע ווענט, צי, זיך געוואָלט גראָבן ווי אַ מילדוואָרים אונטער דער ערד; קומט צו ווערן דערפאַר אַזוי פינצטער ווי אַ מילדוואָרים?

ס׳רעדן זייַנס רופט נישט אַרויס קיין שום וואַרימען שפּור, ביי אים אויפן פּנים; און ער איז, בלייבט, — אַזוי ווי צוגעשניטן פון איין שטיק, אויסגעקאָוועט פון בלעך, אַ ליימענער גולם, אין וועמען ס׳שוימען נישט קיין רעגונגען, ס׳יערט נישט קיין מאַטעריע, — און ס׳חיות דערהאַלט זיך אין אים אויף אַזוי פּיל, און אויף אַזוי לאַנג, — ווי מ׳האָט ביי אים אַרונטערגעלייגט אַ שם אונטערן אָרעם; און אַז מ׳זאָל דעם דאָזיקן שם פון דאָרטן אַפּירנעמען, — אַזוי וועט נישט מער בלייבן ווי אַ שטיק ליים, אַ ליימענער גולם.

ער טוט, דער יינג, און די מלאכה זייַנע טראָגט דעם כאַראַקטער, פון איין און דעם זעלביקן פאָרמאַט; און דער פאָרמאַט, די פאָרם, די זאַיינע, — איז ווי איינגעשטעלט ביי אים: אַ שטאָך, אַ שטאָך, אַ שטאָך, — נישט גיכער, נישט פּאַמעליכער; און ס׳קענען זיך אויך בייטן די פאַרהעלטעניש אָן שום ספּעציעלע סיבות: אַז די שטעך זאָלן נעמען פליען, צוואַנציק איבער אַ רגע, און אויך ווערן פלעג־מאַטיש, ער זאָל זיך אָפּרוען פון איינעם ביזן אַנדערן, — אויף אַ גוטע מינוט; מ׳זעט: ווי עפּעס אַ כח אַרבעט אין אים אַרום, אַ ווילדע

צערייצטקייט, — וואָס קען ווערן געשפּאַנט ביז גאָר, דורך אַ קלייני־קייט, אַ האָר; אַז מ׳זאָל געבן נאָגלע אַ קלאַפּ מיט דער טיר, אַ קלינג מיט דער שער, — און דאָס אים גלייך אונטערהייבן, נעמען זידן ביי אים, די ציין צו דריזגען...

דער פּאָטער קען נאָך, אויף ריכטיק, נישט באַנעמען דעם טיפן ערנסט פון זיין געמיט; און די שווערקייט, וואָס ליגט ביי אים אויפן קאַרק, — פון גאַנצע הייזער; ער זעט: אַ שטיק חוש, אַ תּם, און מיינט, אַז דערמיט וואָס ער וועט אים אַנקריגן אויפן צימבל, אויפן שפּיק, אין יענער צעגעשטרענגטער רגע, ווען דער יינג גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן, גראָד ווי אַ לאָקאָמאָטיוו וואָלט אַרויפגעלאָפן אויף אים; ער מיינט: אַז ער וועט אים דאָ אויפוועקן, מאַכן לעבעדיקער, באַוועג־ליכער, — דערמיט וואָס ער וועט אונטערשטעלן די שער האַרט אונטער זיין באַק, און צו געשריי טון מיטן גאַנצן כח: „מאַי־ר!“ אַז דער יינג זאָל ראַפּטום אומקערן דעם קאָפּ, און קריגן אַ שטאָך אין דער באַק; ס׳איז טאַקע אַ דחכמה, אַ און אומגעראַטענע, אָבער ער ווערט נישט דערמיט לעבעדיקער, דער יינג, נאָר גאָר פאַרקערט: ער פאַרקרימט דערביי זויער ס׳פּנים, כּפי אַ קראַנקער, — וואָס מ׳גיסט אים אַריין אַ לעפל פון אַ ביטערער רפואה אין מויל; ביים אַלטן טאַטן רייסט זיך אָפּ אַ געלעכטערל, אין וועלכן עס ליגט נאָך לעת עתה אַ ביסל גוטמוטיקייט, אָבער, — האָט שוין אין זיך די ערשטע שפּירן פון שרעק, טאַקע פאַרן אייגענעם זון, וואָס טראָגט דעם טיפן שגעון אין זיך, ווי אַ שוואָם איר גיפט.

די פרייד איז גיך צעפלאָסן, און נאָך אַ טיפערע זאָרג איז דאָ אַריינגעקראָכן אינעם יינגס מוטער: אַן אַלטע, צוזאַמענגעפאַלענע יידענע, ביי וועלכע די וואַנגען אונטערן האַלדז האָבן אַראָפּגעהאַנגען, — ווי די שווערע קייטן פון משאורת; זי האָט נאָך שווערער אָנגעהויבן טראָגן דעם קאָפּ, שטייפער, נאָר ווייל זי איז געווען אַ ביסל טויבלעך, און אַליין געליטן אויף אַ געוויסער טעמפּקייט, — האָט זי אויך מער געקענט פילן דעם יינגס צעמישטקייט; מער ווי דער אַלטער, אָבער, גאַנץ עגאַל, ווי ער, — זיך אויך נישט געקענט צונויפרעדן מיט אים:

— מאיר, וואָס אַרבעט אין דיר אַרום, — מאיר.

מאיר, דער ייִנג, קוקט סטראַשנע מיט די אויגן, באַוועגט שטייף מיטן קערפּער, און חידושט זיך אויף איר, אויף דער מוטער:

— וואָס, מאַמע, — אַרבעט אין מיר אַרום?

ביים פאָטער רינצעלט זיך אַ קלאָר, דין, שמייכלדיק מינעלע אויף די ליפּן, אַזוי ווי אַ שנירעלע די לענג, — און ער לאַכט זיך באַלד אויס:

— גולם־נאַר, וואָס ווילסטו זאָל ער דיר זאָגן, — אַז ער איז געכאַפּט פון דער פינצטערע מלך־המה? וואָרן, ער איז דען גלייך צו יעדן קראַנקען, וואָס פּילט, — אַז ס'טוט אים עפּעס ווי? זעסט נישט אין זיינע אויגן, — אַז ער האָט אַ מישינג אין קאָפּ?

ער האָט אויך נישט ווייניק יסורים, — כאָטש אויף זיינע ליפּן שלענגלט זיך ס'קלאָרע שמייכלע; ס'קרענקט אים אויך געגנוג פאַרן ייִנג זייגעם; און אַ סך מאָל, ווען סקומט אים אויס אַליין צו זיין מיט אים אין שטוב, — ווערט ער איבערגעוועלטיקט פון אַ מורא, אַ פחד:

— אַ קשיא אויף אַ מעשה? מיט אַזוינע זאַכן איז זיך נישט גוט צו שפּילן; אַז ס'משוגערט זאָל זיך אַנכאַפּן אין אים, צעשפּרייטן אין אַ העליש פייער, — קען ער גוט אויסזען ביי אים...

כאָטש ס'האָט אים נאָך קיין איינמאָל נישט אַנגעכאַפּט, און נישט אויסגעבראָכן אין קיין ספּאַזמען, נאָר מיט איטליכן טאָג אים מער פאַרטיפט אין זיך; ער האָט אויפגעהערט זיך צו מאַכן מיט אים געלעכטערלעך, טרייבן הלצהלעך, און געוואָלט גיכער עפּעס דערגיין פון אים, אַ תוך, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז ס'אַ פאַרפאַלענע זאַך.

— זאָג נאָר, מאיר, — דו דערקענסט דעם טאַטן?

שטעלט דער ייִנג אויף די אויגן:

— וואָס פאַר אַ שאלה, טאַטע?

— און די מאַמע?

— איז, מאַמע.

— נו, אויב דו דערקענסט דעם טאַטן, די מאַמען און זעסט די שטוב, ווי זי איז, דאָס מאַשינדל, — וואָס ביזטו ווידער אַזוי אַנגעצויגן אויף אַלעמען?

דער ייִנג פאַרשווייגט; און דער אַלטער טאַטע זוכט, צוליב דעם דאָזיקן שווייגן, — נאָכמער עפּעס אַרויסצופּרעסן ביי אים, אַזוי ווי

ער וואַלט טאַקע געוואָרן אויפגעריכט מיט יעדן וואָרט, וואָס ער קריגט אַרויס; און ער פאָרשט אים ווייטער:

— זאָג זשע מיר, מאיר, דעם יסוד, — אויף וואָס ס'האָלט זיך ביי דיר סמשוגעת דיינס? אפשר קען מע פאָרט געפינען אַן עצה ותחבולה דערצו? און דאָס אויסראַטן?

דער ייִנג רעדט נישט גאָר; ער פאַרבייסט נאָר די ליפּן, ציט־איין די באַקן, — אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט לעכערדיקע יאַשלעס, אָן ציין; ער ווייזט אַרויס אַזאַ פאַרביסנקייט אין שווייגן, — אַז דעם אַלטן טאַטן ווערט קאַלט אין די ביינער.

אַן אַנדערט מאָל, אַז דער אַלטער טאַטע פאַרנעמט די שטומע, אומגעוויינטליכע רציחה, אין וועלכער ער טרייבט אַריין דעם ייִנג, — מיטן אויספרעגן זיינעם; און ער זעט אים אַ רואיקן, אַ טעמפּען, אַ געפילאָזן, — אַזוי נעמט ער זיך נאָך אַ מאָל אים דערקיטשען מיט שאלות, און דאָס: גראָד זייער געלאַסן, מיט אַ קאַלטע לונג־און־לעבער:

— מאיר, זיך דערשראָקן?

ער שווייגט.

— מאיר, נישט אַ מאָל זיך אויסגעמישט אין קאָפּ? זיך עפּעס אָפּגעריסן? אַ?

ער רעדט נישט.

— מאיר, נישט אַמאָל עמיצן געשטאָכן?

דערמאָנט זיך דער ייִנג עפּעס, ס'גיט אַ פּיק אינעווייניק, און טוט באַלד אַ שאָקל־צו אויפגעלייגט, מיטן קאָפּ:

— אַזוי ווי געטראָפן...

— איינמאָל?

— ניין, אַ סך מאָל.

— אויפס טויט?

— ס'קען זיין, אַז אויפס טויט; כ'בין געגאַנגען נאָכקוקן?

אַזוי קומט שוין אויס ביים פאָטער גאַנץ נאַטירלעך, — דאָס משוגעת זיינס; ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, טראַכט גאַנץ געלאַסן, גראָד אַזוי ווי איבער אַ פרעמדען, און נישט זיין אייגן בלוט; און פאַרגעסט זיך אויף אַזוי לאַנג, — ביז ער הייבט, געוויינטלעך, צוריק אויף

דעם קאָפּ, דערזעט אַ פּאָר אויגן בליצן, און בלייבט שטיין; אַקוראַט ווי איינער, וואָס גייט פאַרטראַכט, דערשפּירענדיק במחשבה, — אַז ער איז אַרויף אויף דער גלייכער וואַנט.

די שטוב האָט זיך צוביסלעך איינגעלעבט מיט אים; כאָטש דאָס זיין אין שטוב, — איז נישט געווען מער פאַרן אויספּעלן זיינעם; נאָר נישט מער: דער פריערדיקער עול, און גאַנץ שווערער, פון דעם ייִנגס זיין אויף דער מלחמה, וואָס האָט נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין איין רגע: אַזוי גוט ביים עסן ווי אויך ביים שלאָפן, און צוגעלייגט ווי אַ שווערע משא, — דאָס האָט נישט אַזוי געדריקט און געווען אַ ביסל געגלעט פון דעם זיין באַנאַנד מיט אים:

— זאָל זיין מיט אַ שטיק משוגענעם אין דער היים, — און, זיכער; ווי, — מיט אַ מיושבדיקן, אַ קלאָרן, ערגיץ אין דר'ערד...

מ'האָט זיך איינגעלעבט מיט אים, ווי מיט אַ סוכאָטניק, פאַר וועלכן מ'גייט אַרום מיט שטילע טריט, און מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער, שטומען געפילפולן פּין, — וואָס גריבלט כסדר ביים האַרץ; מ'האָט זיך איינגעלעבט: ווייל, אַז עס איז אַריבער אַ וואָך, אַ חודש, און דער ייִנג האָט זיך געפירט שטיל, אַרטיק, נישט געטשעפּעט אַ פליג אויף דער וואַנט, — האָט מען אויך וויניקער אַריינגעקלערט אין אים; און נאָכדערצו, אַז ער איז קיינמאָל נישט אַרויס פון די כלים, — נאָר געווען אַזוי איינטאָניק, מאַנאָטאָן, סטאַטעטשנע, ווי פון איין באַשטימטער פאַרב, און פון איין מאַטש; אַזוי האָט ער, ממילא, — מיט יעדן טאָג געמוזט ווערן אַלץ מער נאַטירליכער פאַר דער היימישער שטוב; פאַר די מענטשן און געוויס אויך פאַר די טאַטע־מאַמע; אַז עמיץ ווערט קראַנק; ער נעמט פיבערן, ס'וואַרפט אים אין קדחות, אַזוי האַלט ער געשפּאַנט אַ גאַנצע שטוב מיט מענטשן, אַ הויז־געזונט, — ביז ער וועט דאָס איבערקומען; אָבער, אַז ס'פאַרשלעפּט זיך, און נישט אויף קיין טעג, וואָכן, חדשים, — ווערט מען אָפּגעקילט, און מ'הערט אויף צו חלשן, צו פלאָטערן, און ס'פאַרבלייבט שוין אַ זאַך, וואָס מ'ברויך נישט מער איבערצוקומען, נאָר אַזוי לעבן דערמיט.

די מוטער האָט זיך, סוף־כל־סוף, נאָכן גאַנצן רעדן אירן, אַז זי האָט זיך נישט געקענט צו גאָר דערשלאָגן, — פאַריקט אין אַ ווינ־

קעלע, איינגאַנצן מייאש געווען פון אים, און געהויבן מיט די שווערע וואַנגען אונטערן האַלדז, ווי וואָגעס פון אַ זייגער:

— אַז דאָס קומען זיינס האָט נאָר בלויז קלאָרער געמאַכט איר בראָך; אַז ער איז נישט דאָ געווען, — האָבן די רעיונות אַ סך מאָל איבערגעשטיגן די שרעק, — ווער ווייסט? אַז מע שיסט אויף מענטשן? און מיט האַרמאַטן? אַצינד ווייסט מען, — ווי עס זעט אויס; מ׳קען עס אָנטאַפּן, ס׳האָט אַ ממשות... און ס׳איז נישט מער קיין בלינדע, זאַך... געזונט און פריש, און — משוגע... וואָס קען מע טון?

אויפן אַלטנס ליפּן האָט זיך דאָס שמייכעלע איינגעצויגן אין די ווינקעלעך, געוואָרן בלאַסער, — ביז ס׳איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען; אויך ער האָט געהאַט ס׳אייגענע קלעפּן אויף דער שפּיץ־צונג, — נאָר דאָס אָבער נישט אַראָפּגערעדט; און בלויז טיילמאָל צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ:

— אַ לעבעדיקער בר־מינן.

ער האָט אויפגעהערט צו פאַרפירן מער שמועסן מיט אים, נאָר גענומען זיך צוקוקן צום משוגעת זיינעם, ווי געוואָלט עס לערנען, און דערגיין, — פון וואַנעט די פּיס שטאַמען; און, דער עיקר, צי ס׳קען אַ מאָל נישט ווערן געפערלעך פאַר אים, און פאַרן הויז־געזונט; און טאַקע נאָך אַ לאַנג קוקן, באַמערקט: ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן ביי אים, קריגן אַ שינוי, אַן אַנדערע קאָליר; אַזוי, למשל, — ווי ס׳נעמט זיך עפּעס אָפּרייסן אין אים, ווען ס׳פלאַמען ביי אים אויף די באַקן, ס׳קומט אַ בלישטשל אין די אויגן.

און ער, וואָס האָט, זיצענדיק בשכנות מיטן יינג, דערשפּירט: אַז ס׳קומט צו אַן איבערבראָך ביי אים, — זיך פאַר אַ רגע דערפרייט ביז גאָר, און זיך נישט געקענט איינהאַלטן, אויסצושרייען:

— יענטל, כ׳זאָג דיר, — אַז ער וועט נאָך אַרויסקומען.

אָבער באַלד אַראָפּפאַלן פון דער גדולה, און זיך פאַרטראַכטן איבער עפּעס אַ ווילדקייט, וואָס וועט זיך אַ מאָל אָנכאַפּן אין אים, און אין אַ צערייצטקייט, — אַ טעמפּע, וואָס וועט אַראָפּוואַרפן פון אים דעם מענטש, אַנטפּלעקן די הוילע חיה, אַז ער זאָל עלול זיין צו ממיתן, צו דערשטיקן; און וועלן זען סבלות ביי די אייגענע, אפילו ביי טאַטע־מאַמע...

דער ייִנג גייט אין גאָס, גייט אָנגעצויגן, שטייף, — פּונקט ווי ס'לאָזט נאָך אַ ספּרונזשינע; פון לכתחילה, — אַזוי ווי אַ גראַנאַט, וואָס ווערט אַרויסגעשאָסן, מיט אימפּעט, און נאָך אַ רגע, — פּאַמעליכער, ביז ער בלייבט אינגאַנצן שטיין, און קוקט מיט אויסגעגלאָצטע גאַלעס, — גראָד ווי ער וואָלט דאָ עפּעס געהאַט צו טון מיט עטליכע מענטשן אויף אַ מאָל, — וואָס האָבן אים געפּאַקט אין אַ פינצטער ווינקל, און ווילן אים דורכאויס אָוועקלייגן אויף די שינעס, אונטער אַן אָנקומענדיקן צוג, — אַז די רעדער זאָלן איבער אים אַדורכגיין, און אים צעמאָלן...

דער ייִנג שפּירט כמעט נישט די גאָס; סבלענדעניש, דאָס פּילפאַרביקע אויסגעמישטקייט פונעם גיין, פּילפּאַכיקע צוזאַמענרעדן פון לשונות, דער כאַאָס, — עס אַרבעט נישט אויף אים, און פאַרנעמט נישט מיט גאָר זיין מוח; ער איז, פאַר זיך גענומען, — ווי איינאייגציק און אַליין אויף דער גאַנצער גאָס, און אַ חוץ אים זאָל מער קיינער נישט זיין אויף איר; זיין באָסט, די גבורה, דער כח, — דאָס געוועלטיקט איבער אים, און ער איז שטאַרקער פאַר אַלעם וואָס איז אַרום, און טרייבט אים צווישן אַלעמען, ווי אַ ריז צווישן קאַרליקלעך, מילבן, מיט אַ שטאָלערן דהאַרץ, שטאָלענע שלייפן, געשטאָלטע מוסקולן, — צעגליטן אָטעם; אַלץ קאָכט אין אים ווי אין אַן אויפגעזידטן קעסל, וואָס נעמט הויך ברומען, סאַפּען, און ברויך, קוקענדיק, אויסזועצן, אָנמאַכן חורבונות, אָפּקאָכן אויפּס טויט אַלץ אויף אַרום און אַרום...

און עפּעס, אַפּנים, פילט ער דאָך, — דער ייִנג; ווייל, רגעסווייז פאַרשאַרפט זיך דער אויסדרוק אויף זיין פּנים, — סוועדט ערנסטער, כמורנער; און רגעסווייז, — מילדער, ווייכער, עס הייבט אָן שמייכלען, שמייכלען אַזוי ווי פון אַ טיפע אינערליכע הנאה.

און דאָ, — ווען עפּעס אַ באַקאַנטער גיט אים פריינטלעך אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— דהע? מאיר, — אַ שטיק חיה גאָר?

פאַרקוועטשט ער די ליפּן מיט אַ זויערע מינע, און זוכט אים שכל־דיק אויסצומיידן, — פּטרן; און ווען יענער נעמט גיין מיט אים האַנט ביי האַנט, און וויל זיך עפּעס אַדורכרעדן, ווי ס׳גיט זיך:

— וואָס איז, מאיר; דיין קאָפּ טראָגט נישט אויס די גאַס? ביזט געוואָרן אַ שונא מענטשן?

נעמט ער דענצמאָל גיין אַזוי, — אַז יענער בלייבט באַלד אונ־טערשטעליק, אויף אַ מהלך, און הערט גאָרנישט ס׳נאָכשרייען, ווי יענער שרייט נאָך:

— מאיר, מאיר, וואָס טראָגן דיך די רוחות אַוועק?

אין שטוב פאַרשאַפּט ער גרויסע צרות, און מאַכט כסדר צע־רעכט וואָך־נעכט; דער יינג פאַרגעסט אַ סך מאָל, ווען עס נעמען זיך אויס די געוויינטלעכע שעה׳ען, — וואָס מ׳גייט אין דער גאַס; און אַז אַרום דריי־פיר פאַרטאָג, — איז נישט ס׳אייגענע וואָס תחילת נאַכט, און ווערט פאַרפאַלן ביזן גראָען טאָג אַריין.

די טאַטע־מאַמע קריכן אַרום נישט דערשלאָפן, ווערן משוגע וואַרטנדיק, גרין און געל פון זאָרג און קאָפּדרייעניש: זיי מעסטן די נעכט אין דער לענג און אין דער ברייט, די שעה׳ען, — וואָס ציען זיך ווי קלעפּיקער פעך; דער אַלטער טאַטע קען זיך נישט גיין אַוועק־לייגן, — אַז דער יינג איז נישטאָ; און ער שלאָנדרעוועט אַזוי אַרום צו גאַנצע נעכט, וואָרקעט עפּעס שטיל, וואָרקעט:

— נו, יענטל; כ׳האָב נישט געהאַט קיין מנוחה, — האָט ער זי מיר פאַרשאַפּט, אַ?

און דערנאָך, אַז ער דערשפּירט שוין די דריטע אַשמורה אין די ביינער; די מאַטיקייט, וואָס צעלייגט זיך ביי אים אין גוף, און אַלץ ווערט אויף אים שווער, ער קען זיך נישט מער דערהאַלטן אויף די פיס, — אַזוי נעמט ער זיך ווידער צום ווייב, נאָר מיט האַרץ:

— יענטל, כ׳זאָג דיר, יענטל: אַז עס וואָלט גלייכער געווען, — ווען ער זאָל געווען שטאַרבן, איידער אַזוי צו לעבן...

די אַלטע מאַמע זיצט און קיפּיעט; זי שאָקעלט מיטן קאָפּ, אויף אַזוי זיך, נישט וויסענדיק פון גאָר, — אַזוי ווערט שוין דער אַלטער טאַטע אָנגעברוגזט, און זאָגט ס׳אייגענע, העכער:

— יענטל, גלייב מיר: אַז ער וואָלט זיך און דז מער אַ טובה געטון, — ווען ער וואָלט געשטאָרבן; אָדער, — דאָרט אויסגעג־בליבן...

די אַלטע מאַמע שפּייט און בייטעלט אויס אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ...

— וואָס אים קען איינפאַלן, דעם אַלטן פערד...

דער אַלטער טאַטע האַלט זיך פעסט ביי ס׳זייניקע:

— אַז ס׳וועט שוין מער פון אים קיין לייט נישט זיין; ער איז געקומען בלויז צו דערגיין די יאָרן...

קומט די אַלטע מאַמע אין כעס אַריין, און שרייט־אָן אויף אים:

— נו, מילא; נעם אַ מעסער און שעכט אים, — וועסטו זיינע פּטור ווערן...

פאַרקריכט זיך דער אַלטער טאַטע הינטערן אויוון; עס בורעט אין אים, קען זיין, נאָכמער פון פריער, — נאָר די ליפּן זיינע מאַכן זיך נישט מער אויף; דאָס מויל בלייבט פאַרשלאָסן, און מיט אַלעם ווי פאַרגאָסן... און אַז דער ייִנג קומט נאָכדעם אַריין, אַזוי פרעגט ער מער גאָרנישט, מאַכט נישט צערעכט קיין טענה, נאָר פאַרלעשט גלייך ס׳לעמפּל, און נעמט זיך אויסטון, ברומענדיק:

— שלאָפן; שלאָפן...

דער ייִנג בלייבט שטיין, אַרומגעכאַפּט פון דער פינצטערניש, — ווי אַ שטיק געשפּענסט; זיין קאָפּ צעד־יצט זיך גיך, און ער נעמט בלאָזן פון זיך ווי אַ בלאָז־זאַק; און אַז דער אַלטער טאַטע דערזעט מיט אַ מאָל אַ פּאָר אויגן גרינען, — אַזוי לייגט ער זיך באַלד איבער, תוך כדי דיבור, ס׳עסק:

— אַ שאלה: אַז דאָס שטיק משוגעת זאָל זיך אין אים צעקאָכן, קען עס, מי יודע, — אים דאָ אומברענגען מיט אַ בלאָז פונעם מויל...

צינדט ער אָן אויף דער גיך ס׳לעמפּל, און נעמט אים איין:

— מאיר... מאיר גאָפּ... ביזט דאָך אַ גאָפּ! אַז כ׳לעש אויס ס׳לעמפּל, — קומט צו ווערן ווילד ווי אַ חיה? געוויזן אַ גאַנגווע־

געלע: נישט צו שלאָפן אין דער פינצטער, טאָמער ווייסטו? אַהיימ־געקומען, — אַרויסצוגעמען ס׳חיות...

דער יינג לאָזט דאָ אַראָפּ דעם קאָפּ, אַזוי ווי ס׳וואָלט אים גובר געווען די ליכטיקייט, אָדער, ריכטיקער, — דערשפּירט די טיפע קרענקונג פונעם פאָטער, און האָט חרטה.

ס׳קומט פאַרנאַכט, אַז דער יינג שטייט, מיט מזל, אויף פונעם טיש, — האַלט אים דער פאָטער צוריק:

— מאיר, וואו ווילסטו גיין? וואָס האָסטו דאָרטן אַזעלכעס צו טון?

די הויט אויפן לייב גרוילט אים, שפּירנדיק די שפּעטע חצותן, ווען אַלץ אַרום וועט ליגן פאַרזינקען אין אַ טיפן שלאָף, און ער וועט ברויכן זיצן, כאַפּן אַ דזשים און אויפכאַפּן זיך, זיך אויסקוקן די אויגן פונעם קאָפּ, טיילמאָל: ביז אין גראָען טאָג אַריין, — ווען ער וועט אים דערלעבן צוריק צו זען, דעם יינג; און דער יינג: ער בלייבט, לכתחילה, שטיין, עפּעס ווי באַדענקט, נאָכגיביק, און זעצט זיך, ס׳רוב, אַוועק אויפן בענקל; זיצט אָפּ שעה׳ען, טוט נישט קיין פּינטל מיטן אויג, מאַכט נישט קיין שום תנועה צערעכט, — נאָר וואָס ער גיט, אַלץ אינאיינעם, אַ שאָס איבער דער שטוב דאָס אַנגעקליבענע שפּייעכטס פונעם מויל; און מיט אַזאַ כח, גראָד ווי עס וואָלט גע־בריט אונטער דער צונג, אָדער, — ס׳וואָלט אים שטאַרק נמאס געווען דערפאַר...

דעם פאָטער ווערט דאָן נישט גוט אויפן האַרץ, און רופט זיך אָפּ צו אים:

— מאיר, בנאמנות, — ווי מ׳קען ברעכן מיט די גרינע גאַל...

דער יינג גיט אַ גלאָץ מיט די אויגן, אַ כלישנע מיטן מויל, און ווידער אַ שאָס דאָס שפּייעכטס אין מיטן דער שטוב.

דער פאָטער ווערט צעטראָגן:

— ס׳איז שוין נישט אויסצוהאַלטן פון אים; כ׳ווייס נישט, וואָס כ׳וועל טון?

און אַז דער יינג הערט נישט אויף צו שפּייען, אַזוי ווערט דאָס אים, סוף־כל־סוף, נמאס; און ער קוקט זיך שוין מער נישט אום; ער ברומט שטיל:

— אַלע גוטע תנועות שטעקן אין אים; אַ קאַטשקע אין מויל, — וואָס האַלט אין איין שפּייען...

דעם ייִנג ווערט אָפּגעמאוסט דאָס זיצן, און נעמט זיך רירן פונעם בענקל; צוערשט, — פּאַמעלעך, באַלד גיכער, ביז ער קומט אַריין אין דער ברען, און נעמט לויפן, זוכן, שניפּן; זיינע נאָזל־עכער צעשפּרייטן זיך, די אויגן ווערן גרויס, — אַ ווילדע, אומגעווייִנטליכע מורא הייבט־אָן אַרויסצושיסן פון זיי; עפּעס אַ מין פּלאָטערניש, אַ צאַפּלעניש פאַרוואַרפט איטליכעס גליד זיינס...

און דענצמאָל שטייען זיי שוין ביידע, די טאַטע־מאַמע, — פאַר־בראָכן די הענט, אָן לשון, און קוקן־צו ס׳גרייטע; עפּעס מיינען זיי, — אַז סקומט דאָ זיין סוף, דעם ייִנגס; ס׳וועט אים אַ חולה־נופל אומוואַרפן צו דער ערד, און אַזוי לאַנג דהאַקן קאָפּ אין ברעט, — ביז ס׳לעצטע ביסל חיות וועט אַרויס פון אים, און בלייבן ליגן אַ שטיק שטיין.

אין אַזאַ שעה, ווען דער ייִנג ווייסט נישט דעם וועג אַ הייבם און די שטוב מאַטערט זיך, ווערט געפּייניקט, — זיצט דער צעבראָכענער טאַטע פאַרטראַכט, און קומט, נאָך אַ ברייטן ישוב הדעת, צום אַלטן:

— אַז עס וואָלט גאַרנישט געווען צו וויינען, — ווען ער זאָל אויף תמיד פאַרבלייבן אין דער מלחמה...

די אַלטע מאַמע שווייגט, און ער האָט מורא אַרויסצוברענגען פאַרן מויל, — וועגן וואָס ער קלערט שוין אַ לענגערע צייט:

— אַז, ס׳איז אימה מיט אים אין שטוב צו זיין...

עס גייט אַוועק אַ קליינע ווייל־ע, ער קוקט עטליכע מאָל אין פענצטער אַריין, — צי מ׳זעט נישט דעם ייִנג? און זעצט זיך צוריק אַראָפּ אויפן בענקל, אַזוי קאַפּינעען:

— כ׳האָב מורא, יענטל, — אַז מ׳איז נישט מער זיכער מיט אים אין שטוב, צו זיין; טאַקע רואיק, אַ שטיל משוגעת, אָבער, גאָט באַהיט, — ס׳זאָל זיך אָנכאַפּן?

דער קאָפּ ברעכט אים, און די מורא פאַרן ייִנגס משוגעת, וואָס איז פאַרקראָכן צו אים אַזוי טיף, — נעמט וואַקסן פון טאָג צו טאָג,

פאַרגייט צו ביסלעך ווי אַ בלאָנע איבער די געהירן; און צום ערגסטן איז אים ביי נאַכט, ווען ער גיט זיך איבער צום שטיקל שלאָף, אָן אַ שמירה, — אַז דער יינג זאָל דאָ עפּעס נישט אָפּטון מיט אים אַ קינצעלע, אַ שטייגער: ווי ד״ם האָט נחן אָפּגעטון...

דער יינג, ווידער, שלאָפט זייער שלעכט; אַז ער ליגט זיך אַריין אין בעט, — לויפט אים אויף דער קאָפּ, ווי אַ בייל; ס׳פּנים נעמט־אָן אַ שרעקלעכן גרימאַס, אַ פינצטערע מראה, און די הויט ווערט דערויף צוזאַמענגעצויגן, ווי אויף אַן איינגעפאַלענעם פּענכער.

נאָכמער רעגט אים די פינצטערניש; די געדיכטע שוואַרצקייט, קומט אים אויס, צו זיין: אַזוי האַרט ווי אַ שטיינערנע וואַנט, און ער זאָל ליגן איינגעמויערט אין איר, — נישט צו קענען זיך אַ ריר־טון; דאָס חשכות ברויך זיין מסוגל דערצו, — ווייל זי איז ממשותדיק־געדיכט, קלעפּיק, אַז מ׳קען פאַרגיין אין איר; די שטוב־זאַכן זענען שוין פאַרגאַנגען, און אַצינד פאַרגייט ער אַליין אויך צו ביסלעך, אבֿרים־ווייז; ד״האַלט זיך אין אויסמישן מיט דער גראַ־קלעפּיקער, צעפּלאָסענער פינצטערניש; און די געדיכטקייט אירע וועט ווערן פעטער מיטן ביסל קלעי, — אויף עטליכע גראַד.

דער כח הדם נעמט אַרבעטן פאַר דער דערהאַלטונג פונעם גוף, — אַז ער זאָל זיך דורכאויס נישט צעגיין; אַלע חושים נעמען זיך צונויף לגבי דער פינצטערניש, — און ווילן איר גובר זיין, פאַר־טרייבן, צעבלאָזן; און אַ חוץ דעם דריקט אים נאָך עפּעס אַ שטיל שנאַרכן, וואָס וואַקסט זיך אַרויס פון איר, און זעט אויס צו זיין, — ווי פון אַ לעבעדיקע צאַפּלדיקע חידה, מיט אַ גוף און אַ פּאָר אויגן; אָט די חיה, מיט דעם שווערן אָטעם, וואָס צעשפּילט זיך רגעטווייז: שטאַרקער, שוואַכער, — וואַרפט אים ווי אַ שייטל האַלץ אויפן פייער; זיינע הענט נעמען זיך צונויף, און ער פאַרהאַלט גאַנ־צע רגעס דאָס אָטעמען זיינס, ווי אַן אָקס וואָס שטעלט־אָן די הער־נער, גרייט צום שטויסן, — און פאַלט באַלד אַוועק, ראַפּטום, אַזוי ווי ער וואָלט אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, ס׳וואָלט זיך אַלץ אויסגעלאָזט אין אים...

אָבער ס׳חיות הייבט באַלד־אָן צוריקצוקומען; עס קומט אָן ביי די שפּיצנפינגער פון די פיס, און גייט אַרויף ווי אַ בליץ, ווי אַ דורכגע־

לויכטענער, — ביז צום דעקל פונעם שאַרבן; ער פליט: ווי ס׳וואָלט עפּעס צעדרומגעטאַנצט אין בלוט, ביי אים; אַ שטיגער, ווי ס׳איז, — ווען אַ פוס ווערט אָנגעשלאָפן, און די אָדערן מיט בלוט ווערן אָנגעשיט מיט זאַמד; אין קאָפּ ביי אים רויעט: מייז, פלעדערמייז, פליגן, פליי, היישעריקן, אַלץ אינאיינעם, — אַ גאַנצע מאַרעווויסקע; דאָס האָט זיך באַזעצט, גראָד ווי איבער אַ נבלה, אַ פגירה, — וואָס ליגט צעוועקגעוואָרפן אויפן פרייען פעלד, און פון וואָס זי האָט נישט קיין כח זיך צעפּצושאָקלען; ער ליגט: מאַכטלאָז, אָפּגענומען הענט־און־פיס, אַ שטיק לייב־און־לעבן, נאָר מיט אַ פולן און ניכטערן פאַרשטאַנד, וואָס ווייסט, פאַרשטייט: אַז ער פאַרגייט; פילט: אינגאַנצן אָפּגעקילט, — ווי ער צעגעמט זיך אויף פיצלעך, זעמדעלעך, הערעלעך, וואָס צעפליען זיך אין אויפגעמישטע זיילן שטויב, — אויף דער זון; ברעקלעך שטויב, צעשפּליטערטער, — אין וואָס ער גייט אַריבער; ער לויפט דאָ ערגיץ, פרעגט; פינצטערע כחות יאָגן אים אין אַ פינצטערע געדיכטעניש; צווישן מחנות, — מחנות שוואַרצע שאָטענס; אַרום אים, אין אַ טיפן וואַלד, אין אַ געדיכטן, — דרייען זיך קראָען, וועלף, וואָס זוכן אים צו צעצופּען, צו צעצעבייסן, צו צעפליקן, און ער קען נישט, לויפנדיק, — אַרויסלויפן פון דעם אַלעם; מאָדנע קולות הילכן אַרום, בראָזגען; ער פילט נישט די ערד אונטער די פיס, קיין אָנגעטועכטס אויפן לייב, — אַלץ איז צאויף אים אָפּגעשיילט, און צעפליקט; די פינצטערע כחות טרייבן אים, טרייבן, ביז ער פאַלט, שטרויכעלט זיך איבער עפּעס, און בלייבט שוין ליגן אויף דער ערד, פאַרטויבט, — מער זיך נישט אויפצוהייבן; איבער אים פאַלט נאָך עמיץ, איבער זיי ביידע, — נאָך עמיצער, און איבער איין רגע ליגט שוין אַ גאַנצער באַרג אויף צאים, אַ קלימפּער; ער איז גאַר־גאָר פון אונטן, — צוגעלייגט; ס׳פּעלט אים אויס לופט, ס׳שטיקט, אַרום האַרץ ווערט דושנע, ענג, און באַלד שפּייט ער אויס דעם לעצטן ברעקל צאָטעם...

און דאָ קומט ער אויף — — — ער שפּירט נאָך נישט קיין איין גאַנץ אבר, איז אינגאַנצן פאַרשטייפט ווי אַ האָרן, — און טרעפט זיך דאָ, נאָכגיכער, מיט דער אייגענער פינצטערניש, מיט דער צאימהדיקגעדיכטער, — און הייבט־אָן בורטשען; צוערשט שטיל, באַלד העכער, טיפער, אומגעלומפּערטער, — ביז ס׳גיט אים אַ הייב אין לופטן,

און אַ וואָרף אַראָפּ פונעם געלעגער; די אויגן קריכן פונעם קאָפּ, די האָר ווערן האַרט ווי דראָטן, די נאָזלעכער שניפּן געפּערלעך, — און ער נעמט שאַרן מיט די הענט, וויל אָפּטרייבן פון זיך די פינצטער־קייט, זיך אַרויסקריגן פון איר; און ס׳הייבן־אָן פאַלן בענקלעך, כלים, שענקלעך, און אַנדערע זאַכן; אַלץ נעמט שפּרינגען, טאַנצן און קלינגען, זיך דרייען אין אַ ראָד, און צוזאַמענפאַלן אין אַ קיפּע.

דער פאָטער שפּרינגט תיכף אַרויס פונעם בעט; ער נעמט, אַ פאַרביסענער, זיך ראַנגלען מיט אים, — אים אָפּשטעלן; דער יינג, פילענדיק: אַז משטעלט זיך אים אַנטקעגן, — ווערט ווילדער, בייזער, און וואַרפט נאָך מיט מער גבורה; ער אַרבעט מיט זיך, און שלייַדערט מיט אַזאַ כח, מיט אַזאַ היץ, — אַז ס׳איז נישט מער מיגלעך אים איינצוהאַלטן מיט קיין צען פאָר פערד; דענצמאָל שאַרט זיך דער אַלטער טאַטע מיט די מוטער זיינע, אַרויס הינטער דער טיר, איבערלאָזנדיק דעם יינג אַרבעטן מיט זיך, און מאַכן אַ רעל פונעם גאַנצן ביסל בעל־הבתישקייט.

דער אַלטער שטייט איינגעבויגן אין דרייען, ציטערט ווי אַ פיש, און ברומט:

— כ׳האָב געוואוסט, יענטל; אַז ס׳וועט אַ מאָל אָנקומען ביי אים, — וועט מען נישט קענען מער איינזיין מיט אים אין שטוב; כ׳האָב געוואוסט...

זיין חטא

דאָס איז געווען אַ יינג, אַ פּרא־אדם, — אַ שטיק חוש; אויסגעוואַקסן, — אַ שטיק גלאָמב; אַ ברייטע, צעלאַ־בערטע בריאה; פלאַט־פּיס; און מיט אַ גרויסן קאָפּ, — אָרעם אין שכל; אויגן, — פּיצלעך, און אונטער גרויסע ברעמען, וואָס האָבן גע־מרוזשעט ווי ביי אַ פאַרשלאָפענע קאַץ.

ער האָט זיך אויפגעכאָוועט אויף ברעקלעך, פּונקט ווי אַ הונט, — וואָס וואַרועט אונטערן טיש פאַרן שטיקל ביין, וואָס מ׳וועט אים צו וואַרפן; אַרומגעלאָפן זוכן אויף די בערגלעך מיסט, — אויב ס׳האָט זיך עפּעס נישט פאַרוואַלגערט; אויסגעגראָבן שטיקלעך, זיי אַרומגע־גריזשעט, און אַ סך מאָל אויך אָפּגעטריבן אַ הונט טאַקע: „אַ פּודזשעס, פּשאָ יוכאַ!“ אים געקייקלט מיט אַ שטיין איבערן קאָפּ, און אויפגע־הויבן פון דער ערד, — וואָס יענער האָט אַרויסגעלאָזט פונעם פּיסק, מיט אַ געהייל; דאָס אַרומגעלעקט, און וואָס ער האָט נישט געקענט אַראָפּשלינגען, מיט שווערע אויגן דאָס אַרומגעקוקט: ווי ער וואָלט מקנא געווען דעם הונט, — וואָס האָט שאַרפערע ציין פאַר אים, און וואָלט דעם ביין יאָ געקענט צעקנאַקן; און אים געמוזט אָן חשק אָפּלאָזן.

אין קיין יידישע שטוב האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט; פּשוט, — ווייל מ׳האָט פון אים קיין נוצן נישט געהאַט; אַ שרעקלעך פוילע, פאַרלעגענע בריאה, — וואָס האָט זיך נישט געוואָלט צורירן צו גאָר; אַז מ׳האָט אים דערלאַנגט אַ קאַן:

— גיי, ברענג אַ ביסל וואַסער.

האָט ער אַ רגע יענעם געקוקט אין די אויגן אַריין, געקוקט, — אַ שטיק חוש, און באַלד אַ הייב־געטון מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט דערמיט שכל געהאַט צו זאָגן:

—אַז ער וויל נישט.

נאָר די חדר־ייִנגלעך, וואָס ער האָט געוואוסט נאָכצולויפן, און ביי זיי אַרויסקריגן שטיקלעך ברויט, קעז, — פאַר קינצען; און קינ־

צען האָט ער געמאַכט זעלטענע: זיך געוואָרפן, געדרייט, געפּאַטשט אין בויך אַריין, געקרימט ווי אַ מאַלפּע, און מיט אַזוינע משונה׳דיקע גרי־מאַסן, — אַז מ׳האָט געקענט פּלאַצן פאַר געלעכטער:

— אַזאַ גרויסער יינג, און, — מאַכט זיך אַזוי נאַריש...

די יינגלעך זענען געווען זיינע סטאַלע שפּייזער; אין דער היים נאָך, וואו מ׳האָט זיי אין דער פרי מיטגעגעבן די צוויי זעמל מיטן שטיקל קעז, — ביים אַרויספּראַוועז אין חדר אַריין, — זיי זאָלן האָבן צו עסן נאָכן האַלבן טאָג; האָבן זיי שוין געדענקט צו־צוגראַטשען נאָך אַ זעמל, אָדער אַ שטיקל ברויט מיט הערינג, — פאַר אים אויך; און אַזוי ווי זיי האָבן זיך געמאוסט, אָדער גאָר מוראַ געהאַט אים דאָס צו געבן אין דער האַנט אַריין, דאָך קינדער, — אים צוגעוואָרפן אויף דער ערד: דאָס שטיקל פאַרדאַרטע ברויט, חלה, וואָס ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, און צוגעשריגן:

— נאַ, משה לופּע, — און טאַנץ!

אַזוי האָט ער דאָס צוגעכאַפּט, פאַרשלינגען מיט איינעם אָדער מיט עטליכע ביסן, אומגעקייעט, — און געטאַנצט; אָפּגעטאַנצט, — זיך געשטעלט קוקן מיט די אויגענעס, אַ תם, — און בלישטשען מיט זיי; נישט גערעדט גאָר, צומאָלט קיין וויע־געטון, — ביז ס׳האָט אימ וועלכעס יינגל ווידער עפּעס צוגעוואָרפן:

— נאַ, משה לופּע, — און גיי אויף די הענט.

האָט ער צוגעכאַפּט דאָס שטיקל קעז, עס פאַרשלינגען: האַם, האַם, — אומגעקייעט, און זיך געלאָזט גיין אויף די הענט; אָפּגעגאַנגען, — זיך ווידער געשטעלט קוקן די יינגלעך אין די הענט אַריין, אַזוי אָן אַ סוף.

ביז צוועלף דרייצען יאָר האָט ער נישט גערעדט; ער פלעגט זיך פאַרקלויבן אויפן מיסט, און אַרויסלאָזן אַזוינע אומגעהייערלישע קולות, פּינצטערע, — אַז מ׳האָט זיך אַ סך מאָל טועה געווען, גענאַרט אין זיי, און אויסגעשפּיגן:

— די הינט היילן, דער מלאך המות איז דאָ אין שטאָט.

און צום סוף: אויסגעבייטעלט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס, און צו זיין לייב־און־לעבן:

— נאַ דיר גאָר משה לופּע, אויף אונדזערע קעפּ!

אונטערוואַקסנדיק, האָט זיך זיין שכל צוביסלעך אויסגעברייטערט, געוואָרן קלאָרער, ס'לשון — מער זיכערער, שוין געקענט שטאַמלען, מאַמלען, מיט איין וואָרט: געוואָרן אַ ייִנג, אַ דאַרוואַל, וואָס האָט זיך שוין ליטיש אַרומגעדרייט אויף דער ראָגאַטקע, קריעה־ובליעה נאָך, און נאָכגעקוקט מיט היץ, מיט פייער אין די אויגן: די וועגענער, — וואָס זענען אַריינגעקומען אין דער שטאָט, און אַוועקגעגאַנגען אין דער וועלט אַריין.

זיין לעבן איז געוואָרן די ראָגאַטקע; דאָס האַרץ האָט אים געפּישטשעט פֿאַר אַ פּאָר לייצן. ער האָט געאַרבעט עבודת פּרך: געוואַשן די וועגענער אינעם ברייטן „סטאַוו", געפּויעט די פערד, געהאַלטן ביי זיי די פיס ביים אָנקאָווען פּאָדקאָוועס, און געוועזן אין זיבעטן הימל: אַז מ'האָט אים דערפֿאַר געגעבן די לייצן אין דער האַנט אַריין, אויף אַ האַלבע שעה, אַ שעה אַ מאָל, — ווען דער וואָגן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פּאַרשוינען, אָנגעפּראָפּט:

— נאָ, פּאָר; אָבער נישט ווייטער ווי פֿון לייביש־פּסחן, ביז צום וויאַרשט.

דער בעל עגלה אַליין פלעגט בלייבן שטיין; דעם וואָגן האָט ער געמוזט אָוועקשיקן, נישט צוליבן ייִנג, ער זאָל זיך אַ ביסל צעבריקן, — נאָר צוליב די פּאַרשוינען, ווי זיי דערמיט צו פֿאַרשטאָפּן די מיילער, און זיך נישט וועלן צעלויפן, אויב ער וועט זיך נישט אָוועקרירן, נאָר וועלן אַזוי האַלטן, — זיצענדיק אויפן וואָגן; פֿון איין זייט: האָט אַזאַ איינעם געפּישטשעט ס'דהאַרץ פֿאַר נאָך אַ פּאַרשוין, — און דאָ האָבן די ייִדן מיט די ייִדענעס זיך צעריסן, אַזוי איז ער געווען געניִיט אַרויסצולאָזן די פֿיר מיט זיי, און אַליין צו וואַרטן: אַז ס'האָט זיך נאָך עמיץ געמאַכט, — איז ער אונטערגעלאָפן מיט אים צום וויאַרשט, אים אָוועקגעזעצט באַדיי אויף אַ ראָד, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין; מיט דעם ייִנג האָט מען זיך אויף אַזוי פֿיל אַרויסגעהאָלפן, — וואָס מהאָט מיט אים געקענט פֿאַרשיקן דעם וואָגן מענטשן צום וויאַרשט.

אַ מקום מנוחה האָט ער זיך פֿאַרשאַפט, אויף סטאַלע, — ביי לייביש־פּסחן אין גאָרקיך; דאָ אָפּגעוואָרט ביז אַ בעל־עגלה

האָט דערצויגן מיטן וואָגן, און תּיכּף אַרויס אויפֿן קאָזשאָל, אַרויס־גענומען די לייצן פֿון זיינע הענט:

— לאָז; כ׳וועל אַליין אַראָפּפֿאָרן אין מאַרק אַריין, מיט אים.

אַ זעלטענע גבֿורה האָט אין אים געשטעקט; אַז אַ פֿערד האָט זיך אַ מאָל פֿאַרעקשנט, און נישט געקענט, צי נישט געוואָלט זיך ס׳האַרץ רירן ביים אַרויסשלעפּן דעם וואָגן פֿון דער בלאָטע, — האָט מען נאָר געברויכט אַ קוק טון צו אים:

— משה לופּע.

אַזוי האָט ער אונטערגעשפּאַרט דעם אַקסל ביים „פּאַשליאַדעק״, עטוואָס פֿאַרקוועטשט די אויגן, און, — דהעפּ! דער וואָגן האָט זיך אויפֿגעהויבן אין דער לופֿטן, — ווי ער וואָלט זיך דערביי נישט ווייַ געטון גאָר; אַז אַלע האָבן געציקט מיט די אַקסלען, פֿאַרגאַפֿט:

— אַ בייזע גבֿורה אין אים שטעקט...

דער יינג האָט געקריגן געשלאָגן, מ׳האָט אים געהרגעט אַ מי־נוט צום טויט, און פֿאַרשטייט זיך: אויף אַ געלעכטערל, אויף אַ ליצנות, — ווען די בעלי־עגלות זענען געווען בשמחהדיק, געהאַט אַ כּוסע אין קאָפּ, און זיך אומגעוואָרפֿן מיט אים: פֿון דאַנעט אַ ציפּ, פֿון דאָרט, — אַ קלאַפּ; דאָ — אַ באַכע, און אַלע מיט דעם איינעם פּזמון:

— זעסט, משה לופּע!

— געוואָרן אַ לייט, משה לופּע!

— זיך געריכט אויף דעם?

— געמיינט: ער וועט בלייבן אַ דרערדליגער ביזן טויט אַריין.

ביז ער פֿלעגט זיך אַרויסראַטעווען פֿון אונטער זייערע הענט, אַנטלויפֿן קוים מיטן לעבן, און זיך אַוועקשטעלן האַרט ביים שוואַרצן סלופּ, וואָס מיט דער שוואַרצער טאַבליצע, און אַזוי שטיין, — אַ דראָנג, אַ סלופּ אויף אַ סלופּ; קוקן — אַ תּם, נישט אַרויסרעדן גאָר קיין וואָרט, שעהן לאַנג.

גרויס הנאה האָבן די בעלי־עגלות געהאַט אים דענצמאָל צו פֿאַרטשעפּן, — און דערמיט ווי וועלן אָוועקרירן פֿונעם סלופּ:

— משה לופּע, דעם גלחס שיקסע וויל דיך פֿאַר אַ חתן.

ער רופֿט זיך נישט אָן מיט גאָר.

— משה לופּע, אויף בעזעם ריטעלס טאַטער, באַשטייסטו?

ער שווייגט, און רירט זיך אַלץ נישט אַוועק פֿונעם סלופּ.

— משה לופע, דעם גרעבערס איניקל!

דאָס רייצט אים שוין געפערלעך, נאָר ער גיט נאָך אַלץ נישט קיין מיגנע מיטן אויג.

נעמט אים איינער נאָכקרימען, ווי ער רעדט:

— משה לופע, טו־טו־טו...

און עטליכע, צו־פּאָל־עסקען מיט די הענט:

משה לופע, משה לופע,
אוי, געוואַלט, משה דו...

און דאָ דערשפּירן: ווי סהייבט עפּעס אָן ציטערן ביי אים; דאָס פּאַרגליווערטע זיך צו רירן; ס'געשטויעטע אויפן פּנים אָפּצוגיין, די אויגן, — זיך איבערדרייען אין די לעכער; די פינגער אויסקרומען; און אַז ס'נעמט עפּעס זידן אין אים ווי אין אַ טשייניק וואַסער — איי־דער עס הייבט־אָן קאָכן; און ריכטן זיך, אַז ער זאָל אַרויספליען פון דער הויט, זיך געבן אַ וואָרף איבער וועמען, און דערלאַנגען, אַן אַ געלעכטער, — אַ טויט־קלאַפּ; יענעמען אַוועקלייגן מיט אַן אָפּגע־האַקטע לונג, ער זאָל ברויכן שפּייען מיט בלוט, — און עס גיט אים איינער פון די בעלי־עגלות אַ ברען אין דער זייט:

— וואָס שטייסטו, חוש; יעקב אריה האָט דאָך אָנגעצויגן! גיי, פיר אַראָפּ דעם וואָגן אין „סטאַוו" אַריין.

די אויגן נעמען אים גלאָצן, און איבער אַ רגע, — ער זיצט שוין אויפן וואָגן ווי ביי־געבוירן; ווי מען וואָלט דאָ עפּעס אַדורכגעבראָכן מיט אים מויערן; די רציחה איז פון אים אַראָפּ, מיט דעם איינעם גלעט; און ער פּאַכעט שוין ברייט מיט דער בייטש, הילכט איבער דער גאַנצער גייענדיקער גאַס:

— וו—י—אָ—אַ—אָ!

די בעלי־עגלות קיכען הינטער אים, און ווערן צעפּלאַצט לאַכנ־דיק:

— נאָ דיר, אַ חיה; מ'זאָל אים נישט קענען פאַרבלענדן די אויגן מיט אַ וואָגן און אַ פּאָר פערד, — וואָלט ער דאָ עמיצן דערהרגעט, אים איינגעשלינגען, אויפגעפרעסן מיט די קאָפּיטעס...

און נאָך אַלעם, ווי מ'האָט אים נישט געזאָלט טון צום טויט, — איז ער געלעגן און געוואַרוועט ווי אַ דהונט; קיין נעציקייט האָט אים נישט אַראָפּגעטריבן; קיין קעלט נישט פאַריאָגט; זיין גאַנץ לעבן

איז געווען די ראַגאַטקע; אַ פּאָר לייצן; און האָט ער אַ מאָל אָנגע־טריבן אַ ליידיקן וואָגן איבערן שטעטל, אַז ס׳האָט געהילכט אין דער נאַכט אַריין, — האָט מען אים פאַרשאָלטן די ביינער:

— אַזאַ משה לופּע; ער וועט נאָך אַ מאָל וועמען איבערפאָרן אויפן טויט, אַ נישט, — אַליין אַראָפּפאַלן און צעברעכן ס׳געניק אונטער אים.

און געטראָפן האָט: אַז ער איז אומגעריכט און מיט אַ מאָל דאָ אויפגעריכט געוואָרן מיט אַ וואָגן און אַ פּאָר פערד, דער ייִנג, משה לופּע; געוואָרן אַ יושב ראש אויף דער קאָזלע, — אין אַ פּריוויטיק פאַרנאַכט, ווען ער איז געשטאַנען און אָפּגעוואַרט יעקב אַריהן, וואָס האָט באַדאַרפט אָנטרייבן אַ היים צו ליכט־צינדן, — ער זאָל פאָר־פאָרן מיטן וואָגן זיינעם אין הויף אַריין; אויסשפּאַנען ס׳פערד און עס אָוועקשטעלן אין סטיינע, — אַז יענער זאָל זיך נאָך קענען אָפּטובלען לכבוד שבת אין דער מקוה; און ווי ס׳האָט אים אָנגע־כאַפּט אַ סאָלדאַט פאַרן גאַרגל, און אים פאַרפאָרן מיט דער האַרטער האַנט איבערן קאַרק:

— טשעהאָ סטאָיש? אויב דו ווייסט צו נעמען אַ פּאָר לייצן אין דער האַנט אַריין, — וואָס קוקסטו ווי אַ נאַר? זיץ אויף אויפן וואָגן, און פאָר!

זיינע אויגן זענען, איבער אַ רגע, — געוואָרן גרויס, גלאַנצע־דיק, און זיך נישט צוגעגלייבט די אויערן, — וואָס זיי הערן; ער ד׳האָט זיך, ווי אַ בליץ, אַרויפגעוואָרפן אויפן וואָגן, און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואוסט נאָך, וואָס ס׳געשיט דאָ, אייגענטלעך, מיט אים — האָט ער, נאָכגיכער, אויסגעקנאַקט מיט דער בייטש זיין הילכיקן: „ווי־אָ־אָ!“ אַז ס׳האָט געפלאַטערט; אַ פערד האָט ער געהאַט אין שפּאַן, — לייבן, וואָס מ׳האָט נאָר באַדאַרפט אַ שמיצער טון צו זיי, — אַזוי זענען זיי גלייך אַרויס פון די כלים, און צעטראָגן דעם וואָגן אין דער לופטן.

ער איז אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַן אָבאָז; און צווישן די אָבאָזניקעס, איז ער גלייך געוואָרן אַן אייגענער; ער האָט אַרויסגע־קריגן אַ פּאָר זעלנערישע הויזן, אַ גראָע סאָלדאַטסקע „יופּקע“ מיט אַ הויכע ווייסע „פּאַפּאַכע“, און געוואָרן, פון דער העלער הויט, — אַן

אַבאַזניק מיטן פולן מויל; מיט אַ וואָגן און אַ פּאָר פערד, — וואָס ס׳האָט זיך איבם אַפּילו נישט געחלומט; געווען כשר וישר, כאָטש ער האָט קיינמאָל אין מיליטער נישט געדינט, געשטאַנען פאַרן דאָק־טאָר, וועלכער וואָלט אים גאַנץ שיין אויסבראַקירט.

די סאָלדאַטן פלעגן זיך אַרומשטעלן קוקן, ווי דער בחור זיפּט די „יושקע״, פּרעסט אויפזעצנדיק די סאָלדאַטסקע קאַשע, און דאָס אים נישט פאַרגינען; כאָטש, ס׳האָט זיי אַליין דאָס נישט געפעלט; און פּונקט ווי די בעלי־עגלות, באַלד אין אים דערטאַפּט דעם שטיק נאַר, די שווערע טעמפּקייט זיינע, און ליב־געקריגן אים צו פאַרטשעפּן: ווער מיט אַ שטופּ, ווער מיט אַ שטורק, — אַז דער לעפּל זאָל זיך אים אָנשטויסן: דאָ — אין דער געמבע; דאָ, — אין דער באַק, אין נאָז, און זיך דערצו זיך אויסגיסן.

ער האָט נאָר געבורטשעט.
און זיי האָבן געלאַכט:
— ווי ער קען פרעסן...
— ער מוז האָבן אַ קישקע, אַן אַ דנאָ...
— עפּעס אַ חיה, און נישט קיין מענטש.
— מאַדליעט זיך נישט און קרעשציעט זיך נישט.
— ווייסט נישט פון קיין גאָט און פון קיין טאַטער.

פון רעדן האָבן זיי גאַרנישט געקענט אַרויסקריגן ביי אים; און געזוכט: אַ מאָל זיך נעמען צו אים אויפ׳ס כח, — און זען אויב ער איז אַ ייד? אָבער איטליכעס מאָל, ווען מ׳האָט זיך געוואָלט נעמען צו איבם, צורירן, — האָט עפּעס אַזוי געגומען בורטשען אין איבם, אַזאַ פינצטערע גבורה זיך שפּאַרן, אַז אַלע האָבן זיך אָפּגעריקט, און אויס־געשפּיגן:

— סאַ מאַלפּע; דער רוח ווייסט אים...

און דער סטאַרשי פּונעם אַבאַז, אַ ייגגער פּראַפּאָרשטשיק, — האָט אים גראָד ליב געהאַט, ס׳לעבן; געקלאַפּט אַלעמאָל אין פּלייצע, און צוגעבאַמקעט:

— פון גאַנצן אַבאַז האָט ער איינעם, משה לופּע; און אויב ער זאָל באַשטיין אַריינצוטרעטן אויף „סלוזשבע״, — וואָלט ער אים אויפגעגעבן אין ראַפּאָרט פאַר אַ בענדל.

דאָס האָט אַזוי געדויערט, דער גוטער יאָר ווייסט, — וויפיל וואָכן, און חדשים; ער האָט שוין באַלד נישט געדענקט מער גאָר אינעם שטעטל, וואָס ר'האָט געלאָזט שטעקן ערגיץ הינטער זיך, אין דער בלאָטע, — און וואו מ'האָט זיך אודאי געטראַכט:

— ער האָט דאָ געמוזט ערגיץ פאַרפאַלן ווערן, אין דר'ערד אַריין; און שוין מער קיין תחית המתים נישט אויפשטיין...

ער איז אַזוי געפאָרן מיט דעם וואָגן, געפירט מעל, גרויפּן מיט אַנדערע קאַשעס, און זיין צעשעקעט פנים האָט מאָדנע געלויכטן, זיי־צנדיק אויף דער ערד, צווישן די אַלטע אָבאָזניקעס, אין די שווערע פעלצן, ווייסע הויכע פּאַפּאַכעס, — ביי אַ רויט צעלייגט פייער, און זיך געוואַרימט די ביינער; ביז ס'האָט אים עפּעס אָנגעשפּאַרט, זיך אָפּגעריסן, ס'פּנים געוואָרן אָפּגעלאָשן, איבערגעקערט וואָס אין מח, עפּעס־וואָס אַ קאַפּויר־געקומען: לייביש־פּסח, יעקב־אריה, די ראַגאַט־קע, דעם וויאָרשט, און געבליבן שטיין:

— הע? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָרן ביי אים? וואו שלעפּט ער זיך אַרום, אין אַל־די־רוחות? צו וואָס?

ער זיצט אויפן וואָגן, די פערד שלעפּן זיך פויל, נאַכלעסיק, — און ער האָט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט די לייצן, איינגעדרימעלט, — אַזוי האָט זיך אים אויסגעדאַכט ווי יעקב־אריה שטורקעט אים דאָ מיט אַ געבייזער:

— אַ סוף, משה לופּע; ריר מיטן וואָגן, — ס'איז פרייטיק צו נאַכטס; מ'וועט באַלד ליכט־צינדן, — אָבאָל! כ'וויל מיך נאָך אַריינכאַפּן אין דער מקוה...

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט; עפּעס געתמעלט, געפינטעלט מיט די גאַלעס, זיך אַרומגעקוקט, — צי מ'זעט נישט ערגיץ יעקב אריהן, און דערשמעקט: ס'איז טאַקי פרייטיק צו נאַכטס, — ס'האָט זיך אים גאָרנישט געברויכט חלומען; נאָר ערגיץ אַנדערש, אין אַן אַנדער שטעטל, און באַלד ווי מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט, — האָט ער געלאָזט אַלץ־מיט־אַנאַנד, נישט געפרעגט קיין שאלות, און זיך געלאָזט גיין אַהיים; ער איז געגאַנגען אָן אַ זייט פונעם שאָסיי, איינער אַליין,

טיף פאַרזינקען אין זיך, — ס׳איז געווען דער אַלט־באַקאַנטער היי־מישער וועג, אויף וועלכן ער האָט זיך נישט איינמאָל מיטגעכאַפּט מיט די היימישע בעל־עגלות; און דאָך האָט ער איצט געפּוסטע־וועט, געפינצטערט, און וואָס טיפער ער איז אויף אים אַוועק, — מער אימהדיקער אויסגעזען, און אַלץ זעלטענער וועמען אָנגעטראָפן אויף אים; ביז ער האָט אויפגעהערט מער צו זען מענטשן, נאָר בלויז די אייזערנע סלופּעס, וויאָרשטן, — וואָס האָבן אויסגעזען ווי פּאָסטענס, וואָס זאָלן שטיין צעשטעלט פאַר אַ שמירה איבער דער גאַנצער לענג פון אים.

ער איז צוגעקומען צום וועלדל, וואו ער האָט געקענט איטלי־כעס ביימעלע פון אויסווייניק, — און וואָס ער האָט באַדאַרפט אַדורכ־גיין, ער זאָל נישט מער האָבן ווי צוויי וויאָרשטן צו זיך אַ היים, אין שטעטל אַריין; און דאָ איז אים געקומען אויפן פּנים עפּעס אַ סאָלדאַט, שווער אָנגעפּעלצט, מיט אַ הויכער „פּאַפּאַכע״ איבער די אויערן, נישט אַזוי ווייט אפשר צוליב די קעלט, ווי אָפּצושרעקן, מסתמא, מיט איר, — און אים ביסטרע אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין, אַדורכ־געשטאָכן מיט די אויגן, און כיטרע שאַרף געפרעגט:

— וואו האָסטו דאָ חשק געהאַט צו גיין?

משה לופּע, וואָס האָט געוואוסט פון זיינע הענט־און־פיס צו זאָגן, האָט געקוקט מיט די גאָלעס, און געזאָגט, פּשוט, כמשמעו:

— אַ היים.

אַזוי האָט דער סאָלדאַט געפּיפן, און פון ערגיץ איז אָנגעקו־מען אַ רייטער אויף אַ פערד צו רייטן, — וואָס האָט זיך שטיל, בסוד־סודות, צערעדט מיט יענעם זעלנער; עטליכע מאָל אַויפגעהויבן די אויגן צו משה לופּען, ווי ער וואָלט אים, נאָכדעם ווי יענער האָט אים אָנגעהאָקט אַ פולן קאָפּ, — גוט באַטראַכט, אַזוי ווי זיך נישט געוואָלט צוגלייבן, אָדער זיך געוואונדערט, געמלאָסקעט מיט די ליפּן: „וואָט, סקאַטינאַ!“, און זיך באַלעקענדיק מיט דעם געשמאַקן ביסן, אַ זאָג־געטון:

— קום מיט.

אַזוי איז ער מיטגעגאַנגען ביי דער זייט פונעם פערד, ביז צו אַ געוויסן „פּונקט“, וואו ס׳איז אַרויסגעקומען עפּעס אייגער, וואָס איז

גלאַט געווען צעדרייט; מיט אַ בלאַנק העמד אויפֿן לייב, נישט מורא האָבנדיק פֿאַר דער קעלט, שוואַרצע אויסגעפּלעטע הויזן, — מיט אַ קנייטש, אַראָפּגעלאָזט איבער די שיך; דער רייטער האָט זיך אָנגעצ־בויגן צו זײַן פּונעם פֿערד, אַזוי ווי ס׳קומט פֿאַר אַ מענטש מיט אַ העכערן „טשין", און אַלץ אײַנאײַנעם, צוגעשטימט: „טאַק טאַטשנאַ, וואַשע וויסאָקאָראָדיע!" קענטיק: פֿאַר אים דאָס נאָכמער צעשפּרייט און צעלייגט; ווי דער ייִנג וואָלט דאָ, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, — וואָס געוואָלט אָפּטון; און אַז מ׳זאָל אים נישט באַצייטנס געַ־ווען כאַפּן, — וואָלט שוין דאָ אַ ברירה געהאַט נישט צו בלייבן קיין שריד־ופּליט פֿון קיינעמען; דער אַרויסגעקומענער, וואָס מיטן העמד אויפֿן לייב, געפּלעטע שוואַרצע הויזן, — האָט יעדעס מאָל אַרויסגע־לאָזט אַ בורטשע, מער געפּאָנפּעט ווי גערעדט, און, אַלץ אײַנאײַ־נעבם. בשעת יענער האָט אים אָנגעהאַקט אַ פֿולן קאָפּ, — אים אַרײַנ־געקוקט אין פּנים, פּונקט אַזוי אייגן ווי יענער סאָלדאַט, וואָס דאָט אים פֿאַרהאַלטן:

— אַזוי? מ׳וועט דיר געבן, הונט איינער, בליי, — וועסטו האָבן צו לעקן און צו שמעקן...

און מיט אַ פֿול שטאַרקערן באַסט, אפֿשר אויך דערפֿאַר, וואָס מ׳האָט אים אַרויסגענומען פֿון דרימל אַזוי שפּעט, ווי דאָס אַלץ־מיט־אַנאַנד, — באַפֿוילן דעם רייטער:

— ער זאָל אים אָפּשיקן אין שטאָט אַריין באַלד אין דער פֿרי, וואו מ׳באַדאַרף.

קעגן טאָג האָט מען אים געטריבן מיט דעם אייגענעם וועג, — צוריק; מהאָט אים צונויפֿגעפּאָרט מיט נאָך אַנדערע צוויי „פּלעניקעס", איינער: אַ באַשניאַק, אַ מין לאַנג־אויסגעצויגענער נפֿש, אָן אַ פּיצל הויט אויפֿן לייב, אַ טיפּיש סעמיטיש פּנים, מיט אַ קליין טערקיש היטעלע אויפֿן שפּיץ־קאָפּ, און דער אַנדערער, — אַ סערביאַנער, גרויס ווי אַ גוניק, מיט אַ פֿאַרלעגן פּנים; זיי האָבן זיך געשלעפּט זאַלבע פֿירט איבער דעם אייגענעם שאָסיי, צעשלעפּט, און גאַרנישט קרעמפּירט זיך; ער, משה לופּע, האָט זיך אַזוי געטריי געהאַלטן מיטן עטאַפּ, און נישט אָפּגעווענדט ס׳אויג פֿונעם סאָלדאַט,

— וואָס האָט זיי דאָ געפּירט; דאָס סאַלדאַטשיקל, אַן אַלט באַוואַקסן פּייערל, וואָס ד'האָט זיך מער אײנעם „סטראַי״ נישט אויסגעטויגט, — האָט זיך קנאַפּ־וואָס אומגעקוקט אויף זײַנע מענטשן; טויט־הונגעריק, אָדורכגעפרוירן, — איז ער געלאָפן פאָראויס, געטאָפּשעט מיט די אויסגעקאַשליוועטע שיך, אַזוי ווי צום פּריסטן געוואָלט אָנקומען אין דער שטאָט אַרײַן, און דעריבער געלאָזן זײַנע „פּלעניקעס״ אַ שטיק הינטער זיך, — וועלכע ד'האָבן אים נאָכגעצויגן ווי די געטרייע הינטלעך; אויפן באַשניאַק איז גאָר געווען אַ ביטער רחמנות; נישט זייענדיק צוגעוואוינט צו דער קעלט, — האָט ער געציטערט ווי אַ דזולה־וואַטע פערדל; דער סערב האָט זיך אַלץ איבעראײנעם געריבן ס'באַוואַקסענע פּנים, און אָפּן געבעטעלט אַ שטיקל ברויט ביי די אַנטרייבער פון די וועגענער, אַבאָזן:

— כ'האָב דאָך צוליב דעם אָוועקגעוואָרפן די ביקס, זיך צו אייך איבערגעגעבן, — אַז כ'זאָל האָבן צו עסן...

משה לופּע איז געווען צעבראָכן; כאָטש דער ייִנג איז יאָ געווען ביי זיך אין דער היים, און נאָכדערצו, — אויפן וועג; יעדער וועג, איבערהויפּט, — איז זיין הייבם געווען; נישט טילקע דער דאַזיקער שאָסיי, הינטער דער גאַז פון זיין שטעטל, וואו יעדער שטיין האָט איבם געקענט; וואו: יעקב אריה, לייביש פּסח, און אַלע איבעריקע בעלי־עגלות האָבן געטאָגט און גענעכטיקט ס'גאַנצע לעבן, — האָט ער, נאָך דעם אַלעם, — נישט געפּילט ווי ביי זיך אין דער היים; שוין דערמיט, וואָס ער איז געווען דערשעפּט פון די כחות, זײַנע כחות, — די פינצטערע, וועלכע האָבן זיך אַזוי ווי אָפּגעטון פון אים, און ד'האָט זיך אַלע מינוט געמוזט צוזעצן אויף אַ שטיין, אויף אײנעם פון יענע ווייסע שטיינער, מיט וועלכע דער שאָסיי איז געווען אָנגעזעצט פון ביידע זייטן, לענג־אויס; און דאָס — אויך נישט אויף לאַנג, ווייל אַזוי גיך ווי דער עטאַפּ איז אַ ביסל מער אָפּגעגאַנגען פון אים, — האָט ער זיך געמוזט אויפכאַפּן, נאָכלויפן נאָך אים, אַזוי ווי ס'וואָלט אים, מי יודע, אויסגעקומען: וואָס צו פאַרלירן, — ביז ער האָט אים געקענט אָניאָגן, העט, איבער אַ באַרגל, אַ גריבל, אַריבערשרייענדיק:

— שטייטס נאָר אַ רגע, וואָס נעמט אייך דער שוואַרץ יאָר פון מיר אַוועק?

און נישט ער, משה לופע, ווי אויך דאָס פּייערל מיט דער ביקס, וואָס האָט זיי געפירט, — האָבן געוואוסט: אַז ער איז דאָ נישט גלייך מיט די אַנדערע צוויי „פּלעניקעס", נאָר גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער, וואָס מברויך האָבן אויפן אויג, — און זיך באַזונדער מיט אים אומ־גיין; דער ייִנג אַליין, ווען ער וואָלט פאַרמאָגט אַ ברעקל פאַרשטאַנד, און באַנומען: ווי דער רייטער מיטן שלעפעריקן מענטש, זענען מיט אים אומגעגאַנגען, — וואָלט ער זיך געקענט אין עפּעס אָנשטויסן; אָבער אַזוי ווי אין זיין פינצטערן מח האָט זיך נישט אַריינגעריסן קיין פונק שכל, אפילו ווי אַ פלעמל די גרויס פון אַ גראָשנדיק ליכטל, — און ס'איז אויך נישט געווען קיינער וואָס זאָל אים דאָס אויפטון מיט אַ ווינק, צי אַפילו מיט אַ געבייזער, אויף אים אָנשרייען:

— ס'איז גלייכער פאַר דיר, הונט, מענטש, חיה, — וואָס דו זאָלסט נישט זיין; איז אַלץ טויזנט מאָל גלייכער פאַר דיר, — אַז דו זאָלסט אָפּשטיין פון זיי, און זיי נישט נאָכגיין; נאָר פאַרפאַלן ווערן דאָ ערגיץ מיט אַלעם.

און נאָכגעגאַנגען, אַ פּגע.

ערשט אין דער שטאָט וואו מ'האָט, אויפן גרויסן און באַשטימטן אָרט, — זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים ווי מיט אַ הייס געבראָטענס, און יעדער איז געלאָפן קוקן אויף זיין בייז וואונדער, — זיך עפּעס יאָ גענומען רירן ביי אים; און ער האָט געזוכט אויסצומיידן די שטעכנדיקע אייגלעך זייערע, וואָס האָבן אים אַדורכגענומען מיט ענט־ציקונג און בלוט־דאָרשטיקער פרייד; און נאָכמער אויפגעוואַכט, באַלד ווי אַ פאַרשטענדיקער מענטש, ווען מ'האָט אים אָפּגעטיילט פון די אַנדערע צוויי, וועלכע מ'האָט געלאָזט אין אַ באַראַק פאַר געפאַנגענע, — און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה; דאָ איז ער געבליבן שטיין פאַרתמט, אויסגעניכטערט פון דער גאַנצער שכרות, און געקוקט, געדרייט מיט די גאָלעס, ווי אַן אָקס וואָס מ'בינדט צו דער שחיטה:

— הע? פאַרוואָס קומט דאָס אים? און מ'זאָל אים דאָ פאַר־שפאַרן? נישט אַפּלאָזן אַהיים? וואָס האָט ער דאָ אַ זעלכעס געטון?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען: אַז ער געפינט זיך צווישן אַ באַנדע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע סאָלדאַטן, דעזערטירן, מורדים, — אין אַ גרויסער קאַזאַרמע, ריכטיקער: אַ חזרים־שטאַל, וואו זיי זענען געווען צונויפגעקוועטשט ווי הינער אין אַ שטייג; אַלע האָבן

זיך געקלאָגט, געשאָלטן, אויסגערעדט אויף די אָפיצירן מיט די געֿ נערעלער אסור לדבר, וואָס ס'איז נישטאָ אין דער קאָרט.

די קישקעס האָבן ביי אים געשפּילט אַ מאַרש, און ער האָט זיך, פריער פאַר אַלעם, — צוגעכאַפּט מיט ביידע הענט צום קעסעלע, געזיפּט דערפון, און מיט גרויס הנאה: דאָס הייסע וואַסער מיט די גרויפּן, — פּונקט ווי איינער וואָס שנאָרכט פון מיטן שלאָף אַרויס; נאָר די זעלנער אַרום, די חצי זעלנער, — וואָס זענען שוין נישט איינמאָל אַנטלאָפן געוואָרן פונעם פראָנט, אָדער סתם זיך נישט געקענט געֿ פינען קיין אָרט אין דעם גאַנצן אויפגערודער; נישט געוואָלט אַוועקֿ לייגן די קעפּ אונטער אַ פרעמד באַרגל ערד, און זיך אַרומגעוואָלֿ גערט מיט אַ באַזונדערע ליבשאַפט, קען זיין: אין די ערטער, חזירים־ שטאַלן, — זיי האָבן זיך באַלד מיט אים אַרומגעכאַפּט; אַזוי ווי געוואָלט דערגיין פון נאָך איינעם אַזוינעם, זייערס גלייכן, — וואָס מ'האָט אים דאָ אַריינגעלייגט, און, וויפל יערלעך? זיי זאָלן, ווייניקֿ סטענס, האָבן אַ השגה: וואָס זיי קענען קריגן? און צוגעשטאַנען צו אים, נישט קיין חילוק, — אַזוי ווי צו יעדן איינעם, פריש־צוגעקוֿ מענעם מענטש:

— סאַראַ פּולק, ברודערל?

— נישט קיין שום פּולק.

— אַן אַנטלאָפענער?

— אויכעט נישט.

— נאָר פאַרוואָס דען האָט מען דיך אַריינגעבראַכט?

— ער זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין ייִנגען טויט, — אויב ער ווייסט: פאַרוואָס?

און איינעם, וואָס זיין צורה, דעם ייִנגס, איז, פון לכתחילה, נישט איבריק געווען געפעלן, — האָט זיי אַוועק גענומען פון אים:

— טרעטס אים אָפּ; דער רוח ווייסט, — עפּעס אַ שטיק חוש; אין דער דאָזיקער מלחמה, האָט מע נישט ווייניק זיך אָפּצוזאָגן מיט זיי; כ'האָב אַליין געהערט דערציילן פון איינעם, ווען מ'איז אַריינֿ געגאַנגען קיין מזרח פּרייסן, — ווי ער איז אַרויס אַנטקעגן, און געֿ סטראַשעט מיטן פינגער: מ'זאָל נישט גיין, — וואָרן ער גייט אויסֿ זאָגן פאַר די דייטשן... און רעביאַטאַ האָט אים צעשאָסן, געמאַכט פון אים אַ צעלעכערטע זיפּ.

עפּעס איינער, אַן אַלטער רוס, וואָס האָט זיך מיטגעשלעפּט דאָ אַהער מיט זיין בן יחיד, ווער ווייסט: פון פּאָלטאַווער גובערניע, מיט אַ גרויס אַפּיצירסקע היטל, וואָס איז אים געלעגן איבער די אויגן, — איז שוין גראָד נישט אָפּגעטרעטן פון אים:

— עך, טי, גאָלובטשיק, זאָג מיר נאָר: וואו האָט מען דיך צוגענומען?

— אויפן וועג, — האָט ער געוואוסט צו זאָגן.

— וואָס האָסטו געטון אויף דעם וועג?

— גאָרנישט; כ'האָב געוואָלט גיין אַ היים.

— וואו שטעקט דאָס די היים, דיינע?

— אָט־אָ, דאָ, הינטער דער נאָז; גאָרנישט וויט; עטליכע מייל, — מ'גייט גלייך מיטן שאָסיי, — צענעמט משה׳ל־ופּע אַזוי די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגרייכן צו איר...

— כ'קען נישט דאָ די וועגן, — האָט דער אַלטער רוס געהויבן די אַקסלען, — וואָס איז דאָס פּאַר אַ וועג, וואו דער ייִנג האָט געוואָלט גיין?, — אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אַ צווייטן.

— דער פראָנט! — האָבן זיך עטליכע צעלאַכט.

— ווי? אַדורכגיין דעם פראָנט, האָסטו געוואָלט? — האָט ער זיך אָפּגעריקט פון אים, — באָושע מאָי, וואָס האָסטו געוואָלט טון?

און, אַ צווייטער:

— אוי, ברודערל, — ס'אי נישט גוט מיט דיר; גאָרנישט גוט...

די אַרומיקע סאָלדאַטן האָבן אים גלײַך אויפגעגעבן:

— סאָ'זיכעריע זאַך, אַז ער וועט קריגן ס'שטריקל.

נאָר בלויז זיין גראָבער קאָפּ, וואָס האָט זיך יאָ עפּעס געדרייט אויף אַ האָרעלע, — האָט אַלץ נישט געקענט אויסטראַגן, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון פאַר אַ מעשה רע, — מ'זאָל מיט אים וועלן מאַכן אַזאַ געבריי?

פאַרן סאָנד, וואו מ'האָט אים באַלד און גיך, אַזוי ווי דער טאָג איז נאָר אַוועק, — געשטעלט, האָט ער זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע, אין לי:

— ער האָט געוואָלט גיין אַהיים.

— וואו, אַ היים?

— דאָ־אָ, אין שטעטל.
— מיט וואָס, אַ היים?
— מיט גאָרנישט.
— צו וואָס, אַ היים?
— ס'האָט אים אָנגעשפּאַרט...
— צו וועמען?
— צו לייביש־פּסח אין גאָרקיך; צום וויאַרשט; יעקב אריהן... און צו די איבעריקע בעלי־עגלות, אויף דער ראָגאַטקע...

זיין משפּט איז געווען אין אַ קליין זייטיק חדרל, פון דער איי־געגער קאַזאַרמע; און, ס'קען זיין, אַז מ'וואָלט אים אַזוי גיך נישט געמאַכט, — נאָר ווייל ס'האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעקליבן אַנדערע פּאָר איבם, פּאָר אַ זעלבע און ענליכע חטאים; און אין זיין מזל: גראָד באַדאַרפט אָנטרעפן אויף דער הייסער מינוט, — מ'זאָל אים גלייך פאַרבעטן אויף דער חתונה...

ביי די אָפיצירלעך, וואָס זענען געזעסן אַרום דעם טיש, זענען, — פון דער טונקעלער שיין אויפן נאַפט־לאָמפּ, — די פּנימער אויס־געקומען שאַרפער און אויך מער ביסטרע; אייגער פון זיי, האָט זיך שכורלעך געוויגט; און אַ צווייטער, — זיך געריסן איבער אים:

— ער זאָל זאָגן: צו וואָס ער האָט דאָרט געוואָלט גיין? ווער ס'האָט אים געשיקט? און, מיט וואָס?

ער האָט געקוקט, אַ פאַרנאָרטער, דער ייִנג, און אויף זיין פּנים האָט זיך, מערקווירדיק, — גאָרנישט אומגעביטן פון יענעמס שרייען; עס איז געבליבן אַזוי אייגן פאַרגליווערט, נישט מער: וואָס אין זיין מח איז עפּעס געבליבן שטעקן ווי אַ נאָדל:

— אַז, ס'מוז דאָ עפּעס זיין אַ טעות מיט אים; און מ'האָט דאָס אָנגענומען פּאַר עפּעס אַנדערש, ווי ס'איז...

עס האָט זיך ערשט מיט אַ מאָל דאָרט גענומען עפּעס רירן, ווי אויף אַן אָפּגעשטאַנענעם טייך; ס'האָרץ זיך געוויגט, די אויגן געדרייט, — און אַ פּייערל זיך אין זיי אָנגעצינדען, ווי אַ שפּילקע־קעפּל די גרויס; ער האָט זיך אָצינד נישט געקענט שענקען, איין קלייניקייט: וואָס ער האָט געהאַט נאָכצולויפן דעם פּייערל מיט דער ביקס, — ער זאָל אים דאָ אָהערברענגען? אַזאַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ! וואָרן, יענער האָט איבם דען געגייט, — אַז ער זאָל גיין מיט אים? אים געפירט ווי אַ

הונט אויפן שטריציק? ער וואָלט דען אָנגעשטעלט די ביקס אויף אים, — אַז ער זאָל נישט גיין? אַלמאַי, האָט ער אים נאָך געברוויכט נאָכ־צולויפן אויף אַ מהלך: „וואו לאָזט איר מיך דאָ אַליין איבער?“ וואָלט נישט בעסער געווען, — ווען ער זאָל בלייבן הינטערשטעליק? אפילו דערנאָך, אין דער טשייניע: וואו זיי האָבן זיך אויפגעטייעט פון דער קעלט, האָט יענער זיך אַ סך אומגעקוקט, — צי ער גייט יאָ מיט אים מיט, און צי ער גייט נישט?

אין אָפּיציר, וואָס דעם יינגס פּנים איז אים נישט איבעריק געפעלן, — האָט אַ קאָפּויר געהויבן דעם קאָפּ זיינעם ביי דער שפּיץ־גאָמבע, אָוועקגעמאַכט די אונטערשטע לעפּלעך פון די אויגן, און געפרעגט:

— ביזט נישט אַ מאָל קראַנק געווען?

האָט ער געהויבן די אַקסלען:

— ווי לאַנג ער געדענקט, איז ער דאָס נישט געווען; סיי פון דעמאָלט, — ווען מ׳קען נישט געדענקען?

און מ׳האָט אים צוגענומען פון זייערע אויגן, אין קאַזאַרמע.

ע‌פּעס געוואוסט דאָ, נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויס־גענומען פון דאָרטן, — האָט ער נישט, דער יינג; נאָר די אַנדערע, וואָס זענען געקומען נאָך אים, — און באַדאַרפט שטיין פאַר די זעל־ביקע אָפּיצירלעך, האָבן גלייך געזאָגט:

— ס׳אַ זיכערע זאַך: אַז מ׳וועט אים געבן ס׳שטריקל.

די ווייסלעכטס פון זיינע אויגן, זענען גלייך געוואָרן געל ווי גע־שלאָגענער וואַקס; די האָר, פייכט און נאַס אויפן שטערן, — ווי אַ בייזע פינצטערע קרענק, וואָלט זיך אין אים מיט איינמאָל אָפּגע־רופן; דער קאָפּ איז אים געוואָרן זייער גרויס, — דריי מאָל אפשר אַזוי גרויס ווי אַ געוויינטלעכער קאָפּ, און שרעקלעך שווער צו דער־האַלטן אויפן קאַרק; ער האָט זיך צוגעכאַפּט צום קעסעלע עסן, און גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל; אַזוי האָט ער זיך אַראָפּ־געלייגט אין אַ ווינקעלע, זיך איינגעדרייט ווי אַ חולהוואָטער הונט, צוגעמרוזשעט מיט די אויגן, שווער געאָטעמט, און נאָך מער גע־פרייכט.

מ׳האָט אים גע׳עצהט: ער זאָל אָנשרייבן אַ בקשה צום קייסער; אַנדערע האָבן דאָס אָוועקגעמאַכט:

— ביז ווען־וואָס, — וועט ער זיך האָבן אויסגעלייכט...

— און וואָס בלייבט צו טון, — זיי זאָלן וויסן, אַז זיי האָבן דאָ אַ טעות אין אים?

— אַז מ'זאָל זיי אַפילו דאָס אויפטון, — וועלן זיי זיך אויך נישט וויסנדיק מאַכן; אַ דאגה: זיי וועלן האָבן אַ מענטש ווייניקער...

דער קאָפּ ד'האָט זיך אים צעבראָכן, צעגליט, — נישט געקענט מער שלאָפן; ער איז קוקנדיק געוואָרן אויס מענטש, גאָר נישט געוואָרן; ביי איטליכן טריט אין דרויסן, סקריפּ פון דער טיר, — האָט עס גלייך אָפּגעשלאָגן ביי אים אין האַרץ, און זיינע אויגן האָבן גענומען גרינגען אין דער פינצטער, ווי פלעמלעך; און ווען זיי האָבן זיך נאָר צוגעמאַכט, — גלייך דערזען ס'שטעטל, די ראָגאַטקע, שמואל־אריה, לייביש־פּסדת, די גאָרקין, דעם וויאָרשט, — זיי דערציילט, און אויף חידושים, ווי מהאָט אין אים געהאַט אַ טעות; מ'האָט געמיינט דאָס, און ס'איז גאָר, — דאָס; און מ'האָט נישט ווייניקער ווי געוואָלט אים הענגען; אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אָפּפרייען מיט די, אַריינכאַפּן אַ גלעזל בראָנפן, און זיך טאַקע אויך אַ ביסל אַדורכפאָרן מיט אַ וואָגן איבערן מאַרק, אַזוי ווי ער קען; הילכן מיט דער בייטש אין לופטן, — אַז סזאָל וועטערן...

און, ווי מ'האָט אים אַרויסגעריסן פונעם זיסן שטיקל שלאָף: „שטיי אויף, — מ'וועט דיך באַלד לייגן שלאָפן...” און דערזען: אַז דער טויט שטייט אים פאַר די אויגן; אַזוי האָט דער כח הדם זיך ביי אים צעשפּילט, די פינצטערע גבורה אָפּגערופן, און זיך אַנגעבויגן ווי אַ צערייצטער אָקס, גרייט צו שטויסן מיט די הערנער...

עמיצער האָט ערגיץ פאַראַכטלעך אַ שאָס געטון מיט אַ מויל שפּייעכטס אויף דער ערד:

— די כאַליערע ווייסט: זיי זאָלן זיין אַזוי בלינד, פאַרנאַרט, און נישט זען, — אַז זיי גייען דאָ אומברענגען אַ שטיק משוגענעם, אַ פאַרנאַרטן?

און אַ צווייטער, זיך איבערדרייענדיק אויפן געלעגער, האָט געשלעפּט די אָפּגעקראַכענע קאָלדרע איבערן קאָפּ, — ווי ס'וואָלט שוין ביי אים געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך:

— דו ווייסט דען נישט, ברודערל, אַז אין דער איצטיקער מלחמה, ריכטן זיך אַלע משוגעים און פאַרנאַרטע אויס אַ וויסטן סוף?

דער רייטער

די געגענט איז געווען אומרואיק, און האָט געפיבערט; געהאַט ס׳קדחות.

איבער די פעלדער זענען שמאָלע פּאַסיקלעך רויך אויפגעגאַנגען, גראָד ווי אין יעשנ־צייט, — ווען קליינע שקצימלעך פאַרברענען די אָפּגעטריקענטע באַדיליעס פון קאַרטאָפל.

טונקעלע הימלען האָבן זיך נידריק געטראָגן איבער דער ערד, און געמבולט אָן אויפהער, — איבער די קעפּ.

דאָס דאָרף, וואָס איז געלעגן אין יענעם שטח, — איז געווען גאָל, אויסגעליידיקט; די הייזלעך פּוסט, פאַרלאָזן, און דאָס מיליטער האָט געדרויעט צווישן זיי, ווי ווערים אַרום אַ פאַרלאָזטע וואונד.

נאָר אין איין הייזל, וואָס איז געשטאַנען אַראָפּ־צו צו, אין פעלד, — איז געבליבן זיצן אַן אַלט פּייערל מיט זיינע אַ טאָכטער, יולקע, אַ גראָבע מויד, מיט פלײשיקע הענט.

ווען אין אַלע הייזלעך אַרום, האָבן זיך די פּויערים געפּאַקט ס׳פּעקל, — זיך אַרויסגעשלעפּט אין די שכנותדיקע דערפער, באַזעצן מיט די אַנדערע הויז־געזינטן; און די גראָבע מויד האָט זיך גענומען איינבינדן די קישענס, צונויפלייגן די „אָבראַזן״, און געוואָלט אַריינבערגיין צו אַן אַלטע „קומע״: „מ׳זאָל איר שענקען אַ שטיקל אָרט, פאַר איר מיטן פאָטער, — אויף אַ פור?״ האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער רוס, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי אין דער שטוב; און אַזוי ווי ער איז געווען שווער אויפן לשון, — גענומען שפּאַרן, רעדן מיטן גוף, מיטן לייב־און־לעבן זיינעם, און ווי איינער וואָס פאַרקייכט זיך, — קוים געקענט אַדורכשלאָגן:

— ער וויל, — אַז יולקע זאָל נישט פאָרן, נאָר דאָ איבערבלייבן מיט אים.

די מויד האָט זיך צעלאַכט; די ליפּן אירע, ביים לאַכן, — האָבן זיך ברייטער אויפגעשאַרצט, און ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען די געזונטע ווייסע ציין, וואָס קענען איבערברעכן אַ ביין.

— נאַרישער איוואַן, — ברויכסט מיך נייטיק דאָ האָבן? און אַז מיר וועסטו נישט קענען פירן די מלחמה?

ביי איוואַנען, דעם רוס, וועלכן ס'איז שווער אָנגעקומען אַרויס־צוקריגן ט'וואָרט פונעם מויל, — האָט זיך פאַרצויגן אַ גרימאַס אויפן פנים, און די אויגן גענומען גריגען ווי ביי אַ קאַץ:

— יולקע, ס'וועט מיר זיין „סמוטנע" אָן דיר; יעי־באָגו, ווי דו וועסט מיר פעלן.

— וואָס טוען דיינע „טאָוואַרישטשעס", איוואַן, — האָט זי גע־לאַכט, און אים דערמיט נאָכמער גערייצט, — דו וועסט זיי דיר אַריינ־נעמען אין שטוב, און ברענגען די שטאַכייטן פונעם פלויט; עס וועט דיר זיין וואַרים, און אפילו נישט געדענקען אין יולקען...

דער רוס האָט איר געקוקט אין דעם צעגליטן פנים אַריין, און ס'האָט אים פאַרקלעמט אונטערן האַרץ, מיט עפּעס אַ שטומען ווייטיק פון אַן זאַקס, — וואָס קען נאָר מרוטשען:

— יולקע; יעי־באָגו, ווי דו ביזט מיט מיר, — ווייס איך גאָרנישט אַז כ'בין אין פעלד; אַז כ'קום אַריין אין שטוב, — מאַכסטו פאַר מיר ס'געלעגער; וואַרימסטו פאַר מיר אויף ס'קעסעלע; און עס דאַכט זיך מיר נאָר, — ווי איך רייט אַ הייבם צו מיר אין שטוב אַריין...

און עפּעס אַ רחמנות האָט איר אַדורכגענומען צום פאַרוואָגעלטן רוס, וואָס שלעפּט זיך דאָ אַרום מיטן פערדל זיינעם, — צווישן די גראָע פעלדער; און פון דער גרויסער גדולה, וואָס האָט זיך צעשפּאַרט אין איר, — אים אַריינגעוואָרפן אַ פּעטשל אין דער באַק, אַרויס־לאַכנדיק מיט אַ תּאווהדיקער היץ:

— גוט; אויב מע וועט מיך נאָר נישט טרייבן ווי די אַנדערע, — וועסטו מיך האָב ביי זיך, נאַרישע מאַלפּע.

זי פלעגט אים אָפּהיטן ביים קומען אַ היים, אַריינפירן ס'פערדל אין דער האַלב־צעבראָכענע שטאַל, דעם געבן עפּעס צו עסן, און אַליין זיך אַוועקזעצן אויף אַ קליין נידריק בענקעלע ביי אים צו־פיסענס; און מיט די קליינע קאַלמיקענע אייגלעך, מיט דעם איינציקן וואָס זי האָט זיך געענגליכט צו אים, — אים אַריינקוקן אין פנים:

— איוואַן, האָסט אַ ווייב?

— יאָ, — האָט ער צוגעשאָקעלט מיט דער גאָמבע, וואָס האָט עפּעס ווי אַראָפּגעהאָנגען ביי אים.

— וואו ד'האָסטו איר? — האָט זי זיך צעשפּאַרט פון לאַכן, — אין טיף ראָסיי?

— אויף יענער זייט פון בייקאַל, — האָט ער צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

— אויך אַזאַ געזונטע, און מיט אַזוינע גראָבע הענט, — ווי איך האָב?

ביים רוס האָבן זיך געדרייט משונה די אייגלעך, און נאַריש־תם׳ עוואַטע געהוידעט מיטן קאָפּ, ווי אַ הונט מיט די אויערן:

— יאָ.

— און מיט אַזוינע גראָבע פיס, ווי איך האָב?

— זיי זענען מיר שוין באַלד אַרויס פונעם קאָפּ, די פיס אירע, — געקוקט אויף איר פאַרנאַרט.

און ס׳פּנים האָט ביי איר גענומען פלאַמען:

— צו וואָס ווילסטו מיך ווידער דאָ האָבן, אַז דו האָסט אַ ווייב דאָרטן?

ביים רוס האָט געריגען די שלינע פונעם מויל, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנג גאַווערדיק שנירעלע, ווי ביי אַ הונט, וואָס לייגט זיך אַוועק צעיאַכמערט אויפן בויך, — און ס׳הענגט פון איר אַרויס אַ לאַנגע רויטע צונג; ער האָט הייס געבריט מיטן אָטעם אויף איר:

— וואָרן, כ׳ווייס, יולקע, — צי כ׳וועל נאָך אַ מאָל קומען אַ היים צו איר?

ס׳האָט זיך, קוקענדיק, צעגאָסן אַ ווייטיק איבער זיין צעברענט פּנים; די ציין, — זיך שאַרפן; די שלייפן, — האַקן; און אַ שטומער כח איר שפּאַרן צו דער ערד, צולייגן ווי אַ פלעצל, אַ קלעצל, וואָס ווערט צעדריקט פון עפּעס אַ שווערער משא, — פון אונטער וועלכע זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרף, ווי עפּעס אַ צערייצטע גבורה וואָלט איר אונטער־געהויבן, און מיט איין כמאַל אים אָפּגעטרייסלט פון זיך:

— דו, צעגליטער אָקס, — וואָס גייסטו מיר טוען, וואָס?

אין דער מויד פלעגט זיך עפּעס אויפקאָכן, — באַלד ווי ער איז איר געקומען פאַר די אויגן; אַ געשמעלץ פון בלוט מיט רויט־פלייש, — וואָס וואָלט זיך געטאָפּיעט אין היץ; און אַז ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב, — זיך שאַרן אַרום איר, אים לעקן ווי אַ קאַץ, און אַ סך מאָל זיך ברוגזן:

— ביזט זאָן אַ האַרץ, איוואַן.

דער רוס נעמט זיך עפּעס ווי באַלעקן מיט דער צונג, איר דרייען שווער ווי אַ וואַלגער־האָלץ; און איידער־וואָס, ער האָט זיך נאָך גע־קענט באַטעמ׳ט מאַכן ס׳מויל מיט איר, — אַריינכאַפּן אַ באַכע אונ־טערן האַרץ:

— ביזט אַ כאַם, און שוין!

זיין פּנים פלעגט אַ רגע בלייבן פאַרוואָלקענט, אָבער אַזוי ווי ס׳האָט זיך נאָר ביי איר אַרויפגעצויגן אַ שמייכעלע, בלויז אויף אַ האָר, — זיך גלייך צוריק אויפהייטערן; און אַז ס׳האָט זיך צעגאָסן דאָס מאָנ־גאָלישע אין די אויגן ביי אים, — האָט ער געקענט אויסשטעלן די באַק:

— נאַ, גיב אַ ליאָפּ!

זי האָט, שטייענדיק, צעשפּרייט די פּיס אירע, — און דאָס האָט אין אים נאָכמער אָנגעצינדען ס׳בלוט; אַזוי, אַז ער האָט איר געקענט געבן אַ כאַפּ אַריין אין זיך, איר צודריקן האַרט אויף דער וואַנט, — אַז זי זאָל מיט אַלעם אויסגיין, פאַרלירן דעם אָטעם:

— זאָג, שעלמא, — דו וועסט נאָך שלאָגן?

און דאָ איר געמוזט גלייך אָפּלאָזן, דערפילנדיק אירע ציין, וואָס בייסן זיך אַריין טיף אין אַקסל ביי אים:

— אַך, דו, סטיערוואַ איינע, האָסט אַזוינע שאַרפע ציין, — זיי שניידן ווי מיט מעסערס...

ביי דעם רוס איז, מיט יעדן טאָג, אַרויס ווי אַ רויך פון קאָפּ דאָס ווייב, — וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ערגיץ הינטערן ביי־קאַל; אַז ער פלעגט ווערן אַדורכגעווייקט אינעם פעלד, וואו ער האָט זיך אַרומגעטריבן מיטן פערדל, — און גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן, — זיך צוגעאיילט אַ היים, אין שטוב אַריין, צו איר:

— יולקע, דערוואַרים מיך.

און זי האָט אים געוואַרימט; און אַז ס'האָט זיך אים אָפּגעריסן אַ קנאָפּ, אָוועקגעטרעטן אַ שטיק שינעל, — האָט ער איר געקוקט אין די אויגן אַריין:

— יולקע, פאַריכט מיר...

און זי האָט אים פאַריכט, פאַרנייט, צוגעטראָגן די ערדענע שיסל מיט הייסע קרופּע — פון וועלכע ס'האָט געזעצט אַ פּאַרע; זיך אַוועקזעצן מיט איבם, און שעפּן פון איר מיטן לעפל; ער אַ לעפל, און זי, — אַ לעפל; ביז זייערע פּנימער האָבן זיך רויט צעהיצט, און פון די שטערנס געגומען אַראָפּטריפן טראָפּעלעך אין דער שיסל אַריין, — האָט זי זיך געקענט געבן אַ כאַפּ, ווי אַנגעבריט:

— איוואַן, כ'וואָלט געוואָלט אַ שלעכט ווייב? יענע, אין טיף ראַסיי, — האָט דיר בעסער אונטערגעטראָגן?

ס'אַלטע פּייערל, איר פאָטער, וואָס איז געזעסן אַזוי ווי צוגעוואַקסן מיט די פּלייצעס צום קאַכל־אויוועז, ווייל די פיס זענען ביי אים געווען ווי די פּלעקער, און אַראָפּגעהאַנגען אָן מאַכט, — האָט גוט געקענט זיין טאָכטער; מיט יאָרן צוריק פון איר געהאַט גאָר אַ סך צער, — נאָר וואָס האָט ער געקענט טאָן, — אַז זיינע פיס זענען ביי אים געווען אָפּגענומען, און נישט געקענט רירן מיט זיי; אין דער שטוב קען ער נאָך אויפמאַכן אַ מויל איבער די יינגען, אַז זיי רייסן זיך אַריין; אָבער אין דרויסן? וואו זי איז אַ פרייער פויגל? און אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי ביידן: ווי ער גיט איר אַ וואָרף, זי אים צוריק, — און לייגט זיך אַוועק ווי אַ קי מרוטשען; אַזוי האָט ער צומאָלט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר געפּרעפּעלט שטיל, ווי אַ קאַליקע, און אַן אַלטער מאַן:

— געדענק, יולקע — כ'זאָל נישט נאָך אַ מאָל האָבן קיין צער פון דיר; סגידהנום וועט פאַר מיר זיין ווייניק דורך דיינע מעשים, — וואָס דו טוסט אָפּ...

און יולקע, וואָס האָט אינגאַנצן געפּלאָטערט, — האָט זיך געוואָרפן צו אים אויפן האַלדז:

— נייק, טאַטולקע; איוואַן וועט מיך נישט אָפּנאַרן...

— ס'קען זיין: ער איז טאַקע ערליכער פון די יינגען, אָבער וואָס קומט אַרויס, — אַז ער גייט אין שינעל; און איז נאָך אויף דער

מלחמה דערצו... וואָס, היינט איז ער דאָ, און מאָרגן האָט ער אַ ברירה צו זיין וואו...

דאָס האָט איר אַ רגע אַראָפּגעוואָרפן ערגיץ אין אָפּגרונט פון דעם אַלעם, — וואָס ס'טוט זיך דאָ אָפּ; האָט דערזען די טויזענטער סכנות, וואָס דרייען זיך איבערן קאָפּ, — און ווי אַ פייל פון בויגן: דערהערט מיט אַמאָל דאָס דינערן, דאָס ברומען, — וואָס מישט זיך אינאיינעם אויס, און ווערט אַזוי גרויס, ווי עפּעס אַ חיה אין בערן־געשטאַלט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין וואַלד, און קריכט נאָר דעמאָלט אַרויס, אַז זי דערזעט עפּעס אַ לעבעדיקן, נישט קיין חילוק: אויף צוויי פיס, אויף פיר פיס, וואָס, דער עיקר, אַז מ'בייסט זיך איין אין דעם, — זאָל וואַרעם בלוט פאַרגיסן די ציין...

און זי פאַלט איבער איין רגע אַראָפּ, די מויד, פון איר גדולה; טרערן נעמען שטיקן אין האַלדז, און זוכן צו צעברעכן איר עקשנות וואָס זי לאָזט נישט צו:

— ניין, פּאַטערל; אַז איוואַן רייט אַרויס, ווייסט ער, — ער לאָזט מיך איבער; אַז כ'גיי אויס נאָך איבם...

דער רוס איז נאָכדעם אַרויסגעריטן אויף זיין קליין פּיצל פערדל, וואָס ער האָט מיט זיך מיט־געברענגט פון דהינטערן בייקאַל, געגלעט אים די גרזשיווע, — און געשניפּט די טריט אויף די פּאַר־לעגענדע זאַמדען; איבער אים האָט דער הימל געוואָרפן מיט אַזוינע רויטע אָפּשיינען, גראַד ווי אַ קופּערנער בעקן, אונטער וועלכן ס'ברענט אַ פייער, און מ'לייגט אַלץ־אינאיינעם אונטער פרישע שייטערס האָלץ.

און דאָ געבליבן שטיין:

— אַ שליאַד; די צעדרייטע טריט געפעלן אים נישט; די אַרטי־לעריע ברויך דאָ ערגיץ האָבן פאַרטוישט די פּאָזיציע אירע...

די עטליכע רייטער, וואָס זענען מיט אים, — האָבן זיך צע־שטעלט מיט אָפענע מיילער און אָפענע אויגן:

— שטיוול־טריט.

— פערדס־טריט.

— אַ „קאָליע“ צעלייגט זיך אין זאַמד, — ווי די אָדערן אויפן לייב פון אַ מענטש.

און זיי צעקריכן זיך נאָך די שליאַדן פון די „קאָליעס“, — וועל־

בע צעדרייען זיך געדיכט אינעם זאַמד; קניפּן זיך דאָ צוזאַמען אין איין ענגען קניפּ, — און צעגייען זיך באַלד ווי די „אָדנאָגעס" פון אַ שפּין.

ביים רוס ווערן שפּיציק די אויגן ווי ביי אַ קאַץ, — וואָס צאַ־טעוועט איבער אַ יאַמע, אויף אַ מויז.

— ס׳ברויך שוין דאָ ערגיץ זיין, — גיט ער אַ מרוק צו זיינע לייט.

און נאָך איידער ס׳האָט וועלכער פון זיי געקענט נעמען אַ וואָרט אין מויל אַריין, — האָט אַ פליייך־געטון פאַר זייערע אויגן אַ בונט מיט פייער; די פערדלעך האָבן נישט מער געוואָרט אויף זייער אויס־ישובן זיך, נאָר גלייך געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס, און זיך צעבריקעט מיט די אויפגעשטעלטע גרזשיוועס זייערע, — וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן; צווישן זיי האָט איין צעפּראַלט פערדל נישט מער שוין געהאָט אויף זיך, ווי דעם ליידיקן זאָטל; אָבער עס האָט זיך געהאַלטן געטריי מיט די אַנדערע, אויף וועלכע די רייטער זענען נאָך געזעסן, — ווי אַראָפּ־באַהאַלטן; נידריק געקיטשעט, מיט די קעפּ אַראָפּ — פונקט ווי עס וואָלט געווען זיכער אין די איבעריקע פערד, און זיי געטרויט, — אַז עס וועט אינאיינעם מיט זיי זיך אַרויסכאַפּן פון דעם בראַנד־פייער.

אָנקומענדיק אויפן דאָרף, איז ער מיט איין קער אַרונטער פונעם פערד, און אַז צעהיצטער איר גענומען רופן; זי, נישט ווי סנדיק פון גאַר, איז, ווי געוויינטלעך, — אַרויס, און זיך אַוועק־געשטעלט מיט די הענט „פּאָדבאָקאָם":

— נאָס; דאָס וואַסער גיסט זיך פון דיר אַראָפּ, איוואַן; האָסט דיך נישט פאַרגינען אויסצוטוען, — נאָר אין אָנטועכטס זיך דאָס גע־מוזט באָדן?

דער רוס רייבט דאָס לייב פונעם פערדל וואָס פאַרעט, און רעדט מיט אַ ציטער אינעם קול:

— יאָ, יולקע; זיך פאַרקראַכן אויף דער סאָמע נאָז, — און פאַר־טריבן מיט אַ בלינדען וועג אין טייך אַריין. כ־בע... די קוילן זענען נאָר אַריינגעפלויגן אין וואַסער, — ווי די נאָדלען... גיב אַ קוק, — נישט אַ מאָל ערגיץ אַ דראַפּע־געטון, וואו?...

ביי דער מויד פאַלט־איין סהאַרץ; אירע אויגן הערן גלייך אויף אָנצוקוועלן; זי נעמט אים טאַפּן און באַטאַפּן פון קאָפּ ביז צו די פיס;

— מ׳זעט נישט גאָר; דאָס בלעכל פונעם היטל האָט אַ גראַטש,

— קושט זי אים, — אַ כאָליערע, צום ליכטיקן קאָפּ דייגעם האָבן זיי זיך געזוכט.

— כוואַלאַ באָגו, — נעמט ביי אים אויפשיינען ס׳פּנים, — פון צוויי רייטער זענען בלויז צוריק־געקומען די פערד; אָן זיי...

ער האָט צוגעבינדען ס׳פערדל צום בוים, כאָטש עס וואָלט אַזוי אויך געשטאַנען, — ס׳זאָל נישט זיין צוגעבינדען; און נאָכדעם מיט איר אַריין אין שטוב.

— — — — — — — — — — — — — — —

דאָס פערדל האָט זיך גענומען צעפּאַרען פון דער זון, און פויל אַרומגריזשען די סקורע; עס האָט, פון צייט־צו־צייט, אַ הירזשע־געטון, און פון אַרום האָבן זיך די אַנדערע פערדלעך, וואָס זענען געשטאַנען דאָ־דאָרט, צעשטעלט צווישן די ביימער, פאַרברענטע שטאָלן, זיך אָפּגערופן מיט אַ שוואַכער און שטאַרקער הירזשען, וואָס האָט אַזוי ווי געהייסן:

— מיר זענען נאָך דערווייל אויבעט דאָ; כאָטש ס׳איז נישט זייער פריילעך...

זעלנער, אין אָפּגעטראָגענע שינעלן, אַ סך: אָנגעהאָנגען אויף די אַקסלען, — זענען אַרומגעקראָכן צווישן די שטאַכייטן, וואו ס׳האָבן געהאָנגען אַ פּאָר הויזן, אַ רעקל, אַ שפּאַנצער, אַ העמדל; אַוועק, מיטן וועג, וועלכער פירט צו די שכנותדיקע דערפלעך, — האָט אַ צופיר־פאַרק זיך צוביסלעך פאַרלוירן אינעם וואַלד, גראָד ווי אַן אונטער־שטער עק פון אַ צוג, וואָס פאַרקירעוועט זיך אין אַ האַלבן ראָד, אין אַ בויגן.

דער רוס חמורט.

יולקע וועקט אים, רייסט פון אים שטיקער, און ער מאַכט יעדעס מאָל אויף די אויגן, — זיי זענען געל, צעשווימען, און קען זיך נישט אַרויסרייסן פונעם חמורן.

— דו ביזט אַהיימגעריטן דורכן וואַסער, ווען דו ביזט געווען דערשוויצט, — אַ? און ביזט קראַנק?

— קראַנק, יולקע, — פיבערט ער, — די ביינער ברעכן; די פיס זענען ווי די פלעקער, שטיקער העלצער...

— און וואָס זאָל איך טון? — טולייעט זי זיך צו אים, אַ צעבראָכענע, — כ׳זאָל דיך צודיק אַוועקשטעלן אויף די פיס?

— מיך דערוואַרימען, יולקע; צובינדען צום בעט, — אַז ס׳זאָל מיך נישט אַזוי וואַרפן...

די מויד רייסט ביים האַרץ; זי ציט די שטאַכייטן פונעם פלויט, און ברענט זיי; אין שטוב איז הייס, אַ חמימדה; פון די ווענט קייקלען זיך קליינע קייקעלעך וואַסער, וואָס לאָזן איבער נאָך זיך אַזוינע לאַנגע ריוועלעך; זי פאַרשטיפט די לעכער אינעם פענצטערל, — אַז די וואַרימקייט זאָל נישט אַרויס, אָדער די ווינטן זאָלן נישט אַריין; נאָר דער רוס גאָרעט זיך אַלץ טיפער אין דער אָפּגעקראַכענער קאָלדרע; כראַפּעט; שנאָרכט; דער שטערן גליט, — אַ שטיק פייער; און זי וועקט אים אַלץ אינאיינעם, וויל אים אַרויסרייסן פון דעם שווערן שלאָף:

— וואַרימער, איוואַן? וואַרימער?

ביים רוס ציטערט ס׳לייב, די ציינער זעגן ווי אַ זעג, און ער טרייסעלט די מאָרדע נאַריש ווי אַ חולהוואַטער הונט:

— קאַלט, יולקע; קאַלט...

זי לייגט, אַ צעשראָקענע, אויף אים אָן אַ באַרג קישענס; שטעלט צו גרויסע טעפּ וואַסער, וואָס זאָלן פּאַרען, — ווי אין אַ שוויץ־באָד; נאָר דער רוס וואַרפט זיך אויפן געלעגער, אין קדחות; גלאָצט מיט די גאָלעס; שטרעקט אויס די שוואַרצע קנאָכיקע הענט, און ציט איר ווי מיט צוואַנגען צו זיך, אַדורכזייענדיק דורך די ציין:

— קאַלט, יולקע; קאַלט...

זיין בראַנדיק לייב ווערט צעשמאָלצן; עס שלאָגט דערויף אַרויס אַ שוויס, וואָס איז קאַלט און הייס; די האָר קלעפּן זיך, — שווערע אַנגסטן קומען אַרויס; ער קריכט אַלץ טיפער אין איר, גייט אין איר מיט אַלעם אונטער, — און ס׳בלייבט בלויז פון אים דאָס היילן ווי פון אַ געשלאָגענער חיה, וואָס האָט זיך צעיאָמערט:

— קאַלט, יולקע; קאַלט...

דער קאָפּ זיינער גליט; פייערן גלעטן אים דעם שטערן; יענע פייערן ווי אויפן הימל, וואָס קומען ווי פון אונטער אַ קופּערנעם

בעקן, — אונטער וועלכן ס'ברענט; עפּעס רייסט זיך אַלץ אין אים אָפּ, און קערט זיך איבער; נישט אַנדערש, ווי עס זאָל עמיץ האָבן אַריינגעקראָכן מיט דער האַנט צו אים אונטערן האַרץ, און נעמט דאָרט צוזאַמען אין אַ בינטל: די לונג־און־לעבער, די מילץ, די געדערים, און ווי דאָס דורכאויס געוואָלט אָפּרייסן מיט איין ריס; ער פּרייכט שווער, ציט דעם אָטעם מיט כּח, גיט יעדן שלעפּ ווי מיט אַ שטריק; און די ווענט פונעם שטיקל שטיבל וויגן זיך אינאיינעם מיט די ביי־נער פון זיין ברוסט־קאַסטן, — וואָס נעמט זיך אייך און לאָזט נאָך, אַזוי ווי אַ בלאָז־זאַק:

—קאַלט יולקע; קאַלט...

די מויד, וואָס האָט זיך צונויפגעדרייט מיט אים אין אַ קנויל, — האָט פאַרגלייזט די אויגן; זי וואַרימט אים מיט זיך, גליט אים אַ דורך און אַ דורך ווי אַ ברענענדיקער הויך, — וואָס זאָל אויף אים אָנ־שטיין, ביז ס'וועט פון אים אַלץ אַנטגיין, ווערן פון אַלעם ריין, און זיין, ווי פריער, געזונט און פריש מיט יעדן קריש.

און ער האָט זיך אַדורכגעדראַפּעט, דער רוס; מיט איר גלות, מיט איר בלוט, — זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס; ס'פּנים צוריקגעקריגן די מראה; די אויגן, — זייער ביסטרע שאַרפקייט; און קוקענדיק אויף דער מויד, זיך געלעקט הכנעהדיק צו איר, ווי אַ הונט לעקט די פאַלע פונעם בעל־הבית זיינעם.

— האָסט געקענט, יולקע; האָסט גוט געקענט...

ביי דער מויד פלאַמט ס'פּנים, די הויט אויף איר לייב איז אָנגע־צינדען; אירע אויגן שטעכן אים אַדורך:

— זאָלסט דיך וויסן ווי צו היטן פאַר זיי, איוואַן; זאָלסט דיך וויסן ווי צו היטן, — ווייל נישט אַלעמאָל קען מען...

און איטליכעס מאָל, ווען ער ברויך אַרויסרייטן, — שטעלט זי זיך אַוועק פאַר אים מיט אַ ציטער, און קוקט אַ צעתמלטע:

— זאָלסט דיך וויסן ווי צו היטן פאַר זיי, איוואַן; זאָלסט דיך וויסן צו היטן; ווייל, נישט אַלעמאָל קען מע...

ער רייט אויף די פעלדער, וועלכע קורטשען זיך ווי צעשניטענע שטיקער פון שלאַנגען; און רייטענדיק, — רייסט זיך ביי אים עפּעס אָפּ; עפּעס, וואָס ער ריזיקירט, און נישט פאַר זיך, נאָר אויך פאַר

איר, — פאַר דער ברענענדיקער מויד, וועלכע צעפּלעט זיך דאָרט אָן אים, ווען ער רייט דאָ אַרום; און די אויגן קריכן איר פונעם קאָפּ, — ביז זי דערלעבט אים צוריק צו זען...

ס'דאַרף ווערט אַלץ מער ליידיק; און די ביימער מער אַרומ־געגריזשעט פון די פערד; די כאַלופּעס טוען אויס פון זיך צוביסלעך זייערע בגדים: די פענצטער, טירן, און ווערן מיט יעדן טאָג אויס־געהוילטער, נאַקעטער.

הינטער די ביימלעך נעמען זיך אַלץ מער וואַלגערן צעבראָכענע מיליטערישע וועגן, — וואָס בלייבן ליגן, ווי ס'זאָל זיך קיינער אויף זיי נישט מער האָבן אומצוקוקן; צוויי רעדערדיקע קוילן־קעסטלעך, — וואָס שטייען כורעים, מיט די דישלעס אַרויף, צום הימל.

דער רוס רייט אַלץ אַרום אויף זיין פערדל, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן; עפּעס ציט אים אַ שליאַד אינעם שיטערן וועלדל, — און לאָזט זיך פירן נאָך אים; בלייבט שטיין, און ס'האַרץ נעמט אים זעצן: יולקעס אויגן קוקן אויף אים פון דאָרטן, — זיי זענען פול מיט געבעט:

— געדענק, איוואַן, — זאָלסט דיך וויסן ווי צו היטן; און נישט קריכן צופיל אין די לעבער...

דער שליאַד גיט אים אָבער קיין רו נישט; ס'פערדל גיט נאָך אַ ריר מיט אים, — און די שטוב טרעט אַרויס פאַר די אויגן; יול־קע ליגט פאַר דער איקאָנע, און קניט...

און ס'גיט אַ האַגל מיט פייער איבערן קאָפּ:

— טור... טו־ר... טו־ר־ר־ר...

ס'בליצט פאַר די אויגן; די שטיקער פייער פליען, און בריען; עס סוויסטשעט אין די אויערן, — ווי ס'זאָלן זיך שיטן מויערן; ס'פערד לויפט מיט אים, טראָגט אים, און ס'ווערט אים שווער איינצוזיצן דע־רויף; ער האָט מורא זיך אָפּצושטעלן, קוקן, — נאָר טרייבט דאָס פערדל, עס זאָל לויפן גיכער, — ביז עס קומט־אָן, מיט דער שוים פאַרן מויל, — אויפן דאָרף, וואו עס בלייבט שטיין פאַרן הייזל; ער לויפט אַריין אין דער שטוב, און פרייכט; די אויגן קריכן אים פונעם קאָפּ:

— יולקע; יולקע, גיב אַ קוק, — מ'זעט נישט קיין בלוט? עפּעס שניידט ווי מיט מעסערס...

בײַ דער מויד פֿאַלט־אײַן ס׳האַרץ; זי נעמט אויף דער גיך אַראָפּ־ציִען ס׳אָנטועכטס פֿון אים, און צעריטשעט זיך:

— בלוט, איוואַן; פֿולע הויזן מיט בלוט.

ס׳פּנים ווערט בײַ אים טונקל; ס׳גלעלבליכע אין די אויגן, — צעשווימט; ס׳ווערט אַלץ מער שוואַרץ און פֿינצטער אין זײַ, ווי בײַ אַ שלאַקס רעגן, — ווען כמאַרעס פֿאַרגייען איבערן הימל; די פּיס נעמען אים ציטערן, און ער כאַפּט זיך אָן אין איר, ציט איר צו זיך, און מירמעלט:

— קאַלט, יולקע; דערוואַרים מיך.

יולקע וואַרימט אים; אָטעמט אין אים אַרײַן איר אָטעם, — ער זאָל צוריק אָנהייבן לעבן מיט אים, נאָר ער פֿאַלט אַרויס פֿון איר בוזים ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים; און זי צעבעקעט זיך ווי אַ קי בײַם אָפּקעלבן זיך:

— נישט געקענט דיך מער דערוואַרימען, דאָס מזל, — איוואַן; נישט געקענט.

אינהאַלט:

עטליכע ווערטער .... 7—8
ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן .... 9—11

בריוועלעך:

דאָס ערשטע בריוועלע .... 15—22
דאָס צווייטע בריוועלע .... 23—33
דאָס דריטע בריוועלע .... 34—43
דאָס פערטע בריוועלע .... 44—55
דאָס פיפטע בריוועלע .... 56—71
דאָס זעקסטע בריוועלע .... 72—86
דאָס זיבעטע בריוועלע .... 87—102
דאָס אַכטע בריוועלע .... 103—122
דאָס נײַנטע בריוועלע .... 123—136
דאָס צענטע בריוועלע .... 137—151
דאָס עלפטע בריוועלע .... 152—164

די אַלטע קרעטשמע .... 167—199

נאָוועלן:

דער מאַן
און דאָס ווייב .... 203—225
אַ שווערע נאַכט .... 226—243
פון שרעק .... 244—258
זיין חטא .... 259—275
דער רייטער .... 276—287